STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06099

OYF A SHMOLER STEZSHKE

Bernard Baum

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בערל בוי
א.

פאר חשובן קינסטלער און טאַלאַנטפולן
[illegible] ש. [illegible]
י״א מתנה.
מאָנטרעאַל סעפּט. 43

בערל בוים

אויף אַ שמאָלער סטעזשקע

(דערציילונגען)

פאַרלאַג „בערל בוים״

ניו יאָרק, 1941

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון: אחד העם ברענטש 226 אידיש-נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד, ווילקעס-באַרע, פּא., און דעם ערשטן פּעלשטינער פּראָגרעסיוון אונטערשטיצונגס-פאַראיין, ניו יאָרק, נ. י.

OIF A SHMOLER STEZSHKE

("On a Narrow Path")

By BERNARD BAUM

(STORIES)

●

Copyright by
BERNARD BAUM
174 New Mallery Place
Wilkes-Barre, Pa.

Published by
VERLAG BERL BOIM
New York

Printed in U.S.A.

120

דעם ליכטיקן אָנדענק
פון מיין טאַטן

ר׳ מרדכי יוזפּס ז״ל

וואָס איז נפטר געוואָרן אויפן
וועג צו זיינע קינדער
אין אַמעריקע

אינהאַלט

מיין חרוב'ע הײם

	זייט
מיין רבי'נס אַ מעשה	9
דעם טאַטנס שטיוול	12
די אָרימע סוכה	21
װײַנשל	33
אײנער אַלײן	41
שלח-מנות	49
פיש אויף שבת	62
דעם זיידנס חנוכה-געלט	68
פאַר אַ געבעקל ברויט	72
די אורחים	84
שטעטלשע מחלוקות	88
אין דאָרף	103
די דריי הייזער	113

אין נײַע געצעלטן

זיך אַלײן פאַר'משפט	143
צווישן צוויי פייערן	164

	זייט
זיך פאַרפלאָנטערט	181
צעבראָכן דעם שפּיגל	195
אויף דער עלטער	204
זיי האָבן אים פאַרגעבן	214
איר ביטערער טעות	227

אַרום די קוילן־גריבער

אונטער די רעדער	237
דזשאַן קוסאַנא	255
אונטער פאַרשאָטענע בערג	266
מרס. דזשאַנסאָן	276

מײַן חרובֿע הײם

מיין רבי'נס אַ מעשה

געזאָגט האָט אונדז דער רבי, ר' זיסיע חנה חיה'ס, אַז די מעשה וואָס ער וויל אונדז דערציילען, האָט ער אַליין געהערט נאָך מעריב אין בית־המדרש פון אים גופא, פון דעם אַלטן ר' שעיה'ס מויל.

אַמאָל, אין אַ ווינטער־נאַכט, האָט אַ איד אַן אָרעמאַן פאַרבלאָנדזשעט אין אַ קרעטשמע פונקט פרייטיק־צונאַכטס צו קבלת שבת.

מיט גרויס פרייד האָט דער קרעטשמאַר מכבד געווען דעם אידן מיט די בעסטע שבת'דיקע מאכלים, און ער האָט אים ניט אַרויסגע־לאָזט פון שטוב, ביז ער האָט ניט מקיים געווען די מצוה פון שלוש סעודות.

דער גאַסט איז געווען זייער צופרידן פונם קרעטשמאַרס פריינט־שאַפט, און ווען ער האָט זיך מיט אים געזעגנט, האָט ער אים פיין באַדאַנקט פאַרן עונג שבת, וואָס ער האָט ביי אים געהאַט, און זיך געלאָזן אין וועג אַריין.

אויפן וועג איז מיטן אָרעמאַן אַן אומגליק געשען. ערגעץ לעבן אַ וואַלד זיינען אים וועלף באַפאַלן. זיי וואָלטן אים געווים אויף שטיקער צעריסן, נאָר מיט גאָטס הילף האָט ער אַרויפגעקלעטערט אויף אַ בוים. די וועלף האָבן אָבער ניט געוואָלט אָפּטרעטן, גע־הוזשעט, געהאַפּקעט, געשטשירעט מיט די ציין אַרויפקוקנדיק צו זייער קרבן. האָט אים גאָט אַריינגעגעבן אַן איינפאַל, ער זאָל אַרונטער־וואַרפן די וועלף אַ שטיוול. האָבן זיי דעם שטיוול איינס־צוויי צע־ריסן, און געוואַרט אויפן אַנדערן.

האָט ער זיי אַראָפּגעוואָרפן דעם צווייטן שטיוול. און אַז די בייזע חיות זיינען אַלץ ניט געווען צופרידן, האָט ער אויסגעטאָן די קאַפּאָטע, — וואָס טוט ניט אַ איד אין סכנה? — כמעט ביזן הוילן העמד זיך אויסגעטאָן, און עס אַלץ אַרונטערגעוואָרפן. פאַרבליבן איז ער אדם נאַקעט.

און אַז די וועלף האָבן זיך אָנגעגעסן מיט די מלבושים און זיינען אַוועק, איז דער נאַקעטער איד געבליבן אַליין אין וואַלד. און

פאַר גרויס פּחד איז ער, ניט פאַר קיין שום אידן געדאַכט, פּשוט פון זינען אַרונטער. האָט ער גראָז געגעסן, בלעטער געשלונגען, די האָר האָבן זיך ביי אים ווילד צעוואַקסן, ער איז ממש אַליין געוואָרן א חיה.

ער איז געשפּרונגען אויףביימער, געקלעטערט אויף בערג — א חיה בצורת אדם.

נאָר אפילו חיות האָבן אויך מזל. האָט גאָט געהאָלפן, אַז א יעגער האָט די דאָזיקע מאָדנע חיה געפאַנגען.

ווער אָט דער יעגער איז געווען, דאַרף איך אייך, קינדערלעך, ניט דערציילן. ער איז געווען געווען א שונא ישראל, א פּאָגראָמשטשיק, א היידעמאַק, א המן הרשע. אָבער די חיה בצורת אדם איז דאָך געווען אונטערטעניק איר בעל־הבית, זי האָט אים שטענדיק געדינט ווי א סטראַשידלע צו פאַנגען קרבנות מיט זייער האָב און גוטס.

איין מאָל, אין א שבת פאַרנאַכט, איז דער יעגער אריין טאַקע אין דער זעלבער קרעטשמע, וואו דער אָרעמאַן האָט אַמאָל שבת גע־געסן און מקיים געווען די מצוה פון שלוש סעודות. דער יעגער האָט א כאַפּ געטאָן דעם אַלטן קרעטשמאַר, אים געבונדן און געגעבן א באַפעל:

— דיין פאַרמעגן אַהער גיב! דו זאָג מיר נאָר, וואו עס ליגט, אַלא ניט, וועט דיך די בייזע חיה פאַרצוקן, דיך צערייסן אויף שטיקער.

דער אַלטעטשקער איד האָט זיך ביי דעם יעגער געבעטן:

— גוטער מענטש, פאַרוואָס קומט עס מיר? איך האָב שטענדיק נאָר גוטס געטאָן מענטשן, אין די גרעסטע נויטן האָב איך זיי געלע־נערם געגעבן, געשטילט זייער הונגער מיט די בעסטע מאכלים, אַלץ בחינם, אַז א פּרוטה געצאָלטס. פאַרוואָס ווילסטו מיך פאַרטיליקן? ערשט די וואָך האָב איך מיין ווייב, מיין איינציקן פריינט אין לעבן, צו דער קבורה געבראַכט. אַליין בין איך געבליבן, אַז א קינד, אַז א רינד. האָב אויף מיר רחמנות, לאָז מיך כאָטש מקיים זיין שלוש סעודות . . .

— רעד מער קיין וואָרט ניט, דו פאַלשער איד! דיין פאַרמעגן אַהער גיב! אַלא ניט וועט דיך „מעדוועדי" אויף שטיקער צערייסן . . . ווען איך זאָג: איינס, — זאָלסטו צוגרייטן דאָס געלט, אַניט — צוויי, — זאָלסטו זאָגן ווידוי; דריי, — וועסטו שוין זיין א פאַר־צוקטער . . .

דער געבונדענער איך זעט די בייזע חיה. עפּעס דוכט זיך אים אויס, אז ער האָט די חיה אַמאָל ערגעץ באַגעגנט. זאָל עס זיין אַ חלום? עס דאַכט אים, ווי אַ בת קול פון הימל איז אים מודיע, ער זאָל ניט פאַרלירן דעם בטחון.

דער יעגער שרייט אויס צום דריטן מאָל:

— „מעדוועדי", צעריים אים! . . .

נאָר פּלא פּלאים, די חיה רירט זיך פון אָרט ניט.

דער יעגער, אַן איבערראַשטער, אַ דערשראָקענער, גיט אויפּסניי אַ באַפעל:

— צעריים אים, זאָג איך דיר!

מיט גרויס רציחה האָט זיך די חיה פּלוצלונג אַ וואָרף געטאָן אויפן בייזן יעגער און אים שיר אויף שטיקער צעריסן.

און דער אַלטער קרעטשמאַר איז ניצול געוואָרן פון טויט.

— — — — — — — — —

איצט, קינדערלעך, ווילט איר ווּיסן ווער די בייזע חיה איז געווען, וואָס האָט דעם קרעטשמאַר מציל געווען פון טויט?

דאָס איז געווען די חיה בצורת אדם, דער זעלביקער אָרעמאַן, וואָס האָט אַמאָל ביים קרעטשמאַר שבת געגעסן. און פונקט אין יענער מינוט פון סכנה פאַר דעם קרעטשמאַר, האָט זיך צוריק אומגעקערט דער זכרון פונם אַמאָליקן וואַנדערער, וואָס איז שוין יאָרן און יאָרן אַ חיה געווען. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז טאַקע ביי אָט דעם טיש האָט ער מיט דעם זעלבן קרעטשמאַר שלוש סעודות געגעסן, און ער האָט אים געראַטעוועט פון טויט.

און טאַקע דעם שבת האָבן ביידע אידן געפּראַוועט שלוש סעודות און געגעבן אַ לויב צו זיין ליבן נאָמען, וואָס ביידע זיינען לעבן געבליבן, און דעם וואַנדערערס נשמה האָט געהאַט אַ תיקון.

און ווען זיי האָבן געבענטשט הבדלה, האָבן זיי בלב שלם געזונגען: שמחה וששון כן תהיו לנו . . . און זיך געוואָלטיק געפרייט, וואָס זיי זיינען פּטור געוואָרן פון אַ פּאַגראָמשטשיק, אַ צורר היהודים.

איר ווילט וויסן, קינדערלעך, וואָס עס איז מיטן אידן בצורת חיה געשען? דאָס וועל איך דערציילן אַן אַנדערש מאָל. דערווייל צינדט אָן די לאָמטערנעס און גייט אַהיים!

דער זייגער איז שוין ניין. גיט אַ קוש די מזוזה, און — אַ גוטע נאַכט!

דעם טאַטנס שטיוול

פּרייטיק צו נאַכטס:

אין דרויסן איז געווען אַ מוראַ'דיקער פראָסט; די גרויסע האָבן געציטערט פון קעלט, און די קינדער האָבן זיך באַהאַלטן הינטער די וואַרימע איבערבעטן. נאָך דאַנערשטיק ביינאַכט האָט מען שוין געקאַנט זען, ווי די אָרימע מאַמעס גרייטן זיך צו באַקעמפן דעם ביי־טערן פראָסט; שוין באַגינען האָט מען צוגעגרייט דעם אויוון אויף צו באַקן חלה, מען האָט געוואָרפן די שייטלעך האָלץ אין די אויוונס אַריין, זיי זאָלן זיך וואָס גיכער צעברענען. אויך די הרובעס האָט מען ניט פאַרגעסן אָנצופּילן מיט שפּענער און מאַכן פייער, — זאָל כאָטש שבת זיין וואַרים אין הויז.

דער פראָסט האָט מיט אַ ווינטיקן בייזן הוזשען זיך געשפּאַרט דורך די צוויי־ענדיקע שויבן, ווי ער וואָלט וועלן אומיסטן די אָרימע־לייט צעשטערן דעם עונג שבת. נאָר דאָס געזאַנג פון די זמירות האָט אים פאַרהאַלטן דעם וועג, צוריקגעטריבן צום דרויסן, ניט דער־לאָזט דער קעלט פאַרשטערן דעם שבת.

ביי די שבת'דיקע ליכט האָבן די מאַמעס זייערע קינדער שלאָפן געלייגט, זיי גוט איינגעטוליעט אינם אַלטן, אָפּגעקראַכענעם בעטגע־וואַנט. אָבער ניט יעדער קינד האָט געהאַט דאָס גליק צו האָבן אַ מאַמע.

מיט אַ שווערן געמיט האָט זיך דער עלף־יאָריקער שמחה'לע שלאָפן געלייגט. די ליכט האָבן נאָך געצאַנקט. מיט אַמאָל זיינען זיי אויסגעגאַנגען, האָבן אָנגעזאָגט די קינדערלעך, אַז ס'איז צייט אַנט־שלאָפן צו ווערן.

פאַרטאָג האָט זיך דערהערט אַ שטימע פון דרויסן:

— שטייט אויף, שטייט אויף לעבודת הבורא! . .

דער טרויעריק־האַרציקער רוף האָט אָפּגעקלונגען אין שמחה'לעס יונגער נשמה. ער ווייסט, אַז דאָס רופט איצי דער שמש צו דינען גאָט. אידן הייבן זיך שוין אויף פון די געלעגערס. באַלד, באַלד

וועט זיך דורכשפּאַרן די ליכט פון דרויסן דורך די אײז־פאַרקאַווע־טע פענצטער. קינדער אין זײנע יאָרן וועלן גײן אין די בתי־מדרשים דאַוונען. דאָרטן האָט דער שטענדיקער שבת־גוי שוין געוויס לאַנג אײנגעהײצט די הרובע . . . ס'איז וואַרים . . . אַ, ווי עס ווילט זיך אים איצט אויך זײן אין בית־המדרש צוגלײך מיט אַלע אײנגלעך, אָבער וואו נעמט מען אַ פּאָר שטיוועלעך אָנצוטאָן?

ער טראַכט: ווי אַזוי וועט ער טאַקע איבערקומען דעם קרירה'־דיקן שבת? שוין פון דאָנערשטיק אָן זיצט ער אין הויז, ער איז אַלײן אין דעם שולדיק. אים האָט זיך פאַרוואַלט אַוועקגעבן פאַר־ריכטן די שטיוול דעם אַלטן יאַסניצקין, אים האָט זיך ניט געגלויבט, אַז דער אַלטער וועט ניט פאַרריכטן די שטיוול אין צײט, אַז ער וועט אים זאָגן אַ ליגן:

— זונעלע, — האָט ער צו אים געזאָגט, — אויף שבת וועסטו האָבן די שטיוול פּונקט ווי נײע . . .

און הײנט איז שוין שבת, און מען זעט ניט און מען הערט ניט פון אים, פון יאַסניצקין.

מילא, די צווײ טעג, וואָס ער, שמחה'לע, איז געזעסן אין דער הײם, וואָלט אים שוין ניט געאַרט, אין דרויסן איז סײ־ווי קאַלט, אָבער הײנט, שבת, אין הויז . . . די הרובע איז ניט אײנגעהײצט, מחמת דאָס שײגעצל, וואָס הײצט אַלע שבת אײן, איז הײנט פאַרטאָג מן הסתם איבער דער גרויסער זאַווערוכע ניט געקומען, איז אין שטוב אַ ביטערע קעלט.

די צווײ שוועסטערלעך זײנע, ווײסט ער, וועלן זיך, מן הסתם, באַלד אויפכאַפּן, זיך אויף גיך אָנטאָן, און אַוועקגײן צו די שכנים, וואו ס'איז וואַרים. מען וועט זײ געוויס זיך הײסן זעצן בײ דער וואַרימער הרובע. פרעמדע מאַמעס וועלן זײ באַדויערן, וואָס די פאַר'יתומ'טע קינדער האָבן נעבעך ניט קײן מאַמע, זי זאָל פאַר זײ זיך זאָרגן. אָבער ער, וואָס איז שוין עלף יאָר אַלט, פאַר אים זאָרגט זיך קײנער ניט. ער וויל גאַרניט מען זאָל פאַר אים זיך זאָרגן, ער קען שוין זײן שטעטל אַלײן באַשטײן. ער האָט פײנט דעם רחמנות זײערן, ער האָט אים אַפילו פײנט געהאַט דעמאָלט, ווען די מאַמע איז אים געשטאָרבן און ער איז נאָך געווען מיט פיר יאָר אײנגער . . .

וואָלט ניט געווען שבת, הײצט ער אַלײן אײן די הרובע און מאַכט וואַרים אין שטוב. איז אָבער די צרה וואָס מען טאָר ניט. ער

וויל זיך גאָרניט דערלאָזן צו אַזאַ מחשבה, ווי מחלל שבת זיין. דער טאַטע דאַרף זיך עם חלילה דערוויסן, נו, נו, ס'וואָלט אים מער ניט געפעלט, זיין לעבן וואָלט ניט ווערט געווען אַ גראָשן.

דאָס אינגל פאַרטרייבט זיינע שווערע, זינדיקע מחשבות און פּרובט זיך איינדעקן בעסער, אפשר וועט ער זיך דערוואָרעמען, דער־הערט ער אָבער מיטאַמאָל דעם פאַטערס שטימע:

— שמחה! שמחה! דו שלאָפסט נאָך? שטיי שוין אויף, מיין קינד. ס'איז שוין ווייסער טאָג, ס'איז דאָך היינט שבת... אודאי איז ניט פריילעך; איז שטוב איז קאַלט, דאָס שייגעצל (איז דער ערד זאָל ער גיין!) איז ניט געקומען איינהייצן, אָבער וואָס קען מען טאָן? אויפשטיין מוז מען.

שמחה וויל זאָגן דעם פאַטער, אַז אַז די שטיוול קען ער סיי־ווי ניט גיין דאַווענען. ער ווייסט אָבער, אַז דער טאַטע האָט אים געוואָרנט, אַז ער זאָל פאַר שבת ניט געבן צו פאַרריכטן די שטיוול:

— וועסט בלייבן אַ באָרוועסער אין דער היים! — האָט דער פאַטער צו אים געזאָגט. ער האָט עס הפנים אַרויסגערעדט אין אַ בייזער שעה... מוז ער, שמחה, דערפאַר שווייגן.

ער נעמט זיך אָנטאָן און דערפילט דעם קאַלטן דיל דורך די לעכער פון זיין פאַטערס אַלטע פאַנטאָפל. און ווען ער וויל זיך וואַשן, געפינט ער אויס, אַז דאָס וואַסער איז פאַרפרוירן. ער נעמט אַרויס אַ שטיקל אייז פונם עמער און באַנעצט מיט דעם זיינע פאַר־קלעפטע אויגן.

דער פאַטער וואָרנט אים פאַרן אַוועקגיין:

— זאָלסט ניט אויפוועקן די שוועסטערלעך! מיידלעך מעגן שלאָפן לענגער... און דו נעם זיך צום דאַווענען.

דער פאַטער גיט אַ קוש די מזוזה און לאָזט זיך גיין אין בית־המדרש.

שמחה'ן ווערט איצט אמת ביטער אויפן האַרצן. ער שטעלט זיך פאָר ווי דער טאַטע קומט אַריין אין בית־המדרש און די וואַרימ־קייט האָט אויף אים אַ שלאָג געטאָן. און צו מוסף וועט ער שטיין ביים ספר תורה און לייענען. זיין קול וועט זיך הערן הויך ווי שטענ־דיק, מען וועט אַנקוועלן פון פאַטערס לייענען, און קיינעם וועט גאָר־ניט איינפאַלן, אַז ער, שמחה, שטייט דאַ איינער אַליין אין דער קאַלטער פּוסטינע ביים מזרח־פענצטערל, דאַווענט און קען אַפילו

קיינעם ניט זען דורכן פענצטער, ווייל דער פאַרפרוירענער שניי האָט דאָס פענצטער פאַרוויסט.

ער טראַכט וועגן זיינע חברים. זיי טראַכטן אפשר יאָ וועגן אים. עס קער זיי אודאי וואונדערן, וואָס ער איז ניטאָ אין בית־המדרש. און אפשר האָבן זיי שוין אויך פאַרגעסן אַז אים? שוין צוויי טעג אַז ער איז ניט געווען אין חדר איבער די שטיוול, און קיין איינער פון זיי איז ניט געקומען אויסגעפינען פאַרוואָס. אפשר וועלן זיי איצט קומען אים זען און אים דערציילן וועגן זייערע פּלענער פאַר היינט, שבת. זיי וועלן געווים זיין אויפן גליטש. . . און ער? . . .

ער וויל פאַרטרייבן זיינע אומעטיקע מחשבות און הייבט אַן דאַווענען מיט כונה. די שוועסטערלעך כאַפּן זיך אויף און שטעקן אַ וויִיל אַרויס די הענטלעך פון הינטערן איבערבעט, כאַפּן זיי אָבער גלייך אַריין צוריק, און גראָבן זיך איין אונטער דעם איבערבעט. שמחה וועקט זיי און שרייט צו זיי:

— גענוג געשלאָפן, ס'איז שוין נײַן אַ זייגער, ס'איז שבת, און מען דאַרף פאַרבעטן די געלעגערס. דער טאַטע וועט באַלד קומען פון בית־המדרש!

עס העלפט ניט זייער טענה, אַז זיי מעגן שלאָפן לענגער. דאָס עלטערע פוןביידע קליינע שוועסטערלעך דערפילט די פאַראַנטוואָרט־לעכקייט — זי איז דאָך כמעט די הויז־באַלעבאָסטע. זי העלפט דער יונגערער שוועסטערל זיך אָנטאָן און זי טוט זיך אַליין אָן. קיין אייז אויף זיך צום וואַשן ווייל זי ניט, לויפט זי אַרויס צו דער פאָדערש־טער טיר, ברענגט אַריין אַביסל שניי און רייבנדיק זיך דאָס פּנים איז זי מכבד דאָס שוועסטערל מיט אַ פּאַרציע. עס ווערט דערווייל אַ פרייליכער טומל אין הויז, עס נעמט אָבער ניט לאַנג און ביידע שוועסטערלעך ווערן צוריק ערנסט און נעמען זיך מאַכן אָרדענונג אין הויז.

אָט דוכט זיך שמחה'ן, אַז ער הערט שוין אידן גיין פון שול. ער קען זיי דורך די פענצטער ניט זען, אָבער ער הערט דאָס סקריפּען פון די טריט אויפן פאַרפרוירענעם שניי. ער וואָלט געעפנט די דרויסנדיקע טיר און אַ קוק געטאָן, שעמט ער זיך, טאָמער וועט אים אימיצער דערזען אַ באָרוועסן. ער גייט צו צום פענצטער, קראַצט אָפּ מיט די נעגל פון פענצטער אַביסל פראָסטיקן שניי, און דערזעט מיט־אַמאָל אַ ליכטיקע שיין. אַרויסקוקנדיק מיט איין אויג, זעט ער ווי

אידן גייען איינגעהילט אין די שבת'דיקע סמווישענע מלבושים, יונגע חתן־בחורים גייען אין באַטינקעס, זיי לויפן ממש.

שמחה דערהערט פּלוצלונג דעם פּאַטערס קול. איצט קושט ער די מזוזה און גיט ערנסט אַ זאָג: — גוט שבת!

דאָס איז, אייגנטלעך, דאָס איינציקע ווייכע וואָרט, וואָס ער, שמחה, הערט דורך דער וואָך פון זיין פאַטער.

די קינדער גרייטן צום טיש. די שבת'דיקע סעודה הייבט זיך אָן.

דאָס עלטערע שוועסטערל לויפט אַרויס צו דער שכנה צו ברענגען דעם טשאָלנט. און נאָך דעם טאַטנס המוציא זיצן שוין אַלע ביים טיש און קוויקן זיך מיט די הייסע, שבת'דיקע מאכלים. מען זינגט זמירות, און ס'פילט זיך דער עונג שבת.

בלויז ביי שמחה'ן גייען היינט ניט די זמירות, עפּעס פּלאָנטערט זיך ביי אים הינטער דער צונג. ער זינגט פויל און אומעטיק.

דער פאַטער באַמערקט עס:

— ס'איז דיר קאַלט, מיין קינד? — פרעגט ער אים אין אַ מיטפילנדיקן טאָן. — אַט וועסטו נאָכן עסן מעביר זיין די סדרה, און נאָכדעם אַרונטערקריכן אונטערן איבערבעט, וועט דיר ווערן וואַרים.

אָבער שמחה'ן גייט עס ניט אין קאָפּ אַריין. ער טראַכט וועגן דעם, אַז אַט באַלד וועלן אפשר אָנקומען זיינע חברים, און פון הינטער די פענצטער וועלן זיי אַ געשריי טאָן:

— שמחה, ביסט נאָך ניט פאַרטיק? מיר גייען אַוועק אָן דיר!

און אַט שטעלט ער זיך פאָר, ווי זיי זיינען אויפן גליטש, ווי זיי יאָגן זיך אַרום מיט די היימיש־געמאַכטע גליטשערס. זיי פאַרנעמען געוויס דעם הויפּט־גליטש. נאָר אויף אים, שמחה'ן, איז אויסגעגאַנגען אַ צאָרן צו זיין היינט פאַרשפּאַרט אין דער היים, ווי אין אַ תפיסה.

דער פאַטער דערמאָנט אים:

— וואָס זיצסטו אַזוי פאַרטראַכט, מיין גרויסער זון? דערלאַנג וואַסער און מירן בענטשן.

אויף גיך לויפט שמחה דערלאַנגען דעם טאַטן מים אחרונים. אים האָט זיך פּלוצלונג פאַרוואָלט, אַז דער פאַטער זאָל וואָס גיכער אָפּבענטשן. אָבער, ווי אויף צו להכעיס, בענטשט דער פאַטער לאַנג־זאַם און געמיטלעך . . . חזר'ט איבער עטלעכע מאָל די פּסוקים. איבערהויפּט שטעלט ער זיך אָפּ ביים לעצטן פּסוק: ולא ראיתי צדיק

נעזוב וזרעו מבקש לחם . . . אים קוועטשט, אַ פּנים, דער אמת'ער זין פון אַט דעם פּסוק. ענדלעך הייבט זיך דער טאַטע אויף און גיט אַ זיפץ :

— נו, געלויבט איז גאָט, אַ פיינער שבת, קינדערלעך !

ער הייסט די שוועסטערלעך אַראָפּנעמען פון טיש, דערנאָך ווען זיי זיך קענען גיין צו זייערע חבר'טעס.

— און דו, מיין זון, — ווענדעט ער זיך צו שמחה'ן, — וועסט זיין מיטן טאַטן אין שטוב. איך וועל זיך צולייגן און דו וועסט אויך מעגן גיין אויף דיין געלעגער און מעביר זיין די סדרה הויך, דער טאַטע זאָל הערן און האָבן נחת פון זיין ממלא מקומו. ביסט דאָך עפּעס אַ שטיקל מנגן אויך.

דעם טאַטנס לויב־ווערטער גיבן דעם בחור'ל צו קוראַזש. אונטער דער קאָלדרע איז ער מעביר די סדרה מיטן אמת'ן ניגון. דער פּאָטער, ווי זיין שטייגער איז, פאַרריכט אים די פעלערן. ער הייסט אים איבער־גיין די ערשטע פּרשה אויף אויסנווייניק. דער פּאָטער שלאָפט איין.

שמחה קריכט אַראָפּ פון בעט, גייט שטילערהייט צו צום פענצ־טער און קראַצט אָפּ מיט די נעגל דאָס אייז פון אַ גרעסערן שטיקל שויב, קוקט אַרויס און דערזעט ווי זיין חבר יאָסל איז טאַקע די מינוט צוגעקומען צום פענצטער. מיטן וואונק ווייסט ער שוין וואָס יאָסל וויל . . . שמחה ווייזט יאָסלען דורכן פענצטער זיין באָרוועסן פוס, און יענער פאַרשטייט שוין וואָס עס מיינט, גיט אַ מאַך צו שמחה'ן מיט דער האַנט און לאָזט זיך אַוועק צום טייך אויפן גליטש.

שמחה איז ווידער אַליין. פון שלאָפן איצט, בייטאָג, איז שוין אָפּגערעדט. ווי קען ער איצט שלאָפן, ווען זיי דאַרטן, אַלע חברים זיינע, לאָזן זיך צום גליטש ? . . .

שטיל, אויף די שפּיץ־פינגער, גייט ער אַ קוק טאָן, צי דער פּאָטער שלאָפט שוין. פאַר זיינע אויגן גיבן מיטאַמאָל אַ בליץ דעם טאַטנס שטיוול, וועלכע שטייען לעבן בעט. עס פאַלט אים איין :

— אפשר איז דאָס אַ פּלאַן ? . . . אָבער ווי אַזוי ? . . .

דער פּאָטער, ווייסט ער, האָט אַ לייכטן שלאָף, ער קען זיך נאָך אויפכאַפּן, מען מוז זיין זייער פאָרזיכטיק. ער שטרעקט אויס די האַנט צו די שטיוול. נאָר מיטאַמאָל רעדט דער פּאָטער פאַרשלאָפן אַרויס :

— שמחה ! שמחה ! דערלאַנג דעם טאַטן אַ טרונק !

אַ צעשראָקענער, שטיל ווי אַ קאַטינקע, ציט ער זיך צוריק צו דערלאַנגען דעם טאַטן אַ טרונק. אָבער ווען ער קומט צוריק מיטן טרונק, דערהערט ער שוין דעם פּאַטערס כראָפּען.

שמחה הייבט זיך ווידער אָן שטיל, מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם, צוצושאַרן צו די שטיוול. — זאָל זיין וואָס עס וויל, — טראַכט ער, — ער מוז האָבן די שטיוול. און אויב דער טאַטע וועט זיך אויפכאַפּן, וועט ער אים זאָגן, אַז ער מוז אַרויסגיין אויף מענטש־לעכע באַדערפעניש . . .

אַז אויסגעשטרעקטער אויף דער ערד, ווי אַ שלאַנג, האָט ער זיך געצויגן אַלץ נענטער און נענטער. דעם פּאַטערס כראָפּען האָט אים צוגעגעבן מוט.

און אָט האָט ער שוין די שטיוול אין זיין האַנט. ער ציט זיך פּאַמעלעך, פּאַמעלעך צוריק. דער פּאַטער שלאָפט געשמאַק, הפּנים אים, שמחה'ן, איז באַשערט דער טאַטע זאָל היינט שלאָפן געשמאַק, כדי ער זאָל קענען גיין צו זיינע חברים אויפן גליטש.

די שטיוול זיינען צו גרויס, שטאָפּט ער זיי אָן מיט האַניטשעס. שלעפּט זיי גיך אַרויף אויף די פיס, שאַרט זיך פּאַמעלעך צו צום טיר און כאַפּט זיך שטיל אַרויס.

שמחה האָט געשפּאַנט צום טייך, עט־עט ווייט אַרונטער ביי דער שטאָט־באָד. ס'האָט אים אפילו ניט געאַרט די קעלט, וואָס האָט אים געשלאָגן אין פּנים. אָבער די חרפּה פון טראָגן דעם טאַטנס שטיוול איז פון אים ניט אָפּגעטראָטן. דערצו האָט ער געפילט, ווי זיינע פיס וואָלטן געווען איינגעצוימט ווי אין קייטן, און ער האָט זיך צוליב דער גרויס פון די שטיוול געמוזט היטן מיט יעדן טראָט, ער זאָל זיך ניט פּאַרטשעפּען און אומפאַלן.

חברה האָבן אים פון ווייטן דערזען, גענומען צו אים לויפן אַנטקעגן. אָבער דערזעענדיק, אַז ער איז עפּעס ניט איבעריק פריילעך, האָבן זיי אים איבערגעלאָזט און זיך ווייטער געגליטשט אויף די אייזערנע פּאַדקאָוועס, מאַכנדיק דערביי אַלערליי שטיק.

זיין בעסטער חבר, יאָסל, האָט אים דערזען און פון ווייטן אויסגעשריען:

— איינס! צוויי! דריי! . . . — און זיך ווייטער געגליטשט.

שמחה דערהערט פּלוצלונג ווי מען שרייט צו אים:

— וואָס שטייסטו ווי אַ „מאַפּס", שמחה? גיב זיך אַ ריר!

ער וויל זיך אומקוקן ווער עס איז אים מכבד מיטן נאָמען מאַפּס, אָבער אַ שרעקנגע גליטשערס האָט זיך פּלוצלונג אויף אים אַ לאָז געטאָן און אים אומגעוואָרפן. אויסגעצויגן ווי אַ קלאָץ, איז שמחה געבליבן ליגן אויפן טייך. די גליטשערס האָבן זיך אַזש גע־קייכט פון געלעכטער.

שמחה׳, אָנגעטאָן אין די גרויסע שטיוול, האָט זיך קוים אויפ־געהויבן. די אויגן האָבן אים געברענט פון חרפּה און באַליידיקונג.

— ווער האָט עס געטאָן? — האָט שמחה ווילד פון רציחה זיך צעשריגן אַזוי, אַז זיין שטימע האָט אָפּגעקלונגען איבערן גאַנצן טייך. — ווער האָט עס געטאָן? אַ טויטן לייג איך אים אוועק!

קיינער האָט ניט געענטפערט.

שמחה׳ס בייזע בליקן זיינען געפאַלן אויף לייזערל תקיף. ער איז צו אים צוגעפאַלן מיטן גאַנצן כוח.

— לאָז מיך אָפּ! ניט איך האָב עס געטאָן! — האָט לייזערל תקיף ביי אים זיך געבעטן.

אָבער שמחה האָט אים ניט געהערט. ער האָט אים אַ שטאַרקן שטויס געטאָן. יענער איז אומגעפאַלן אויפן אייז און שמחה אויף אים.

— אוי, ער וועט אים דער׳הרג׳ענען! מען דאַרף זיי פאַנאַנ־דערנעמען! — האָבן זיך דערהערט קולות פון שמחה׳ס חברים.

— שמחה, לאָז אָפּ, דער׳הרג׳ע אים ניט! — האָט זיך ביי אים געבעטן זיין בעסטער חבר יאָסל.

קוים, קוים, וואָס מען האָט לייזערן אַרויסגעשלעפּט פון הינטער שמחה׳ס הענט.

באַלד זיינען געוואָרן צוויי צדדים: שמחה׳ס צד האָט זיך גע־גרויסט, וואָס זייער חבר איז ביינעקומען לייזערל תקיף. דער צווייטער צד האָט גע׳טענה׳ט, אַז שמחה האָט אויך געהאַט זיין ערלעך אויס־קומעניש: דער גאַנצער פּנים איז ביי אים געווען צעדראַפּעט.

שמחה האָט זיך געטאַפּט ביים פּנים אויסצוגעפינען צי זיין פּנים איז טאַקע צעדראַפּעט, צי ס׳איז אמת. ס׳מוט אים טאַקע ווי אויך. אַבי ער האָט געמיינט, אַז דאָס אייז האָט עס אים אַזוי געמאַכט.

— און וואָס וועט ער איצט טאָן? וואָס פאַר אַ תירוץ וועט ער איצט געבן דעם טאַטן? — איז ער געוואָרן אומרואיק.

ער באַשליסט גלייך צו גיין אַהיים. ער וועט דעם טאַטן דער־ציילן דעם גאַנצן אמת, און זאָל ער מיט אים טאָן וואָס ער וויל.

זיין חבר יאָסל טרייסט אים:

— ניט געזאָרגט, דאַרפסט זיך ניט שרעקן. איך וועל מיט דיר גיין אַהיים און זאָגן דיין טאַטן, אַז דו ביסט ניט שולדיק.

שמחה וויל אָבער פון דעם ניט הערן:

— איך וויל ניט זאָלסט גיין מיט מיר. איך וועל אַליין גיין. מיך פאַרדריסט נאָר, וואָס ער האָט מיך צעגראַבלט, ווייטער גאָרניט.

שמחה שלעפּט קוים זיינע פיס אויפן וועג אַהיים. דער וועג גייט באַרג אַרויף, און שמחה זינקט אַלעמאָל אַריין מיט זיין טאַטנס גרויסע שטיוול אין טיפן שניי. טרערן גיסן זיך אים פון די אויגן. ווען ער האָט געעפנט די טיר פון זיין הויז איז ער געווען גרייט פאַר אַלץ.

ווי דערשטוינט איז ער געוואָרן, ווען ער האָט געטראָפן דעם טאַטן נאָך שלאָפן. ס'איז נאָך הפנים פאַר מנחה. אָבער אים, שמחה'ן, איז אַלץ איינס. זאָל דער טאַטע אויפשטיין. ער וועט אים אַפילו אַליין אויפוועקן, אים דערציילן אַלץ.

אָט אין דער מינוט האָט זיך דער פאָטער אויפגעכאַפּט און דער־זען זיין בחור'ל שטיין ביים טיר אַ וויינענדיקן, אַ צעביילטן. דער פאָטער איז אַ צעשראָקענער אַרונטער פון בעט:

— וואָס איז מיט דיר, מיין קינד? ווי איז צו מיר, וואָס איז געשען? אַוואו ביסטו געוועזן? זע נאָר, וואָס מען האָט פון דיר געמאַכט!

— איך בין ניט שולדיק, טאַטע, איך בין ניט שולדיק. ער האָט מיך פריער זאַטשעפּעט, האָב איך אים צוריקגעגעבן, — האָט זיך דאָס אינגל פאַרענטפערט.

אויף מאָרגן אין דער פרי איז דער פאָטער געזעסן לעבן קינדס קראַנקען־בעט מיט דעם רופא ביי דער זייט, און אַ באַ'צער'טער גע'טענה'ט צום אינגל:

— קינד מיינס, שטאַרק זיך, לאָז זיך ניט אָפּ, העק ניט אָפּ דעם טאַטן דאָס לעבן! . . . איין שבת אין שטוב האָסטו זיך ניט געקענט איינהאַלטן, איין שבת . . . ווי צו מיינע יאָרן! . . .

דאָס אינגל האָט אויף אים געקוקט מיט שטומע, קרענקלעכע אויגן.

די אָרימע סוכה

די יוגנט איז שוין אַוועק. באַלד אַ האַלב לעבן אָפּגעלעבט דאָ, אינם גאָלדענעם לאַנד אַמעריקע. אינם רעש און טומל פון די שניידער־פאַבריקן שווינדט די יוגנט. שעה נאָך שעה, טאָג נאָך טאָג אין פּיין און יסורים. דער קאַמף פאַרן טאָג־טעגלעכן לעבן האַלט געפאַנגען ווי אין אַ קלעם . . .

און אָט דערמאָנסטו זיך, אַז דו ביסט אַמאָל געווען יונג; געהאַט אַ היים, טאַטע־מאַמע, פריינט, משפּחה. האָסט זיך געהאַלטן אין אויסבילדן, אין אויספורעמען. די היימישע סביבה, — דאָס בית־המדרש, די ימים־טובים.

היינט די חדר־יאָרן. וויפיל טעג און נעכט זיינען מיר קינדער געזעסן אין די פינצטערע חדרים ביי די מלמדים, אין קעלט, אין אָרימקייט און אין דחקות!

און דאָך — איז דאָן געווען אַזוי גוט. מען איז געווען איינגעלעד. ערשט אָנגעהויבן זיך פילן מיט מענטשן גלייך. די באַגריפן פון לעבן האָבן זיך מיט יעדן טאָג אַלץ מער אויסגעברייטערט אין אונדזערע יונגע מוחות. ווער האָט זיך דעמאָלט געריכט, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען מיר וועלן פאַרוואַרפן ווערן מעבר לים, פון בית־המדרש אין די שניידער־פאַבריקן, אָפּגעריסן ווערן פון שבת און יום־טוב, אָפּגעטיילט ווערן פון דער אידישער טראַדיציע? . . .

אין די אַמאָליקע היים חרוב געוואָרן, די היימישע מענטשן, וואָס זיינען אַמאָל געווען אונדזערע וועגווייזער, אונדזער קינדערשער שטאָלץ — צעטרעטן. מיר זעען זיי איצט בלויז ווי געשטאַלטן פון אַמאָל, ווי אַ דעראינערונג פון דעם וואָס איז געווען . . .

וויפיל טרערן האָבן אונדזערע טאַטע־מאַמע אַמאָל פאַרגאָסן אין די היימישע בתי־מדרשים? דערפאַר ווען עס קומען די פאַרכטיקע טעג דאָ אין אַמעריקע, ווען מען רייסט זיך אַרויס כאָטש איין מאָל אַ יאָר יום־כפור, צו פאַרברענגען דעם טאָג אין שול, דאַן שוועבן פאַרביי די קינדער־יאָרן אין דער אַלטער היים, ווען מען האָט זיך אָט אין דעם הייליקן טאָג געפונען מיט אידן אָנגעטאָנענע אין ווייסע

קיטלען, מיט די טליתים איבער די קעפּ. אויף אונדז קינדער פלעגט דעמאָלט אָנפאַלן אַ פּחד, מיר פלעגן ממש איינגעוויקלט ווערן אין רוחניות . . .

— — — — — — — — —

ביים טאַטן בין איך דער יונגסטער חדר־אינגל. צוזאַמען זיינען מיר פינף קינדער — דריי חדר־אינגלעך, וואָס לערנען שוין גמרא, און צוויי שוועסטערלעך, וואָס גייען שוין אַ צייט צו שלמה מלמד און קענען נאָך ניט קיין עברי.

די שטוב ווערט געפירט פון טאַטן, ווייל קיין מאַמע איז מער ניטאָ. מיר בלאָנקען אַרום אין אונדזער שטוב אַליין. מיר „באַלעבאַטעווען", מיר קאָכן, מיר וואַשן. אָפט ווערן די עסנס פאַרברענט, דער־גיסט מען מיט וואַסער און מען עסט. אַ ברירה האָט מען ?

אין אָרימקייט בליען מיר ווי די רויזן. מענטשן גאַפן :

— גאָטס וואונדער ! ניטאָ קיין מאַמע, ניטאָ קיין בעל־הבית'טע, וואָס זאָל אָפּקאָכן אַ לעפל געקעכטס — און, קיין עין הרע ניט, קינדער ווי די ליכט.

אָבער אין די ימים־טובים איז דער טאַטע דער בעל־הבית ביים צוגרייטן די מאכלים. ער קאָמאַנדעוועט מיט דער יונגער שוועסטערל,— זי מוז דאָך פאַרנעמען דער מאַמעס אָרט אין דער פינצטערער קיך, זי איז דאָך שוין, קיין עין הרע, באַלד צוועלף יאָר אַלט.

און אָט האָבן זיך דערנענטערט די ימים נוראים. דער טאַטע וועקט אונדז בייננאַכט צו גיין זאָגן סליחות . . . מיר זאָגן די סליחות מיט גרויס כונה . . . וועלכעס קינד וויים עס ניט, אַז באַלד קומט אָן דער יום הדין ?

די שטוב אונדזערע ווערט אָנגעפילט מיט עופות, וואָס דער טאַטע האַנדלט איין פאַר זיינע קינדער אויף כפרות. עס לויפן אַרום איבערן שטוב ווייסינקע יונגע הענער מיט רויטע פייערדיקע קאַרעלן און קלייבן די ברעקלעך פון אונטערן טיש, כאַפּן אויך צו די ברעקלעך פון די אַלטע צוויי הינער, וועלכע שפּייזן אונדז אַמאָל מיט ליגן עט־לעכע אייער, וואָס זיינען ביי אונדז זייער אָנגעלייגט.

אויך די צוויי אייער־לייגנדיקע הינער וועלן זיין די כפרות פאַר אונדזערע צוויי שוועסטערלעך. און דערפאַר קומט שלמה דער מלמד זיי לערנען דעם „בני אדם". מיר קענען זיך קוים דערוואַרטן אויף

יענער נאַכט פון כּפּרות־שלאָגן, אַלע ווילן האָבן דעם כּבוד צו לויפן שעכטן די כּפּרות.

ביים שוחט איז אַ רעש, אַ געפּילדער. ער שטייט אין דעם פּאָר־בלוטיקן כאַלאַט אין פירהויז און וואַרפט די געשאָכטענע כּפּרות אַזוי פלינק, אַז ס'איז זיי שווער צו כאַפּן. איין כּפּרה מישט זיך אויס מיט דער אַנדערער. איינס פאַלט אויפן צווייטן, אַזוי אַז עס איז שווער צו דערקענען וועמענס איז וועמענס:

— ס'איז מיין כּפּרה! — שרייט איינער.

— ס'איז מיין כּפּרה! — שרייט אַ צווייטער, אַ דריטער.

מיר קומען קוים לעבעדיקע אַהיים, קוים אָפּגעראַטעוועט אונדזערע זינדיקע כּפּרות. עס ווילט זיך מער ניט שלאָפן, מען איז צערודערט פונם שחיטה־געיעג, פון די קולות פון דער אומשולדיקער עופות־וועלט.

דער טאַטע רופט אונדז אין מרחץ, ס'איז דאָך ערבֿ־פּאַר יום־כּפּור. מיר זיינען ריינע, אויסגעוואַשענע, אָנגעטאָן אין די אַלטע מלבושים, אָבער די שטיוול זיינען אויסגעשמירט מיט טראָן, זיי זאָלן גלאַנצן. די היטלען אויסגעבערשט.

מיר גייען אין שול אָנגעגעסענע. יעדער האָט זיך זיין אייגענע אָפּגעקאָכטע כּפּרה, וואָס דער טאַטע האָט אַליין כּשר געמאַכט און מיט דער שוועסטערלס הילף יום־טוב געמאַכט. מיר עסן זיך גוט אָן, כּדי צו זיין גרייט צו פאַסטן. נאָר דער טאַטע הייסט ניט:

— איר וועט נאָך צייט האָבן צו פאַסטן. איר זייט נאָך יונגע קינדער...

דער בית־המדרש שפּרייט ליכט דורך די גרויסע בליץ־לאָמפּן אַרום די פינצטערע געסלעך. דאָס ליכט ציט אונדז אַריין אינווייניק אין בית־המדרש.

מיר, די דריי ברידערלעך, זיצן לעבן טאַטן אויף דעם זיידן ר' יוזפ'ס שטאָט, וואָס איז אין מיטן בית־המדרש. מ'שמועסט, אַז ס'איז ממש צוויי שטעט, מחמת דער זיידע פלעגט אויסגיין שמונה עשרי אין דער לענג. זיינען מיר, די אייניקלעך, דערפאַר געבענטשט מיט אַ גרויסער שטאָט ביים הויכן פענצטער.

מען דאַוונט מיט כּוונה. און אָט גיט דער שמש אַ קלאַפּ אין טיש — אַז מען זאָל זיין גרייט צו כּל נדרי.

עס ווערט אַ שטילער גערודער. דער עולם ווערט מיטאַמאָל איינ־געהילט מיט די טליתים איבערן קאָפּ. אַלץ איז גרייט פאַרן יום הדין;

די מלקות האָט מען שוין געקראָגן, די פּאָר גרייצער אין די אָרימע־לייטס טעלער שוין אַריינגעוואָרפן, איצט ווענדט מען זיך צום בעל רחמים, אויסצובעטן ביי אים אַ גוט יאָר.

עס ווערט מיטאַמאָל שטיל. עס הערט זיך בלויז דאָס פלאַקערן פון די געלע הויכע וואַקסענע ליכט.

צווישן געדיכטן עולם שפּרייזט דורך אונדזער גרייז־גרויער רב, ר׳ ישראל קיטאַווער. ער שטייגט אַרויף צום „בעלעמער" און פון אונטער זיין גרויסן טלית הערט זיך זיין מורא׳דיק קול:

— על דעת הדין!!!

אַ וויילע ווערט ווידער שטיל. און מיטאַמאָל דערהערט זיך מאָניש ברענמאַנס האַרציק־ציטערדיקער:

— כל נדרי!!!

דער עולם אַ שטייענדיקער צעשאָקלט זיך מיט כּונה. מיר, קינדער, קוקן אויף אונדזערע טאַטעס. מיר באַמערקן אין זייערע אויגן טרערן און מיר טוען זיי נאָך. און אויף צומאָרגנס יום־כּפור דאַוונט מען אַזוי דעם גאַנצן טאָג מיט געוויין און מיט געבעט צום פאָטער אין הימל, ער זאָל פאַרגעבן די זינד. אָבער דעמאָלט זיינען מיר, קינדער, שוין מער אויף דרויסן ווי אין בית־המדרש.

— — — — — — — — — —

ווען דער יום־כּפור איז אַוועק, האָט זיך דער טרויער באַהאַלטן. פריילעכערע טעג האָבן אָנגעהויבן קומען — סוכּות, וואָס בינדט זיך צוזאַמען מיט שמחת תורה, הושענא רבה, שמיני עצרת. אַ קייט פון פרייד פאַר אונדז קינדער.

ערב סוכּות, דער טאַטע הייסט אונדז אַרויפקלעטערן אויפן בוי־דעם אַראָפּצוברענגען די פיר געפלאָכטענע ווענטלעך, וואָס דינען שוין אַ שיינע פּאָר יאָר ווי אַ סוכּה, נאָך אַ ירושה פון זיידן ליבעלע, וואָס ער האָט געלאָזט אויספלעכטן פון דינענקע ווערבעלעך פון גרויסן וואַלד, בעת ער איז נאָך אַ נאָמען געווען.

מיר טראָגן די פאַרזשאַווערטע קלאַפּערגעצייג: ווער אַ האַק, אַ ריסקל, אַ דלאָטע. איינער גראָבט אַ לאָך, אַ צווייטער קלאַפּט די פּלעקער, אַ דריטער די טירן.

דער טאַטע שטייט און קאָמאַנדעוועט:

— מען דאַרף גראָבן טיפער. נעם דו דעם ריסקל, און זאָל ער זיך אָפּרוען. גיב מיר דעם האַמער און דו בינד די שטריק.

און מיר קינדער הערן זיך צו צום טאַטנס באַפעלן און די סוכה וואַקסט אויס אין איר גאַנצער הויך און ליכטיקייט. מיר זיינען שטאָלץ מיט אונדזער סוכה, ווייל ווער נאָך קען האָבן אַזאַ סוכה, וואָס שטייט צו מזרח־וואַנט פון אונדזער גרויסן פענצטער און דער פינפער־לאַמפּ ברענט און שיינט אַרויס דורך די ערשט ניט לאַנג אָפּגעווישטע פענצ־טער? היינט דער סכך, ערשט פרישע „אַטשערעד", וואָס מען האָט דעם טאַטן געבראַכט פון דער אַזערע אַרום יענער זייט טייך.

ס'איז דער ערשטער טאָג סוכות. דאָס עלטערע שוועסטערל מיטן טאַטנס הילף גרייט צו דאָס עסן, כאַטש מיט די פיש פּאַרעט זיך דער טאַטע אַליין, דאָס עוף מאַכט ער אַליין כשר. די חלות האָט מען גע־בראַכט פון ציפּע טויבע מאַלעם דער בעקעריין. מיר, אַלע ברידערלעך, לויפן מיטן טאַטן אין מרחץ. צוליבן יום־טוב הייצט מען די באָד שוין דאָס צווייטע מאָל די וואָך.

אין בית־המדרש איז די שטימונג פונם עולם אַ פריילעכע. די לאַמפּן ברענען אַזוי ליכטיק. פאַרן עמוד שטייט אברהם יהודה, דער יערלעכער בעל מוסף, איבערגעדעקט מיט זיין טונקעלן טלית. זיין קול איז הויך, דורכדרינגנדיק, כאַטש ער איז שוין אַ איד אַ זיבעציקער, שוין כמעט אַ ציין, שוין אַ יאָר דרייסיק, אַז ער איז אַלץ דער שליח ציבור אין פעלשטינער שול, און מען שמועסט אַז צו ר' אברהם יהודה'ס קול איז גאָר קיין גלייכן ניטאָ.

פון יעדן ווינקעלע אין שול הערט זיך נגינה. דער יום־טוב'דיקער נוסח, וואָס קלינגט אַזוי האַרציק, גיסט זיך אַריין אין יעדנס נשמה און קוואַלט גלייך מיטן אָטעם צוריק אַרויס, ווי אַ הילף צום אַלטן בעל תפילה צו פאַרלייכטערן אים זיין יום־טוב'דיקן דאַווענען.

אויך איך, דאָס צעניאַריק אינגל, בין געבענטשט מיט אַ קול נגינה, וואָס לאָזט זיך הערן, ווי די ווערטער מיטן געזאַנג וואָלטן זיך פון זיך אַליין אַרויסגעריסן. דער נחת פון מיין טאַטן, וואָס טראַכט, אַז זיין קינד וועט אפשר אויך אַמאָל זיין דער שליח צבור און וועט נאָך דערצו פאַרשטיין וואָס דאָס דאַווענען באַדייט — איז ניט אָפּצושאַצן.

דער עולם גרייט זיך צו פאַרלאָזן דעם בית־המדרש, אַהיימצוגיין פּראַווען דעם יום־טוב'דיקן מאָלצייט אין סוכה. פאַרן אַוועקגיין צע־שפּרייט זיך דער האַרציקער גוט־יום־טוב פון איינעם צום צווייטן

איבערן גאַנצן בית־המדרש. מען גייט אַהיים אין גרופּעס זיך שפּיגלענ־דיק אין דער העלער לבנה, וואָס שיינט אַזוי יום־טוב'דיק, גלייך ווי אויך זי, די לבנה, וואָלט אַ חלק געהאַט אינם יום־טוב.

איך גיי מיט אַ קינדערשן יום־טוב'דיקן געפיל אין האַרצן און טראַכט וואָס פאַר אַ נחת עס וועט זיין צו זיצן אין דער געפלאַכטענער סוכה מיט דעם פרישן סכך ערשט אָפּגעריסן פון דער אַזערע ביי יענער זייט טייך.

איבער די שמאָלע גאַסן שיינען אַרויס געבענטשטע ליכט דורך די אָפענע סוכות. דאָס ווינטעלע בלאָזט מיט רחמים, ווי ס'וואָלט זיך געהיט אויסצולעשן די יום־טוב'דיקע ליכט אין סוכה.

איך זע די מאַמעס פון מיינע חברים אָנגעטאָן יום־טוב'דיק מיט ווייסע ריינע פאַרטוכער און ווייסע זיידענע פאַטשיילעס, וואָס גיט זיי צו אַזאַ לויטערקייט, אַזאַ פרייד, בעת זיי ברענגען אַריין דאָס עסן אין סוכה. דאָס האַרץ ווערט מיר פאַרקלעמט. איך טראַכט די מינוט:

— און וואו איז מיין ליכטיקע מאַמע? . . .

כ'דערפיל, ווי די יום־טוב'דיקע פרייד, וואָס איך האָב נאָר־וואָס געהאַט אַרויסגייענדיק פון בית־המדרש און טראַכטנדיק וועגן אונדזער סוכה — איז פּלוצלונג פאַרשוואונדן. מיין מאַמעס געשטאַלט האָט זיך אין יענער לבנה־נאַכט ניט באַוויזן . . .

— — — — — — — — —

דער טאַטע האָט קידוש געמאַכט דער ערשטער, דערנאָך מיר. לויט אונדזער עלטער, איינס נאָכן אַנדערן. דער קידוש־געזאַנג האָט געקלונגען ווי עס פאַסט מרדכי יוזפ'ס, דעם בעל קורא פון שטאָט.

דאָס קוויקעניש מיט די געשמאַקע מאכלים, וואָס מען האָט זיך געקענט פאַרגינען טאַקע נאָר אין אַזאַ יום־טוב ווי סוכות, איז געווען אין לשער . . . כאָטש מען קען ניט זאָגן, אַז ס'האָט געהאַט דער מאַמעס טעם. אָבער פון אַ צוועלף־יאָריקער קעכין, ווי מיין שוועסטערל, האָט מען בעסער ניט געקענט דערוואַרטן.

— גאָט צו דאַנקען פאַר דעם! — האָט דער טאַטע מיט אַ טיפן זיפץ אַרויסגערעדט, הפנים ס'האָט אים געמאַטערט, וואָס ער מוז אַזעלכע יונגע קינדער איינשפּאַנען אין קיך, זיי זאָלן טאָן די אַרבעט פון אַ מאַמען.

דאָך האָט דער טאַטע געדאַנקט גאָט, וואָס ער האָט אים כאָטש געבענטשט מיט קינדער, און ווי אַלע אידן זיצט ער מיט די קינדער ביים טיש אין סוכה, זאָגט מיט אַ ניגון אושפּיזין און פילט זיך פּאָרט יום־טוב'דיק אויפן האַרצן.

אָבער מיר, קינדער, זיינען שוין אומגעדולדיק. מיר ווילן שוין אַרויסלויפן אין גאַס זיך אַנזעטיקן מיט דער ליכטיקייט, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט אַרום די אידישע גאַסן, פּונקט ווי יעדערער וואָלט אָוועקגעשענקט די יום־טוב'דיקע ליכט אַלס מתנה פאַר די גאַסן, וואָס זיינען שטענדיק געווען איינגעהילט אין חושך, ממש די פינצטערניש אָנצוטאַפּן.

עס איז שוין אין מיטן בענטשן. מיר איילן זיך. מיר לאָזן איבער דעם טאַטן אַליין, וואָס בענטשט און זיפצט. מיר כאַפּן כלומר'שט די כלים פון טיש אַריינצוטראָגן זיי אין קיך פאַר דער צוועלף־יאָריקער באַלעבאָסטע צום צעוואַשן. אָבער אויך זי, דאָס באַלעבאָסטעלע, רייסט זיך אַרויסצולויפן אין גאַס. די כלים ווערן טאַקע איבערגעלאָזן אויף גאָטס באַראָט, איידער דער טאַטע האָט נאָך צייט אויסצו'מוסר'ן אונדז.

און ווער האָט זיך געקענט פאַרגלייכן מיטן טאַטנס כוח צו מוסרן? איבערהויפּט יום־טוב'דיקער מוסר איז געווען אַ מין טראַדיציע אין אונדזער שטוב, ווייל שלאָגן אַ קינד אום יום־טוב האָט געמיינט אַ פאַרשטערטער יום־טוב. זיינען מיר, קינדער, געווען זיכער, אַז צו קיין קלעפּ וועט עס ניט קומען. און דער מוסר? נו, צו דעם איז מען דאָך שוין געווען צוגעוואוינט.

אָבער סוכות זיינען מיר געווען מער ווי זיכער, אַז דער טאַטע האָט ניט די כלי־זין אויף מלחמה: מיין טאַטע האָט שטענדיק גע־טענה'ט, אַז ער קען קיין קינדער ניט שלאָגן פּשוט דערפאַר ווייל די הענט טוען אים ווייי. האָט אים אַ גוטער פריינט, איינער אַ מאָטל ליב פאַליקס, אַ גמרא־מלמד, וואָס אים האָבן די הענט ניט ווייי געטאָן בשעת'ן שלאָגן זיינע תלמידים — אַן עצה געגעבן, ווי צו שלאָגן קינדער.

אין איינעם אַ טאָג, מיר, קינדער, ווייסן פון גאַרניט, מאַלע וואָס דער טאַטע בייזערט זיך. מיר באַמערקן אָבער ווי ער לויפט גיך אַרויס פון שטוב אין פאָרהויז, כאַפּט דעם לייטער מיט אַן אימפּעט און

דראַפּעט זיך אויף אים צום בוידעם אַרויף. מיר קוקן זיך איבער, ווי מיר וואָלטן איינע ביי די אַנדערע וועלן פרעגן:

— וואָס קען דאָס זיין פאַר אַ נייעס? . . .

ווען דער טאַטע באַווייזט זיך מיט אַ ווערבעלע אין האַנט, ווערן מיר בלאַס און פאַרציטערט. דאָס ווערבעלע, ווייסן מיר, האָט דער טאַטע אַרויסגעריסן פון אונדזער זיידנס סוכה־ווענטל:

— מיינע הענט וועלן שוין מער ניט ווי טאָן, — גיט ער אונדז אַן התראה. — אַט מיט דער „פּריטי" וועט איר קריגן אייער גאָב. דאָס וועט זיין פאַר ניט דאַווענען, פאַר ניט ברענגען קיין וואַסער, פאַר ניט איינהייצן די הרובע, פאַר ניט וועלן צעהאַקן אַ שטיקל האָלץ אין שטוב אַריין, פאַר אַרומלויפן „פּאַכאַטאַד" . . . פאַר אַלץ וועט איר קריגן אַ פּסק.

און דער טאַטע מאַכט טאַקע באַלד אויף אונדז די ערשטע פּראָבע מיט דער „פּריטי". מיר בייגן זיך ווי די שלאַנגען און ער ציילט:

— איינס, צוויי, דריי . . .

דאָס ווערבעלע האָבן מיר, קינדער, נאָכדעם שוין פאַרזאָרגט. דער טאַטע האָט עס געזוכט און ניט געקענט געפינען און מיר זיינען יעדן מאָל אָפּגעראַטעוועט געוואָרן, ווייל ער האָט דאָך ניט געקענט קלעטערן אויפן בוידעם אַזוי אָפט ווי מיר האָבן זיך פאַרזינדיקט.

אָבער דורכן יאָר האָט ער פאַרט אַרויסגעריסן עטלעכע ווערבעס פון דער סוכה. איז טאַקע אונדזער סוכה געוואָרן יעדן יאָר שיטערער. יעדעס ווערבעלע, וואָס האָט געפעלט, האָט געהאַט איר היסטאָריע . . .

אונדזערע בליקן פלעגן פאַלן צום חלל פון די ווענטלעך, וואָס האָט־ געגעבן אַ מעגלעכקייט די ליכט זיך דורכצושפּאַרן צום דרויסן און געגעבן אונדזערע חברים אַ געלעגנהייט אַריינצוקוקן פון דרויסן אין אונדזער סוכה, וואָס האָט גע'שמ'ט אין דער „שקאָלנער" גאַס.

אַרום יענער גאַס ניט ווייט פון מרחץ איז אונדזער זיידנס יוזפ'ס שטוב געשטאַנען, וואו דאָס גרויסע פענצטער איז געווען ברייט גענוג צו האַלטן דעם „פינפער לאָמפּ" און באַלייכט די סוכה. דער לאָמפּ איז געווען אַ גרויסער. ער האָט געצויגן דעם נאַפט אַן רחמנות, ממש דעם טאַטן באַ'דלות געמאַכט מיטן מוזן צאָלן די קרעמער פאַר גאַנצע פלעשער קעראָסין. אָבער מיר קינדער האָבן דערפון ניט געטראַכט. מיר זיינען אַרוים פון דער סוכה און מיט שטאָלץ נאָכגעקוקט די גרויסע פאַסן ליכט, וואָס האָבן זיך געשפּרייט אַרום אונדזער גאַס.

מיר זיינען זיך אַלע צעלאָפן און דעם טאַטן איבערגעלאָזט אַליין, ניט האָבנדיק צו וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. ס'איז דאָך ניט אונ־דזער שולד וואָס די מאַמע איז פאַר דער צייט געשטאָרבן. דער עיקר, מיר זיינען געווען זיכער, אַז ער וועט אונדז גאָרניט טאָן, ווייל רייסן אַ „פּריטקאַלע" פון דער לעבעדיקער סוכה וועט ער דאָך ניט. האָט אונדז אַפילו ניט געאַרט וואָס מיר האָבן איבערגעלאָזן די כלים ניט איבערגעוואַשן.

איז טאַקע פאַר אונדז קינדער געווען אַ פריילעך שטיקל צייט; געבענטשט אתרוג יעדן טאָג אין סוכה, — געשפּילט אין נים אין דער סוכה, — געטריבן די חזירים פון דער סוכה, — געהיט ביינאַכט, די סוכה זאָל חלילה ניט אומגעוואָרפן ווערן פון די ווייסע חברה'ניקעס, ווי די מערסטע אַנדערע סוכות, וועלכע פלעגן פאַלן ביינאַכט ווי די סנאָפּעס. געשמועסט האָט מען, אַז בייזע ווינטן האָבן זיי איבערגע־קוליעט, אָבער מיר יונגוואַרג האָבן שוין געוואוסט וואָס פאַר אַ ווינט דאָס איז געווען.

איז אָבער די צרה וואָס מער ווי איין וואָך האָט אונדזער יום־טוב ניט אָנגעהאַלטן. מיט די צוואָרפענע סוכות האָט זיך פאַר אונדז יונגוואַרג אָנגעהויבן דער חורבן, ווי גאָט אַליין וואָלט חרוב געמאַכט אונדזער קינדערשן בית־המקדש: מיר האָבן צוריק געמוזט אַרויפ־שלעפּן די געפלאָכטענע ווענטלעך אויפן בוידעם. מיטן סוכה־בנין דערווייל פאַרשטעקט אַ פאַר לעבער אינם אָפענעם בוידעם. אַ יאָר צייט איז דאָרט געווען דער סוכה'ס מקום מנוחה. דער רעגן האָט זי דורכן אָפענעם שטרויענעם דאַך אָפּט אויסגעוואַשן, זי ריין געמאַכט, ביז דער טאַטע האָט זיך אַז איר דערמאַנט און ווידעראַמאָל אַרויס־געריסן אַ נייע ווערבעלע, בכדי מכבד צו זיין די בנים פאַר זייערע זינד.

אַזוי האָט אונדז די ירושה־סוכה פאַרשאַפט אי צרות, אי נחת. מער צרות ווי נחת. נאָך אונדזער קינדערשן חשבון איז געווען קלאָר, אַז מחמת דער סוכה באַקומען מיר קלעפּ אַ גאַנץ יאָר, און פאַרגעניגן פון איר האָבן מיר בלויז איין וואָך אין יאָר.

⁂

און אָט איז ווינטער. אונדזער שטוב איז אָפן. דער שניי רייסט זיך אַריין ממש אין יעדן ווינקעלע דורך דעם לעבעדיקן דאָך. דער טאַטע איז ניטאָ, איז געפאָרן אויף אַ יאַריד אין אַן אַנדער שטאָט.

ניטאָ קיין הייצונג אין שטוב. די פּאָר „אַקאַלאַטעס" שטרוי שוין אויס־געהייצט און מיר גייען ממש אויס פון קעלט. קיינער פון אונדז וויל ניט גיין לייען עטלעכע שייטלעך האָלץ ביים שכן. מיר דינגען זיך. דער זאָגט: „גיי דו!" אַ צווייטער זאָגט: „גיי דו, דו ביסט עלטער!"

נאָר מיטאַמאָל הערט מען זיך אויף צו קריגן, עס ווערט שטיל. מיר קוקן זיך בגנבה איבער, ווי אַלעמען וואָלט איינגעפאַלן דער זעלבער געדאַנק:

— אויפן בוידעם! . . . איידער פאַרפרוירן ווערן, מעג אַפילו אַ סוכה אויך ברענען.

איינער פון די ברידער ברעכט זיין שטיל־שווייגן און מאַכט קלאָר, אַז קיין אַנדער עצה האָבן מיר ניט, אַז מיר קענען פון קעלט ניט אויס־גיין. אַלע האָבן איינגעשטימט.

„אָבער דער טאַטע טאָר פון דעם ניט וויסן . . ." ווערט דער יד־אחת אָפּגעמאַכט.

און אָט שלעפּן מיר די געפלאָכטענע סוכה פון בוידעם . . . די האַק קאַרבט און שניידט דורך דעם רוקן פון די ווערבעס. עס פאַלן שפּענער. יעדער העלפט מיט איינהייצן די הרובע — דאָס פייער פלאַקערט אַזוי שיין, זיס און וואַרעם. מיר וואַרפן קאַרטאָפלעס אין דער ברענענדיקער הרובע. יעדער פון אונדז דראַפּעט זיך אַרויסצור־רייסן פון אונטערן פייער אַ קאַרטאָפל. קאַרטאָפל איז דאָ גענוג פאַר יעדן, ווייל אָט דער מאכל איז שטענדיק געווען אונדזער עשירות. עס שטערט אונדז אַפילו ניט וואָס די הענט בריען, מיר זיינען שוין גע־וואוינט צו דעם.

די געבראָטענע קאַרטאָפל קרישן זיך אונטער די ציין און מיר שלינגען זיי מיט גרוים הנאה. דאָס פאַרפרוירענע וואַסער צעגייט, מיר פאַרטרינקען מיט וואַסער און פילן דערביי ממש דעם טעם פון גוטן וויין.

אָבער אויף מאָרגן: דער טאַטע דאַרף באַלד אָנקומען, די סוכה איז מער ניטאָ און מיר פילן זיך ווי נאָך אַ שׂרפה. פאַרברענט דעם זיידנס הייליקייט, די טראַדיציאָנעלע סוכה, דעם שפּיגל פון טאַטנס ירושה.

מיט קלאַפּנדיקע הערצער נעמען מיר אָן, קינדער, אַ שטומען באַשלוס — ניט אויסצוזאָגן דעם טאַטן . . .

מיר זיינען געוואָרן גוט ווי די טייבעלעך, האָבן געפאָלגט אַלץ

וואָס דער טאַטע האָט געהייסן. געגאַנגען אין חדר, געשמאַק געדאַוונט. מען האָט איינגעהאַלטן דאָס געלעכטער, ווייל לאַכן אין שטוב, ווען דער טאַטע איז באַ'צער'ט איז געווען אַ געפאַר ער זאָל זיך ניט לאָזן לויפן אויפן בוידעם נאָך אַ ווערבעלע. און דאָס מיינט דאָך, אַז ער וועט באַלד אויסגעפינען די „קאָנספּיראַציע" פון זיינע בנים מיט דער סוכּה.

אַזוי האָבן זיך געצויגן טעג און חדשים. דער טאַטע אַליין האָט שוין אַפילו אָפּט אַ שמייכל געטאָן, ניט אַזוי צוליב דער פּרנסה, וואָס איז געוואָרן בעסער, נאָר אַ דאַנק דעם נחת פון זיינע קינדער, וואָס זיינען מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי גוט און פרום. מען לערנט גמרא, מען שרייבט מיט דער אמת'ער כּתיבה. עפּעס אַ קלייניקייט — זיינע קינ־דערס כּתב יד!

אָט אַזוי האָט זיך ווי דורך אַ נס אָפּגעצויגן באַלד אַ גאַנץ יאָר. די ימים נוראים'דיקע טעג האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן צו פילן אין שטעטל. און ווידער איז אָנגעקומען דער ערב יום כּפור און אונדזער שטוב איז ווידער אָנגעפילט געוואָרן מיט עופות אויף כּפּרות־שלאָגן.

איך בין זיך מודה, אַז בעת'ן זאָגן: „זה כּפּרתי" האָב איך אין זינען געהאַט די סוכּה. ס'האַרץ איז געווען צעבראָכן. און אין מוח האָט ניט אויפגעהערט צו בויערן דער געדאַנק: „וואָס וועט פּאַרט זיין מיט דער סוכּה?"

איך האָב מיין טייל זינד געוואָלט אויסקויפן ביים טאַטן מיט געטריי דאַוונען דעם יום כּפּור און געפאַסט אַ האַלבן תּענית. געהאָלפן דעם טאַטן מחדש זיין די לבנה. אויפגעגעסן מיין „כּפּרה" ביז צו דער „שפּענטע", ווי דער מנהג איז געווען. האָב אַלץ געטאָן אַבי אויסצוקויפן מיינע זינד ביים טאַטן.

⁂

אויך נאָך יום־כּפּור דאַרף דאָך אַ איד האָבן פּרנסה. אין טאָקע דער טאַטע אַוועקגעפאָרן אויף אַ יאַריד מיט אַ פור סחורה.

פאָרן אַוועקפאָרן האָט ער צוגערופן אונדז, אַלע דריי אינגלעך, און ער זאָגט צו אונדז:

— הערט־זשע קינדער, איך פאָר דאָך אַוועק צום יאַריד און מען דאַרף אויפשטעלן די סוכּה. בכן זאָלט איר אַלע אַזוי גיך ווי איר וועט קומען פון די חדרים, אַרונטערנעמען די „ליסקעס" פון בוידעם און

אויפשטעלן די סוכּה. אַז איך וועל, איה״ש, קומען פונם יאַריד, וועל איך אויפלייגן דעם סכך, וואָס טאַרנאָפּסקי האָט מיר צוגעזאָגט צו ברענגען.

ס'איז געווען זיכער, אַז נאָך אויפן וועג אַהיים, בעת דעם טאַטנס פור האָט זיך געצויגן איבער פעלדער און וועלדער, האָבן זיינע אויגן שוין געזען די געפלאָכטענע סוכּה, וואָס די קינדער זיינע האָבן אויפגעשטעלט.

און מיר, די קינדער, זיינען אַרומגעלאָפן און שיער ניט צעגאַנגען פון ווייטאָק, וואָס מיר האָבן אין אַ בייזער און קאַלטער שעה פאַרברענט דעם טאַטנס היילִיקטום, און זיין ליכטיקער יום־טוב וועט זיין פאַרשטערט. אָבער וואָס האָבן מיר געקענט טאָן, אַחוץ אַרומגיין מיט אַ געוויין אין די אויגן און זיך אויפעסן פאַר צער און פאַרדרוס ?

עס האָט אונדז אַפּילו ניט געהאָלפן די רייד פון די שכנים, וואָס האָבן אונדז פּרובירט טרייסטן, ווען מיר האָבן זיי מיט טרערן אין די אויגן דערציילט, אַז מיר האָבן די סוכּה פאַרברענט מחמת דער ביטערער קעלט, און דער טאַטע וועט פון דעם האָבן דעם גרעסטן צער.

— — — — — — — — —

היינט, מיט צענדליקער יאָרן שפּעטער, שוועבט נאָך אַלץ פאַר מיינע אויגן יענעם בילד, ווי מיר קינדער זיינען געשטאַנען אין אַ פרעמדער סוכּה און געהערט דעם טאַטן מאַכן קידוש מיט אַ טרויעריקן ניגון, און זיינע פאַרטרויערטע אויגן האָבן בשעת מעשה אויף אונדז געקוקט אי מיט פאַרוואורף, אי מיט רחמנות. איך וועל דעם טאַטנס דעמאָלטיקע בליקן אין דער סוכּה קיינמאָל ניט פאַרגעסן, איך וועל תמיד בעטן פאַרגעבונג פאַר אַ חטא, וואָס מיר האָבן מחמת דער ביטערער נויט באַגאַנגען.

— — — — — — — — —

יאָ, אונדזער אַמאָליקע היים איז היינט חרוב, מיר זעען זי בלויז ווי אַ דערינערונג פון דעם, וואָס איז געווען.

ווײנשל

אז ס'האָט זיך פּריטיק נאָכמיטאָג באַוויזן אויפן מאַרק דער ערשטער פּויער מיט זײַנע ווײַנשל צום פּאַרקויפן, פּונקט דעמאָלט ווען מען האָט פּריי געלאָזט די קינדער פון די חדרים, זײַנען זיי דאָס פּורל באַפאַלן ווי די בינען.

ס'איז געווען אַ גליק, וואָס עטלעכע קינדער האָבן געמוזט אַהײמ־פליען, ווי פייל אויסן בויגן, צו טאַטע־מאַמע נאָך די צוויי גראָצער, וואָס דער פּויער האָט געמאָנט פאַר אַ גלאָז, אַנדערש וואָלט קיין עלטערער קונה ניט געקענט צוטרעטן צום קעסעלע ווײַנשל, וואָס האָט גערייצט דעם אַפּעטיט אַפילו בײַ דערוואַקסענע ערלעכע אידן כאָטש צו מאַכן אַ ברכה איבער גאָטס נײַער פּרי פון יאָר . . . ס'איז אויס־געקומען, ווי דער פּויער וואָלט דורך אַ נבואה זיך דערוואוסט, אַז פּרײַטיק איז דער בעסטער טאָג פאַר מסחר, ווען אידן געניסן דורך זײַנע פּירות דעם עונג שבת.

אַז משה'לע ווערבוד האָט דערזען, ווי זײַנע חברים קויפן פולע גלעזער מיט ווײַנשל און ער מוז אַפּקומען בלויז מיטן קוקן, איז ער פאַר ווייטאָק אַוועק צוריק אַהיים, ווײַל ער האָט זיך אַרומגעזען אַז זײַנע חברים זײַנען צו אים פאַלש, קיין איינער פון זיי האָט אים ניט אַנגעבאָטן אַפילו אַן איינאיינציקן ווײַנשל, און דאָס האָט אים אי ווי געטאָן, אי פאַרדראָסן.

משה'לע ווייסט, ווי ער באַגייט זיך, ווען עס קומען אַז די זומער־חדשים און אים געלינגט זיך אַרײַנצוכאַפּן אין אַ סאַד און אַנפילן די קעשענעס מיט עפּל, באַרן און פלוימען. ער רופט דעמאָלט אין דער שטיל צונויף זײַנע אַלע חברים און זיי פראַווען אַלע צוזאַמען די סעודה . . . און זיי? . . . אודאי, ווען ער וואָלט בײַ זײַן טאַטן געקענט באַקומען די צוויי גראָצער, וואָלט ער צו זיי ניט געדאַרפט אַנ־קומען. איז ער אָבער אָרים, און ער מוז זיך באַנוגענען מיט עסן ברויט מיט ציבעלע, און נאָך דאַנקען גאָט דערפאַר.

דער זומער, טראַכט ער, האָט זיך ערשט אַנגעהויבן. ניט אַלע

פירות פאלן אליין פון בוים ארונטער, מען מוז זיי אפּרייסן, איידער זיי ווערן צייטיק. ער ווייס עס אויף געוויס. ערשט פאראיארן זומער האט מען אים געבעטן:

— משה׳לע, דו ווילסט פארן מיט אונדז אין סאד אריין רייסן וויינשל און קארשן? ווען מיר דיך מיטנעמען. מיר באצאלן פופצן קאפּיקעס א קעסעלע און עסן קענסטו וויפיל דו ווילסט — די שענסטע און בעסטע גלייך פון בוים אין מויל אריין. קענסט אנרייסן פיר מעסטלעך א טאג. די שקצים פון דארף זיינען זייער געשיקט צו קלעטערן אויף די הויכע ביימער. און דו, משה׳לע, ביסט דאך עפּעס א געראטענער, צוויי גילדן א טאג וועסטו זיכער פארדינען. ביינאכט וועלן מיר שלאפן אלע צוזאמען אין א „סטאדאלע" ביים פריץ אויפן פרישן היי, וואו ס׳איז אזוי ווייך און שמעקעדיק. מיר וועלן טרינקען פרישן מילך פון דעם פריצ׳ס ערשט געמאלקענע קי און אויף שבת וועלן מיר אהיימקומען. פינף גלעזער וויינשל וועלן מיר דיר געבן פריי און דו וועסט ווערן א סאדאווניק.

ער איז שיר דעמאלט שוין גרייט געווען אויף די באדינגונגען. ער איז געווען ביי זיך זיכער, אז ער וואלט זיך צו דעם אויסגעטויגט, ווייל ער קען גוט קלעטערן אויף ביימער. עס האט נאך ניט געטראפן, ער זאל ארוים מיט ליידיקן ווען ער האט זיך אריינגעכאפּט אין א סאד. ער האט זיך אבער בארעכנט, אז פארן אין דארף אריין און טאן דאס זעלבע וואס א שגצ׳ל, און אויספעלן פון חדר, איז ניט שיין פאר א אידישן אינגל. איז ער ניט געפארן.

אבער היינט איז ער געוואר געווארן, אז אויב מען האט ניט קיין צוויי קאפּיקעס, קען מען קיין וויינשל ניט קויפן. היינט האט ער דער־זען, ווי שלעכט און פאלש זיינע חברים האבן אנטקעגן אים געהאנדלט, ווי זיי האבן זיך פון אים אפּגעקערט אזוי ווי זיי וואלטן זיך מיט אים געריידט:

— קוק, מיר האבן וויינשל און דו ניט! . . .

משה׳לע פילט, ווי עס טראגט אים צוריק אין מארק אריין, כאטש ער ווייסט אליין ניט צוואוואס. ער איז זיך משער, אז דער פויער איז שוין מיט די וויינשל לאנג ניטא, און דאך ציט עס אים צו דעם פלאץ, וואו דער פויער איז געשטאנען. ער האט דאס געפיל, ווי ער וואלט געגאנגען אויף קבר אבות זיך אויסריידן דאס הארץ פאר דער מאמען:

— אט דא, טייערע מאמע, בין איך געשטאנען. אלע קינדער

האָבן וויינשל געגעסן, און פאַר מיר איז געבליבן בלויז דאָס אָרט, ווי אַ מצבה...

ער הייבט אָן צו שפּאַנען גיכער, כאָטש ער איז זיכער, אַז ער וועט דעם פּלאַץ שוין טרעפן ליידיק. ער ווערט אָבער איבעראַשט, ווען ער באַמערקט פון ווייטן, אַז דער פויער מיטן פורל שטייען נאָך.

פון די וויינשל, זעט ער, איז שוין מער קיין זכר ניטאָ. דאָך גייט ער צו נענטער. זיין אויג פאַלט אויף די אויסגעליידיקטע קעסעלעך. און בעת זיין בליק איז אַריינגעטאָן אין די אויסגעליידיקטע כלים, וואו עס איז פאַרבליבן בלויז דער רויטער „סאַק" פון די פרישע וויינשל, וואָס ער האָט ניט זוכה געווען צו פאַרזוכן, טראַכט ער וועגן דעם, אַז אַז אַ ברכה וואָלט ער געווים ניט געווען געגעסן, ווי אַ טייל פון זיינע חברים. נאָר קיין קשיות ביי גאָט וויל ער ניט פרעגן, ווייל גאָטס וועגן זיינען אומפאַרשטענדלעך, פונקט ווי עס איז אומפאַרשטענדלעך, פאַר־וואָס גאָט האָט אים געשטראָפט, ער זאָל פאַרבלייבן אַן אַ מאַמען...

דער פויער גיט אים אַ פרעג:

— „סינקאָ", זונדל טייערער, ווילסט נאָך וויינשל? ניטאָ מער קינד, האָסטו געזאָלט קומען פריער... איז אַ וואָך אַרום וועל איך ברענגען שענערע, בעסערע, פאַרטיקערע, צייטיקערע...

נאָר מיטאַמאָל גיט זיך דער פויער אַ כאַפּ און גיט אַ געשריי:

— אוי, מאַריאַ! צו וועמען רעד איך? גיב נאָר אַ קוק, ס'איז דאָך ער!...

די פויערטע כאַפּט אַ שנעלן קוק און צעשרייט זיך נאָך העכער:

— יאָ, גאָט מיינער, דאָס איז ער! דאָס איז ער!...

דער פויער גיט אים אַ כאַפּ אָן:

— דאָס ביסטו, דו רויבער איינער... דו ביסט עס אַנטלאָפן מיט צוויי גלעזער וויינשל אָן געלט? דו קליינער גנב, דו, זאָג, ווער איז דיין באַטקאָ (טאַטע)?

משה'לע ווייסט ניט וואָס צו ענטפערן פאַר שרעק. ער רייסט זיך פון פויער, אָבער דער פויער לאָזט אים ניט אָפּ. מענטשן לויפן זיך צונויף.

דאָס אינגל כאַפּט זיך אין וואָס מען באַשולדיקט אים, און צע־שרייט זיך:

— ניין, ס'איז ניט איך! איך בין געווען אין דער היים! איך בין געווען אין דער היים!

א פּאָר אידן גיבן זיך א לאָז צו דעם פּויער און רייסן דאָס אינגל פון זיינע הענט:

— דו האָסט געווים אַ טעות, דו נאַרישער פּויער! דאָס אינגל איז אַן ערלעכס, זיין טאַטע איז אַן ערלעכער מענטש, אַלע קענען אים אין שטאָט פאַר אַן ערלעכן.

די פּויערטע כאַפּט זיך צוריק:

—אוי, יאַנקאַ, לאָז אים אָפּ! איך האָב מורא, אַז איך האָב טאַקע געמאַכט אַ טעות. יענער אינגל האָט געטראָגן אַ היטל מיט אַ בלאָען דאַשיק.

דער פּויער ווערט צעטומלט, דערפילט אַז ער האָט טאַקע ניט דעם ריכטיקן גנב, הייבט ער זיך אָן בעטן ביים עולם:

—אַנטשולדיקט, גוטע מענטשן, איך האָב דאָס קינד ניט געמיינט צו פאַרשעמען. איך בין אַרויסגעקומען אַזש פון דאָרף מיט מיינע וויינשל צו פאַרקויפן פאַר ערלעכע מענטשן ... פאַר גוטע מענטשן ... בײַ מיין וואָרט, אידן, איך זאָג אייך ניט קיין ליגן. אייערם אַ בחור, איך ווייס ניט וועלכער, איז אַנטלאָפן מיט צוויי גלאָז וויינשל און ניט באַצאָלט אפילו אַ גראָשן, אָבער ס'איז אמת, ניט דאָס איז דער אינגל, ניין! ניין!

דער פּויער כאַפּט זיך אַזש צלמ'ן:

— סינקאַ, זונעלע, פאַרגיב מיר, וואָס איך האָב דיך פאַרשעמט... איך וועל דיר דערפאַר ברענגען אַ גאַנץ קעסעלע אַ מתנה קומענדיקן פרייטיק, אַזוי וואָר ווי איך לעב, אַזוי ווי איך היים יאַנקאַ! ניין, ניט וויין, קינד, — בעט זיך דער פּויער ביי משה'לען.

טייל אידן לאָזן איבער דעם פּויער אַ זידל־וואָרט, און מען הייסט משה'לען אויפהערן וויינען און גיין אַהיים.

מיט אַ צעבראָכן האַרץ קערט זיך משה'לע אום צוריק צו זיין אָרימער איינגעהויקערטער שטוב. ער טראַכט וועגן דעם וואָס ער איז שיר־שיר אומזיסט און אומנישט געוואָרן אַ גנב. ער האָט מורא, זיין טאַטע זאָל זיך פון דעם ניט דערוויסן. ער, דער טאַטע, קען נאָך אַמאָל מיינען, אַז ער האָט טאַקע געהאַט צו טאָן מיט דער גנבה. ס'איז גאָר קיין שאלה ניט, אַז ווען זיין טאַטע וועט קומען פון דאָרף וועט ער וועגן דעם אַלץ וועלן אויסגעפינען.

אַד, וועז ער, משה׳לע, זאָל וויסן וועמ דאָס איז? ער איז דאָך נאָר דערביי ניט געווען! אָבער ער וועט עס שוין אויסגעפינען ביי די חברים. די צרה איז נאָר וואָס היינט איז פרייטיק און זיינע חברים זיינען צעשפּרייט איבער אַלע עקן שטאָט.

משה׳לע פאַרטראַכט זיך פּלוצלונג:

— און וואָס וועט שוין זיין, אַז ער וועט אויסגעפינען וועלכער אינגל ס׳האָט גע׳גנב׳עט די וויינשל? וועט ער דען קענען דערציילן אימיצן, אַפילו דעם טאַטן? מען וועט דאָך אים רופן: „משה׳לע מסור!” באַשליסט ער איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַז עס מעג זיין וואָס עס וויל זיך, וועט ער אַפילו דעם טאַטן ניט אויסגעזאָגן, וועלכער אינגל דאָס האָט געטאָן. און אויב דער טאַטע וועט אים חושד זיין, אַז ער האָט עס געטאָן, וועט ער אינגאַנצן אַוועק פון דער היים, וואו די אויגן וועלן אים טראָגן; ער וועט גיין צו די אידן, וואָס האָבן די סעדער יעדן זומער אין אַרענדע ביי די פּריצים; ער וועט זיי זאָגן, אַז ער מוז אַוועק פון דער היים, ווייל זיך די נויט ברענגט אים דערצו. ער איז שוין מיט אַ יאָר עלטער ווי לעצטן זומער, און ער וועט זיכער קענען טאָן די אַרבעט. אַז ער איז אַפילו גרייט צו שלאָפן מיטן וועכטער אין דרויסן אויף דער הוילער ערד און אַרבעטן בלויז פאַר עסן. וועז ס׳איז ניט פרייטיק היינט, גייט ער גלייך אַוועק אין דאָרף אַריין. ער ווייסט גוט דעם וועג, אַבי ניט הערן דעם טאַטנס מוסר.

און אפשר שרעקט ער זיך נאָר אומזיסט? פּרובט ער זיך אַליין באַרואיקן. מעגלעך, אַז דער טאַטע וועט אים גאַרניט פרעגן. ער ווייסט, אַז ער, משה, האָט נאָך ביי קיינעם קיינמאָל גאַרניט צוגענומען. און ס׳איז דאָך אמת. אַפילו ווען ער האָט זיך אַמאָל אַריינגעכאַפּט אין דר. נאַזאַרקעוויטשעס סאַד, האָט ער אויך בלויז אויפגעקליבן די אָפּגעפאַלענע פּירות, וואָס וואָלטן סיי־ווי פאַרשימלט געוואָרן.

ניין, באַשליסט ער ביי זיך, ער וועט ניט גיין אַהיים. ער מוז פריער אויסגעפינען, ווער עס האָט אים אָנגעמאַכט די אַלע צרות.

ער לאָזט זיך גיין צו דער אונטערגאַס צו זיין חבר, וועווע קאַצאַפּ. ער מוז אודאי וויסן, ווער עס איז דער פויגל.

אַריינקומענדיק אין וועוועס שטוב, האָט חיה שרה, וועוועס מוטער, באַלד דערקענט, אַז עס איז עפּעס ניט משה׳לעס אַ געוויינלעכער וויזיט.

—וואָס, משה׳לע, עפּעס אַזוי שפּעט? ס׳איז דאָך פּריטיק. ביסט גאָר אין באָד ניט געגאַנגען? וואו איז דער טאַטע דײנער? ער איז נאָך ניטאָ פון דאָרף? מען פאַררוקט דאָך שוין טשאָלנט . . . מײן װעלװעלע איז אויך עפּעס אַנטלאָפן אַז אַ „זײ־געזונט". וואָס איז, ס׳איז שוין עפּעס געשען, קינדערלעך?

— גאָרניט! — גיט משה׳לע אַ גיכן ענטפער, און לויפט אַוועק זוכן װעװיז.

ער האָט אים ענדלעך געפונען.

— איך זוך דאָך דיך שוין אַרום איבער אַ שעה! — איז אים װעװי אַנטקעגן געקומען. — איך האָב געהערט, אַז דער גוי האָט דיך געוואָלט נעמען צום אוראַדניק פאַר די צוויי גלעזער ווײנשל, וואָס זעליגל פֿאַרד האָט צוגעלאַטכנט. דו דאַרפסט אים גוט אָנלערנען. ער האָט זיך באַהאַלטן אין באָד. דו האָסט דאָך געוויס מורא פאַר דײן טאַטן, דאַרפסטו זיך ניט שרעקן. איך וועל אים אַליין דערציילן, אַז איך האָב אַליין געזען, אַז דו ביסט גאָרניט געווען דערבײ . . . אַזאַ פאַרד, האָסט געדאַרפט זען ווי ער איז אַנטלאָפן מיט אַ פולער קעשענע ווײנשל פּייל אויסן בויגן אַזש אונטער פּעטרי יאַרקיס שטוב און מיר אַפילו קיין איין ווײנשל ניט געגעבן. אַזאַ גנב, אַ ביין וואָלסטו אים געדאַרפט איבערברעכן.

— אַוואו, זאָגסטו, איז ער? — האָט משה׳לע אויף גיך איבער־געפרעגט.

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, ער איז אין באָד, ער איז דאָרט אַליין. זײן טאַטע איז אויפן פּולווערק ביי די בוריקעס. שוין די צווייטע וואָך, אַז ער קומט ניט אַהיים.

משה׳לען מיט זײן חבר האָט עס אַ טראָג געטאָן עט צום טייך, צו דער באָד.

— וועווי, — האָט משה׳לע באַפוילן, — דו בלייב אין דרויסן! מיך וועט די בעדערן אַריינלאָזן אַז געלט, ווייל זי ווייסט, אַז מײן טאַטע וועט באַצאָלן. דו שטיי און היט אָפּ, ער זאָל ניט אַנטלויפן. איך וועל זיך אויסטאָן און אים זוכן, און אויב איך געפין אים, מאַך איך פון אים אַש און פּאָרך.

אַז משה׳לע איז אַריין אַ נאַקעטער זוכן דעם „גנב", האָט אים די היץ אַ זעץ געטאָן אין פּנים. ער איז געוואָרן איינגעהילט אין וואָלקנס

פון פּאַרע, אַז ער האָט קוים געקענט אָנזען אַ מענטשן. ביסלעכווײַז איז די פּאַרע פון זײַנע אויגן צערינען געוואָרן און ער האָט זעליגן גענומען אַרומזוכן.

און אָט האָט ער אים דערזען שטיין אין אַ ווינקל. ער איז צו אים צוגעלאָפן:

— אַ, אַ! ביסט דאָ זעליגל פּאַרך! האָסט זיך באַהאַלטן, האַ? דו האָסט געמיינט, איך וועל דיך ניט געפינען, האַ? דו גנבֿ, דו לאַטכן אײנער! ווײנשל האָט זיך דיר פאַרגלוסט!

זעליגל דערשרעקט זיך. ער פאַרשטייט ניט משה'לעס אָנפאַל אויף אים:

— אָבער וואָס האָט עס צו דיר? איך האָב דײַנע ווײנשל ניט גענומען! — פאַרענטפערט זיך זעליגל.

— ס'איז נאָך ערגער ווי מײַנע! — שרײַט משה'לע אַז אָטעם.

— מען האָט געזאָגט, אַז איך האָב עס געטאָן, ניט דו!

— וואָס־זשע ווילסטו פון מיר? — פרעגט זעליגל און ציטערט.

— איך וויל, דו זאָלסט גלײַך מיט מיר גיין צו מײַן טאַטן און אים זאָגן, אַז איך בין ניט שולדיק, אַז די ווײנשל האָסטו גע'גנבֿ'עט, ניט איך! . . .

עס ווערט אַ רעדל אַרום די צוויי אינגלעך. אידן לויפן פון די אויבערשטע בענק. די צוויי חברה־לייט ממית'ן זיך אײנע די אַנדערע. יעדער קלאַפּ אויף זייערע נאַקעטע לײַבער הילכט אָפּ איבער דער באָד.

— ווער זײַנען זיי? — פרעגט אײנער דעם אַנדערן אין דער האַלב־פינצטערניש. — נעמט זיי פאַנאַנדער! אַזעלכע שקצים! ניט געפונען קיין בעסערן פּלאַץ, וואו זיך צו שלאָגן, נאָר אין מרחץ!

— אוי, ס'איז דאָך משה'לע, מאיר שמואל'ס, מיט זעליגן! — דערזעען אידן און עס ווערט נאָך אַ גרעסערער טומל.

מיט שוועריקייט האָט מען די שלעגער פאַנאַנדערגעריסן. זיי זײַנען ביידע אָן כּוחות געבליבן. די היץ מיט די קלעפּ האָבן זיי אינגאַנצן פאַרטשמעלעט.

— איך האָב ניט קיין מורא. איך האָב טאַקע גענומען די ווײנשל און וועל עס זאָגן דײַן טאַטן. איך האָב עס גענומען און ניט דו! — גיט זעליגל צו.

אבער זעליגל האט עס פארשפּארט צו טאָן. גאַנץ שטאָט האט דערויף עדות געזאגט, אז ס'איז ניט חלילה משה'לע מאיר שמואל'יקס, נאר זעליגל. ווי איז צו דער מאמען . . . און כאטש משה'לע איז פון די קלעפּ ניט ארויס אומבאשעדיקט, דאך האט ער זיך געפּילט שבת אין שול א דערהויבענער, ווי ער וואלט באוויזן א גרויסע העלדישקייט, אז ניט ער, נאר אן אנדערער האט גע'גנב'עט די וויינשל.

איינער אַליין

שוין פון באַגינען אָן האָט די זון אָנגעהויבן צו ברענען און זיך שפּאַרן אין די ענגע צימערן פון די שלאָפנדיקע קינדער, און זיי גע־ברענט, פּונקט ווי זיי וואָלטן שוין געווען זינדיקע נפשות אויף גאָטס ערד און זיי דאַרפן אָפּקומען פאַר זייערע זינד.

— ס׳וועט זיין אַ מורא׳דיקע היץ, — האָט דוד׳ס פּאָטער אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און זיך געשווינט גענומען אַרויסרוקן פון בעט. אין איילעניש האָט זיך יעקב משה אָפּגעגאָסן מיט נעגל־וואַסער און באַנעצט די פאַרשלאָפענע אויגן.

דער זייגער איז פינף. ער איילט זיך, דער פויער דאַרף קומען אָנלאָדן די סחורה צום יאַריד אין נאָענטן שטעטל. ער איז אומרואיק: וואו איז ער ערגעץ מיט דער עגלה?

ער דערמאָנט זיך: היינט איז יאָרצייט נאָך זיין גאָטזעליקער פרוי מרים פייגע, עה״ש, וועלכע איז פאַר דער צייט פון דער וועלט אָפּגעשניטן געוואָרן, אים איבערגעלאָזט מיט זיבן יתומים. צוויי, ניט פאַר קיין אידן געדאַכט, זיינען באַלד געשטאָרבן, און היינט איז איר יאָרצייט.

שוין פיר יאָר אַז זי ליגט אין דער ערד און ער מוטשעט זיך מיט די פינף יתומים, וואַלגערט זיך אויף די פורן, פון איינער אַראָפּ, אויף דער צווייטער אַרויף. אַלץ צוליב פרנסה, פאַר דעם אָרים שטיקל ברויט, פאַר צאָלן די מלמדים שכר לימוד, און אַ מלבוש פאַר אַ קינד דאַרף מען דאָך אויך.

און דאָ כאור הבוקר וואַרט ער אויפן פויער, ער זאָל אָנקומען מיט דער פור און זיך נעמען פּאַקן די סחורה. ס׳איז שוין באַלד זייגער זעקס און ער איז נאָך ניטאָ. און דאָ מוז ער, יעקב משה, אויפוועקן דוד׳לען, זיין אינגל, אים דערמאָנען, אַז היינט דאַרף ער גיין מיט אים אין בית־המדרש אַריין זאָגן קדיש נאָך דער מאַמען.

מיטן פויערס אָנפאָרן ווערט אַ טומל אין שטוב:

— ס׳איז שפּעט, אַסיף! — דערמאָנט ער דעם פויער. — מירן

זיך נעמען פּאַקן אויף גיך, איך דאַרף נאָך היינט גיין אין דער „סי־נאַגאָגע" זיך „מאַליען" און גאָט בעטן פאַר מיין מרים פייגעס נשמה. היינט ווערט פיר יאָר אַז מיין מרים איז געשטאָרבן, דו געדענקסט זי דאָך געוויס?

דער פויער נעמט זיך צלמ'ען:

— גאָט מיינער, שוין פיר יאָר, אַז מאַריאַ ליגט אין דער ערד? — האָט זיך דער אַלטער פויער געוואונדערט.

די צייט שטייט אָבער ניט. און ווער קען עס אין אַזאַ מינוט, ווען מען קלייבט זיך צום יאַריד, אָפּגעבן דין וחשבון און ווערן סענ־טימענטאַל?

פּאַקט מען דערוויל די סחורה געשווינט.

דוד'לס פּאַטער רייסט זיך אָפּ פון פּאַקן אויף אַ ווײַלע און לויפט פון פירהויז אַריין אין שטוב, כדי אויפצואוועקן זיין דוד'לען. דוד'לס אויגן זיינען נאָך פאַרקלעפּט פונם שלאָף, ער מוז אָבער אויפשטיין, ער איז דאָך אין דער היים דער איינציקער געבליבן קדיש צו זאָגן פאַר דער מאַמעס יאָרצייט. ער האָט דאָך ניט דאָס גליק, ווי זיינע צוויי שוועסטערלעך, וועמען זייערער אַ פעטער האָט זיי צו זיך צוגאַסט גענומען אין אַ דערבייאיק שטעטל:

— דו, דוד'ל, מוזט נאָך בלייבן אין דער היים, ביסט דאָך נאָך אַ חדר־אינגל. אַז דו וועסט, איה"ש, אַרויס פון חדר, וועל איך דיך אויך נעמען צו זיך און וועסט זיין ביי מיר אַ גאַנץ גוטער גאַסט.

און די צוויי עלטערע ברידער זיינע, זיי זיינען דאָך שוין גאָר גליקלעך. פון דער צייט וואָס זיי זיינען פון חדר אַרויס העלפן זיי שוין דעם טאַטן אין דאַרף מיט פּרנסה.

וועקט אים שוין דער טאַטע צום דריטן מאָל:

— דוד'ל, שטיי אויף גיכער, מיין קינד, איך קען איבער דיר און דער מאַמעס יאָרצייט ניט פאַרשפּעטיקן דעם יאַריד. דו ביסט דער איינציקער, וואָס וועט זאָגן קדיש אין אַ בית־המדרש, וואָרום ווער ווייסט, אויב וועלוועל מיט שמואל'יקן וועלן האָבן אַ מנין אין דאַרף צו זאָגן קדיש ווי עס דאַרף צו זיין נאָך דער מאַמען?

דוד'ל האָט זיך פון געלעגער אויפגעריסן, און כאָטש זיינע אויגן זיינען געווען האַלב פאַרקלעפּט, פונדעסטוועגן האָט ער אין עטלעכע מינוט זיך אַרומגעוואַשן און מיטן טאַטן אין בית־המדרש געגאַנגען, זיך צו דערמאָנען, אַז אַמאָל האָט ער אויך געהאַט אַ מאַמען.

דוד'לען פארדריסט, וואס פונקט היינט איז יארצייט איז געפאלן אויף אים דער גורל צו בלייבן אליין אין הויז. עס וואלט אים שוין בעסער געווען, ווען זיין שטיף־מאמע וואלט היינט געווען אין דער היים.

ער קען אבער ביי זיין אנגעוויטאקטן טאטן קיין שאלות ניט פרעגן וועגן דער אמת'ער סיבה פון איר צוריקפארן אהיים צו זיך אין שטעטל.

דאס טראכט ער אלץ שוין אין בית־המקדש בשעת'ן דאווענען. ער מוז זיך אבער דערנענטערן צום עמוד קדיש צו זאגן. א נערוועזער שטייט דוד'ל ניט ווייט פון ארון־קודש און ענדיקט דעם קדיש און זיין פאטער לייגט געשווינט צונויף טלית און תפילין און מען פארלאזט אין איילעניש דאס בית־המדרש.

— קום גיכער אהיים, — זאגט דער פאטער צו דוד'לען, — דער פויער ווארט אויף מיר אפצופארן. ס'וועט זיין א ביטערער טאג. די היץ גליט ווי מיט פייער.

מיט א שווער געמיט געזעגנט זיך דוד'ל מיטן טאטן. דער טאטע דערמאנט אים, אז צו מנחה זאל ער שוין אליין גיין אין בית־המדרש צו זאגן דעם לעצטן קדיש.

— זיי געזונט, מיין קינד! היינט דארפסטו ניט גיין אין חדר. נא דיר א „גריווענע" און קויף זיך וואס דיין הארץ גלוסט. נאר ווי גאט איז דיר ליב, טרעט ניט ארויס פון שטוב, זאל די שטוב ניט בלייבן הפקר. עס קען נאך חס ושלום זיין א שאדן.

דוד'ל איז געבליבן שטיין לעבן זיין שטוב מיט דער מטבעה אין האנט. זיין בליק האט זיך פון דעם טאטנס פור סחורה ניט אפגעטאן, ביז די פערד האבן זיך פארקירעוועט לינקס צו דעם גרויסן שליאך פון שטאט ארויספאר.

ביי דוד'ן האבן זיך די געדאנקען געפלאנטערט. דוקא היינט, ווען דער טאטע איז ניטא, די היץ איז גרויס, און געלט האט ער, ווילט זיך אים זייער ניט זיין אין דער היים. בפרט ער איז נאך היינט באפרייט פון חדר.

אז אנדערער אויף זיין ארט וואלט זיך אוועק באדן צום גרויסן טייך ביי קולבאס מיל, און אפשר אין איין וועגס זיך גאר אריינ־געכאפט אין א סאד אנקלייבן אביסל עפל און בארן, און אז דאס גליק שפילט צו נעמט מען אז פולע קעשענעס אויבסן און מען

פארשווינדט ווייט אוועק אונטער די קוסטן, וואו קיינער זעט ניט, און מען מאכט די סעודה.

נאר ער טאר גאר וועגן אזוינס ניט טראכטן. ניט היינט קאן ער זיך דערלויבן אזא מחשבה. ערשטנס, דעם טאטנס ווערטער, אז ער איז שוין צען יאר אלט און דארף שוין פילן א פאראנטווארטלעכקייט. און צווייטנס, איז דאך היינט דער מאמעס יארצייט, ווי מעג ער גאר טראכטן פון אזא שטיפעריי?

ער לאזט זיך אריינגיין אין שטוב, נאר ער פילט, אז עפעס האלט אים אפ. די מטבעה בריט אים די פינגער. עפעס א קליינקייט, צען קאפיקעס, ס׳איז דאך א פארמעגן.

אין זיין מוח לויפן פארביי די גוטע זאכן, וואס ער קען היינט איינהאנדלען. נאר ווי גייט מען אוועק? ער איז דאך היינט דער שומר פון שטוב! ער מוז זיך דאך רעכענען מיט כבוד אב, אויס־פאלגן דעם טאטנס פארזאג ניט איבערצולאזן די הויז אויף הפקר.

דוד׳ל שטייט ווי א צוגעקאוועטער צו דער גליענדער ערד. ער שטייט א פארטראכטער, פארזונקען אין זיינע קינדערשע געדאנקען. און אט נעמט זיך אים מיטאמאל דאכטן, אז ער הערט זיין מאמעס קול, ווי זי פרעגט אים מוטערלעך צארט:

— דוד׳ל טייערער, זונעלע מיינער, וואס ביסטו אזוי פאר־טראכט? הער זיך בעסער צו צום טאטן, לאז ניט איבער די שטוב אליין, לויף ניט ארום צווישן די שכנים.

ער וויל זיין פארשטארבענער מאמען עפעס זאגן, ענטפערן . . . אבער זיין מאמעס שטימע איז ווי אנטשווינגן געווארן, ער הערט זי מער ניט.

ער בלייבט שטיין אויפן זעלבן ארט אן באוועגונג; טראכט וועגן דעם, וואס זיין מאמע האט זיך היינט צום ערשטען מאל צו אים באוויזן אין מיטן העלן טאג, ווען די זון ברענט אזוי שטארק. זאל עס הייסן, אז די הייץ האט אים אזוי פארטשאדעט, אז ער האט איינ־געדרעמלט אויפן גאס א שטייענדיקער, און די מאמע האט זיך דאס צו אים באוויזן אין חלום?

דוד׳ל זעט פארבייגיין מענטשן פונקט ווי אלעמאל. ער וויל עמיצן פון זיי עפעס זאגן, נאר אים דוכט, אז ער טאר ניט רעדן, אפשר וועט ער נאך דערהערן זיין מאמעס שטימע נאכאמאל. ער וויל זי פרעגן כאטש איין זאך:

— מאמע, טייערע, מאמע, טייערע, פארוואס האסטו מיך פאר־לאזן? פארוואס? . . .

ער דערפילט פלוצים, ווי עמיצער גיט זיך אווארף צו זיינע פיס:

— ס'א „גריווינקע”, דוד'ל, כ'האב געפונען א „גריווינקע!” . . .

דוד'ל, א צעשראקענער, דערזעט זיין חבר הירשלען האלטנדיק די מטבעה, וואס דער טאטע זיינער האט אים איבערגעלאזן.

ער כאפט אן זיין חבר הערשלען און שרייט:

— ס'איז מיין גריוונע! דער טאטע האט זי מיר איבערגעלאזט איך זאל זיין אין דער היים, איידער ער איז געפארן אויפן יאריד — איך האב זי ערשט פארלארן!

ווי א ווילדער האט זיך דוד'ל א ווארף געטאן אויף הערשלען, אזוי ווי קלאמערס האבן זיך זיינע הענט אריינגעגראבן אין זיין חבר'ס האלדז.

— גיב מיר אפ די גריוונע, אדער איך וועל דיר . . .

די גריוונע איז ארויסגעפאלן פון חבר'ס האנט.

מענטשן זיינען אנגעלאפן און זיך ארומגעשטעלט ארום ביידע אינגלעך:

— וואס איז געשען, דוד'ל? וואס האסטו אים געטאן? דאס הייסט א חבר! . . .

— איך האב אים גארניט געטאן, — פארענטפערט זיך דוד פאר די שכנים. — איך האב נאר אפגענומען מיין גריוונע, מיין גריוונע . . . מיין טאטנס געלט . . .

די מוטער פונם חבר שטייט לעבן איר אינגל און ברעכט מיט די הענט:

—וואס האסטו געטאן צו מיין קינד? דו ביסט דאך א מערדער! אזוי שלאגט מען א חבר? . . . — יאמערט זי היסטעריש.

מען האט הערשלען אהיימגעטראגן.

דער עולם האט דוד'לען געמאטערט, ער זאל דערציילן, וואס צווישן אים מיט זיין חבר איז געשען.

דוד'ל האט זיך קוים ארויסגעריסן פון זייערע הענט, און מיט א שרעקלעך געוויין איז ער אריינגעלאפן צו זיך אין שטוב און פארשפארט די טיר, ער זאל מער ניט הערן די שכנים'ס בייזן מוסר.

נאר ווי אויף צו להכעיס האבן זיך אנגעהויבן צו באווייזן אלערליי שכנים, גוטע און שלעכטע:

— עפן די טיר, דוד'ל. האב ניט קיין מורא, נארעלע. מיר וועלן דיר ניט לאזן שלעכטס טאן.

א וויינענדיקער האט ער די טיר פאר די שכנים געעפנט. ער האט זיי דערציילט, ווי דער טאטע האט אים היינט פאר א שומר געלאזן. זיינע צוויי עלטערע ברידערלעך זיינען אין דארף פארבליבן, וואו זיי העלפן ארום דעם טאטן אין דער פרנסה. די עלטערע שוועס־טער האט דער זיידע מיטגענומען אויף „יארמעליניצער" יאריד, און ער איז געבליבן איינינקער אליין אין שטוב. ער האט עס דעם טאטן צוגעזאגט . . . נאר ער ווייסט אליין ניט וואס מיט אים איז געשען. גלייך נאכן קדיש זאגן האט זיך אים אויסגעדאכט, אז ער זעט די מאמע, און זי זאגט צו אים:

— דוד'ל, זון מיינער . . .

די שכנים באמערקן ווי דער אינגל איז מורא'דיק אנגעשראקן, טרייסטן זיי אים:

— טראכט ניט, דוד'ל, פון אזעלכע חלומות. און אויב אפילו יא, איז דאך א סימן, אז די מאמע מיט זיך פאר דיר, זי האט דיך אין זינען. ביסט דאך שוין טאקע א גרויסער אינגל . . . האסט דאך א גריוונע. גיי, דוד'ל, בעסער אין מארק אריין און קויף זיך אנבייסן, דערנאך נעם דאס חומש'ל און לערן די סדרה . . .

אבער קיין אנבייסן האט זיך דוד'ל ניט געקויפט, נאר צוגעביסן וואס איז געווען אין דער היים. ער האט ניט געוואלט פארלאזן די שטוב, כדי אפצוהיטן כבוד אב. אחוץ דעם האט ער זיך ניט געוואלט ווייזן אין גאס. שיר, שיר, איז ער א מערדער געווארן . . . — טראכט ער מיט שרעק. — ער האט זיין חבר הערשל שיר ניט גע־וואלט דערווערגן . . . נאר איין גאט ווייסט דעם אמת, אז ער האט אים נאר ביים האלדז אנגענומען, ער זאל אים אפגעבן די גריוונע . . . די ערשטע גריוונע, וואס זיין טאטע האט אים אין לעבן איבערגעלאזן פארנדיק אויף א יאריד . . . זאל נאר זיין חבר הערשל געזונט ווערן, וועט ער אים איבערבעטן.

דוד'ל נעמט דעם חומש און עפנט אים אן חשק, קוקט אריין אין א פרשה, נאר דער טאטע זיינער קומט אים אויפן געדאנק:

— צי וועט ער כאטש האבן א גוטן יאריד?

אים פארדריסט פארוואס ער האט דאס געלט ביים טאטן גענומען. ווען ער נעמט ניט די גריוונע, וואלט עס צו אלע צרות ניט געקומען. ער וואלט געווען א פרייער, די שטוב וואלט ער מיט א דרענגל פאר־מאכט און אליין זיך ארויסגעכאפט דורך א הינטער פענצטערל. סיי־ווי וועט קיינער ביי זיי ניט גנב׳ענען, מענטשן ווייסן אז זיי זיינען ארעם. און היינט איז דאך שניט־צייט, קיין פויער זעט מען ניט אויף קיין רפואה, איז דאך די שטוב געווים געזיכערט. ניין, ער וועט בשום אופן היינט אליין אין שטוב ניט בלייבן זיצן.

א געאיילטער גיט זיך דוד א הייב אויף און פארמאכט געשווינט דעם חומש, פארשפארט די טיר מיטן דרענגל, און לאזט זיך גיין אין בית־המדרש, א פאר שטיבער ווייטער פון זיין הויז.

א באַרוועסער טרעט ער אויף דער גליענדער ערד, באטש ער פילט, אז ס׳איז ניט שיין צו גיין אין א מקום קדוש אן שיך, בפרט ער דארף נאך זאגן קדיש צו מנחה. נאר ער פארענטפערט זיך, אז ס׳איז זומער, און ער שפאנט ווייטער צום בית־המדרש, וואו ס׳ציט אים שטענדיק, וואו ער געפינט מענטשן וואס גיבן אים אמאל א קניפ אין בעקל: — ביסט א וואויל אינגל!

און אמאל גיבן זיי אים א „געשטאפט״ פאפיראסל פאר גיין א גאנג. ער חלום׳ט דעמאלט וועגן דעם, אז ער וועט אמאל אליין זיין א בית־המדרש׳ניק, ער וועט זיצן אין בית־המדרש און לערנען תלמוד.

נאר היינט ביים אריינקומען אין בית־המדרש באמערקט ער, אז עס זיינען דא ווייניק מענטשן. לינקס, צו מזרח, זיצט דער אלטער ישראל הירש, א איד א זקן שווין אין די אכציקער. ער קוקט אריין אין א משניות. אין מיטן פונם בית־המדרש, רעכטס, זיצט מאיר משה ליב־פאליקס, א בחור פון א יאר ניינצן, און לערנט. ער איז טאקע געווען דוד׳ס א שכן און האט אים ליב געהאט אויך.

— וואס טוסטו דא דוד? — פרעגט אים מאיר. — ביסט היינט ניט געגאנגען אין חדר?

— ניין! ענטפערט דוד — און דערציילט אים, אז דער טאטע האט אים איבערגעלאזן אליין אז עסן, נאר האט אים געגעבן א גריוונע, און באווייזט אים די מטבעה.

— טא פארוואס קויפסטו זיך ניט קיין עסן? — פרעגט מאיר.

— וואס איז מיט דיר, דוד׳ל? אוי, ער חלש׳ט! — שרייט מאיר אן

אטעם. — ר׳ ישראל הערש! ר׳ ישראל הערש! קומט אהער, דוד׳ל חלש׳ט! דוד׳ל! דוד׳ל! . . .

מאיר מינטערט אים און רייבט זיין שטערן מיט אזא כוח, אז דוד׳ל פילט אז ער ווערט דערקוועטשט. ער וויל אים זאגן: „מאיר, הער אויף, ס׳טוט וויי, איך חלש ניט, ס׳איז מיר נאר אזוי עפעס ניט גוט . . .״ נאר דאס מויל עפנט זיך ביי אים ניט. ער פילט נאר, אז דער איצטיקער חלש׳ן וועט מאכן א רושם אין שטעטל. יעדער וועט אים באדויערן, יעדערער וועט אים וועלן מינטערן. דער טאטע זיינער וועט שטיין לעבן אים און זיך ביי אים בעטן:

— קינד מיינס, וואס איז מיט דיר געשען? איין טאג ביסטו געבליבן אליין, און זע נאר וואס ס׳טוט זיך אפ . . . ווי אזוי קען זיך א קינד אזוי פארלירן . . . דער טאטע וועט זיכער לאזן פאלן לעבן אים א טרער. און ער, דוד׳ל, וועט זיך פילן גליקלעך. דאס ערשטע מאל איז זיין לעבן וועט ער זיך ניט פילן עלנט.

ליגנדיק אויף דער באנק, הערט דוד׳ל דעם געטומל ארום אים. דער רופא גיסט אים אפ מיט שלאף־טראפן, דער שארפער גערוך עסט אים אויף, ער מוז זיך באוועגן.

— מען האט אים שוין דערמינטערט! — הערן זיך שטימען. יעדערער אין בית־המדרש איז א דאקטאר געווארן, גוטע פרויען האבן אים לימענע מיט איינגעמאכטס געגעבן.

דוד׳ל האט אלץ געהערט און אלץ געזען, און זיך געפילט גליקלעך, וואס די גאנצע שטאט ראטעוועט אים:

— ער איז מער ניט קיין עלנטער, קיין יתום! . . .

שלח־מנות

די גרויסע בלאָטעס האָבן זיך צעשפּרייט איבערן גאַנצן שטעטל. די שוסטערס האָבן געמוזט האָרעווען ביז האַלבער נאַכט כדי אויסצולאַטן די צעריסענע שטיוול, וואָס דער אָרימער עולם האָט אָנגעטראָגן צו פאַרריכטן.

ווי אָן רחמנות האָבן די אייז־געפרוירענע שנייען אויסגעריבן און אויפגעפּרעסן גאַנצע לעכער אין די פּאָדעשוועס, אין די כאָליעוועס, אַזוי ווי עס וואָלט געווען די אַרבעט פון אויסגעהונגערטע מייז, ניט געלאָזן זיי דערלעבן כאָטש ביז פּסח, ווען די זון קומט אויף און צעשפּרייט זיך אַזוי רחבות'דיק אַרום די נידעריקע שטרויענע דעכער פון שטעטל און הייבט אָן אַזוי מוטערלעך אויסצוואַרימען די פאַרקילטע גאַסן מיט די אָנגעפרוירענע נפשות. די שנייען, וואָס האָבן זיך דורכן ווינטער ווי איינגעקאָוועט אין יעדן גליד פון שטעטל, הייבן זיך דאַן אָן פונאַנדערלאָזן אין די רינשטאָקן, וועלכע ווערן אַליין דורכגעבראָכן פון דעם וואַסער־געיעג. אַלץ שווימט אַרויס, ווייל פאַרנעמען אַן אָרט אַרום דעם גרויסן גאַסט — דעם ליכטיקן זומער.

איז אָבער איצט ערשט פאַר פּורים. ס'איז נאָך אַ גאַנצער חודש צו פּסח. דער פראָסט האָט ערשט ווי אויף קאַטאָוועס אָנגעהויבן ברעכן און יעדער האָט דערפילט ווי די שטיוול ווערן ממש איינגעזונקען אין די טיפע בלאָטעס. עס העלפן אַפילו ניט די גראָבע וואַטאָווע „האָנוטשעס", וואָס מען שטאָפּט אין זיי אָן.

און אָט קומט אָן פּורים. מען רעש'ט זיך. אַ שמחה, אַ פרייד, די יום־טובים גייען אייך אַנטקעגן. מען דאַרף דאָך עפּעס צוגרייטן פאַר שלח מנות . . . און באַלד דאַרף מען זיך פאַרזאָרגן מיט מצות אויף פּסח. און אַפילו דער שבועות גיט אויך סיגנאַלן, אַז אָט־אָט איז ער אויך אַ מחותן ביי אידן. איר זעט ממש, ווי דאָס גרינע גראָז שפּרייט זיך אויס אין אייער היים, אין די בתי־מדרשים, און אין יעדן ווינקעלע פונם שטעטל. עס עפנט ממש אייערע נאָזלעכער. איר אָטעמט שוין איין די פרישקייט פון דעם וואָס עס וועט זיין . . .

איך זעט זיך שוין ביים טיש, ווי איר זיצט מיט אייער געזינדל ביי דער פרייליכער סעודה און טיילט אויס דעם שלח־מנות צו אייערע שוועסטער, ברידער, פעטערס, מומעס און סתם גוטע קרובים, ווייל א שטיקל פלאדן א מתנה איז דאך ביי ארימע יידן אויך אנגעלייגט, און וואס מער קען אז ארעמאן זיך פארגינען? . . .

און איר ווילט טאקע ארויסלויפן אין מארק אריין ביי די „געשטעלן" צו כאפן א קוק ווי מלכה בערלס פלאדנס און טארטן האבן זיך אזוי קינסטלער אויסגעלייגט און אויסגעפורעמט אין אירע בעקנס ערשט ווי פון אויוון ארויס. און אפילו רודיע די גרויפן־פארקויפעריז, וואס מאכט ניט אזא רושם מיט אירע געבעקס אויף פורים, איז דאך אויך ניט קיין קלייניקייט, ווייל מען ווייסט דאך ניט אויף זיכער וועמענס געבעקס עס פארשמעקט דעם מארק אממערסטן.

און ווען איר דערהערט אין בית־המדרש, אדער צווישן די שכנים, אז היינט, מארגן, עפענען זיך אויף די בעקערייען מיט די פריש־אויסגעגליטע אויוונס פאר באקן די מצות און איר ווילט חוקר ודורש זיין ווער ס'האט איינגעארדנט די נייעסטע מעטאדן פון כשרות, און איר ווילט טאקע באשטימען ביי וועמען אייערע מצות צו קויפן, דאן איז גאר קיין פראגע ניט, אז קודם כל מוזט איר צולויפן צום שוסטער בעטן ביי אים רחמים:

— פארריכט מיינע פרירער. נאט אייך נאך א זעקסער, אבי לאמיר קענען ארויסגיין אויף דער ליכטיקער גאס . . .

ערשט דאן רעכנט זיך דער שוסטער אפ מיט אזעלכע פארשוינען:

— האט איר זיך געזאלט פארזארגן מיט פארריכטן די שטיוול אום זומער, ווען איך האב ניט א שטאך ארבעט. דאן האב איך ניט אויף קיין ברויט, כאטש לייג די ציין אויף די פאליצעס און איצט ווילט איר, איך זאל זיך ארויסיאגן די קישקעס ביים ווערקשטאט? ארבעטן פאר אייך גאנצע נעכט?

איר מוזט אים אבער אויסהערן און מאכן א שוויג, אלא ניט זייט איר אויסגעשטעלט צו בלייבן א בארוועסער.

אבער אז גאט העלפט און אייערע פאדעשוועס זיינען גאנץ, די כאליוועס אונטערגעניט, ווער איז דאן צו אייך גליך? וואס פאר א באטרעף האבן די בלאטעס אנטקעגן די הויכע אויסגעפאררינכטע שטיוול? איר שפאנט דאן מיט קוראזש אהין אויפן מארק, וואו אייערע נאזלעכער עפענען זיך, בעת אייערע אויגן באגעגענען זיך מיט

מלכה בערלס פורים׳דיקע געבעקס. איר הערט זי רופן די קונים צו איר שטעל מיט אזא הארציק געבעט:

— אנו, אידן, ווייבער, באלעבאסטעס, אויף וואס ווארט איר? איר האט פארגעסן אז ס׳איז ביי אונדז באלד פורים? גיט נאר א קוק, וואס מלכה האט פאר אייך אנגעגרייט: פלאדנס — ווי פארן קייזער. מאנדל־געבעקס — נאר ווי פאר דער קייסערינע. זעט די מגן דוד׳ס, אויסגעגאסענע ווי פון דער ספר תורה ארויס. האניג, ערשט פריש ווי פון בינשטאק. יא, יא, כאפט נאר א קוק, דאס האט פאר אייך מלכה אנגעגרייט! איך וועל עס פאר זיך ניט האלטן, גלויבט מיר בנאמנות. בלויז א צענער א שטיק. אזעלכע שאליכמאנוסן זאלן אונדזערע שונאים ניט האבן!

דאן לויפט מען זיך אז אויף מלכה׳ס רוף, מען באלאגערט זי ממש, מען קויפט, מען האנדלט, מען דינגט זיך; זאל זיין זעקס שטיקלעך פאר א פערטעלע.

נאר מלכה לאזט ניט ארונטער פון פרייז:

— אפשר ביי רודין קענט איר דאס פועל׳ן, נאר ניט ביי מיר. מיין סחורה איז „פרימא”.

און רודי שווייגט אויך ניט. זי האט מיט זיך ביי דער „שטעל” אירע טעכטער, וואס העלפן איר שרייען און רופן:

— זאל מלכה ניט מיינען, אז זי האט א „פאטענט” אויף פורים־געבעקס. זאל זי אייך ניט איינריידן, אז איר האניג קומט פון בינען און אונדזער — פון יענער וועלט. ביי אונדז איז זעקס שטיק פלאדן פאר א פערטעלע. מיר ווילן קיינעם ניט בארייסן.

מלכה ווערט אבער ביי זיך ניט געפאלן, אוןביידע לייזן געלט. ארום מלכה׳ס שטעל שטייען אויך יונגע חדר־אינגלעך, וואס דארפן אהיימלויפן עסן אנבייסן, נאר דער יצר הרע זייערער האט זיי ווי דעם וועג פארשטעלט, צוגעצויגן זיי צו מלכה׳ס פארמעגן. די קינדערשע הערצער הייבן זיי אזש אן צו קלאפן, ווייסנדיק אז אזא שלח־מנות וועלן זיי ניט זוכה זיין צו האבן. און ביז מלכה דערמאנט זיי ניט, אז דער רבי וועט שמייסן אויב זיי וועלן זיך ניט אומקערן אין חדר, טראכטן זיי גארניט אוועקצוגיין. ערשט נאך איר דערמאנען, לויפן זיי געשווינט אהיים מיט דער טרוקענער סלינע און זיי קומען בלויז אפ מיט דער־ציילן וואס זיי האבן איצט באגעגנט. ביז די מאמעס טרייסטן זיי, אז

זיי וועלן, איה"ש, אויך האָבן שלח־מנות, פּונקט ווי יעדן יאָר, אַז גאָט וועט נאָר שענקען דאָס לעבן.

ניט אַזוי משה'לע ראַטציט. ער ווייס שוין אויף גערויס, אַז מלכה באַקט פלאָדן אויף פּורים, איז דאָס ניט פאַר אים. ער איז גע־שטראָפט צו זיין אַן אַ טאַטן נאָך זייט אַ קינד. די מאַמע זיינע, די אַלמנה, דערציילט אים, אַז אַמאָל, ווען דער טאַטע זיינער, עה"ש, האָט געלעבט, האָט ער אויך געפּראַוועט אַ סעודה, געשיקט מתנות צו משפּחה. די בעסטע פלאָדנס פלעגט פאַר איר מלכה צוגרייטן. און היינט? שוין דאָס זעקסטע יאָר, אַז דער טאַטע ליגט אין דער ערד, און זי דערנערט זיך בלויז פון מאַרק. זי האַנדלט הינטער דער שטאָט, קויפט אויס אַ הון, אַן איי, אַ „דראַנקע". זי דאַנקט גאָט, וואָס זי קען באַטש צאָלן שכר לימוד פאַר איר משה'לען, פאַר איר בן־יחיד'ל, אומשטיינס געזאָגט:

— איז דאָך, זונעניו, אויף קיין פלאָדן ניטאָ. אַזוי הייסט גאָט, טייערער, — רעדט זי צו איר משה'לען מוטערלעך.

און משה'לע גייט צוריק אין חדר שוין אַ פאַרשפּעטיקטער. ער דערציילט זיין רבי'ן דעם אמת, אַז ער האָט געזוכט זיין מאַמען אין מאַרק און האָט זיך אַזוי ניט ווילנדיק אָפּגעשטעלט ביי מלכה בערלס שטעל.

דער רבי ווייסט שוין וואָס ער מיינט. משה'לע איז דאָך ניט דער איינציקער תלמיד, וואָס האָט זיך היינט פאַרשפּעטיקט. לפנים טענה'ט דער רבי צו די תלמידים, אַז ס'פּאַסט גאָרניט פאַר זיין חדר זיי זאָלן זיין פאַרקאָכט אין דער אכילה; עס פּאַסט גאָר פאַר די „בני עישו" צו זיין פאַרקאָכט אין אַ געשמאַקן ביסן.

אָבער טיף אין האַרצן ווייסט ער, דער רבי, אַז ער קען דערפאַר אויף זיינע תלמידים קיין תרעומות ניט האָבן. זיי זיינען דאָך נעבעך אויסגעהונגערט. וואָרום ווען האָבן קינדער אָרימע די זכיה צו האָבן אַ שטיקל פלאָדן, סיידן ביי אַ חתונה, אָדער אַ ברית? און וויפיל חתונות זיינען עס דאָ אין שטעטל דורכן יאָר אומשטיינס געזאָגט? כלה־מיידלעך זיצן דאָך ביזן גרויען צאָפּ, ווייל ווער וויל עס נעמען היינט אַ אידישע טאָכטער אָן נדן? און אַפילו ברית'ן, אויב זיי טרעפן זיך דאָ מער, זיינען זיי דאָך ס'רוב ביי קבצנים, וואו אַ שטיקל לעקעך איז מיט גאָלד צוגלייך. איז דאָך ניט קיין וואונדער, וואָס די קינדער שלינגען די סלינע נאָך אַ שטיקל לייטיש געבעקס.

נעמט מען זיך ווייטער לערנען. מען פארטומלט זיך מיט די שיינע מעשיות פון מגילת אסתר. דער רבי מאלט פאר זיי אסתר המלכה און מרדכי היהודי, ווי ביידע האבן געראטעוועט דאס אידישע פאלק, ווי מרדכי האט געריטן אויפן פערד און המן האט געכאפט די מפלה.

די קינדערשע הערצלעך ווערן פארכאפט פון די פאנטאזיעס, וועלכע ציען זיך אזוי ווייט. דער אטעם פארכאפט זיי ממש פון דעם שווערן נסיון, וואס אידן האבן דאן געהאט אויסצושטיין.

נאר משה'לע פילט זיך פארט ערגער ווי אלע. וואלט זיין טאטע געלעבט, וואלט אים געווען גוט ווי די וועלט, נאר אזוי, אז א טאטן, ווייסט ער ניט פון קיין סעודה, ניט פון קיין שבת, ניט פון יום־טוב. די מאמע גיט אים אפ דאס ביסל עסן אין קיך און פארטיק, אזוי ווי ער וואלט חס ושלום געווען א פארזינדיקטער. ער באשליסט אבער, אז דאס יאר וועט ער אין דער פורים־נאכט ניט זיין אליין מיט דער מאמען אין דער היים. ער וועט גיין פארדינען א פאר אייגענע גראשנס. ער וועט גיין טראגן שלח־מנות גלייך מיט א סך אינגלעך ארימע, וואס האבן טאטעס אפילו, נאר זיי שעמען זיך ניט און פאר־דינען זיך אויף פסח צושטייער אויף זייערע מלבושים. אחוץ דעם וועט דאס אים געבן א געלעגנהייט צו זיין ביי באלעבאטישע מענטשן און זיך צוקוקן ווי זיי פראווען זייערע יום־טוב'דיקע טישן, און אפשר וועט מען אים אויך ניט פארטיילן.

ער דערציילט דער מאמען זיין פלאן, אז ער וויל זיך פארדינען אויף א ניי היטל אויף פסח און פארוואס איז ער ערגער פון אנדערע?

די מאמע זיינע טענה'ט צו אים:

— קינד מיינס, וואס רעדסטו, אוואו וועסטו זיך ארומשאלייען אין די טיפע בלאטעס בייננאכט מיט די שלח־מנות'ן? דו ביסט דאך א שוואך קינד. היינט ווי פאסט עס פאר דיר, חיים ריוועלעס אן איי־ניקל? און וואס פאר א פנים וועט די מאמע דיינע האבן, אז דו וועסט ווערן א שלח־מנות טרעגער?

עס האבן אבער ניט געהאלפן זיין מאמעס רייד; ער וועט קיין לינגער ניט בלייבן. ער האט שוין צוגעזאגט ביי שלמה חסיד, דעם שטאט־גביר, אז ער וועט קומען און טראגן זייער שלח־מנות. זיי וועלן אים געבן א גריווונע פון זייער קעשענע, אחוץ האנט־געלט פון די וואוהין ער וועט די מתנות ברענגען.

משה׳לע האט פאר זיך דערזען די גרויסע שטוב פונם שטאט־גביר מיט דעם גרויסן בליך־לאמפ, וואס האט אים געשלאגן אנטקעגן . . . דער טיש איז געדעקט מיט כל טוב . . . דאס גרויסע געזינדל זיצט ארום און ארום מיט מלבושי־כבוד. ר׳ שלמה מיט זיין לאנגער, גרויער באָרד און ברייט באַוואַקסענע, נאָך כמעט שוואַרצע ברעמען און פייערדיקע אויגן, זיצט מיט אַזאַ גדלות ביים טיש. און עס דוכט זיך משה׳לען אויס, אַז ר׳ שלמה האט דאס געשטאַלט פון מרדכי היהודי, ווי ער ווערט המנ׳ס מיניסטער, ער רעגירט און באַפעלט און ער, משה׳לע, האט די זכיה ביי אים צו דינען. דוקא היינט, אין דער צייט פון פורים.

מיט אַ באַזונדערן שטאָלץ שפּרייזט טאַקע משה׳לע אַרום אין די חושב׳דיקע געסלעך מיט דער גאָלדענער טאַץ אין האַנט, וואָס דוואַסע, די גביר׳נטע, האט אים געגעבן באַדעקט מיט אַ ווייס דעקטיכעלע.

—דאָס וועסטו צוטראָגן צו יענקל מעלים און זאָגן, אַז שלמה מיט דוואַסען האָבן דאָס געשיקט, און אַז מען וועט דיר געבן שלח־מנות צוריק, זאָלסטו נעמען.

מיט גרויס פאַרזיכט שלייכט דאָס בחור׳ל אַרום אין די טיפע בלאָטעס מיט דער גביר׳ישער טאַץ אָנגעפילט מיט די רייצנדע געבעקס, וואָס בויערן ממש זיינע נאָזלעכער. ער טרעפט פּונקט אין די פּלעצער, וואו מען נעמט אים אויף מיט גרויס פרייד און מען פילט אָן די טאַץ צוריק. מען פאַרגעסט אויך ניט אָן אים אַליין. זיינע קעשענעס קלינגען שוין אָפּ מיט די „פּירערס״, און „זעקסערס״, וואָס ער באַקומט פאַר אַ גאַנג. מען פרעגט אים אויך, וואָס די מאַמע זיינע מאַכט, צי האָט זי אים געשיקט געלט פאַרדינען? ער פאַרשעמט זיך און וויל זיי אויסזאָגן דעם אמת. נאָר זיי פאַרכאַפּן גלייך צוריק:

— ניש׳קשה, ניש׳קשה, — טרייסטן זיי אים, — ביסט אַ גוט קינד, אַז דו העלפסט דער מאַמען. דו האָסט אַ גוטע מאַמע . . .

משה׳לע איז שוין צוגעוואוינט צו די רייד. שווער זיינען נאָר די בלאָטעס, וואָס זינקען אונטער זיינע פיס. אים שרעקט שוין אַפילו ניט די פינצטערע נאַכט. ער הערט זיך אויפמערקזאַם צו צו דעם קלינגען פון די מטבעות ביי אים אין קעשענע און אין געדאַנק ווערט אים ליכטיק, ווי די לבנה וואָלט זיך מיטאַמאָל באַוויזן מיט איר גאַנצער ליכטיקייט און פּראַכט.

— און וויפיל א שטייגער האט ער שוין געמאכט פונם שלח־מנות־טראגן? — ווערט ער נייגעריק און וויל זיך שיר ניט כאפן איבערציילן די מטבעות. — ער וועט זיי איינגאנצן אוועקגעבן דער מאמען, — טראכט ער מיט שטאלץ, — זאל זי וויסן, אז זי האט שוין פון אים א הילף, אז ניט אומזיסט האט זי אים געלאזן גיין.

ער דערמאנט זיך אבער, אז ער טאר ניט ציילן און ניט חקירה'ן, ווייל די צייט שטייט ניט, ער מוז צוריקקומען אויף גיך.

און ווידער אמאל פילט זיך אז די טאץ:

— דאס וועסטו צוטראגן צו דוד סאסים, — זאגט אים געמיט־לעך די גוטע דוואסע. — דו ווייסט דאך ווער דוד סאסים איז? — פרעגט זי אים איבער.

— געווים, געווים, ווים איך, — ענטפערט משה'לע ניט אזוי זיכער.

נאר באלד איז ער שוין אין דרויסן. דאס הארץ הייבט אים אן צו קלאפן, — ער האט דאך געזאגט א ליגן, ער ווייסט טאקע ניט ווער דער דוד סאסים איז, כאטש ער איז זיכער אז ער קען די גאנצע שטאט מיט דוד'ס. ער קען אפילו די שטיבער פון די ארומיקע פוי־ערים, ווייל זינט זיין טאטע איז געשטארבן לויפט ער שטענדיק ארום איבערן שטאט מיט זיינע חברים און איז אויסגעקאכט אין יעדן ווינקעלע. און דא, מיטאמאל — דוד סאסים; ער האט זיכער זייט ער לעבט אזא נאמען אין שטאט ניט געהערט.

עס פאלט אים איין, אז ער וועט צוריקגיין צו דוואסען און ביי איר פרעגן: ווער איז דאס דער דוד סאסים און וואו וואוינט ער? ער כאפט זיך אבער גלייך צוריק: ווי פאסט עס גאר פאר אים צוריק־צוגיין און זאגן, אז ער ווייסט ניט ווער דוד סאסים איז? ער וועט נאך דערצו בלייבן א ליגנער, און ס'וועט הייסן, אז ער ווייסט ניט וואס ס'טוט זיך מיט אים, און ס'וועט אים מאכן א מיאוס'ן שם.

ניין, — באשליסט ער, — ער וועט ניט צוריקגיין, ווען ער זאל אפילו דארפן גיין צו אלע דוד'ס אין שטאט. זיי וועלן דאך ניט צו־נעמען א פרעמדן שלח־מנות, יעדערער ווייסט דאך וועמענס קרוב מען איז.

און אזוי שפאנענדיק הייבט ער אן אויסצורעכענען אויפן קאפ וויפיל דוד'ס עס זיינען פאראנען אין שטאט: זאל עס זיין דוד דער בלינדער, וואס פארקויפט מעל? קען עס דאך ניט זיין, ווייל דוד קער

זיך דאך אז מיט זיי, מיט זיין מאמעס צד. זאָל עס זיין דוד פון קרעטשמאַלע? וואָלטן זיי אים בפירוש געדאַרפט זאָגן, דוד פון קרעטשמאַלע. וואָרום ווער קען עס ניט דוד'ן מיט זיין הערינג־קלייטל? זאָל עס זיין דוד דער מלמד? איז ער, משה'לע, דאך זיכער, אז דוד מלמד'ס נאָמען איז שטענדיק — מלמד, און ר'איז אַ גרויסער אָרימאַן דערצו, און וויבאַלד אַז אָרימאַן קען ער דאך ניט זיין קיין קרוב צו שלמה חסיד.

האָט שוין משה'לע ביי זיך באַשלאָסן, אַז דער שלח־מנות איז געווים פאַר דוד חזן, ווייל דעם חזן, איז ער זיכער, שיקט די גאַנצע שטאָט שלח־מנות.

נאָר אַזוי גייענדיק עט אַרונטער שטאָט, וואו דוד חזן האָט זיין נידעריק שטיבל, לעבן טייך, וואו מענטשן גייען זעלטן אין אַזאַ צייט, און דעם קוראַזש האָט משה'לע מחמת דעם שוין פאַרלאָרן, — האָט עס אים מיטאַמאָל געטאָן אַ שטעל אָפּ: נייז, — האָט ער צו זיך געזאָגט, — ער וועט אַזוי ווייט ניט גיין, ביז ער איז ניט זיכער, אַז דער שלח־מנות איז טאַקע פאַר אים, פאַר ר' דוד חזן. מיטאַמאָל האָט אים אַ שלאָג געטאָן אַ געדאַנק, פאַר וועלכן ער האָט זיך אַליין פאַרשעמט:

— זאָל עס זיין דוד פּאַ . . . ? ניין, עס קען ניט זיין!

ער הייבט אָן אָפּצושטעלן די אַנדערע שלח־מנות'ן טרעגער:

— יענקל, הערשל, ווער איז דוד סאַסים?

זיי לאַכן זיך אָבער אויס פון אים און אַנטלויפן:

— דריי זיך אַביסל אַרום, ווי איך האָב זיך פאַראיאָרן אַרומגעדרייט . . . — רייצט זיך מיט אים יענקעלע תקיף מיט זיין קוויטשיק געלעכטערל.

משה'לע דערפילט ווי דאָס בלוט קאָכט אין אים פאַר חרפה. ער ווישט דעם קאַלטן שוויים, וואָס האָט אים באַדעקט. שיר, שיר האָט זיך די טאַץ מיטן געבעקס אַ בייג געטאָן ביי דעם, נאָר צום גליק האָט ער זי דערכאַפּט און פאַרהאַלטן פון אַרונטערצופאַלן.

אין דער מינוט האָט ער איינגעזען, אַז ער האָט קיין אַנדער ברירה ניט ווי נאָר זיך צו פאַרקירעווען אַהיים און אויפוועקן זיין מאַמען און איר דערציילן דעם אמת, אַז ער דרייט זיך שוין אַרום אין די פינצטערע גאַסן איבער אַ שעה און קען ניט געפינען אַזאַ נאָמען ווי דוד סאַסים. ער האַלט זיך אָבער אָפּ, ווייסנדיק, אַז די מאַמע וועט זיך דערשרעקן

ווען זי וועט אים דערזען, א צעהיצטן, א פארשוויצטן. ווי שטענדיק וועט זי אנהייבן ברעכן מיט די הענט און זיך צעיאמערן:

— דו האקסט מיר אפ די יארן, מיין קינד, דו וועסט נאך בלייבן אן א מאמען . . .

ניין, ער גייט ניט אהיים. ווייטער! ער וועט אריינטראגן די טאץ צו דוד דעם בלינדן, אין דעם הויז, לעבן וועלכן ער געפינט זיך און זאל זיין וואס עס וויל זיך. דוד איז דאך סיי־ווי אן אייגענער, און אויב דער שלח־מנות איז ניט פאר אים, וועט ער דאך אים געוויס זאגן:

— משה'לע, האסט א טעות, ס'איז ניט פאר מיר . . .

עס גיט אים א טראג צו יענער שטוב. אלטע דוד'ס עפנט פאר אים די טיר. עס גיט אים א שלאג די ליכט אין די אויגן. ער בלייבט א וויל שטיין ביי דער טיר.

— זע נאר, דוד! משה'לע ראטצים מיט שלח־מנות! קום נענטער, משה'לע! וואס עפעס אזוי שפעט? זע נאר ווי דו ביסט פארשוויצט. סארא איינפאל פון דער מאמען, צו שיקן דאס קינד אזוי שפעט אין אזעלכע בלאטעס מיט איר שלח־מנות . . . שטעל שוין אוועק דעם טאץ, משה'לע, נעם אראפ דאס רעקל און רו זיך אפ פון אזא מהלך . . . — בעט זיך ביי אים אלטע דוד'ס און דעקט דערווייל אפ די מתנה, וואס ליגט אין טאץ.

משה'לע שטייט אבער נאך אלץ ביים טיש און טראכט ווי אזוי ארויסצוקומען מיטן אמת.

— איך קען זיך איצט ביי אייך ניט זעצן, אלטע, — שטאמלט משה'לע ארויס ווי פארשעמט. — דער שלח־מנות איז ניט דער מאמעס, דאס האט אייך געשיקט שלמה חסיד מיט דוואסין . . .

— שלמה חסיד? — פרעגט דוד איבער נייגעריק און מיט פאר־וואונדערונג, ווי ער וואלט זיינע אייגענע אויערן ניט געגלויבט.

— יא, — ענטפערט משה'לע ערנסט, אבער ניט אזוי זיכער.

— וואס פרעגסטו דאס קינד? — מישט זיך שוין אלטע אריין. — דו ווייסט דאך, אז משה'לע וועט קיין טעות ניט מאכן! מסתמא ווייסט דוואסי, אז אלטע האט זיך ביי איר פארדינט, אז דעם שענסטן פוד געבייטלטע מעל האלט איך פאר איר און מסתמא האט זי אויך ניט פארגעסן, אז ווען זי איז געגאנגען צו קינד מיט איר רחל'ן, בין

איך מיט איר אויפגעוועז די גאנצע נאכט, איידער ביילע די באבע איז געקומען.

מיט אן אנגעפילטער טאץ אויף צוריק, וואס אלטע האט מיט־געשיקט, האט זיך משה׳לע געלאזט צוריק אין וועג אריין צו די חסיד׳ס. ער האט געוואלט שפאנען וואס גיכער כדי צו ענדיקן זיין שליחות און גיין אהיים. זיינע אויגן האבן אבער ארומגעוואנדערט, געפילט ווי אימיצן צו באגעגענען פון זיינע באקאנטע, ביי זיי אויסצוגעפינען אויף זיכער, צי דוד דער בלינדער איז טאקע דוד סאסים, און אויב ניט, זאל ער כאטש וויסן וואס צו ענטפערן. ער איז גרייט זיך מודה צו זיין, אז ער האט באלד ניט געוואוסט וואוהין זיי שיקן אים, נאר געהאפט, אז ער וועט זיך אנפרעגן.

מיטאמאל האט ער דערהערט א באקאנטע היימישע שטימע אים רופן:

— משה׳לע, משה׳לע, וואס לויפסטו אזוי? ווארט א ווײלע, וועלן מיר גיין אינאיינעם!

משה׳לע ווייסט שוין ווער דאס איז. אודאי איז דאס שמעיה דוד, אויך מיט אן אנגעפילטער טאץ מיט שלח־מנות.

— אזוי, דו טראגסט שוין אויך, משה׳לע, שלח־מנות? — פרעגט שמעיה דוד שוין א הייזעריקער קוים כאפנדיק דעם אטעם. — אזוי שפעט אין דער נאכט און דיין מאמע האט עס דיר געלאזן? . . .

— יא, — ענטפערט משה׳לע שוין היימלעכער. — איך טראג ביי שלמה חסיד.

— טאקע? — איז אים שמעיה דוד מקנא. — וועסט דאך מאכן א שיינע קאפיקע . . .

שמעיה דוד איז געשטראפט פון דער נאטור מיט א קורצן אטעם. ער האט זיך דערצויגן ביי א טאטן א שוסטער, א גרויסער ארימאן, און אזוי וואגלט ער אפ זיינע יארן אין שטאטישן בית־המדרש הינטער דער הרובע; ער העלפט דעם שמש איינהייצן דעם אויוון, אנציינדן די לאמפן, גייט א גאנג, פירט אמאל וואסער אין שטאט אריין אין א פאר־פסח, און אט אזוי דערנערט ער־זיך. ער איז שוין באלד אין די פערציקער, האט קיינמאל ניט חתונה געהאט, און איז צופרידן וואס די שטאט פארגעסט אן אים ניט. אז ס׳קומט פורים האט ער זיך זיינע יערלעכע בעלי־בתים, וואו ער טראגט שלח־מנות, און מאכט א פיין קערבל, ווייל ווער האט אויף „שמיידאווידן" ניט קיין רחמנות?

ער איז אויך א גוטער ברודער מיט דעם יונגווארג, פונקט ווי זיי וואלטן מיט אים אין איין חדר געגאנגען.

משה׳לע דערציילט אים וואס ער האט היינט דורכגעמאכט:

— דו ווייסט אודאי, אויב דוד דער בלינדער איז דער זעלבער ווי דוד סאסים? — פרעגט ער אים מיט נייגער און ווארט מיט אומ־געדולד אויף זיין ענטפער.

שמעיה דוד בלייבט שטיין א צעטראגענער:

— וואהעס? האסט אוועקגעגעבן משה חסיד׳ס שלח־מנות צו דוד דעם בלינדן?

— יא! — ענטפערט משה׳לע א פארצווייפלטער.

— און דו ווייסט ניט, אז דוד סאסים איז גאר דוד פארד? . . . א שיין שטיקל ארבעט האסטו איצט אפגעטאן! שלמה חסיד האט געדארפט וויסן, אז אזא אינגל ווי דו ווייסט ניט, אז דוד פארכס מאמע האט געהייסן סאסי . . . דו גיי שוין אויף גיך און דערצייל זיי דעם אמת, אז דעם שלח־מנות האסטו ניט געבראכט צו דוד פארד, נאר צו דוד דעם בלינדן . . . גיי, גיי, שרעק זיך ניט, ביסט חלילה ניט באגאנגען קיין גנבה, — האט אים שמעיה דוד אי גע׳עצה׳ט, אי געטרייסט.

משה׳לע איז געווארן ווי צעמישט, געפילט ווי א בייזער שטן האט זיך מיט אים א שפיל געטאן. אין זיין יונגען מוח האבן זיך אנגעהויבן ארומצואווארפן געדאנקען, וואס האבן אים אי בארואיקט, אי באאומרואיקט, ווייל ווייניקסטנס איז אים איצט געווען קלאר וואס ער האט דא אפגעטאן.

ער האט זיך אויף גיך געזעגנט מיט שמעיה דוד׳ן, און אנגע־הויבן שטעלן פיס, ווי אימיצער וואלט אים נאכגעיאגט. לויפנדיק האט ער נאך געהערט שמעיה דוד׳ס קול אים נאכשרייען:

— האב ניט מורא, משה׳לע, זאג דעם אמת!

ווען משה׳לע האט נאר אריבערגעטראטן די שוועל ביי די חסיד׳ס מיט דער געפילטער טאץ אויף צוריק, האט דוואסי גאר אויפגעלעבט:

— אוואו ביסטו דאס געווען אזוי לאנג, משה׳לע, וואס איז מיט דיר געשען? ביסט דאך שוין אוועק איבער א שעה. מיר האבן שוין ארויסגעקוקט אויף דיר די אויגן ווי אויף משיח׳ן.

— איך בין ניט שולדיק, — האט משה׳לע געענטפערט מיט טרערן אין די אויגן. — איך האב יעדן געפרעגט ווער ס׳איז דוד

סאַסים — חיים'ז, הערשלעז, יענקלעז, — זיי האָבן אויך ניט גע־וואוסט . . .

— איז צו וועלכן דוד האָסטו דעם שלח־מנות געבראַכט? — האָט שלמה נייגעריק געוואָרט אויף זיין ענטפער.

— צו דוד דעם בלינדן! — האָט משה'לע געענטפערט דער־שראָקן.

— צו דוד דעם בלינדן? — האָבן זיך מאַן און ווייב א כאַפּ געטאָן.

משה'לע האָט ניט געענטפערט. ער איז געשטאַנען אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און טרערן האָבן אים גערונען פון די אויגן.

— נו, דו דאַרפסט ניט וויינען, משה'לע טייערער, האָסט זיך ניט וואָס צו שרעקן, ס'איז ניט קיין געפאַר, — האָט זיך דוואָסי ביי אים געבעטן. — אַלטע מעג פון דוואָסין אויך אַמאָל האָבן א שלח־מנות . . . אַזא טעות קען זיך טרעפן ביי יעדן . . . שולדיק בין איך. דאָס האַרץ האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז אַזא קינד ווייסט ניט פון אַזא נאָמען ווי „דוד סאַסים".

— האָסט אָבער דאָס קינד ניט געדאַרפט שיקן סתם אין דער וועלט אַריין! — האָט זיך שלמה געבייזערט אויף זיין ווייב. — א גאַנצע שטאָט רופט א מענטשן „דוד פאַרד" און דיר שטייט עס ניט אָן! דו ווילסט אים נאָר רופן דוד סאַסים, ווייל ס'איז דיינס א משפחה . . . אָבער וואָס ווייסט א אינגל? . . .

— און דו, משה'לע, וויין ניט, דו האָסט געטאָן דיין שליחות בשלמות. אַזא יאָר שוין צו מיר! ביסט א וואויל אינגל, משה'לע. אַט האָסטו א גאַנצן פערציקער, האָסט עס כשר פאַרדינט . . . אַז מירן דערלעבן איבער א יאָר, זאָלסטו קיין שלח־מנות ניט דאַרפן טראָגן.

— און דו, דוואָסי, וואָס שטייסטו? גיב בעסער דעם אינגל א גלעזל טיי מיט עפּעס צוצובייסן. זאָל דאָס קינד אויך וויסן פון א סעודה. ער איז זיך גענוג אָנגעלאָפן.

— זעץ זיך, משה'לע, צום טיש. שעם זיך ניט, פאַרזוך א שטיקל פלאָדן, און וויס אַז ס'איז היינט פורים, א יום־טוב, ווען אַלע אידן באַדאַרפן זיך פרייען וואָס זיי זיינען נצול געוואָרן פון טויט, און זייער שונא המן האָט געכאַפּט א מפּלה . . . עס און

טרינק, משה׳לע, ווייל ניט איין מאָל נאָך וועלן מיר דאַרפן נצול ווערן ווערן און זען אַ מפּלה אויף אונדזערע שונאים.

— — — — — — — — — —

שוין עטלעכע און דרייסיק יאָר זיינען זייט דאַן אַוועק. משה׳לע איז שוין לאַנג אין אַמעריקע. אַ סך, אַ סך האָט שוין משה׳לע דורכגעלעבט און דורכגעמאַכט אין אַמעריקע, אָבער ווען עס קומען די טעג פון פורים, שטייט אים יענע פורים־נאַכט בילד פאַר די אויגן.

פיש אויף שבת

אַז דער פאָטער איז פרייטיק אין דער פרי נאָך ניט געקומען צוריק פונם יאַריד, זיינען די קינדער געוואָרן פאַרצווייפלט. ערשטנס, טרעפט עס ניט אָפט, זייער פאָטער זאָל זיך פּלוצים פאַרשפּעטיקן אויף אַ טאָג. אין די געוויינלעכע יאַרידים קומט דער פאָטער אַז ביינאַכט, ווען די קינדער שלאָפן שוין. דער פויער ווייסט שוין, אַז ער מוז אָפּוואַרפן די סחורה פאַמעלעכן, כדי ניט אויפצואוועקן מרדכי'ס קינדער. זיי האָבן זיך אודאי אַנגעמאַטערט אַ גאַנצן טאָג אַרומלויפנדיק אין די גאַסן.

דער פויער ווייסט ניט, אַז מאיר'ל, דעם טאַטנס מיזיניקל, ליגט שעה נאָך שעה אויף זיין געלעגער און וואַרט, דער טאַטע זאָל צוריק־קומען פונם יאַריד. קיינער ווייסט עס ניט, ס'הייסט גאָר, אַז מאיר'ל שלאָפט געשמאַק.

דער טאַטע איז נאָך אוועקגעפאָרן מיטוואָך ביינאַכט, האָט אָנ־געזאָגט די קינדער זיי זאָלן גיין ווי געהעריק אין חדר. יעדן איבער־געלאָזן אַ גראָשן, ער זאָל זיך קויפן וואָס דאָס האַרץ גלוסט, ביז ער, דער טאַטע, וועט, בלי נדר, קומען פון יאַריד. און אַז גאָט וועט העלפן אַ גוטן יאַריד, וועט ער, אי"ה, מאַכן אַ גוטן שבת מיט אַן עוף, און אַז דאָס גליק וועט צושפּילן, ס'וועט זיין גוטע פיש אין שטאָט, וועט ער, אי"ה, אויך פיש קויפן און ווי געוויינלעך זיי אַליין כשר מאַכן. דאָס איבעריקע וועט שוין טאָן זייער עלטער שוועסטערל, אַ מיידל פון אַ יאָר עלף, ווייל שוין עטלעכע יאָר זיינען די קינדער אָן אַ מאַמען און די באַלעבאַטישקייט ווערט געפירט בשותפות פון טאַטן מיט די קינדער.

מערסטנס פילן די קינדער די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ווען ס'קומט אָן דער פרייטיק. זיי דערמאָנען זיך, אַז די טעלער און לעפל מוזן זיין ריין אויף שבת, דער עיקר — די עטלעכע טעפּלעך, וואָס דינען פאַר די שבת'דיקע מאכלים.

געוויינלעך טרעפט אָפט אַ שטיקעלע קריג צווישן די קינדער:

מען קען זיך ניט איינטיילן מיט דער אַרבעט. איינער לייגט אַרויף אויפן צווייטן, ביז עס קומט אַריין אַ גוטע שכנה און מאַכט צווישן זיי אַ פּשרה; זי זאָגט זיי, אַז די מאַמע וועט ניט רוען אין קבר, אויב אירע קינדער וועלן, חס ושלום, ניט לעבן אין פרידן. זי באַווייזט זיי, אַז אַיין באַלעבאַסטע קען טאָן אַלעמענס אַרבעט און זי קריגט זיך מיט קיינעם ניט, פאַרקערט, זי שטייט נאָך אויף גאַנץ פרי און מיט גרויסער ליבע מאַכט זי אַ ברכה ביים נעמען חלה. זי פילט זיך גליקלעך, וואָס דער ליבער גאָט האָט איר געגעבן כאָטש אָט די מצוה. דערנאָך טראַכט זי וועגן אירע קינדערלעך, יעדן קאַטשעט זי אויס אַ פּיט־פּאַליקל, כדי די קינדערלעך זאָלן דערפילן, אַז ס׳קומט אָן דער גוטער שבת.

— אייער מאַמע האָט אויך אַזוי געטאָן. זי האָט אייך אַלעמען אין זינען געהאַט. פאַרוואָס־זשע זאָלט איר, קינדערלעך, ניט האָבן אין זינען די מאַמען? — דערענדיקט די שכנה מיט פאַרוואָרף.

די קינדער פילן, אַז די שכנה איז גערעכט, כאַפּט זיך יעדער פלייסיק צו דער אַרבעט, אַבי ניט צו פאַרשוועכן דעם עונג שבת.

אָבער ס׳איז שוין פרייטיק אין דער פרי און דעם טאַטנס גע־לעגער איז גאַנץ. די אַלע גוטע זאַכן, וואָס דער טאַטע האָט צוגעזאָגט קויפן אויף שבת, וועלן שוין ניט זיין. דערהויפּט פילט מאיר׳ל דעם ווייטאָק. ער איז אַ גאַנצע נאַכט געווען וואָך. ער ווייסט שוין אויף זיכער, ווען דער טאַטע האָט אַ גוטן יאַריד. ער האָט אַ גוטן סימן — וואָרפט דער פויער ניט אָפּ קיין סחורה, הייסט עס, אַז דער טאַטע האָט אַלץ פאַרקויפט. פונקט דאָן עפנט דער טאַטע שטיל די טיר. דעם פויער ווינטשט ער אַ גוטן פרימאָרגן. און ביים אויסטאָן דעם אויי־בערשטן וואַטאָווען מאַנטל, קוקט זיך דער פאַטער אַרום, אויב די קינ־דערלעך שלאָפן אַלע אויף זייערע ריכטיקע פלעצער, צי די שטוב איז אין אָרדענונג.

מאיר׳ל זעט עס אַלץ. ער וויל ברייט עפענען די אויגן, נאָר ער איז ביי זיך ניט זיכער, אפשר איז דער טאַטע ניט אין קיין גוטער שטימונג?... און אָט אַזוי ווערט ער צוריק איינגעשלאָפן ביז אין דער פרי, ווען דער טאַטע קומט שוין פון בית־המדרש מיט דער גוטער בשורה...

אָבער היינט? ער פילט, עפּעס איז מיטן טאַטן ניט גלאַטיק. עס האָט שוין אַמאָל געטראָפן, אַז דער טאַטע איז פאַרבליבן אויף

שבת אין דער פרעמד. עס איז יעמאָלט געווען אַ ביטערער ווינטער, דער שניי האָט געקרעכצט אונטער די פיס, פערד זיינען געפאַלן אויף דעם ביטערן אייז, אַפילו די שאַרפע פּאַדקאָוועס האָבן אויך ניט גע־האָלפן. אַט מחמת דעם האָט דער פאָטער ניט געקענט קומען אין צייט אַהיים . . .

אָבער היינט? אין אַזאַ שיינעם זומער־טאָג, ווען די לופט איז אַזוי פריש, ווען דאָס וואַסער אין די טייכן בלישטשעט אַזוי מילד און שטילינקע כוואַליעלעך שניידן זיך דורך זייערע וועגן, קיין זאַך האַלט זיי ניט אָפּ. די פישעלעך טונקען זיך אונטער אַרויף און אַראָפּ און גייען זיך אַ שטיפערישן טאַנץ אין זייער וואַסער־וועלטל, — פאַרוואָס זאָל היינט דער טאַטע אויספעלן?

מאיר קען ניט רוען. ער לויפט צו זיין זיידן אים אָנזאָגן, אַז דער טאַטע איז נאָך ניטאָ, און ס׳איז פרייטיק, און אין שטוב איז אַפילו ניטאָ קיין חלה.

דער אַלטער זיידע, וואָס איז אַליין אויך אָרעם, לעבט כמעט נאָר פאַר די אייניקלעך וועגן. מאיר׳ל ווייסט עס אויף גיך. יעדן גראָשן נעמען זיי צו ביי דעם אַלטן זיידן, און ער אַליין קומט אָפּ בלויז מיט אַ גלעזל ציקאָריע, וואָס זיין קאַמעניק מאַכט פאַר אים. מערסטנס ניאַנטשעט ער זיך מיט די אייניקלעך. זיי זיינען ביי אים ווי קינדער אין די וויגן. ער פאַרנעמט דאָס אָרט פון זיין פאַרשטאָרבענער טאָכ־טער, דער בת יחידה, די אייניקלעך זאָלן כאָטש אויסוואַקסן געזונטע קינדער.

אַט דער זיידע האָט עס די זכיה צו הערן די שטענדיקע גוטע בשורות פון זיינע אייניקלעך. ביינאַכט און בייטאָג איז ער אויף דער וואַך צו דינען די קינדער פון זיין נשמה.

ער נעמט מאיר׳לען אַז ביי דער האַנט און ווי דער שטיינער פונ[illegible] זיידן דערהערט זיך דאָס וואָרט:

— נו, קום!

דאָס קינד ווייסט אַליין ניט וואוהין דער זיידע נעמט אים, נאָר אין זיין יונג הערצל פילט ער, אַז דער זיידע פירט אים געוויס ערגיץ, וואו מען באַקומט ברויט און פלייש און אַנדערע מאכלים. די שטאָט ווייסט שוין, אַז דער זיידע, ר׳ אברהם, קומט ניט מיטן אייניקל אומ־זיסט; זיי ווייסן, אַז זיין גראָשן איז כשר. מיט כבוד דערלאַנגט מען

דעם אידן די נויטיקע זאכן פאר די קינדער. אמאל לאזן זיי אים ניט באצאלן:

— ניש׳קשה, ר׳ אברהם, מיר וועלן שוין אפנעמען ביי אייער אידעם.

מאיר׳ל גייט מיטן זיידן. ער פילט, אז דער זיידע איז עפעס ניט אין דער געוויינלעכער גוטער שטימונג. ער פרעגט אים:

— זיידע, וואוהין גייען מיר?

— אין דר׳ערד אריין גייען מיר! — ענטפערט אים דער זיידע בייז.

מאיר׳ל כאפט זיך אבער, אז מען איז גאר באלד אויסער דער שטאט. ער חידוש׳ט זיך, דער זיידע גייט גארניט אין די קלייטן עפעס קויפן. עס ווילט זיך אים ווייטער פרעגן:

— זיידע, וואו פירסטו מיך?

נאר ער שרעקט זיך, דער זיידע זאל פלוצים ניט אויסלאזן צו אים זיין ביטער הארץ. ווייל כאטש דער זיידע איז זייער א גוטער, איז ער אבער א געפערלעכער בעל כעסן.

מאיר׳לען איז אבער באלד איינגעפאלן, אז מסתמא פירט אים דער זיידע צו חיה ריוועז, פון די דריי הייזער, טאקע זיין, מאירל׳ס, א קרובה. איר שטוב איז געווען אויסער דער שטאט. איר מאן עקיבה האט זיך באשעפטיקט מיט שניידן סנאפעס פאר די פויערים אויף סיטשקע, — א מאכל פאר די פערד.

ביי חיה ריוועז האט זיך שטענדיק געפונען עסנווארג, וואס די פויערים פלעגן איבערלאזן אנשטאט געלט פארן שניידן. אזוי ווי דאס הארץ וואלט מאיר׳ן געזאגט, ער גייט טאקע מיטן זיידן צו חיה ריוועז, וועלכע איז טאקע געווען א גרויסע הילף צו ר׳ אברהם׳ס איניקלעך.

אין דער שטיל האט דער זיידע צו חיה ריוועז גע׳טענה׳ט:

— מרדכי איז דאך ניט מער ווי א טאטע, ער פארגעסט א סך מאל, אז ער האט גאר קינדער, ער פארט ארום אויף יארידים, די קינדער לאזט ער איבער אז עסן, אז טרינקען אויפן אלטן זיידנס קאפ. וויפיל איז דער שיעור? וויפיל חיה ריוועס האב איך עס? וויפיל זיינען זיי עס דא אין אונדזער משפחה?

חיה ריווע האט שוין פארשטאנען, אז פאר די קינדער האט קיינער ניט געמאכט קיין שבת.

— זייט רואיק, ר׳ אברהם, איך לעב נאך, איך וועל מרים׳ס

קינדער ניט לאָזן הונגערן. וואָס מיינע קינדער וועלן עסן שבת, וועלן אייערע קינדער אויך עסן. דער עיקר, זאָל אימיצער קומען נאָך דעם.

— מאיר׳ל טייערער, — האָט זי זיך אַ קער געטאָן צו מאיר׳ן, — דו קומסט דאָך אָפּט צו מיר, ביסט דאָך אַ וואויל אינגל, נעם מיט חיים׳לען, ביידע אינאיינעם וועט איר אַהיימנעמען דעם שבת. מסתמא האָט דער טאַטע דיינער געהאַט אַ ביטערן יאַריד. מסתמא וועט גאָט העלפן, ער וועט נאָך היינט קומען.

דערווייל האָט מאיר׳ל שוין פאַרזוכט חיה ריוועס געבעקס. עס איז אים מיטאַמאָל ליכטיק געוואָרן אויפן האַרצן.

דער זיידע מיטן איינינקל האָבן זיך אויפן וועג צעשיידט. מאיר׳ל איז אַוועק אַהיים מיט דער גוטער בשורה, אַז ס׳וועט שוין זיין שבת, נאָר ער האָט די אַנדערע ברידערלעך שוין ניט געפונען אין דער היים. זיין עלטער שוועסטערל האָט אים דערציילט, אַז זיי זיינען זיך געגאַנגען באָדן צום גרויסן טייך און האָבן אים אויך געוואָלט מיטנעמען.

אין קורצן האָט מאיר׳ל דערציילט זיין שוועסטערל, אַז זי איז אויף היינט באַפרייט פון שבת מאַכן און ר׳איז אַוועק זוכן זיינע ברידער צום גרויסן טייך.

אַ פריילעכער איז מאיר׳ל געלאָפן זיך טרעפן מיט זיינע ברי־דערלעך ביים באָדן. שוין ביי דער גרויסער מיל האָבן זיך געהערט די קולות פון דעם יונגוואַרג. די אינגלעך זיינען אין וואַסער גע־שוואומען, באַוויזן אַלערליי קונצן, נאָכגעמאַכט די קאַטשקעלעך, ווי זיי טונקען זיך אונטער מיטן קאָפּ אַראָפּ.

די בעסטע שווימער האָט מען ניט געלאָזן רוען, מען האָט זיי שטענדיק גערופן נאָך הילף, אַמאָל אין שפּאַס, אַמאָל אויף ערנסט. איינער פון מאיר׳לס ברידערלעך פלעגט שווימען זייטיק און וואַרפן מיטן אויבערשטן אַקסל. דאָס פלעגט אים געבן אַ געלעגנהייט צו זען יעדן איינעם.

ער האָט טאַקע באַלד מאיר׳ן דערזען אַ נאַקעטן און אים גע־וואָרנט ניט אַריינצוגיין אין וואַסער.

פונם גרויסן טומל האָט זיך באַוויזן מאיר׳לס עלטערער ברודערל מיט עטלעכע קליינע פישעלעך אין די הענט. יעדער פון די בחורים האָט אָנגעהויבן אַרויסצושווימען פונם גרויסן טייך צו זען די קליינע סירדעלאַלעך. עס איז געוואָרן אַ געטומל. יעדערער איז געלאָפן צום

קליינעם טייכל צו געפינען אַן אוצר. די פישעלעך האָבן זיך אַליין געבעטן:

— כאַפּט אונדז, לאָזט אונדז ניט איינזינקען אין דער בלאָטע!

אפשר איז עס גאָר געווען אַ גאָט־זאַך, אַ נס? גאַנצע קעשענעס מיט „לויתנ׳דלעך" האָבן די קינדער אַהיים געבראַכט און די מאַמעס האָבן נאָך צייט געהאַט זיי כשר צו מאַכן און פאַררוקן דעם אוצר אין טשאָלנט.

מיט פריילעכע הערצער זיינען די ברידערלעך אַהיים געגאַנגען פונעם פיש־געיעג, אַזוי ווי דאָס האַרץ האָט זיי געזאָגט, אַז די פישעלעך, וואָס וואַרפן זיך אין זייערע קעשענעס, מיט זיי וועט מען היינט מאַכן שבת.

די שכנים זיינען אָנגעקומען, הערנדיק די פרייד פון די קינדער מיט די קליינע פישלעך.

— איר האָט גרויס מזל, — האָט זיך אַ שכנה אָפּגערופן. — ס׳אַ גאָט־זאַך, קינדער, גיט מיר אַ טאָפּ, גיכער, גיט מיר זאַלץ, דאָס וועט שוין זיין גאָר אַ שבת! אַ גליק וואָס איך האָב נאָך ניט פאַר־רוקט דעם טשאָלנט.

די קינדער זיינען נאָכגעגאַנגען דער שכנה, צו זען ווי זי רוקט אַריין דעם טאָפּ מיט די פישעלעך און ווי זי פאַרמאַכט דעם טשאָלנט. זיי האָבן רק געהאָפט, דער טאַטע זאָל זיך פּלוצים באַווייזן, זיי זאָלן אים קענען אָנזאָגן די גוטע בשורה.

און אַז דער טאַטע האָט זיך ענדלעך באַוויזן אַ שעה פאַר ליכט־בענטשן מיט עטלעכע חלות אין די הענט, האָבן די קינדער געוויינט פאַר פרייד, וואָס זייער טאַטע איז אַהיימגעקומען אויף שבת און זיי האָבן אים מיט פרייד געלאָזט וויסן, אַז אַלץ איז פאַרזאָרגט אויף דעם הייליקן שבת.

אויף מאָרגן האָבן די קינדערלעך מיט זייער טאַטן זמירות גע־זונגען, געדאַנקט דעם וואָס לעבט אייביק, וואָס ער האָט פון הימל זיי פאַרזאָרגט מיט שפּייז כמעט פאַר צוויי שבתים, — דער גוטער שבת פון חייה ריוועןֹ, און דער גוטער שבת פון זייער אייגענער האַרעוואַניע.

דעם זיידנס חנוכה־געלט

אין דער אַלטער היים, געדענק איך, ווען איך האָב נאָך מיין זיידן געהאַט, פלעגט ער ניט פאַרפעלן צו באַטיילן זיינע אייניקלעך מיט חנוכה־געלט. קען נאָך זיין עפּעס בעסער פאַר אַ גוטן אידן, ווי צו געבן די אייניקלעך חנוכה־געלט?

אמת, ער האָט געדאַרפט צעטיילן אַ גאַנצן „קאַרב", יאָ, גאַנצע הונדערט קאָפּיקעס פאַר זיינע אייניקלעך, אַז ערד פּופּצן פאַרשוין, און ווייסן דאַרפט איר, אַז געלט־נעמערס זיינען מיר געווען גרויסע. אייז אייניקל האָט געמוזט איבערשטייגן דעם צווייטן ניט נאָר מיט כוח, נאָר טאַקע מיט קענטעניש אויך. דער בעסטער קענער האָט באַקומען די גרעסטע מטבעה.

— ווי אַזוי האָט דער זיידע געוואוסט אונדזער קענטעניש? — פרעגט איר.

איר מעגט ווייסן, אַז מיין זיידע איז געווען דער ערשטער שרייבער אין שטעטל; יאָ, אַ שרייבער מיט אַלע פּיטשיווקעלעך. ער האָט אַפילו געקענט בוכהאַלטעריי. יאָ, אַז אמת'ער בוכהאַלטער. געשריבן אויך רוסישע בריוו פאַר די פּויערים. אַז „אוטשאַני יעווריי"!

געוויינלעך פלעגט ער באַקומען פאַר אַ בריוו שרייבן גאַנצע פינף „קאָפּיקעס". זיינע בריוו פלעגן מערסטנס געשריבן ווערן קיין מרחקים אין טיף ראַסיי, דאָרטן וואו די קליינשטעטלדיקע זין פלעגן פאַרשווינדן עט ווייט אַזש ביז צום קייסער, צו דינען אין „סאָלדאַטשי־נע" פּונקט צו איין און צוואַנציק יאָר.

אַז טאַטע־מאַמע האָבן זיך פאַרבענקט נאָך די קינדער, איז מען געקומען צו מיין זיידן ר' אַברהם שוואַרצמאַן, ער זאָל זיי העלפן אויסגיסן זייער ביטער האַרץ פאַר די קינדער, וואָס האָבן געלאָזט די פעלדער ניט באַאַרבעט.

און אַז די פעלדער פּוסטעווען, זיינען דאָך די שפּייכלער ווייסט און ליידיק. און ווער האָט עס מער געפילט ווי מיין זיידע? ער האָט

דאך געהאט די זכיה צו זיין עקאנאם ביי א גרויסן „פּאסעסאר“ גאנצע צוואנציק יאר.

האט ער דערפאר געוואוסט וואס ס׳מיינט, ווען פעלדער פוס־טעווען, און דער עיקר, ווען עס פעלן „פּאראבקעס“, בעת מען דארף זיי האבן.

איז שוין אבער די גוטע צייט, ווען מיין זיידע איז געפארן מיט פיר פערד „נאשפיץ“, לאנג אוועק, איז מיין זיידע געבליבן בלויז ביים נאמען דער גרויסער בוכהאלטער און ער שרייבט נאך אלץ הארציקע בריוולעך פאר די אלטע פויערים, וואס האבן אין זייערע דערפער קיין „שקאלעס“ ניט געהאט, קומען זיי צו לויפן צום אלטן „אבראמקא“ און לייזיקן אויס זייערע קעשענעס מיט גאנצע צענערס פאר דעם זיידנס הארציקע בריוו.

אט די צענערס פלעגט מיין זיידע אוועקלייגן גאר אין א באזונדער קעסטעלע פאר זיינע אייניקלעכס וועגן, פאר זיינע מתנות אויף די ימים טובים. אזא געלט קען ער זיך ניט פארגינען אויסצוברענגען אויף זיך אליין. ווייל די צייטן האבן זיך געביטן, נייע „שקאלעס“ האבן זיך גענומען עפענען אין די דערפער, יונגווארג האט אנגעהויבן לערנען די „כרעסטאמאטיע“ און צוגענומען ביי אונדזער זיידן א טייל פון זיין פרנסה פון בריוו־שרייבעריי, א פרנסה, פון וועלכער ער פלעגט צאלן זיינע „נדרים“ אין בית־המדרש, געגעבן דעם רבי׳ן, ר׳ חיים׳לען, זיין יערלעכן פדיון און ס׳איז אים תמיד נאך געבליבן גענוג פאר די אייניקלעך אויף חנוכה־געלט.

אבער היינט איז שוין דער זיידע א זקן, זיין — אמאל רויטע — בארד איז גאר ווייס געווארן, שוין באלד א זיבעציקער, שמועסט מען.

די ברילן זיינען שוין פאר אים טונקל געווארן, די ראיה דינט ניט מער. זיינע רוסישע בריוולעך, זאגט מען, זיינען שוין ניט אזוי הארציק, ניטא מער דאס פייער אין ר׳ אברהם׳ס בריוו־שרייבן. און דאס קעסטעלע ווערט וואס אמאל ליידיקער, אזוי ווי די צענערס וואלטן אויסגעטריקנט געווארן, און דער זיידע מוז דאס קעסטעלע אפהיטן כאטש מיט די געציילטע צענערס פאר די אייניקלעך אויף חנוכה־געלט.

ער איז אבער חוקר ודורש: האט דאס אייניקל זיין חנוכה־געלט פארדינט? גייט ער אין חדר? לערנט ער גמרא, אדער להבדיל

די „ברעסטאמאטיע"? קען ער דאך קיין מתנות ניט געבען סתם צו ארומלויפערס!

האבן מיר, אייניקלעך, דאס געוואוסט, און פאר חנוכה אנגע־הויבן גוט ווערן, געלערנט פלייסיק, געוואלט איבערשטייגן איינער דעם צווייטן אין קענטעניש, אויך געדאווענט מיט כונה. גאט געבעטן, דער זיידע זאל אלץ קענען שרייבן פאר די פויערים, כדי דאס קעס־טעלע זאל זיך מער אנפילן מיט צענערס.

איך האב באמת גאט געבעטן:

— העלף דעם זיידן, גרויסער גאט! עס קומט חנוכה, מיר דארפן געלט! . . .

דער זיידע האט עס אויך געוואוסט ווענן מיין גאט בעטן.

אבער אומזיסט מיין געבעט. בלויז איין צענער האט דער זיידע אפגעשפארט פון א גאנץ יאר אויף חנוכה־געלט. איין איינציקן בריוו האט ער אנגעשריבן.

אמת, זיינע הענט ציטערן אים, זיינע אויגן זיינען פארטונקלט, אבער פארט, ווי וועלן מיר אויסקומען מיט איין צענער, מיר, די פאר־בליבענע צוועלף אייניקלעך קיין עין הרע? וואלטן כאטש געווען בלויז צען, גיט מען זיך אן עצה, מען צעטיילט זיך אקוראט צו גראשנס, אלעמען גלייך. אבער אז ס'זיינען אינגאנצן פאראן צען גראשן, טא וואס טוט מען מיט די אנדערע צוויי אייניקלעך? האבן מיר ווייטער גאט געבעטן.

אזוי ווי צוויי אייניקלעך האבן א טאטן אין אמעריקע, און היינט־מארגן וועט זיי דער פעטער פישל ארויסנעמען אהין, וועלן מיר דאן טאקע האבן דעם גאנצן צענער, צו א גראשן פאר יעדן פון אונדז.

האבן מיר וועגן אונדזער פלאן דעם זיידן דערציילט, און ווייטער גאט געבעטן, ער זאל די אנדערע צוויי אייניקלעך אריבערנעמען קיין אמעריקע.

איז דער זיידע עפעס צו ערנסט געווארן, זיך א ווײַלע פאר־טראכט, און באלד א זאג געטאן:

— ניין, קינדערלעך, ניט אויף דעם דארפט איר גאט בעטן, אז אייער זיידע זאל, חס ושלום, פארלירן די אייניקלעך, כדי איר זאלט האבן וואס מער חנוכה־געלט נאר פארקערט, איר דארפט גאט בעטן, ער זאל דעם זיידנס אלע קינדער אומקערן צוריק פון אמעריקע אהיים, צום זיידן אייערן.

נאָך אַזעלכע ווערטער פון אונדזער זיידן, זיינען מיר געבליבן ווי שטומע. מיר האָבן אין יענעם מאָמענט ניט געקענט באַנעמען דעם זיידנס רייד. דאָך האָט איין אייניקל אַ פאַרוואונדערטער אַ פרעג געטאָן:

— ווי אַזוי־זשע, זיידע, וואָלסטו אונדז אַלעמען באַטיילט מיט איין איינציקן צענער? . . .

דער זיידע איז ווידער ערנסט געוואָרן און געזאָגט:

— אַט דאָס איז, קינדערלעך, אייער טעות: וואָס מער אייניקלעך, מער גליק, מער נחמה, מער אוצרות. און וואָס מער אוצרות, אַלץ מער מתנות וועט איך אייער זיידע קענען געבן.

היינט, מיט פערציק יאָר שפּעטער, דערמאָן איך זיך אָן מיין זיידנס ווערטער, וואָס האָט ממש מיט איין צענער געוואָלט באַטיילן זיינע קינדער און קינדס־קינדער.

פאַר אַ געבעקל ברויט

ישׂראל דער שניידער האָט זוכה געווען צו זיין דער בעסטער שניידער אין שטעטל. ער איז אויך געווען אַ בר־מזל צו האָבן אַ צווייטע ווייב — מיט צווייערליי קינדער: דריי פון דער ערשטער. פינף פון דער צווייטער, — צעטיילט ווי פון גאָט אַליין: פיר זין און פיר טעכטער.

און כאָטש ישׂראל איז שוין געווען איבער די זעכציק, האָט ער נאָך געהאַט ביי זיך זיין אַלטע שוויגער, — די מוטער פון זיין צווייטער ווייב חיה. די שוויגער, כאָטש שוין אין די אַכציקער יאָרן, האָט נאָך מיטגעהאָלפן אין שטוב צו דעם היבשן געזינדל, — קיין עין הרע, צוועלף פאַרשוין.

ישׂראל האָט זיך מיט זיין „גוטער" שניידעריי געמוטשעט, ניט געווען בכוח מפרנס צו זיין זיין גרויסע פאַמיליע. ניט איינמאָל האָט אים געבויערט דער מוח, וואו צו נעמען אַ קערבל אויף אַ געבעקל ברויט.

אין שטאָט האָט מען זיך געוואונדערט, פאַרוואָס ישׂראל לויפט שטענדיק אַרום ליידיק אויף שבת. איבערהויפּט האָט מען זיך געוואונדערט אויף זיינע צוויי פּעאיקע טעכטער, רעבל און עני, וועלכע האָבן אָנגעפירט אַן אייגענע „מאַסטערסקאַיאַ" פאַר זיך און ניט שלעכט פאַרדינט, זיי זאָלן דערלאָזן דער פאָטער זייערער זאָל אויף די עלטערע יאָרן מוזן אַרומלויפן באָרגן אַ קערבל פאַר אַ געבעקל ברויט. אַלע האָבן געוואוסט, אַז ביידע מיידלעך זיינען זייער גוט־האַרציקע, אַז פאַר אַ קלייניקייט שניידן זיי צו די מלבושים פאַר אָרימע טעכטער, כדי זיי זאָלן זיי אַליין קענען אויפנייען.

אויך די אַנדערע קינדער זיינען ניט געזעסן ליידיק. יאָסל, יענקל און הירשל האָבן געאַרבעט ביים טאַטן שניידעריי. האָט מען טאַקע ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס ישׂראל איז אַזאַ גרויסער אביון.

אָבער די, וואָס האָבן געהאַט אַ נאָענטערע שייכות מיט ישׂראל'ס שטוב, האָבן געוואוסט, אַז די סיבה איז דאָ אַן אַנדערע פאַרוואָס עס

קען פעלן ברויט אין אַזאַ שטוב ווי ביי ישראל שניידער. ביי ישראל'ן, אמת, זיינען אַלע קינדער גלייך, אָבער ס'איז פאַרט פאַראַן אַ מחיצה צווישן די קינדער פון דער ערשטער און דער צווייטער פרוי.

ישראל איז געווען אַ מענטש מיט אַ ווייך האַרץ. אים האָט ווי געטאָן צו נעמען ביי זיינע טעכטער אפילו אַ גראָשן, טאָמער וועלן זיי, חלילה, מיינען, אַז זיי שפּייזן די שטוב, און אפשר גאָר חושד זיין, אַז זיי גיבן אַוועק זייערע פאַרהאַרעוועטע גראָשנס צו שפּייזן דעם טאַטנס קינדער פון זיין צווייטער פרוי. ער ווייסט, אַז די צוויי מיידלעך האַלטן אויף די שטוב מיט ציכן, ליילעכער, בעטציג. זיי באַצאָלן דער „וועשנע" פאַר די פּעק וועש, וואָס די שטוב פאַרנוצט, קיין עין הרע. די ריינקייט פון הויז איז דאָך אויך אונטער זייער השגחה, טאָ ווי קען ער נאָך נעמען ביי זיי אויף ברויט? זיי זיינען דאָך מיידלעך אין די יאָרן, און קיין נדן פאַר זיי האָט ער ניט.

פילט ישראל, אַז כל זמן ער לעבט, מוז ער זיין משפּחה געבן ברויט פון זיין אייגענער האָרעוואַניע און גאָט מוז אים העלפן. ער האָט, ברוך השם, געבראַכט די קינדער צו לייטן; זיי קענען שוין פאַרדינען פאַר זיך. אָי, די קלענערע קינדער? איז דאָס מוזינקעלע, סאָסי, שוין ניין יאָר אַלט. ער, ישראל, וועט, איה"ש, זי אויך ברענגען צו לייט. און דאָס, וואָס די שטוב איז אָרעם, ס'פעלט אוים אויף צו עסן, איז ער דאָך אַ מענטש מיט בטחון.

זייט ער איז שניידער אין שטעטל, געדענקט ער, האָט ער געהאַט אַלערליי צייטן: געבאָרגט, געליען, יעדער געבעק ברויט איז אים שווער אָנגעקומען. אָבער דאָס ערשטע ברויט, וואָס זיין חיה נעמט אַרויס פון אויוון, גיט ער אַוועק אַז אָרימאַן. דאָס האָט ער זיך גע־געבן אַ נדר זינט זיין ערשטע ווייב איז אים געשטאָרבן און איבער־געלאָזן מיט די דריי קינדערלעך. קען נאָך זיין אַ גרעסערע מצוה, ווי אָפּטיילן אַ שטיקל ברויט פונם אייגענעם ביסן צו געבן איינעם וואָס איז הונגעריק?!

ער, ישראל אַליין, האָט שוין געהאַט אַזעלכע הונגעריקע טעג. עס איז געווען באַלד נאָך שבעה. די קינדער האָבן ניט געהאַט קיין מאַמען, ניט קיין ברויט. אַלע האָבן זיי דעמאָלט געפילט דעם טעם פון הונגער. דערפאַר טאַקע האָט ער זיך דעמאָלט גענעבן דעם נדר. און ער האַלט וואָרט, כאָטש ער רייסט עס אָפּט אָפּ פון זיין אייגענעם

ביסן און פון זיין פאמיליע, אפילו איצט, ווען ער האט שוין ניט אוואו צו לייען . . .

און פון זיין גאנצער האפנונג אויפן יונגען פריץ האט זיך אויס־געלאזט א בוידעם . . .

„ער וועט זיך נאך דורכפארן צום פריץ,״ — טראכט ישראל. — „ער וועט זאגן דעם יונגען סקיבינעוווסקי, אז זיין פאטער, דער „סטארי פאני״, האט אים שטענדיק אין זינען געהאט. יעדן יאר האט ער אים געהייסן איבערפירן די גאנצע „מאסטערסקאיע״ צו אים, דעם אלטן פריץ, אין הויף אריין, און ער מיט זיינע קינדער, זיינע ארויסהעלפער, זיינען געזעסן און געארבעט, אויסגעפוצט דעם גאנצן „הויף״ מיט מלבושים, געמאכט די שענסטע פורמאנסקי קליידער פאר די קוטשא־רעם . . . „איך האב דאן געהאט ברויט פאר מיינע קינדער . . . איצט איז אייער פאטער שוין אויף דער אמת׳ער וועלט . . . פארוואס־זשע זאלט איר, פריץ לעבן, זיך ניט דערבארימען איבער דעם אלטן, בידנעם ישראל קראוויץ?״

אין ישראל שניידער וויינט אזש דאס הארץ. צוויי הונדערט רובל פלעגט ער ביים אלטן סקיבינעוווסקי פארדינען, און היינט דוקא, ווען ס׳האט זיך אים געדאכט, אז דער יונגער פריץ וועט זיך לאזן וואוילגיין און ער, ישראל, וועט ערשט קענען מאכן א קערבל, באַ־שטעלט גאר דער יונגער פריץ זיינע מלבושים אין די גרעסערע שטעט, און ער, ישראל, איז געבליבן א בעל־חוב, מחמת ער האט זיך פאר־לאזט אויף די נייע פארדינסטן ביים פריץ. איז ער טאקע זייער אין א שלעכטער לאגע.

ישראל׳ן לויפט דורך א געדאנק: אפשר זאל ער זיך האלטן אן עצה מיט זיינע צוויי טעכטער רעבל און עניו, זיי זיינען דאך פאר־שטענדיקע קינדער. ער וועט זיי דערציילן דעם גאנצן אמת, ווי ער האלט. זיי וועלן אים מיט קאפ אויסהערן, ווייסט ער — ס׳איז דאך דאס ערשטע מאל, וואס ער האלט זיך מיט זיי אן עצה. אפשר איז גאר א פלאן מיטצונעמען מיט זיך זיין בא׳חנ׳טע טאכטער צום פריץ מיט זיין עלטסטן זון יאסלען. זיי זיינען פארט פונם יונגען דור, אפשר פאדערט זיך צום יונגען פריץ גאר אן אנדער לשון?

דער אויסרייד וועט זיין, אז ס׳איז אנהייב זומער, עס ציט די קינדער צו די שיינע בלומען, וואס בליען זיך פאנאנדער אזוי פרעכטיק ביי דעם גנעדיקן פריץ. די קינדער, וועט עס הייסן, גערענקען נאך

גוט ווי זיין ליבער פאָטער, דער אַלטער פּאַן, האָט אַמאָל געשיקט אַ פּאַיעטאַן, ער זאָל אַריבערברענגען ישראל קראַוויץ מיט די קינדער אין זיין הויף. יאָ, די קינדער וועלן עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן, דער־פאַר ציט עס זיי יעדן יאָר אין דאָרף, צום הויף.

אָבער עס איז אים שווער דאָס פאַר די קינדער פאַרצוליינען. פאַנטאַזירט ער נאָר וועגן דעם.

אין דער אמת'ן איז ער, ישראל, גאָרניט אַזוי שטאַרק זיכער, צי ס'איז טאַקע אַ פּראַקטישער פּלאַן. עס קען אַמאָל מיינען, אַז די עלטער האָט זיך שוין אויף אים אָנגערוקט, און ער מוז שוין אָנקומען צו די קינדערס לאַסקע, זיי זאָלן פאַר אים שוואַרצן דאָס פּנים, כדי ער, זייער אַלטער טאַטע, זאָל האָבן אויף אַ געבעקל ברויט.

האָט ער זיך טאַקע ניט געקענט באַשליסן און גאָר גענומען דעם טלית און תפילין גיין אין בית־המדרש אַריין דאַוונען. אָבער חיה, זיין ווייב, האָט אים אָפּגעשטעלט:

— סראָעל, וואו גייסטו? דו ווייסט גאָרניט, אַז איך האָב ניט אויף אַ געבעקל ברויט?

— וואָס זאָל איך טאָן? ניטאָ שוין ביי וועמען צו לייען. איך וועל ניט ווערן קיין אַנזעצער! — ענטפערט ער איר אַ פאַרקלעמטער. מיט אַ ביטער געמיט פאַרלאָזט ער די שטוב.

זיינע טריט צום בית־המדרש זיינען שווערע. ער ווייסט, אַז ער וועט זיך שוין שטעלן דאַוונען אין אַ ווינקל. זייט ער איז אַ בעל־חוב, קען ער זיך ממש פאַר מענטשן ניט ווייזן . . . און דאַוונען אין דער היים ביחידות קען ער אויך ניט, איז אים ניט גוט אַרום און אַרום.

זי, חיה, זיין ווייב, פילט אויך דאָס זעלבע. זי ווייסט, אַז איר ישראל איז אַ גוטער מענטש. ער האָט איר שטענדיק געגעבן פאַר דער באַלעבאַטישקייט, זי קען צו אים קיין טענות ניט האָבן. זי ווייסט אויך, אַז דער גאַנצער אומגליק, פאַרוואָס זיי זיינען פאַראַרימט גע־וואָרן, איז איבערן פּריצ'ס טויט . . . אָבער דאָרטן, אין אַלקער, זיצן פאַרשפּאַרט צוויי גרויסע מוידן, וועלכע די גאַנצע שטאָט איז ישראל'ן מקנא. און זיי, די טעכטער זיינע, גייט גאָרניט אָן וואָס ביי זייער טאַטן אין שטוב טוט זיך.

זי דערמאָנט זיך, וואָס פאַראַ ביטערע טעג זי האָט געהאַט מיט די שטיף־קינדער, ווי זי האָט זיי דערצויגן. זי איז זיכער, אַז נאָך היינט באַציט זי זיך צו זיי ווי אַן אייגענע מאַמע. צי דען האָבן זיי

קיין הערצער ניט? צי דען זעען זיי ניט, וואס אין הויז קומט פאר?

א סך מאל וויל זי זיי זאגן וואס איר ליגט אויפן הארצן, נאר זי האלט זי אפ מיט אלע כוחות, ווייל זי וויל איר סראעלן ניט מצער זיין. זי שיילט די קארטאפל אין איילעניש. זי קען פארט ניט איינ־האלטן איר כעס, רייסט זיך ארויס איר טיפע אנגעווייטאקטע שטימע. וואס איז געצילט צום פארהאנג פון די מיידלעכס צימער:

— זע נאר, זיי שלאפן נאך ווי ביים טאטן אין ווייגארטן. אודאי האט מיך גאט געשטראפט, אז איך האב אויפגעהאדעוועט אזעלכע צוויי מוידן ווי אן אייגענע מאמע. געפלאגט זיך מיט זיי, געהיט זיך פאר א הויך ווארט, אימיצער זאל חלילה ניט זאגן, אז איך בין א שטיפמאמע. און היינט, אז מען איז שוין גרויסע מוידן, פאר־מאכט מען זיך אין אלקער און מען זעט גארניט, אז דער טאטע האט ניט אויף קיין ברויט. אבער אז ס׳קומט צום עסן איז מען גאנצע מיוחסים, דאס טויג ניט, דאס געפעלט זיי ניט. אז דער טאטע ווערט אלט, ווייל ער האט שוין ניט וואו צו לייען, דאס גייט זיי ניט אן.

רעבל און עני קומען ארויס פון אלקער האלב פארשלאפן:

— וואס פארא קולות איז דא? ווער האט אייך געטשעפעט? איר זוכט זיך שוין אין פרימארגן, זוכט איר זיך? . . .

אבער דא ווערט חיה שוין ריכטיק אין כעס:

— איר מעגט זיך שעמען! — שרייט זי. — איך בין אייך געווען א ריכטיקע מאמע, אויסגעקארמעט אייך, קיין עין הרע, פאר גאט און לייט, אבער אז דער טאטע ווערט אן יארן אלט און ער האט שוין ניט וואו צו לייען, דאס ארט אייך ניט! זענט איר גאר קיין קינדער ניט? עס גייט אייך גארניט אן, וואס די שטוב דארף? אז סקיבינעצקי איז געשטארבן דארפן מיר אויך שטארבן?

חיה׳ס מוטער, די אכציקיאריקע זקנה, לייגט די שטרוי אין דער הארובע און שרעקט זיך פאר איר טאכטער חיה, וואס איז אזוי אין כעס געווארן, כאטש בטבע איז זי זייער א גוטע . . . נאר קיין גוטס, ווייסט זי, וועט עס איר טאכטער אודאי ניט טאן. בעט זי זיך ביי איר:

— קינד מיינס, טאכטער מיינע, וואס ווילסטו פון די קינדער, וואס? לאז זיי אפ, מען וועט זיך דאך צונויפלויפן!

— גייט אריין צוריק אין אלקער, — ווענדט זיך די באבע צו די מיידלעך.

עס דערהערן זיך געוויינען פון די קלענערע קינדער. די צוויי ברידער, די עלטערע, יאנקל מיט הערשלען, די שניידער הייבן אן שרייען צו זייער מוטער:

— וואס האסטו זיך צעקאכט, מאמע? אונדז שטייט גארניט אן, אז רעכל און עני זאלן ווערן אונדזערע ברויטגעבערקעס.

רעכל שפרינגט צוריק ארויס פון אלקער און צעשרייט זיך:

— אונדזער טאטע פארדינט נאך צו יעדער צייט אויף ברויט מיט חלה... נאר די מאמע אייערע ווייסט ניט ווי צו פירן די באלעבאטישקייט: ביי איר הייסט עסן — פרעסן... איין וואך לעבט מען ווי די גראפן, די צווייטע וואך איז ניטא קיין ברויט... קיינער איז ניט שולדיק...

די צוויי ברידער פילן, אז רעכל איז ניט אבי ווער. די גאנצע שטאט, ווייסן זיי, האלט, אז רעכל איז אן אויסנאם... און ווידער, איז זי דאך פארט פון דער ערשטער ווייב, און זי שטייט דאך טאקע העכער פון זיי. פארשוויגן זיי איר און נעמען זיך צו דער מאמען:

— שוויג שוין שטיל, מאמע, טאמער איז דער טאטע ארויס־געגאנגען דאוונען, האסטו זיך אנגעכאפט אן זיי!

— נו, יא, אודאי בין איך שולדיק, — קען זיך חיה ניט באַ־רואיקן, — איך בין טאקע א פראסטער מענטש, זיי שעמען זיך טאקע מיט מיר, אבער זאלן זיי רחמנות האבן אויפן אלטן טאטן...

— נו, שוויג שוין אמאל! — ווערט שוין די אלטע בייז, גייט צו צו דער טאכטער, פארמאכט איר מיט דער האנט דאס מויל און אליין פלאצט זי ארויס אין א געוויין:

— ווי איז צו מיר און צו מיינע אלטע יארן! טאמער איז מיר נאך באשערט צו לעבן, וויפיל זיין ליבער נאמען האט מיר אנגעצייכנט, ווילסטו מיר די יארן פארקירצן?!

חיה איז אנטשוויגן געווארן. הפנים זי איז גערירט געווארן פון איר אלטער מוטערס רייד. ווישנדיק שטום מיטן פארטוך די טרערן, האט זי גענומען איינשטילן די קלענערע קינדער:

— נו, זאל זיין שטיל, די מאמע אייערע איז שולדיק אין אלץ, איך בין שולדיק...

— גיב בעסער די קינדער א פאר אפגעבראטענע קארטאפליעס, ס'איז שוין צייט די קינדער זאלן עפעס עסן, — באפעלט די אלטע.

און בשעת מעשה רוקט זי זיך פּאַמעלעך אַרויס פון קיך צו זיך אין אַלקער אַריין.

אין אַ ווײַלע אַרום קומט זי צוריק אַרויס. זי טראָגט מיט זיך אַ פאַרבונדן פּעקל און לאָזט זיך גיין אין גאַס.

דאָס קליינע אייניקל לויפט איר נאָך און שרייט:

— באַבע, וואו גייסטו?

— איך קום באַלד צוריק! — ענטפערט די אַלטע.

אויך איר טאָכטער חיה וויל פרעגן די מוטער, וואו זי גייט פּלוצים אין אַזאַ פראָסט, אָבער ס׳האָט איר עפּעס ווי אַפּגענומען דאָס לשון. זי פילט, אַז די מאַמע גייט ערגעץ, וואָס זי טאָר ניט פרעגן וואו...

בלויז די צוויי זיבעצן־יאָריקע שניידער־אינגלעך האָבן אַ ווײַלע פאַרגעסן זייער אַרבעט און מיט אָנגעשטרענגטע נייגעריקע בליקן האָבן זיי איר נאָכגעקוקט. זיי האָבן געזען ווי די אַלטע באַבע זייערע שלעפּט זיך קוים אַרויף־באַרג צו שלום ריוועלעס שטוב.

מיט שטומע בליקן האָבן זיך די צוויי אינגלעך איבערגעקוקט. ווען די באַבע איז שפּעטער צוריקגעקומען אַהיים אַ פריילעכע, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז איר גאַנג האָט געהאַט עפּעס אַ שייכות מיט דער הײַנטיקער מחלוקה...

— וואו ביסטו, חיה? — האָט די אַלטע, אַריינקומענדיק, גע־רופן איר טאָכטער. — נאַ דיר אַ קערבל און גיי נעם מעל, נאָך הײַנט וועסטו באַקן ברויט...

חיה וויל זי פרעגן: וואָס? ווער? ווען?...

— פרעג ניט, בהמה, און ברענג מעל, זאָג איך! — רעדט די אַלטע אַרויס בייז און זי נעמט צוגרייטן די דייזשע מיטן זויער־טייג פאַרן נייעם ברויט, וואָס מען דאַרף באַקן.

די קינדער זיינען געשטאַנען און געקוקט אויף דער באָבן מיט פאַרשנדיקע בליקן, ניט וויסנדיק וואָס פאַר אַ נס דאָ איז געשען.

אַט אין דער מינוט האָט זיך ישראל באַוויזן מיטן טלית און תפילין פון דאַוונען, אַ קוש געטאָן די מזוזה און אַוועקגעלייגט דעם תפילין־זאַק.

די קינדער האָבן זייער געוואָלט דערציילן דעם פאָטער, וואָס איז שטוב האָט זיך אָפּגעטאָן, אָבער די אַלטע האָט נאָך פריער זיי פאַר־זאָגט:

— שטיל זאָל זיין, ווען דער טאַטע וועט קומען! ניט אַ שאָרך!

די קינדער האָבן פאַרשטאַנען וואָס די באָבע מיינט. די באָבע איז ביי זיי געווען שטאַרק באַליבט. אַפילו די גרויסע האָבן זי ליב געהאַט, ווייל זיי האָבן זי געהאַלטן פאַר אַ קלוגע, האָבן זיי זי אי ליב געהאַט, אי געהאַט פאַר איר דרך ארץ.

איידער ישראל האָט נאָך געקענט עפּעס דערקענען, וואָס איז שטוב האָט זיך פאַרלאָפן, ווען ער איז ביים דאַוונען געווען, האָט זיך חיה באַוויזן מיטן פוד מעל אין אירע אָרעמס. ער איז געבליבן שטיין ווי געפּלעפט. וואָס־זשע, האָט, הייסט עס, גאָט געהאָלפן אַז אים, אַז דעם פּריץ? . . .

„מן הסתם, די קינדער!״ — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, ניט וועלנדיק פרעגן ביי חיה׳ן.

— נו, ווי האַלט עס, קינדער, מיט דער אַרבעט? — איז ער צוגעגאַנגען צו זיינע צוויי יונגען, די שניידער. — האָסט שוין אויס־געסטריגעוועט דעם ראָק, יענקל?

— יאָ, טאַטע, — האָט יענקל געענטפערט.

— און דו, הערשל, האָסט שוין אויסגעשליפט די לעבער?

— יאָ, טאַטע, — ווייזט ער אים אַז אויף די אויסגעשליפטע לעבער.

— גוט, גוט, — איז ישראל צופרידן. — איר זענט אודאי הונגעריק, קינדערלעך? מסתמא וועט די מאַמע באַלד עפּעס צו־גרייטן . . .

ער האָט איבעראַניים אַנגעטאָן זיינע ברילן און אָנגעהויבן אַרומ־צוגיין פון שטוב אין אַלקער הין און צוריק, געכאַפּט אַ בליק אין קיך.

די מיידלעך רעכל און עני, ווען זיי האָבן, אַרויסקומענדיק פון אַלקער, דערזען, ווי די אַלטע באָבע שטייט און קאַטשעט אַ בלעטל אויף „פּידפּאַלקעס״ און חיה ראַשטשינעט דאָס מעל, האָט אַ ברען געטאָן דער אַפּעטיט ביי זיי. זיי האָבן געוואוסט, אַז מען וועט באַלד עסן מיטאָג. נאָר כדי עס זאָל ניט אַרויפשווימען אַ נייע קריגעריי אין פאַטערס געגנוואַרט, זיינען זיי צוריק אַריין אין אַלקער, זיך דערוויילן אַנטאָן, ביז דאָס עסן וועט זיין פאַרטיק, וועלן זיי קענען אַוועקגיין פון הויז און פאַרשפּאָרן דעם פאַטער עגמת נפש.

עס האָט אָבער ניט לאַנג געדויערט און די אַלטע האָט אַ רוף געטאָן:

— חייה, דו מעגסט שוין גרייטן צום טיש, די פּלעצלעך זיינען פאַרטיק, און דערלאַנג מיר אַ קנאַבל, וועל איך „אונטערשלאָגן" דעם באָרשט.

— ישראל, גיי זיך וואַשן. הירשל, יענקל, לייגט אַוועק די אַרבעט, מען גייט עסן אָנבייסן! — האָט די אַלטע באַפוילן.

ביידע באַלעבאַסטעס האָבן זיך געגרייט אָנצוהאָדעווען דאָס געזינדל פון, קיין עין הרע, צוועלף פּאַרשוין, שוין אַריינרעכנדיק דאָס לערן־אינגל, וואָס האָט זיך שטענדיק געפונען ביי ישראל'ס טיש, טאַקע געדעקט אין דער מאַסטערסקאַיע.

אָבער עפּעס גייט עס היינט צו לאַנגזאַם, דער טיש ווערט אַזוי גיך ניט אָנגעפילט. כאָטש די אַלטע שטייט אין קיך און פּלייסט זיך אָנצוגיסן די טעלער, איז ווי אויף צו להכעיס פאַלט איר פון די הענט.

— נו, דערלאַנג די קאַרטאָפליעס, די צוויי טעלער באָרשטש, וועל איך אַליין צוטראָגן, — ווינקט די אַלטע צו איר טאָכטער חייה'ן.

ישראל דערקענט באַלד, אַז דאָ איז עפּעס ניט גלאַטיק. דאָך, ווי זיין שטייגער איז, רופט ער די קינדער איינציקווייז ביי די נעמען:

— רעכל, עני, וואָס גייט איר ניט עסן?

אָבער די צוויי מיידלעך קומען פון אַלקער ניט אַרויס.

— איז שוין עפּעס געשען? — פרעגט ישראל. און אויפשטייענדיק פון טיש, האָט ער זיך געלאָזט גיין צו די מיידלעך אין אַלקער, אויסצוגעפינען פאַרוואָס זיי קומען ניט אַרויס צום טיש.

די מיידלעך זיינען אים אַנטקעגן געקומען אַנגעטאָן.

— וואו גייט איר, פּלוצים, פונקט איצט, ווען מען דאַרף עסן אָנבייסן? — האָט ישראל ביי זיי געפרעגט.

— מיר מוזן גיין, טאַטע, מיר האָבן ערשט ניט לאַנג געגעסן. איך דאַרף קויפן זיידנס פאַר אַ בלוזע, — ענטפערט אים רעכל, — און עני נעם איך מיט זיך . . . עס, עס, טאַטע, מיט די אַנדערע קינדער . . .

ישראל באַמערקט ווי די אויגן זיינען ביי זיי פאַרוויינט, און ער דאַרף ביי זיי מער שוין גאָרניט פרעגן. ער פאַרשטייט שוין אַלץ . . . ער שטעלט זיך שוין פאָר, ווי ער וואָלט געווען דערביי, ווי חיה שטייט און מוסר'ט זיי און שרייט, אַז קיין ברויט איז ניטאָ, און טעכטער דאַרפן האָבן רחמנות אויף אַז אַלטן טאַטן! אים האָט אָבער דאָס

האַרץ געזאָגט ביים אוועקגיין פון שטוב, אַז חייה וועט אויסלאָזן דאָס ביטערע האַרץ אירס צו די מיידלעך . . .

זיצט ער, ישראל, ביים טיש אַ דערשלאָגענער. יעדער ביסן ברויט בלייבט אים שטעקן אין האַלדז. נאָר ער סטאַרעט זיך צו באַהאַלטן זיין צער פון די קינדער, זאָלן זיי כאָטש עסן. און ווען ער באַמערקט, אַז די קינדער עסן עפּעס אויך ניט ווי געוויינלעך, גיט ער ביי זיי אַ פרעג:

— פאַרוואָס עסט איר ניט, קינדער, ווי ס'באַדאַרף צו זיין?

די קינדער ענטפערן ניט. מען עסט גיך אָפּ, מען בענטשט מיט אַ מזומן, ווי דער שטייגער איז. ווען מען ענדיקט דאָס בענטשן, זעצט מען זיך צוריק צו דער אַרבעט, און מען פאַרטוט זיך, ווי יעדערער וואָלט וועלן פאַרגעסן וואָס אין שטוב קומט פאָר.

ישראל נעמט אַרויס פון דער שאַפע עפּעס ציינג אויף צו מאַכן „קראַיקע", אָבער ער לייגט עס גלייך צוריק צונויף. דער קאָפּ איז אים ניט דערביי. ער וויל בעסער אַרויסלויפן אין מאַרק צו די שניט־קראָמען, אפשר וועט ער טרעפן דעם פריצ'ס פאַיעטאָן, אָדער אַזוי עפּעס אַ „שליאַכטיטש" וואָס דאַרף אַ שניידער — דאָס איז דאָך זיין ברויט, פון דער אידישער אַרבעט קען ער ניט ציען קיין חיונה. און זיך פאַרלאָזן אויף זיינע קינדערס הילף וויל ער אויך ניט. און אויב זיין חייה האָט היינט אַרויסגעריסן אַ קערבל ביי די קינדער אויפן גאָבעקל ברויט, איז אים טאַקע אַ ווייטיק . . . ניט איין טיש קען חלילה ביי אים צוליב דעם צעשטערט ווערן . . .

מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ גייט ער פון קלייט צו קלייט. די אויגן זיינען ביי אים אָנגעשטרענגט. ער טאָר ניט זיין פאַרטראַכט. ער פרעגט די קרעמער נייגעריק:

— ניט געווען ביי דיר דער „פאַניטש", חיים?

— ניין, — ענטפערט דער קרעמער אומעטיק.

— אַ וואונדער, כ'לעבן, שטענדיק פלעגט ער קומען דינסטיק ביייטאָג. אויב ער האָט ניט געקויפט קיין ציינג, האָט ער געבראַכט עפּעס אויסצופרעסן, אַרויסנעמען די פלעקן. מען האָט כאָטש געקענט מאַכן אַ קערבל. אָבער די לעצטע פאָר וואָכן זעט מען ניט און מען הערט ניט פון אים, — רעדט זיך ישראל אויס דאָס האַרץ פאַרן קרעמער.

דער קרעמער ענטפערט מיט אַ זיפץ. אים, דעם קרעמער, איז

אויך שלעכט, ער האט נאך היינט ניט געהאט קיין „פיטשאטיק״. נאר, אים, ישראל'ן, העלפט עס ניט. דעם קרעמער איז נאך אלץ בעסער ווי אים.

ישראל לויפט ווייטער. ער זוכט, ער נישטערט. ס'איז שוין מנחה־צייט. ער האט זיך שוין געגוג אנגעפרוירן. לאזט ער זיך אוועק אין בית־המדרש אריין דאווגען. דארט קען מען פארט א שמועס טאן מיט א מענטשן צווישן מנחה און מעריב און פארטרייבן אביסל די מרה שחורה.

אבער ישראל קען אין בית־המדרש דאס מאל לאנג ניט איינ־שטיין. ער לויפט אהיים זען, וואס אין שטוב טוט זיך.

ער טרעפט בלויז זיין חיה'ן אין קיך, וואו זי קנעט דאס ברויט. די אלטע שוויגער ליגט אויף איר געלעגער, רוט זיך אפ. אבער די קינדער זיינען קיינס ניטא, הפנים זיך צעגאנגען צו די שכנים.

— וואו זיינען עס די קינדער? — פרעגט ישראל.

— א דאנק גאט, וואס זיי האבן מיך געלאזט אליין, קען איך שטיין און קנעטן דאס ברויט, — ענטפערט חיה.

ישראל דערציילט חיה'ן, אז דעם פריץ האט ער ניט געטראפן. געזוכט, גענישטערט, זיך אנגעפרוירן, ארויסגעווארפענע מי, אבער, — דערענדיקט ער פריילעכער, — א דאנק גאט וואס ער פארלאזט אונדז ניט. אט וועלן מיר ווייטער האבן ברויט אויף א וואך. נאר, למען השם, חיה, פארגעס ניט צו געבן דאס ערשטע ברויטל פנחס'ן . . . אודאי האב איך ניט געוואלט, זאלסט נעמען ביי די קינדער. נאר מילא, איך בין דאך פארט א טאטע . . .

אבער חיה קען זיך ניט איינהאלטן:

— וואס מיינסטו, סראעל? דאס היינטיקע ברויט איז ניט פון דיינע טעכטערס געלט, דאס איז פאר מיין מאמעס תכריכים . . . יא, יא, — האט זי זיך שטיל צעוויינט, — פאר מיין מאמעס תכריכים . . .

ישראל איז געבליבן שטיין ווי פארשטיינערט:

—וואס זאגסטו, חיה?! — האט ער אויסגעשריגן ווי ניט מיט זיין קול. ער האט אויך אנגעהויבן רופן די שוויגער:

— שוויגער, שוויגער, וואס האט איר געטאן? וואס האט איר מיך פארשעמט פאר גאט? איך בין טאקע א פראסטער מענטש, אבער ווי טוט איר דאס אזא זאך אן מיין וויסן?! נייז, שוויגער, איך טאר אזא ברויט ניט עסן, איך טאר ניט! . . . זאגט מיר, איך בעט אייך,

ביי וועמען האָט איר עס פאַרזעצט?

— ביי חיים שלמה'ן, — ענטפערט חיה. — פאַרזעצט פאַר אַכט גילדן . . .

ישראל האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם ראָק. ער וועט לויפן צו חיים שלמה'ן, ער וועט אים בעטן:

— חיים, חיים, דו ביסט דאָך אַן ערלעכער איד, אַ איד אַ למדן. איך בעט דיך, גיט אָפּ דער זקנה די תכריכים, זי האָט עס געטאָן אַז מיין ווייסן, דער משכון איז גאָטס, ניט מיינער. איך שווער דיר, בנאמנות, אַז איך וועל דיר אומקערן ביז אַ פּרוטה. איך וועל מאַכן מלבושים פאַר דיין גאַנצער שטוב, אָבער די לייוונט איז דער אַלטערס, זי איז אַ זקנה, ס'איז איר גאַנץ פאַרמעגן . . .

די אַלטע שטייט ביים טיר און לאָזט אים ניט גיין:

— גיי ניט! — בעט זי זיך ביי אים. — באַרואיק זיך, גאָט איז מיט דיר! ברויט איז בילכער, ס'איז פאַר מיינע קינדער . . .

אָבער ישראל רייסט זיך צום גיין:

— לאָזט מיך גיין, שוויגער, ס'איז מיין חוב, ניט אייערער. איך אַליין טאָר פון אַזאַ ברויט ניט נהנה זיין. איך בין ניט דער איינציקער אָרימאַן. ס'זיינען פאַראַן גענוג אָרימעלייט, צעטיילט עס צו זיי . . .

— גיי ניט, ישראל, גיי ניט! — הערט זיך די אַלטע ביי אים ניט אויף צו בעטן. — דער משכון וועט ניט פאַרפאַלן ווערן, כ'לעב נאָך דערווייל . . .

ישראל האָט זי אָבער ניט געהערט. מיט אַלע כוחות האָט ער זיך אַ ריס געטאָן צום טיר, זיך געלאָזט לויפן צו חיים שלמה'ן.

די אורחים

עס איז געווען פרייטיק־צו־נאכטס. אין בית־המדרש הגדול. די בליץ־לאמפן ברענען שטארק. באלד נאך קבלת שבת, דער אפגע־דאווענטער עולם איילט זיך גיין אהיים אריינצוברענגען דעם געווינטשטן שלום עליכם און פארשפרייטן דעם עונג שבת אין זייערע „דלד אמות".

טייל מענטשן רוקן זיך ארוים ביסלעכוויז, וויסנדיק, אז באלד קומט אן דער שבת־גוי צו פארלעשן די לאמפן און זיי ווילן בלייבן אין דער פינצטער. עס זיינען נאך אבער פארבליבן עטלעכע חשוב'ע אידן אין א געזעמל צו כאפן אן עונג־שבת'דיקן שמועס וועגן דער פארגאנגענער וואך און וועגן אידן בכלל.

הינטער דער הרובע זיצן צוויי פרעמדע אידן מיט אפגעריסענע מלבושים און האלטן די קעפ געצילט אן א זייט צום געזעמל. זיי האפן און בעטן דעם רבונו של עולם, אז איינער פון די בעלי־בתים זאל זיך כאטש איבער זיי מרחם זיין און זיי נעמען אויף שבת. יעדעס מאל, וואס איינער אדער צוויי רייסן זיך אפ פון געזעמל, דוכט זיך זיי אוים, די אורחים, אז אט קומט צו א בעל־הבית און נעמט אן אורח אויף שבת.

ביידע אורחים טוען זיך א שטעל אויף.

— אפשר וועל איך זיין דער, וואס וועט נושא חן זיין? — טראכט יעדערער פון זיי.

— לויט די מלבושים איז דאס געווים דער בעל טאקסע פון שטאט, וואו מען קען האבן א גוטן שבת . . . — פאסמאקעווען זיך די אורחים.

אבער די צוויי אורחים ווערן יעדן מאל אנטוישט. קענטיק, אז דער בעל־טאקסע איז נאך ניט ארויסגעגאנגען. און זיי באדויערן אפילו, וואס יענער אידי, וואס איז נאר־וואס ארויסגעגאנגען, האט זיי פארזען און אפילו ניט גענומען איינעם פון זיי.

איינעם פון די אורחים פאלט איין זיך צו זעצן ביי דער הרובע

פון פאַרנט אנשטאַט הינטן, אפשר וועט מען אים גיכער דערזען.

געשווינט גיט ער אַ לויף איבער. אָבער בשעת מעשה פאַר־טשעפּעט זיך זיין קאַפּאָטע אַן שטענדער און דער איד האָט אַ פאַל געטאָן מיטן שטענדער צו דער ערד.

דער פּלוצלימדיקער קלאַפּ האָט דעם געשפּרעך מיטאַמאָל איבער־געהאַקט. אידן האָבן דערשראָקענע זיך געגומען ארומקוקן:

— וואָס איז געשען?

אַלע לויפן אין איין אָטעם פון מזרח צו זען וואָס עס איז געשען:

— מן הסתם דער ערל, וואָס פאַרלעשט די לאָמפּן, — פּרובירט איינער טרעפן.

ווען זיי קומען צו און דערזעען, ווי דער אורח פּרובירט אַרויס־שלעפן די קאַפּאָטע פון שטענדער, ווערט אַ געטומל:

— שרעקט זיך ניט, אידן, קיין בייז געשען. עס איז איד, ר' ישעיה, אַ סלאָבאָדקער. איך האָב זיך פאַרטשעפּעט אַן שטענדער. אַן אורח בין איך ביי אייך. ס'איז מיר גאָרניט, קיין בייז . . . קיין בייז . . .

— אַן אורח! ? — הערן זיך שטימען.

— אידן, וואָס טוט מען? — טומלט זיך איינער. — עס איז אַ חלול השם! אייזיק גנענדים אוועק, יענקל מעלעם אוועק — מאַניש איז אויך אַנטלאָפן אהיים . . . די גבירים פון שטאָט, אַ רוח אין זייער האַרצן אַריין! . . . . ווער אורחים, וואָס אורחים? מען צעלויפט זיך אַהיים פאַשן די בייכער . . .

— וואו איז מרדכי משה, דער גבאי אונדזערער? — פרעגט איינער. — כבוד וויל ער אַ סך . . .

— וואו איז יהודה דער שמש? — בעס'ט זיך אַ צווייטער. — זיי האָבן דאָס געדאַרפט פריער פאַרזאָרגן און ניט לאָזן אידן הונגערן, זיי מעגן אויך נהנה זיין פון שבת . . .

עס באַווייזט זיך יהודה דער שמש מיט דימיטרין, דעם פייער־לעשער.

— אַט איז ער דאָ! — הערן זיך שטימען. — קהל'ס פאַר־זאָרגער . . . דעם גוי איז ער געלאָפן זוכן צו פאַרלעשן די לאָמפּן, טאָמער וועט אויסברענען נאָך אַ דענישקע גאַז, בשעת אידן שטייען און שמועסן . . .

— אַט דאָ האָסטו געדאַרפט שטיין און היטן, אידן, אורחים,

זאָלן ניט בלייבן אויף הפקר שבת . . . — ווייזט מען אים אַן מיט די פינגער אויף די אורחים.

— וואָס וועסטו איצט טאָן מיט די אורחים? — ציט איינער ווייטער אַריין אין מחלוקת.

— שאַט, שאַט, אידן! — כאַפּט זיך אויף אַ צווייטער. — עס איז דאַכט זיך דאָ נאָך אַ איד!

אייניקע גיבן זיך אַ לאָז הינטער דער הרובע מקבל פּנים זיין דעם צווייטן אורח.

די אידן בלייבן שטיין ווי פאַרוואונדערט, קוקן זיך שטום איבער.

— זייט זיך ניט מצער, אידן, איבער נאָך אַן אורח . . . ניש׳קשה, ניש׳קשה, איך וועל פון הונגער ניט שטאַרבן, מיין טאַרבע איז פול מיט ברויט און חלה. אייער שטאָט האָט מיר חלילה ניט געלאָזן פאַלן, — זוכט זיי דער נייער אורח צו באַרואיקן. — מילא, ר׳ ישעיה איז אַ איד אַ למדן, קומט פון סלאַבאַדקער ישיבה, אים דאַרפט איר מקרב זיין, אָבער איך, אַ פּשוט׳ער איד, איך בין ניט הונגעריק, צו וואָס די מחלוקת? אפשר וועל איך אין אַן אַנדער שטאָט נושא חן זיין און וועל האָבן אַ שבת . . .

דעם אורח׳ס רייד האָבן איבערגעריסן די שטילקייט. אַלע האָבן זיך באַגעגנט מיט די בליקן.

עס האָט זיך דערהערט דאָס קול פון מרדכי יוזעפס דעם בעל קורא פון בית-המדרש, אַ לאַנגער דאַרער איד, אַ גרויסער אָרימאַן, שוין אַ צייט אָן אַ ווייב, האָט ברוך השם פינף קינדער און וואַרט אויפן הייליקן שבת, אַז זיין עלטסטע טאָכטערל זאָל אָפּקאָכן אַ לעפל געקעכטס.

מרדכי נעמט זיך אָן מיט מוט און שרייט אויס:

— אידן, וואָס שטייט איר און קריגט זיך אין אַ מקום קדוש איבער אַן אורח? אויף אייך ליגט דער חוב צו נעמען די אורחים צו זיך. לאָמיר פאַרגעסן, אַז עס זיינען דאָ ביי אונדזן גבירים, מיר וועלן זיין די גבירים. עס איז מיר אודאי ביטער און פינצטער, וואָס מיין ווייב מרים פייגע ליגט אין דער ערד . . . און איך קען די אידן ניט מקרב זיין ווי מען דאַרף. זיי האָבן אויך, מן הסתם, געהאַט היימען מיט ווייבער און קינדער און דאָ אַ גאַנצער בית-המדרש, ווער אורחים? וואָס אורחים? ווער גבאי? וואָס גבאי? זאָל די וועלט וויסן, אַז אונדזער שטאָט איז פאַרשאָלטן, אַז זי האָט ניט קיין פּלאַץ

פאַר אורחים, אַז מען איז אַליין זוֹלל־וסובאַ׳ניקעס . . . ביי מיר, ניט צו פאַרזינדיקן, איז נאָך דאָ וואָס צו עסן אויף שבת. אויף זיי, אויף די גבירים, וועט פאַלן דער חטא. קומט צו מיר, אידן, קומט!

דער איבעריקער עולם לאָזן ניט מרדכי׳ן נעמען די אורחים.

— איך נעם ר׳ ישעיה׳ן צו זיך! — שרייט אויס מאָטל ליב פּאַליקס, דער גמרא מלמד, אַ איד אַ למדן, שוין טאַקע ביי די זיבעציקער, אַ בייזער, אָבער זייער אַן ערלעכער, מיט אַ ווייב און, קיין עין הרע, פינף קינדער — ער פילט אַז איבערלאָזן אַן אורח אום פּרייטיק־צו־נאַכטס אין בית־המדרש איז אַ גרויסע עבירה, — אַ חלול השם.

— איר וועט גיין צו מיר! — באַשליסט יהודה בער שמש, אַנווייזנדיק אויפן צווייטן אורח.

יהודה בער, דער שמש, האָט ערשט גענומען אַ צווייטע ווייב, און נאָך גאָר אַ יונגע, און ער איז ניט זיכער ווי זי וועט אים אויפנעמען. ער פילט אָבער, אַז ער האָט היינט געמאַכט אַ גרויסן פאַרזען מיט דעם, וואָס ער האָט ניט פאַרזאָרגט די אורחים, און ער וויל דעם פעלער גוטמאַכן. אין מוח אָבער קלאַפּט אים ווי מיט אַ העמערל. ער טראַכט:

— וואָס וועט זי זאָגן? זי האָט זיך דאָך אויף קיין אורח ניט געריכט! . . .

ער הייסט דעם גוי פאַרלעשן די לאָמפּן און באַרואיקט דעם אורח:

— ניט געזאָרגט, איר וועט ביי מיר חלילה ניט הונגערן.

מרדכי דער בעל קורא שרייט אָבער אַליין:

— יהודה בער, זאָלסט וויסן, אַז אם ירצה השם איבעראַכטאָג שבת זאָלסטו דעם לעצטן אורח שיקן צו מיר. מיר וועלן זיין די גבירים און אוים טענות!

אין דער פינצטער האָבן אידן אַ קוש געטאָן די מזוזה און זיך געוואונטשן: „אַ גוטן שבת!“

די אָרימע צוויי אידן האָבן דערפילט, אַז עס איז נאָך דאָ אַ גרויסער גאָט, און אַז צווישן אידן ווערט מען פאָרט ניט פאַרפאַלן.

שטעטל'שע מחלוקות

אין א זייטיק שטיבל, ניט ווייט פון די בתי־מדרשים, האט אין דער טיפער נאכט נאך ערגעץ געצאנקט א ליכטל. פארבייגייער און שכנים האבן געוואוסט, אז אין יענעם צימער דארט ליגט „פייגע די באבע" און האלט ביי גסיסה . . .

ביי דער רעכטער זייט פון איר קראנקן־בעט זיצן דריי חשוב'ע אידן און זאגן תהלים, אפשר וועט זיך גאט דערבארימען איבער דער אכציק־יאריקער זקנה . . .

אין דעם שמאלן אלקער, לינקס, זיצן אירע קינדער און עט־לעכע דערוואקסענע אייניקלעך אויסגעמאטערט פון שלאפלאזע נעכט.

א שטילער, מידער געוויין רייסט זיך ארויס צווישן די קינדער. דער יאמערלעכער אפקלאנג ציט זיך אריין דורך די שכנ'ישע פענצטער.

דער געוויין ווערט טיילווייז אפגעהאקט . . . נאר דער עלטסטער טאכטערס יאמערלעכע רייד שפארן זיך דורך:

— איך האב שוין ניט קיין כוח צו וויינען, טאטע זיסער; עס איז שוין ניטא צו וועמען צו ריידן, קינדערלעך . . .

אומזיסט האט דער אלטער ר' יוסי זיך געגרייט צו זאגן ווידוי מיט דער חשוב'ער זקנה. זי האט אין דער שטיל אויסגעהויכט איר לעצטן אטעם, אן ווידוי.

ר' יוסי האט פארמאכט דעם ספר און אויפגעוועקט די אנדערע צוויי אידן:

— שטייט אויף, אידן, עס איז שוין נאכאלעמען . . .

ערשט דעמאלט האט זיך אנגעהויבן ארויסצורייסן דער שטילער געוויין אין דער מורא'דיקער נאכט, אזוי ווי א בת קול פון הימל וואלט אנגעזאגט דער שטאט:

— מאכט זיך גרייט, אידן, צו דער לויה, „פייגע די באבע" איז געשטארבן . . .

די שמשים האבן געעפנט די טירן פון די בתי־מדרשים נאך אין בלויער נאכט, בעת אידן האבן געהאלטן אין פארענדיקן חצות.

דער ווייסער טאָג האָט זיך אָבער באַלד אָנגעהויבן דורכשפּאַרן און שוין ביים ערשטן מנין האָט זיך געהערט דאָס זיפצן:

— ברוך דיין אמת! ברוך דיין אמת! . . .

אין שטאָט איז אַ געלויפעריי פון פרויען. איין שכנה לויפט צו דער צווייטער מיט דער טרויעריקער נייעס:

— געשטאָרבן פייגע די באָבע, געשטאָרבן די צדיקת . . .

— אוי, אַ בראָד! . . . לאָמיר לויפן צו דבורה דער שמש'טע קויפן ליכט.

— נאָ דיר אַ צענער, וויטי לעבן, און קויף צען גראָשנדיקע ליכטלעך, פאַר מיר פיר, און פאַר דיר זעקס . . . זאָל זי גאָט בעטן פאַר אונדז אַלעמען . . .

וויטי לויפט געשווינט אַרויס מיטן צענער אין האַנט און שרייט אויף אַ קול:

— איך קום גלייך צוריק, נחמה'שע, מאַך זיך גרייט, מירןביידע גיין צו דער לויה . . .

אויפן וועג צו דבורה'ן, דער ליכט-פאַרקויפעריין, לויפן אַרויס ווייבער פון די זייטיקע געסלעך. זיי האָבן קוים צייט צו פאַרבינדן די פאַטשיילעס, וועלכע זיי נוצן אַלס קאָפּ-טיכלעך. מען באַפאַלט דבורה דער שמש'טע מיט אַ געפילדער:

— ליכט! ליכט! ליכט! „דענישקאָווע", „קאָפּקאָווע", גראָשנדיקע . . .

וואָס זאָל ,נעבעך, דבורה טאָן?

— נעמט אייך וויפיל איר דאַרפט, באַצאָלט מיר אויף אייערע נאמנות, — בעט זי זיך ביי דעם פאַרקלאָגטן עולם.

— ווער איז געשטאָרבן? — הערט זיך מיטאָמאָל פון דרויסן.

— וואָס-זשע, דו ווייסט גאָרניט, אַז „פייגע די באָבע" איז גע-שטאָרבן? זאָל זי האָבן אַ ליכטיקן גן-עדן!

— אוי, אַ וויטיק איז אונדז, וואָס וועלן איצט טאָן די מעוברת'ע אידענעס? מען האָט זיך דאַך אויף איר טויט גאָרנישט געריכט . . .

— יאָ, יאָ, געשטאָרבן אונדזער פייגעלע, ברוך דיין אמת! — הערט זיך אַ יללה פון אַלע גאַסן.

שטאָט גייט כאַדאַראַם . . . איינע פרעגט ביי דער צווייטער אַ שאלה, צי זי דאַרף „קויפן" ליכט אויך פאַר די פאַרשטאָרבענע קינדער, ווייל לויטן חשבון האָט זי געהאַט צוועלף, און זי וועט

דאַרפֿן אויסגעבן גאַנצע צוועלף גראַשן . . .

די פרוי, וואָס איז די פירזאָגערין אין דער ווייבערשער שול, פּסקנ׳ט:

— קויף נאָר פאַר די לעבעדיקע קינדער וועגן . . . זיבן האָסטו דאָך, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר . . .

אַ צווייטע פרוי מישט זיך אַריין:

— קויף גאַנצע צוועלף, זאָל זיין „דעגישקאָווע", דו וועסט זיין די זעלבע גביר׳טע אַז דעם זעקסער.

איינע באַקלאָגט זיך, אַז זי האָט ניט אויף וועמען איבערצולאָזן איר נפש׳ל אין וויגעלע, אַלע שכנים צעלויפן זיך.

— איך מוז זי גיין מחילה בעטן — אוי ווי איז מיר! איך האָב אַנטקעגן איר געזינדיקט, צו מיין מוזיניקל האָב איך זי ניט גענומען . . . ביילען האָב איך גערופן, זאָל מיר פייגל מוחל זיין . . .

אָט אַזוי דערוויסט זיך די גאַנצע שטאָט וועגן „פייגל דער באַבעס" טויט. קליין און גרויס גרייטן זיך צו דער לויה. אַ יום הדין היינט פאַר אַ אנשים, נשים וטף.

קיין גראַשנדיקע ליכטלעך קען מען ביי דבורה דער שמש׳טע ניט באַקומען. מען לויפט אין מאַרק צו די קלייטלעך נאָך ליכט. זאָל זיין „קאָפּקאָווע" ליכט, אַבי ליכט . . .

יעדערער פאַרלאָזט די שטוב איבערלאָזנדיק דאָס פייער אונטער דער טרינישקע. מען פאַרגעסט אַז עסן. די מלמדים צעלאָזן די קינדער פון די חדרים, אויך זיי מעגן זיין ביי דער לויה פון „פייגעלע דער באָבע" . . .

די שטוב, וואו די געשטאָרבענע ליגט, איז באַלאַגערט מיט מענטשן און מיט ליכט:

— ניטאָ שוין קיין פּלאַץ וואו די ליכט צו צינדן! — קלאָגן זיך די ווייבער.

אַ סך צינדן ליכט אין די בתי־מדרשים. מען בעט זיך ביי די שמשים:

— צינדט אָן מיינע, ר׳ יהודה בער!

— האָט מיך אויך אין זינען, ר׳ איצי!

אויך אשר שמש לויפט געשווינט אַרום די דלד אמות פון קלויז. ער לויפט אַרום אַ נערוועזער חוקר ודורש זיין, אויב די ליכט אַרום אַלע פענצטער וועט דער ווינט חלילה ניט אויסבלאָזן . . . אָבער

ווען פייגע נעכע, די גבאי'טע, לויפט צום ארון בעטן מחילה דער צדיקת, לויפט אשר צוריק מיט זיין קליינעם גופ'ל און שרייט:

— ניט דא, פייגע נעכע, ניט דא . . . מחילה וועסטו זי בעטן אויפן הייליקן ארט . . .

די ווייבער לויפן צוריק. מען קען אבער שוין ניט אריינגיין מער דארט, וואו די טויטע ליגט. דער געדראנג איז גרויס, די יאמערלעכע קולות הערן זיך ביזן זיבעטן הימל:

— מיר בעטן דיר מחילה, בעטן מיר דיר, פייגל טייערע . . .

דאס געבעט קומט אויך פון דרויסן ביי די באלאגערטע פענצטער:

— זאלסט זיין פאר אונדז דער מלאך הגואל, דו קענסט, דו ביסט געווען א צדיקת!

יעדערער איז דער צדיקת מקנא:

— זי איז א גרויסע בת־מזל, זי האט אליין אלץ פארזארגט און זיך אנגעגרייט אויף איבער הונדערט יאר: א מצבה האט זי שוין לאנג צוגעגרייט, קיין תכריכים דארף מען ניט נייען, עס ליגט שוין לאנג פארטיק . . . צו אזא פטירה דארף מען זוכה זיין ביי זיין ליבן נאמען, רעדט מען צווישן זיך.

— ווען וועט שוין זיין די לויה? — פרעגט מען זיך איינס דאס אנדערע.

— ניט היינט וועט זיין די לויה, — טומלט זיך חיים שטורמאק, פון דער חברה נושאים.

אלע שטעלן אויף מויל און אויערן צום הייסן מחלוקת ארום געזעמל:

— בלוט וועט זיך גיסן, מיר זיינען די חברה נושאים . . . די חברה קדישא האלט מיט אונדז. די שטאט האט גענוג ארימע־לייט . . . זי האט גענוג צוגענומען ביי דער שטאט . . . זאל מען דערביווען איר קניפל . . .

דערפאר איז עס די מחלוקת.

מען טענה'ט:

— אזוי ווי פייגל די באבע איז איר גאנץ לעבן געווען די באבע פון שטאט, אפגענומען איז די טויזנטער קינדער און פאר יעדן קינד האט זי גענומען צו דריי און פיר קערבלעך, איז עס דע־ריבער, הייסט עס, שטאט־געלט . . . א באוויז, אז מיט א שטיין האט זי זיך שוין לאנג פארזארגט, באצאלט וואלף אליהו'ן, דעם

מצבה־קריצער, א גאנצן פופציקער . . . איז דאס ניט קיין סימן, אז זי האט א ממון־קורח? דעריבער ווילן מיר, די חברה נושאים, געלט . . . זאל מען אפגעבן דאס קניפל, וואס די קינדער האבן שוין לאנג ביי איר צוגענומען . . .

ערלעכע אידן האבן זיך אנגעהויבן ארייננצומישן מיט פארשי־דענע מיינונגען:

— פייגל איז געווען א צו הייליקע נשמה, מען זאל זי ניט מקבר זיין אינם זעלבן טאג!

— עס איז א חילול השם! — האט אהרן סופר געטומלט מיט זיין הייזעריקער שטימע.

— מיר הערן דיך ווי דעם קאטער, אהר'עלע! — ענטפערט א חברה־נושאים'ניק.

— לאמיר זען, צי מיר זיינען די חברה נושאים, אדער ניט? — גרויסט זיך שעפסל פארשטשיק. — זיי מוזן געבן א גאנצן הונדער־טער, מוזן זיי, אלא ניט זאל זי ליגן. איך בין היינט סיי־ווי ניט גע־פארן אין דארף אריין, ניט פארדינט א פרוטה . . . מיר דארפן אויך לעבן . . .

— אז זיי וויסן גארניט, וואס עס הייסט א מת מצוה, — קאכט זיך וועלוול חסיד.

— דאס איז די ארבעט פון בעני פייוול . . . שרייט א דריטער. — איך האב מורא, אז זאנוול דער רויטער איז אויך פארמישט אין דער מעשה . . .

דער עולם באשליסט, מען זאל לויפן צו פייוול דעם בלינדן און שרייען געוואלד, — זאל ער זאגן זיינע בנים, אז מיט מתים שפילט מען זיך ניט . . . אפילו די גוים זאגן, אז ביי אידן טאר אזוינס ניט געשען. די פיר איילן זיינען אנגעצייכנט פארן מענטשן און מיר דארפן זיי איר געבן, ווען גאט הייסט . . .

מען לויפט טאקע ארויף אויפן בארג צו פייוול דעם בלינדנס שטוב.

די אידן זיינען די פני פון שטאט, זיי פילן, אז דער חוב ליגט אויף זיי, זיי מוזן זען מקבר זיין דעם מת כדת וכדין. מען פארבייגט דעם כבוד, מען בעט זיך רחמים ביים איינאויגיקן פייוולען:

— טוט עפעס, ר' פייוול, איר קענט, עס איז א חילול השם . . .

מיטן עולם שטייט אויך אליהו וואולפס, א גבור א יונג. ער, הייסט עס, וועט זיך קענען שטעלן אנטקעגן פייוולס בנים.

— קום מיט אונדז, אליהו, — האבן זיך ערלעכע אידן ביי אים געבעטן, — ווי גאט איז דיר ליב, דיין טאטע וועט עס אויך ניט דערלאזן . . .

אליהו האט זיך דערמאנט, אז נאך מיט פינף יאר צוריק, בשעת ער מיט זיין פאטער האבן ארויפגעפירט פייגלס מצבה, האט זיך גע־הערט א „סלוך" פון דער חברה נושאים, אז פייגעלע האט זיך פאר־זארגט מיט א שטיין. אבער איבער הונדערט יאר וועלן זיי וויסן, וואס זיי האבן צו טאן. דאס האט אליהו'ן געעפנט די אויגן און ער האט א זאג געטאן:

— קומט, אידן, עלי ועל צוארי! אויף מיינע פלייצעס.

פייוולס פרוי דערשרעקט זיך און פרעגט, ווי זי וואלט פון גאר־נישט געוואוסט:

— וואס איז געשען? וואס קען פייוול העלפן?

— ער קען א סך טאן, ריווע לעבן, ווען ער זאל נאר וועלן, — מישט זיך אריין ראסי אברהם יהודה'ס, אן ערלעכע אידענע.

פייוול ווערט בייז און לאזט וויסן:

— איך קען גארניט טאן, אידן, איך ווייס פון גארנישט . . . און אויב איך קען יא עפעס טאן, וועל איך ניט האבן צו טאן מיט קיין אידענעס . . .

מיטאמאל גיבן זיך א לאז אריין פייוולס דריי בנים:

— וואס איז דא פאר א קולות? — טוט איציקל תקיף א געשריי.

— וואס איז דאס פאר א „טאלפא"? — רעוועט דער צווייטער.

— אליהו איז אויך דא מיט אייך? — רעדט ארוים דער דריטער. עס שמעקט מיט פולווער . . .

אליהו וואולפס גיט זיך א מיש אריין, אוועקרוקנדיק א פאר אידן אן א זייט מיט א ווארנונג:

— צי אפ, איציקל, האלט זיך איין! דאס איז ניט קיין „טאלפא", דאס זיינען אידן געקומען צום טאטן דיינעם, ניט צו אייך! מען דארף זיך אן עצה געבן וועגן דער לויה . . . און מיר האבן פאר קיינעם קיין מורא ניט . . .

— אמת, אמת, — רייסט זיך ארוים שלום ריוועלעס שטימע, —

מיר דאַרפן צום טאָטן, דאַרפן מיר . . . איר ווייסט דאָך ,מסתמא, אַז דער מת ליגט, מעג לאָזט זי ניט מקבר זיין . . .

— אפשר גייט עס אין צעג קערבלעך, וועלן מיר דאָס שאַפן פון עטלעכע בעלי־הבתים. איך וועל אייך אַליין געבן אַ דרייערל! — שרייט יענקל מרדכי יואל׳ס, אַ שכן צו דער פאַרשטאָרבענער, — זי איז געווען אַ כשר׳ע אידענע . . .

די מחלוקת האָט אַ פּנים געריררט פּייול דעם בלינדן און ער האָט אַ זאָג געטאָן מיט אַ האַלב־הייזעריקער שטימע:

— ניט געזאָרגט, אידן, איך לעב נאָך! ווער זיינען עס די חברה, ווער? עס וועט אַ רוח אין זייער טאַטנס טאַטן אַריין, אַז זיי וועלן זיך אָנהייבן מיט מיר . . . איציק, אייזיק, שמעון, גייטס אַראָפּ מיטן עולם אין שול אַריין אין דעם תהלים־שולכל, וואו די חברה נושאים טומלען זיך, איך קום באַלד אונטער אַהין . . .

אַלע האָבן זיך געלאָזט לויפן אַראָפּ באַרג, וואו דער פאַרשטאָר־בענערס שטוב איז געווען:

— גאָט וועט ניט שווייגן! גאָט וועט ניט שווייגן! — האָבן זיך געהערט קולות איבער די גאַסן, ווען דער עולם איז געלאָפן פון פּייולען.

ר׳ פּייול איז אַ איד פון עטלעכע און זעכציק, הויך און ברייט, מיט אַ לאַנגער געפלאָכטענער באָרד. ער גיט שטענדיק אַ געשמאַקן שמעק טאַבאַק און זאָגט אָפט אַ גלייכוואָרט. ער איז אַ סוחר, איז באַקאַנט אַלס קונה הכל. ער האָט די זכיה צו האָבן זעקס זין גבורים, שוין אויך סוחרים. זיי זיינען ווייט פון צו זיין גבירים, זיי גיבען אָבער דעם טאָן אין שטאָט בעת אַ מחלוקת.

קיינער וויל זיך ניט פאַרטשעפּן מיט די בני פּייול, און טאָמער איז עפּעס אַ מחלוקת אין שטאָט איבער אַ רב, איבער די שוחטים, איבער אַ מסירה׳לע, לויפט מען גלייך צו ר׳ פּייולען:

— טוט עפּעס, ר׳ פּייול, זאָל אויפהערן די מחלוקת, עס רינט בלוט אין די גאַסן . . .

און טאָמער ווערט פּייול בייז אויף איין צד, קען ער זיך זיצן אין דער היים און אַ זאָג טאָן צו די בנים:

— שלאָגט, קינדער, מכות רצח, אויב איר קענט, נאָר ווייסט ווען . . .

אַ וואונק, וואָס די קינדער האָבן אים שוין פאַרשטאַנען.

אַז דער צווייטער צד איז געקומען פֿרעגן ר׳ פּיוולען:

— היתכן, ר׳ פּיוול, אײַערע זין זאָלן זיך גאָר אַרײַנמישן אין אַזאַ מחלוקת? — פּלעגט ר׳ פּיוול אַ פֿיר טאָן מיטן אויג און ענט־פֿערן:

— מײַנע קינדער זײַנען שוין, ברוך השם, ניט קיין מלופּים־קינדער, זיי הערן דעם טאַטן ווי דעם קאַטער . . . מן הסתם האָט מען זיי דערטשעפּעט . . .

און אַזוי לויפֿט מען צוריק פֿון ר׳ פּיוולען מיט זײַן פֿאַרזיכערונג.

פֿונדעסטוועגן קומט ער אַרויס אין מאַרק אַ קוק טאָן.

דאָס זעלבע איז אויך געשען מיט דער געשיכטע פֿון דער לויה.

אין שולכל קען מען אָבער ניט אַרײַנגיין. שעפּסל פֿאַרשטשיק האָט אַ באַראַטונג מיט די איבעריקע פֿון דער חוברה נושאים: זיי האָבן געהערט, אַז פּיוול לויפֿט מיט זײַנע בנים חוקר ודורש זײַן, און מיט פּיוולס קאָמאַנדע וועט מען גיין צו דער לויה.

שעפּסל איז איינער פֿון די חברה נושאים, חברה תהלים. כאָטש ער איז אַ גרויסער אָרימאַן, האָט ער פֿונדעסטוועגן צוויי פּרנסות אין שטאָט: ער פֿאָרט אַרום אין די דערפֿער קלייבן שמאַטעס, פֿאַרריכט אַמאָל אַ גוי׳אישן פּעלץ, און אַז עס קומט פּרייטיק שטייט זײַן געשפּאַן אין דער היים און יום־טוב׳ט. שעפּסל איז אויך דער שטאָט־פֿאַר־שטשיק. דערפֿון וואָלט ער געקענט ציען אַ טייל פֿון זײַן פּרנסה פֿאַרן געזינדל, איז אָבער די צרה, וואָס די באָד האָט אויך אַ גוי מיטן נאָמען „פּאַנקאַ״. ער איז דער אויפֿזעער איבער דעם גאַנצן מרחץ; ער האַקט האָלץ, הייצט אָן דעם אויוון, מאַכט די בעזימלעך, ציט דאָס וואַסער פֿון דער באָד־קרעניצע. אַז אים — שמועסט מען — וואָלט דאָס שטעטל קיין מרחץ ניט געהאַט. דערפֿאַר האָט מען טאַקע פֿאַר אים גרויס דרך ארץ און אויך מורא. און ווײַל ער איז אַ שונא ישׂראל, גיבן אים עטלעכע בעלי־הבתים די פֿינף קאָפּיקעס פֿאַר אַ „פּלייצע״, זאָל ער איינעמען אַ שטומעניש.

מיט אַזאַ קאָנקורענט קען זיך שעפּסל ניט פֿאַרמעסטן, אים בלײַבט בלויז איבער אויסצולאָזן זײַן ביטער הארץ צו קהל פֿאַר זײַן שווערער דאָליע. לאָזט זיך טאַקע איצט הערן שעפּסלס באַסאָווע שטימע דורך די פֿענצטער פֿון דעם שנײַדערשן שולכל:

— זאָלן זיי קומען, זאָלן זיי! איך האָב פֿאַרן בלינדן פּיוול קיין

מורא ניט! ניט פּיוול, ניט איציק, ניט שמעון, ניט אייזיק, קענען אונדז מאַכן פאַר אוים חברה נושאים!

דורכן פענצטער פונם שולכל דערזעט מען ווי דער עולם לויפט מיט פּיוולען בראש. נאָך איידער די טיר עפנט זיך, קומט זיי שעפּסל אַנטקעגן מיט נתן פלאַקס, אויך אַ יונג אַ גבור, פאַררעכנט צווישן די אינטעליגענטע יונגעלייט. ער איז אַן איידעם צו יואל זאַזולי, וועלכער שטאַמט פון רבנים.

אַט דער נתן האָט זיך גראָד איינגעלעבט אין שטעטל מיט פּרנסה בשפע. ער האַנדלט מיט פלאַקס און האָט פאַר זיך געשאַפן אַ נאָמען מיט אַ דעה אומעטום. חוץ דעם איז ער אַ מענטש, וואָס לייענט אַ בלאַט־צייטונג, איז אַ חובב־ציון, אומעטום אויסגעקאַכט, באַקאַנט מיט אַלע שטאָטישע חברות. שעפּסל פּאַרשטשיק, מיט אליהו וואָלפס און נתן בראש, זיינען די טאָן־געבער אין שטאָט. מיט אַזעלכע דריי גבורים רעכנט זיך שוין אַפילו פּיוול מיט זיינע זין.

אַז די בני פּיוול האָבן דערזען נתנ׳ען פּאַרמישט אין דעם עסק, האָבן זיי באַלד דערפילט, אַז עס איז שלעכט. נאָר פּיוול — שוין אַן עלטערער מענטש — האָט געוואוסט, אַז נתן איז פאָרט אַ מענטש אַ סטאַטעטשנער, האָט ער אים באַלד אַ פרעג געטאָן בזה הלשון, ווי ער וואָלט אים נעמען אויף זיכער:

— וואָס טוסטו דאָ, גוטער ברודער? דו דערלאָזט אויך אַזאַ „גאַזלאַוואַיע״?

און נאָך איידער נתן ענטפערט פּיוולען, שפּרינגט ארוים שעפּסל:

— אַ שאָד אייערע רייד צו נתנ׳ען, ר׳ פּיוול, היינט בין איך דער ראש־המדברים. ביי דער חברה־קדישא בין איך דער בעל־הבית!

עולם שטייט מיט אָפענע מיילער, מען וואַרט וואָס דאָ וועט פּאַרקומען.

פּיוול נעמט אַוועק נתנ׳ען אַן אַ זייט. ער מיט די דריי זין שמועסן זיך דורך אין אַ ווינקל. אליהו וואָלפס שטייט פון וויטן, ווי אַ שומר, עס זאָל דערווייל גאָרניט געשען די אידן.

וואָס זיי ריידן איז אַ סוד. קיינער וואָגט ניט צוצוטרעטן, אָדער חס ושלום אַנשטעלן אַן אויער. נאָר דער שטילער געשפּרעך גייט אַן אויף גיך:

— הער מיך אוים, נתן, — הייבט אָן פּיוול, — די זאַך דערפון איז אַזוי: דו ווייסט דאָך מסתמא, אַז מיר זיינען אַריינגעפאַלן . . .

דאַ האָט מען זיך פאַרטשעפּעט מיט מתים . . . מילא, וועמען־ווע־
מען, דיר מעג איך זאָגן, די געשיכטע איז אַ פריקרע געשיכטע . . .
מיט שעפּסלען קען איך אַזוי ניט ריידן ווי איך רייד מיט דיר, לחכימא
ברמיזה, אַ קלוגער מענטש ווי דו פאַרשטייט דאָך אַ וואונק אויך . . .
דער בורלאַק האָט זיך איינגעשפּאַרט, ער ווייסט ניט פון קיין חכמות,
ער ווייסט, אַז עס קאָסט אַ הונדערטער און פאַרטיק . . . מיר מוזן
זען עפּעס טאָן. זאָל מען עס מאַכן פאַר אַ פופציקער . . . אמאָל וועל
איך אָפּטאָן אַ טובה. דו מוזט היינט פאַרקוקן . . . היינט דאַרף זיין
יד אחת . . .

נתן ענטפערט ר׳ פּיוולען בקיצור:

— עס איז, ר׳ פּיוול, אַ שווערע הלכה, עס איז ניט בלויז
שעפּסל, זיי זיינען אַלע דאָ . . . זיי האָבן איבערגעלאָזט די פערד און
וועגענער אין דער היים . . . זיי ווילן היינט מער ווי אַ ביסל בראַנפן . . .
אָבער פּרובירן וועלן מיר . . .

פּיוול מיט די זין גיט זיך אַ לאָז אין שולכל, באַפעלט דעם עולם,
מ׳זאָל אים ניט נאָכגיין, בעת ער פאַרהאַנדלט.

פּיוול מיט נתנ׳ען ביי דער זייט האָט לאַנג צו שעפּסלען ניט
געדאַרפט ריידן:

— דאָס איז שלשה דברים, — צוויי ווערטער: עס קאָסט אַ
פופציקער . . .

אַלע אידן הערן זיך צו אין פּאַליש פון שול ווי פּיוול רעדט
דבורים. טייליוויז האָט אים אַרויסגעהאָלפן זיין געשמאַקער שמעק
טאַבאַק בעת׳ן ריידן:

— הערט־זשע, רבותי, — זאָגט פּיוול צום עולם. — די מעשה
דערפון איז אַזוי: אַזוי ווי איר זייט געקומען צו מיר, און אַזוי ווי
מיר זיינען אַלע אידן, און דער מת ליגט, נעם איך אויף זיך דעם ענין
און עס וועט קאָסטן אַ פופציקער . . .

דער עולם בונטעוועט זיך, מען איז אומצופרידן מיט פּיוולס
פּשרה.

גלייכצייטיק טומלט זיך די חברה נושאים:

— שעפּסל האָט אונדז שוין אונטערגעשטעלט אַ פּיסל . . .

אַ נייע מחלוקת ווערט צעפלאַקערט. עס הייבן זיך אָן לאָזן
פאַרוויינטע פּרויען אין דער שניידערשער שולכל:

— מיר קענען שוין מער ניט וויינען . . . עס האָבן שוין אויס־

געברענט די צווייטע ליכטלעך, עס איז שוין אין שטאָט קיין איין ליכט ניטאָ . . . פאַרוואָס קומט עס איר?

עס האָט אָבער ניט געהאָלפן. די נאַכט איז אונטערגעקומען. מען איז געלאָפן דאַווענען מנחה־מעריב. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט מען זיך געאַמפּערט:

— אַזוינס זאָל אין אַ שטאָט זיך פאַרלויפן! דאָס איז דאָך רויבעריי! מען דאַרף גיין צום אוריאַדניק, צו דעם פּריסטאַוו, זאָל נאַטשאַלסטוואָ וויסן, וואָס אידן קענען . . .

— מיר האָבן אַ רב! — האָבן אַנדערע געשריגן. — לאָמיר אים אַראָפּברענגען צו דער חברה קראַנקערהייט, זאָל ער זען דעם אומגליק.

— דער רב איז צו שוואַך, מען טאָר אים ניט מצער זיין! — האָבן אַנדערע גע׳טענה׳ט. — חוץ דעם, מיט וועמען וועט ער ריידן, אַז זיי האָבן ניט מורא פאַר גאָט, וועלן זיי דאָך פאַרן רב אודאי קיין מורא ניט האָבן . . .

נאָענטע מענטשן האָבן אָנגעהויבן ריידן צו דער פאַמיליע פון דער פאַרשטאָרבענער בשתיקה:

— אפשר איז פאַראַן געלט, זאָל מען זוכן . . .

די פאַמיליע האָט געוויינט און געקלאָגט:

— וואו זאָלן מיר נעמען אַ פּופּציקער? זאָלן מיר פאַרזעצן דער מאַמעס איבערבעטן און זיי געבן אַ פּופּציקער? אדרבה, זאָלן זיי נעמען דאָס בעטגעוואַנט, אויב די מאַמע האָט זיך עס אַזוי פאַר־דינט . . . האָבן זיי נאָך אַזאַ כשר׳ע אידענע ווי אונדזער מאַמע? . . .

עס האָבן אָבער קיין רייד ניט געהאָלפן. חברה נושאים זיינען געזעסן אין שולכל און געטרונקען לחיים אויפן חשבון פון דער אַפּטיקאַ, וואָס זיי וועלן סוף־כל־סוף באַקומען.

דער עולם האָט זיך צוריקגעקערט צו די פאַרלאָזענע שטיבער. קינדער האָבן געהונגערט אַז אַ טראָפּן וואַסער אין מויל. די אָנבייסנס זיינען פאַר׳שרפה׳ט געוואָרן. דער מידער טאָג האָט די קינדער אויס־געצויגן אויף די ניט־געמאַכטע בעטן, ווי די סנאָפּעס מיטן אָנטועכץ.

אַ סך אידן האָבן די גאַנצע נאַכט געזאָגט תהלים. שטאָט האָט געהאָפט, אַז מאָרגן וועט מען זי סוף־כל־סוף מקבר זיין. אלא ניט, וועט זיך גיסן בלוט.

נאָך אין וויטן באַגינען האָבן זיך מענטשן אָנגעהויבן גרייטן צו דער פאַרשפּעטיקטער לויה. קרעמער האָבן אפילו ניט געעפנט די

קליִיטן. דאַרפֿס־סוחרים זײַנען פֿאַרבליבן אין דער היים, צו זען וואָס פֿאַר אַ לויה עס וועט זײַן.

אַ סך מענטשן זײַנען געלאָפֿן צו נתן פֿלאַקס מיט אַ נײַעם ויצעקו:

— נתן, דו ביסט דאָך עפּעס אײנער פֿון די בעלי־בתּים, דו ביסט דאָך עפּעס אַ וועלטלעכער מענטש, אויף דיר ליגט דער חוב, אַז „פּייגע די באָבע" זאָל שוין הײַנט קומען צו קבר ישׂראל. אַלאַ ניט וועט דאָס בית־המדרש לײַדן . . . דו ביסט דאָך עפּעס אַ בית־המדרש'ניק, דער רב האַלט פֿון דיר אַ וועלט. ער האָט באַפֿוילן דו זאָלסט זען עפּעס טאָן.

נתן האָט אַלץ געטאָן, וואָס ער האָט געקענט. ער האָט אײַנגע־האַלטן דעם עולם, עס זאָל ניט קומען, חלילה, צו קײן בלוט־פֿאַרגיסונג.

— אָבער יושר? — האָט נתן גע'טענה'ט, — שוין צוויי טעג, אַז די חבֿרה נושׂאים איז אויף, זיי האָבן מיט אַן אויג ניט צוגעמאַכט, די פֿערד־און־וועגענער פּוסטעווען, מען מוז זיי עפּעס צוזאָגן . . . — האָט נתן אײן מאָל פֿאַר אַלע מאָל געוואָלט ברעכן די שטאָטישע עקשנות. — מען מוז זיי כאָטש צוטראָגן אַ פֿינף־און־צוואַנציקער, מוז מען . . .

אָט די טענות האָבן זיך דערשלאָגן צום רבֿ. ער האָט, אַ קראַנקער, זיך אויפֿגעהויבן פֿון בעט.

נאָך אויפֿן וועג שפּאַרן זיך רעיונות אין רבֿ'ס מוח, ווי ער, דער רבֿ ר' ישׂראל, זאָל זיך דאָ מיט זיי נוהג זײַן? וואָלט עס געווען אַ פּסק דין פֿון יחידים, גיט ער זיך אַן עצה. דאָ אָבער איז שוין שײַך אַ רבים. ער קען זיי נאָר בעטן אין זײַן נאָמען, זאָגן זיי, אַז די שטראָף איז גרויס, אַז דער בר־מינן באַלאַנגט מער ניט צו אונדז, אַז זי איז גאָטס . . .

אַז דער רבֿ מיטן עולם האָבן זיך באַוויזן אויף דער שוועל פֿון דעם חבֿרה־נושׂאים־שולכל, זײַנען אַלע שטיל געבליבן.

— דער רבֿ וויל עפּעס זאָגן! — האָט מרדכי יוזעפּס אויסגערופֿן.

דער רבֿ ר' ישׂראל איז שוין געווען אַ קרוב שבֿעים. זײַן גרויסער גוף האָט זיך אָנגעהויבן אונטערצוגעבן, אָבער זײַן ווײַסע לאַנגע באָרד און זײַן לויטערער פּנים האָט יעדן ווי פֿאַרצויבערט. קהל האָט אָנגע־שטעלט מויל און אויערן.

— רבותי, — האט דער רב אנגעהויבן, — שוין דעם צווייטן טאג, אז ביי אונדז ליגט דער גוף פון פייגע בת משה, וואס געהערט צום בכיבול . . . די נשמה האט ער אליין גענומען און עס ליגט אויף אונדז דער חוב מיר זאלן אים ברענגען דעם גוף . . . ווען מיר טוען עס ניט, איז פונקט ווי מיר זיינען שולדיק א חוב צו א בשר ודם און דער שטר הלואה מוז מיט דער צייט באצאלט ווערן, א פשיטא שוין צום רבונו של עולם . . . און ווען אפילו דער שכר טרחה איז גרויס פאר ברענגען דעם גוף צו קבר ישראל, טארן מיר זיך ניט שטעלן קעגן הימל . . . און אזוי ווי פייגע בת משה איז איר גאנץ לעבן געווען א שליח פון כביכול און מיט איר שליחות האט זי גע־בראכט אונדזערע קינדער אויף דער וועלט, איז עס היינט אויך אן עניין פאר א רבים און ניט פאר קיין יחיד . . . און אזוי ווי ביי א דין תורה ווייסן מיר, אז יחיד ורבים הלכה כרבים, און אזוי ווי דא ווייסן מיר ניט ווער עס איז דער אומגערעכטער יחיד, בכן נעם איך זיך אונטער אלס שליח ציבור צו באצאלן ביז א פרוטה די שכר־טרחה פון קהל'ס געלט, ניט פון קיין יחיד, און לאמיר ברענגען פייגל בת משה צו קבר ישראל . . . און לכבוד איר לאמיר זאגן א קאפיטל תהלים . . .

דער עולם איז געווארן ווי פארשטיינערט. עס האט זיך דערהערט דאס זאגן פון „לדוד מזמור" אין דער גרויסער שול. כמעט יעדער האט מיטגעזאגט.

עס האט זיך אנגעהויבן רעש'ן:

— עס וועט באלד זיין די לויה . . .

די חברה נושאים האט אויסגעפירט. אבער אין קליינעם שולכל האט זיך ערשט דערהערט שעפסלס באסאווע שטימע:

— דער רב האט געלייגט די שולד אויף אונדז . . . ווער איז די חברה נושאים? ווער איז זיך שטענדיק מתעסק ביי א טויטן, זיי, צי מיר? אז חיים וואסער־פירער גראבט דעם קבר און עס איז דא שטיינער און ביינער און די פיר איילן מוזן זיין כדת וכדין, איז כאטש הענג זיך און טרענק זיך . . . אי, די „טעליגע" שטייט אין דערהיים, קיין וואסער פירט ער ניט, פרנסה דארף ער, טא ווער זאל אים באצאלן פאר זיין מי? און אז זיידע קרופניק, דער קברן, לויפט ארום מיט זיין פושקע און שרייט: „צדקה תציל ממות!" אין שניי און אין רעגן, זוויגעט דורך די בלאטעס די ברעטער, ציט די שטריק צו

מאַכן די מיטה, — וואָס קריגט ער פאַר זיין טרחה? און אַז עס בלייבט אים אַ קערבל, איז עס אַפילו ניט גענוג די שטיוול צו פאַרלאַטען...

— און אַפילו די חברה קדישא, — האָט ער זיך נאָך העכער צעשריגן, — לאָזט איבער איז דער היים די פערד און וועגעלעך, מען מאַכט צו די קלייטן און מען לויפט מטהר זיין דעם מת... מען ליגט אין דער נעץ ביז איבערן קאָפּ... וואָס איז זייער שכר? און אַז אונדז, די חברה נושאים, פאַרגעסט מען שוין גאָר: מיר טראָגן די מיטה אין די גרעסטע זאַווערוכעס, אין די גרעסטע בלאָטעס, די לויות זיינען טאַקע גרויס, נאָר ווען מען קומט הינטער דער שטאָט נאָכן טייך לאָזט מען אונדז אויף הפקר, ניטאָ ווער עס זאָל איבערנעמען די הענט, כאָטש צי זיך אויס ווי אַ סנאָפּ אינמיטן פעלד מיטן בר־מינן ביי דער זייט... ביי וועמען זאָלן מיר מאָנען, ביי קהל? דער רב זאָגט, אַז עס איז קהל'ס בר־מינן, דערפאַר ווילן מיר טאַקע, אַז קהל זאָל וויסן, אַז עס איז דאָ אַ חברה נושאים און אַ חברה קדישא, און זיי דאַרפן אויך לעבן!...

אַ שווערן איינדרוק האָט שעפּסל געמאַכט מיט זיין אומדערוואַרטעטן אַרויסטריט פאַר די אַרימעלייטס וועגן. אַפילו די תהלים־זאָגער מיטן גרייז־גרויען רב האָבן אין האַרצן דערפילט, אַז די חברה נושאים זיינען אינגאַנצן ניט אומגערעכט, און דאָס געלט פון דער קהלה איז געגעבן געוואָרן בשתיקה צום פאַרשטייער פון דער חברה נושאים.

גאַנץ שטאָט, קינד־און־קייט זיינען געגאַנגען צו דער גרויסער לויה פון „פייגל די באָבע". קיינער איז ניט געבליבן הינטערן טייך, מען איז מיטגעגאַנגען העט־העט צום בית־עולם.

יעדערער האָט זיך געשטופּט איבערצונעמען די הענט פון חברה נושאים, אָן אונטערשייד פון יונג און אַלט, ערלעכע אידן און אַפּיקורסים — אַבי אָפּגעבן כבוד דער „שטאָט־באָבע".

און ווען די לויה איז פאַראיבער און מען האָט אין שטאָט, שוין נאָך שבעה, פאַרפירט אַ שמועס וועגן דער פאַרשפּעטיקטער קבורה, האָבן אידן גע'טענה'ט:

— גאָט האָט אַזוי געוואָלט. עס האָט געדאַרפט זיין אַ גרויסע לויה!...

עס איז געווען אַ יש אומרים, אַז פייגל האָט געשטאַמט פון בעלי־מלאכות און ביים לעבן האָט זי זיך געהאַלטן פון זיי פון דערווייטנס.

דערפֿאַר האָבן זיך די חברה נושאים, וואָס זיינען באַשטאַנען דורכאויס פֿון בעלי־מלאכות, זיך מיט איר אָפּגערעכנט נאָכן טויט.

אָבער דער אמת איז — אַז ניט דער צעד, ניט נתן, ניט פּייוול, ניט די חברה נושאים זיינען שולדיק געווען אין דעם חטא, נאָר דער פֿינצטערער דלות אין שטעטל.

אין דאָרף

אַז ס'האָט אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג, האָט דער קראַנקער משה לייב זיך אַרונטערגעהויבן פון בעט, זיך איינגעהילט מיט אַ קאָלדרע מחמת דער מורא'דיקער קעלט אין הויז, אָנגעצונדן דאָס קאַניצל, שטילערהייט צוגעגאַנגען צו זיין פערצן־יאָריקן אינגל און אים גע־נומען וועקן:

— בנימין, בנימין, זון מיינער, שטיי אויף, ס'איז שוין צייט צו זיין אין דאָרף! ס'איז דאָך שוין באַלד ווייסער טאָג, און דו דאַרפסט נאָך גיין צופוס צען וויאָרסט. חיים סלאַווים איז שוין לאַנג אַוועק מיט זיין פערד־און־וועגעלע.

— באַלד שטיי איך אויף! גיי צוריק אין בעט, טאַטע! ס'איז דאָך אַ מורא'דיקער פראָסט! — האָט דאָס אינגל, אַ האַלב פאַרשלאָ־פענער, געענטפערט.

— יאָ, מיין זון, די פענצטער זיינען אָנגעקאָוועט מיט אייז. טו אָן וואַרימע האַנאַטשעס אין די שטיוול. נעם מיין וואַטאָוון פּיזשאַק. איך וועל סיי־ווי, מסתמא, ליגן אין בעט אַ גאַנצע וואָך... — האָט דער פאָטער הוסטנדיק אָפּגעענטפערט און מיט אַ קרעכץ זיך צוריק־געלייגט אין בעט אַריין.

דאָס אינגל האָט ניט ווילנדיקערהייט אין איילעניש זיך אָנגעטאָן. ער האָט דערפילט דעם יאָך פון פּרנסה... ער מוז, ער איז דאָך דער עלטסטער זון, דער טאַטע איז קראַנק, טאָ ווער, אויב ניט ער, וועט פאַרזאָרגן דאָס הויז? ...

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס זעקל אויף די פּלייצעס און איז צו צום פאָטער זיך געזעגענען.

דער פאָטער האָט פון הינטערן קישן אַרויסגעשלעפּט אַן אַלט פאַרזשאַווערט טייסטערל, פון דאָרט אַרויסגענומען דריי איינציקע צעקנייטשטע רובל און דערלאַנגט דעם זון:

— נאַ, מיין קינד! דאָ האָסטו, מיין זון, נאָך דריי רובל אויף מסחר. היט זיי אָפּ. דאָס געלט איז גאָטס און פּרעמדס . . . זאָלסט זיי צובייטן אויף מינץ אין קרעטשמע.

— זיי געזונט, טאַטע! — האָט ער דערלאַנגט דעם פאָטער די האַנט.

— גיי געזונט, מיין זון, און זיי מצליח!

דאָס לעצטע וואָרט האָט שוין בנמין ניט דערהערט, ער איז שוין געווען אויף יענער זייט טיר.

⁂

בנימין האָט זיך געלאָזן מיט ווינט אויף גאָטס באַראָט. ער איז געגאַנגען שנעל, אים האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער אַרויס פון שטאָט, וואו עס ציען זיך פויערשע שטיבלעך פול מיט בייזע הינט, וואָס האַווקען, וואָיען און וואַרפן אויף אים אַ פּחד. ער שטעלט זיינע טריט לייכט, ער וויל די הינט זאָלן אים ניט דערהערן, אָבער עס געלינגט אים ניט.

דער שוואַרצער הינט ביי וואַסיל גאַנטע זוכט אַ קרבן . . . אָבער ער געפינט, דער כלב, באַלד אויס, אַז בנימין איז אַ היימישער, זיין איינגענער באַלעבאָס שטילט אים איין:

— ער איז אַן אונדזעריקער, — טענה'ט וואַסיל צום כלב זיינעם, — ער האָט אַ לייטישן טאַטן אויך.

שטאַרקער ווערן בנימינ'ס טריט, אים איז שוין אַ ביסל גרינגער בייצוקומען די אַנדערע בייזע באַנגעננישן . . . די אַרומיקע פויערים ווייסן, אַז ער איז לייבקעס אַ אינגל, ער איז אַ שטענדיקער גאַסט אויף דער „האַרבאַניפקע".

גאַנץ כאור שניידט ער דורך דעם גרויסן באַרג רעכטס צו דער סאָלעוווקע, בכדי צו פאַרקורצן דעם וועג. ווען ער גייט זי אַריבער, קומט אים אַנטקעגן דער גרויסער ווייסער וועג, וואו די קעלט פילט זיך שטאַרקער, נאָר ער שפּאַנט זיך זיכערער. בנימין בייט איבער דאָס זעקל מיטן האַלבן ברויט און די נייע תפילין אויפן אַנדערן אַקסל, — ער איז שוין, קענטיק, אָפּגעגאַנגען אַ דריטל וועג.

הינטער זיינע פּלייצעס הערט זיך דאָס פאָרן פון פערד־און־וועגעלע. אַ געדאַנק לויפט אים אַדורך: „אפשר וועט מען זיך קענען

אַרויפכאַפּען?" נאָר באַלד פאַרקירעוועט זיך דער פאַרער אויף אַ זייַ־טיקן וועג אין אַן אַנדער דאָרף אַריין, בנימינ'ס האָפנונג ווערט צערונען.

⁂

בנימין טראָגט זיך באַרג אַראָפּ, באַרג אַרויף. לויטן חשבון איז ער שוין ביים בריקל הינטערן גרויסן באַרג. שוין אָפּגעשפּאַנט אַ האַלב־וועג. עס איז נאָך טונקל, ער איז היינט, הפנים, אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי. ער איז צופרידן, וואָס ער וועט כאָטש ניט פאַרשפּעטיקן, — אפשר וועט זיך אים פאַרט איינגעבן צו באַוויזן דעם טאַטן, אַז ער, בנימין, איז שוין אַ שטיקל סוחר, כאָטש אַן דעם טאַטן האַנדלען גייט ער איצט דאָס דריטע מאָל.

אַז ער האָט אויפגעהויבן די אויגן, האָט ער דערזען, אַז עס קומט אים שוין אַנטקעגן דער גרויסער וואַלד. די פּויערים מיט זייערע פּעקלעך שפּייז פאַרן טאָג לאָזן זיך צום וואַלד, וואו זיי האַקן אוים די טיף איינגעוואָרצלטע קלעצער אויף הייצונג.

ער באַגעגנט זיך מיט זיי מיט אַ „גוט־מאָרגן!" זיי ווייסן, ער איז משה ליבס אינגל, אַ נייער דאָרפס־גייער. ער זאָגט זיי, אַז דער פאָטער זיינער איז איצט קראַנק. זיי באַדויערן אים, הייסן אים קומען צו זיי נאָך דער אַרבעט, וועלן זיי פאַר אים עפּעס געפינען צו פאַרקויפן.

ער קומט צו נאָענט צום קלויסטער. דאָרטן פאַרנעמט ער זיך רעכטס טיף אין דאָרף צו דעם טאַטנס שטענדיקער סטאַנציע, אין דעם איינגעהויקערטן שטיבל ביי דער גוטהאַרציקער פּויערטע, פּאַראַשקע. איר שטוב איז כסדר אָפן פאַר די אידישע דאָרפסגייער, בפרט נאָך פאַר משה ליבן און זיינם אַ קינד, ווייל זי האַלט משה ליבן פאַר אַן ערלעכן מענטשן ביז גאָר.

אַז פּאַראַשקע האָט דערזען דאָס אינגל איינער אַליין אין זיין ווינטערדיקן הולד, האָט זי זיך אַזש געגומען צלמ'ען.

— גאָט מיינער, לעבעדיקער אין הימל, ווי דערלאָזטו אַזאַ קינד אומקומען אין אַזאַ קרירה צולים אַ בידנעם שטיקל ברויט? „סינקאָ" מיינער! — האָט זי פאַרבראָכן מיט די הענט, — קום אַריין אין שטוב, נשמה מיינער! וואַרעם זיך אָן ביים אויוון. ווי אַזוי האָסטו זיך דער־שלעפּט אין אַזאַ ביטערן וועג?

זי רופט איר מאַן, דעם הויקער, פון דער סטאַדאָליע:

— וואַסיל, וואַסיל, קום אַריין אין שטוב, לייבקעס סינאַטשעק איז דאָ!

ביידע שטייען זיי לעבן אינגל און פרעגן זיך נאָך אויפן טאַטן זײַנעם. ווי פאַרשידן זיי זײַנען ביידע: זי — קליין געוואַקסן, שמאָל געבויט, נאָר אירע גוטמוטיקע אויגן ציען אײַך צו; ער — קורץ, הויקערדיק, און פאַנפעוואַטע. מען באַדויערט צומאָל די גוטמוטיקע, נשמה'דיקע פּאַראַשקען, וואָס זי האָט אַזאַ קלאָגנדיקן מאַן...

די פּויערטע לאָזט שוין דאָס אינגל ניט אָפּ. זי לאָזט וויסן די שכנים וועגן איר גאַסט. מען קומט און מען פרעגט זיך נאָך אויף לייבקען. ווען די שכנים צעגייען זיך, וואַרפט פּאַראַשקאַ אַריין נאָך עטלעכע קאַרטאָפל אינם גליענדן אויוון, און זי רעדט צו זיך אַליין:

— דאָס איז פאַר זײַן קינד, הייליקער גאָט. ער וועט געוויס באַלד אַפּדאַוונען, ווי דער טאַטע זײַנער, מעגסט אים כאָטש דער־וואַרעמען דעם גוף מיט אַן אָרימער קאַרטאָפל. זאָלסט מיך ניט שטראָפן פאַר די רייד, טאַטע זיסער...

דאָס אינגל האָט אַפילו שיר פאַרגעסן אין דאַוונען, געטראַכט: ווער ווייסט? מען איז דאָך צווישן די גוים, איז אפשר אַמאָל פאַר־בייגן דאָס תפילין־לייגן? ... ס'וועט זײַן געגנוג בלויז שמונה־עשרה...״ נאָר די תמימות'דיקע רייד פון דער פּאַראַקשע האָבן עס ניט דערלאָזן.

אַנטקעגן די „איקאָנעס" שטייט בנימין און דאַוונט אין זײַנע תפילין. אודאי האָט דאָס דאַוונען אים גענומען ווייניקער צייט ווי דעם פאָטער זײַנעם, נאָר זי, פּאַראַשקאַ, האָט אויך מיט זײַן דאַוונען זיך צופרידנגעשטעלט, דערלאַנגט דעם אינגל הייסע קאַרטאָפל מיט אַ טעפּל מילך... אים געהייסן זיך צואײַלן און אַרויסלויפן איבערן דאָרף, און גאָט וועט געוויס העלפן.

די פּויערים האָבן דעם אינגל באַגעגנט וואַרעם, אויסגעזוכט פאַר דעם יונגען סוחר'ל עפּעס: דאָ — עטלעכע פונט גרויפּן, דאָ — אַן עוף, דאָרט — עטלעכע אייער. קענטיק רחמנות געהאַט אויף לייבקעס זונדל, וואָס קריכט אַרום אין אַזאַ ביטערער קעלט צו העלפן דעם טאַטען...

דאָס מזומן האָט זיך ביסלעכוויים אויסגעליידיקט, בלויז איין

רובל איז אים נאָך געבליבן. לויטן חשבון האָט ער צו פאַרדינען פון געשעפט אַז ערד אַ האַלבן רובל . . .

אַ מידער לאָזט ער זיך גיין צוריק אויף דער סטאַנציע, מיטן זאַק אויף די פּלייצעס, מיטן קווישל פון פאַרנט. נאָר אָט הערט ער, ווי אימיצער רופט אים צוריק:

— סינקאָ! סינקאָ!

בנימין קוקט זיך אַרום, ס'איז הילקע דער קרומער.

— אַ קעלבל ווילסטו קויפן? — פרעגט אים דער פּויער.

— יאָ, — ענטפערט ניט זיכער דאָס אינגל. אַ געדאַנק לויפט אים דורך: „אפשר וועט ער טאַקע עס קויפן? הלואי! ער האָט דאָך אָבער ניט מער ווי איין רובל אין קעשענע . . .”

פונדעסטוועגן האָט ער איינגעשטעלט דעם לעצטן רובל . . . דאָס האַרץ זאָגט אים, בנימינ'ען, אַז ער האָט געכאַפּט אַ מציאה, מען דאַרף עס אָבער גלייך צונעמען, כדי דער פּויער זאָל ניט קיין חרטה האָבן. אָבער ווי גיט מען זיך אַן עצה? עס איז דאָך ביים עק דאָרף, ווי וועט ער דאָס דערשלעפּן ביז פאַראַשקען? ער נעמט זיך אָן מיט כוח און שלעפּט אויף גיך די מציאה, איבערלאָזנדיק אַלע אַנדערע סחורות ביי אַ באַקאַנטן.

ער איז שוין לעבן טייך. „ס'איז אפשר אַ פּלאַן דורכצושניידן מיטן אייז? — טראַכט בנימין. — דער פראָסט איז שטאַרק, ס'איז ניט קיין געפאַר”.

מיט גרויס שרעק און ווייטיק שטייט ער אין מיטן טייך מיט דעם בהמה'לע אויפן גליטשיקן אייז, אָבער ער איז ווי צוגעפרוירן און רירט זיך ניט פון אָרט . . . פאַרבייגייענדיקע פּויערים גיבן אים עצות, העלפן אים צו אַ ביסל, לאָזן אים אָבער באַלד איבער, גייען אַוועק . . . עס ווערט פינצטער. דאָס אינגל ווערט פאַרצווייפלט, עס בלייבט אים קיין אַנדער אויסוועג ניט ווי נעמען דאָס קעלבל אויף די פּלייצעס . . . יעדער טראָט אויפן אייז מיט דער לעבעדיקער משא אויף זיך מיינט געפאַר, דאָס אייז זאָל זיך דורכברעכן . . . טריט ביי טריט שלייכט ער איבערן פאַרפרוירענעם טייך מיטן קעלבל אויף די פּלייצעס. יעדער טרעשטש, וואָס דאָס אייז גיט, רייסט אָפּ בנימינ'ען אַ שטיק האַרץ. אַז ער האָט ענדלעך זיך דערשלעפּט צו דער סטאַנציע מיט דער

טעלעשקעלע אויף די פּלייצעס, האָט די פּויערטע זיך ווידער אָנגע־הויבן צלמ'ען:

— גאָט מיינער, קוק זיך נאָר אום, נשמה מיינע, ווי אַזוי האָסטו עס דערטראָגן? עס רינט דאָך פון דיר גאַנצע טייכן שוויים... דו ווילסט זיך אונטעררייסן, גאָט באַהיט?...

זי נעמט אָן דאָס קעלבעלע און גלעט עס:

— ס'אַראַ טייער קיעלע דאָס קען אויסוואַקסן... ס'איז דאָך געווען אין גאַנצן צוזאַמען מיט דיר, מיין סינקאַ, איינצווזינקען אונטערן אייז...

— וואַסיל! וואַסיל! — רופט זי איר מאַן, — קום נאָר אַהער, נעם צו דאָס בהמה'לע, ס'איז דאָך אַ צער בעלי חיים! גיב עס עפּעס עסן און וואַרף אויף דעם עפּעס אַרויף, ס'זאָל זיך דערוואַרימען.

— און דו, סינקאַ, — ווענדט זי זיך צו דעם אינגל, — דו לויף גלייך אַריין אין שטוב צום וואַרימען אויוון, וואַרף אַראָפּ פון זיך די נאַסע בגדים...

איר מאַן, דער הויקער, ווערט בייז און גיט אַ בורטשע:

— אַז דאָס האָט נאָר אין זינען יענעם. אַלץ הייסט ביי איר אַ צער בעלי חיים!

זי באַרואיקט אים:

— זיי ניט בייז, טאַטעלע, ס'איז דאָך אויך גאָטס באַשעפעניש.

דער הויקער, אין תוך אַ גוטמוטיקער מענטש, לאָזט זיך איבער־בעטן:

— ס'איז נאָך צו יונג, דאָס קעלבעלע, מ'זאָל עס קענען אַריינ־נעמען אין סטאַדאַליע, — זאָגט ער.

און פּונקט ווי ס'וואָלט געווען זייער אייגענע באַשעפעניש, שטייען זיי ביידע אַרום דעם בהמה'לע אין מיטן שטוב, מען גיסט מילך אין קעלבערנעם מויל, מען מאַכט אַז אָרט פאַר דער פיר־פיסיקן גאַסט.

אין אייליגניש וואַרפט פאַראַשקע די שייטלעך האָלץ אינם אויוון:

— זאָל זיין וואַרים אין שטוב, עס נעמט אַ פראָסט! — רעדט זי צו זיך אַליין.

אונטער דער טונקעלער באַלויכטונג גרייט זי צו די „וועטשערע" פאַר איר בן־יחיד, קלים, מיט איר מאַן, וועמען זי רופט אַלעמאָל: „באַטקאָ". זי, פאַראַשקאָ, זאָרגט זיך שטענדיק פאַר איר בן־יחיד'ל,

וואָס איז אַ ריזיקער שגיע און ער קען אַריינגעמען טאַטע־מאַמע אין אַרבל . . . זי רופט אים: „דיטינאַ", כאַטש ער, קלים, וויל דווקא, זי זאָל אים שוין האַלטן פאַר אַ „פּאַריבאָק".

— ביי דיר, — טענה'ט ער צו דער מוטער זיינער, — וועל איך אַזוי אייביק בלייבן אַ קינד, אַ „דיטינאַ".

מען זעצט זיך אויף די נידעריקע בענקלעך עסן דעם הייסן באַרשטש מיט די וואַרעניקעס. פּאַראַשקאַ נעמט אַרויס פון אויוון דאָס פלאַם־פלעצל אייגנס געמאַכט פאַרן גאַסט, זי ברענגט פאַר אים אַפּ אַ פּאָר אייער, און זי באַדויערט שטאַרק דאָס אינגל, וואָס זיין רעליגיע דערלויבט אים ניט צו עסן באַגלייך מיט אַלעמען דעם באַ'טעמ'טן באַרשטש מיט די וואַרעניקעס . . .

דאָס אינגל דאַנקט זיי פאַר דער גאַסטפריינטלעכקייט. אין האַרצן איז ער טיף מקנא דעם בן־יחיד, קלים, וואָס ער האָט אַזאַ טייערע מוטער. אַזאַ גליק האָט ער, בנימין, ניט. זיין גוטע מוטער איז שוין לאַנג טויט . . . עס ווערט אים אומעטיק אויפן האַרצן, כאַטש די פּויערטע דערמאַנט אים, אַז היינט, דאַנקען גאָט, וועט ער שלאָפן אויף אַ וואַרימען געלעגער:

— ס'איז ביי דיר די ברירה, מיין קינד: ווילסטו שלאָפן אין בעט, וועלן מיר שלאָפן אויפן „פּעקאַליק", ווילסטו אויפן אויוון, איז געוויס בעסער, וועסט זיך אויסטריקענען דיינע מלבושים . . .

ביים עסן דערציילט איר בנימין, ווי שווער דער טאָג איז אים אָנגעקומען, וואָס ער האָט געקויפט, און ביי וועמען עס ליגן נאָך זאַכן, ווייל ער האָט מער קיין געלט ניט געהאַט צו קויפן. עס פעלט אים אַפילו קליינגעלט אויף אַהיים צו פירן די סחורה . . .

די פּויערטע באַדויערט אים:

— נו, געוויס וואָלט דיר בעסער געווען, ווען דיין טאַטע איז אַן עושר, און דו דאַרפסט ניט טראָגן קיין קעלבלעך אויפן אַקסל . . .

און מיטאַמאָל גיט זי אים אַ פרעג:

— זאָג מיר נאָר, קינד מיינס, ביי וועמען האָסטו געקויפט דאָס קעלבעלע?

— ביי הילקע דעם קרומען, — ענטפערט ער.

— און וויפיל האָסטו באַצאָלט פאַר דעם? — פרעגט זי ווייטער.

ער וויל איר זאָגן דעם אמת, נאָר עפּעס האַלט אים אָפּ. זאָגן

איך אַ ליגן, ווי קען ער? ווי אַ זאַך מאַכט זיך, אַ גוי מיט אַ גוי... ס'וועט זיין ערגער... „זי האַלט דאָך אונדז פאַר ערלעכע אידן", טראַכט ער.

— בנימין, זון מיינער, איך האָב דאָך דיר עפּעס געפרעגט. דאָס טעלעשקעלע וויל איך קויפן פאַר זיך... איך וועל דיר געבן ריוח, מיין קינד, דו האָסט זיך גענוג אָנגעמוטשעט מיט דעם, ביז דו האָסט עס אַהער געבראַכט.

אַ דערשראָקענער, מיט אַ האַלבן לשון, ענטפערט ער איר:

— איך האָב באַצאָלט דערפאַר צען גילדן...

— טאַקע? — וואונדערט זיך פּאַראַשקאַ.

— כ'לעבן... — ענטפערט ער אין איילעניש.

— נו, גוט, דאָס טעלעשקעלע איז מיינס, זון, איך גיב דיר צוויי רובל דערפאַר. האָסט די ווערט אַ האַלבן רובל פאַר דיין טרחה... כ'וועל עס האָדעווען פאַר זיך...

דאָס אינגל האָט זיך געפילט אין אַ פאַרלעגנהייט. אים האָט זיך אין דער מינוט געוואָלט אַנטלויפן פון דאָרף. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער געטראַכט פון דעם „פאַרברעכן", וואָס ער איז באַגאַנגען אַנטקעגן דער גוטער פּאַראַשקען. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, ווי פּאַראַשקע טרעפט זיך מיט הילקע דעם קרומען, זי דערציילט אים, אַז זי האָדעוועט זיין קעלבל פאַר זיך, אַז זי האָט לייבקעס אינגל באַצאָלט דערפאַר צוויי רובל... דער פויער שטוינט: „אַ גאַנצן רובל ריוח האָסטו אים געגעבן, דעם זשידאָק?" פּאַראַשקאַ וועט דאָך אירע אייגענע אויערן ניט וועלן גלויבן: „סטייטש, צי איז מעגלעך, אַז לייבקעס זון זאָל מיך אַזוי מיאוס אָפּנאַרן? קען דען געמאָלט זיין, אַז אָט־דער יונגער איד איז אויך ניט מער ווי אַ פּשוט'ער שווינדלער? אָט דער דאָזיקער שנעק קען זיין אַזוי פאַרדאָרבן?"

בנימין האָט קיין רו ניט געפונען אויף זיין געלעגער. ער האָט ניט געוואוסט ווי זיך צו געבן אַן עצה. אַך, ווען ער האָט דאָ איצט דעם טאַטן זיינעם! דער טאַטע זיינער וואָלט אים שוין געגעבן אַ קלאָרן און אַ יושר'דיקן ענטפער אויף די צווייפלען, וואָס מאַטערן אים, בנימינ'ען. דער טאַטע זיינער וואָלט שוין געוואוסט וואָס מען דאַרף טאָן.

אַז דער פּרימאָרגן האָט זיך באַוויזן און די פּויערטע איז געשטאַנען אויף די קני און גאָט געבעטן, האָט דאָס אינגל זיך אַ ביסל בארויקט. ער האָט געפילט, אַז אין יעדן פאַל וועט די גוטמוטיקע פּאַראַשקאַ פאַר אים געפינען אַ זכות.

אַז פּאַראַשקאַ האָט בנימינ'ען דערלאַנגט די צוויי רובל פאַר דעם קעלבל און געוואונטשן אים דערביי, ער זאָל נאָך מיטן קראַנקן טאַטן זיינעם טרינקען מילך דערפון ביי איר לעבן, האָט זיך ביי דעם אינגל באַוויזן אַ טרער אין די מידע אויגן. זי האָט אים בארויקט: „וויין ניט, זונעלע, קיין קללה האָט פּאַראַשקאַ נאָך קיינעם ניט געגעבן".

אין עטלעכע שעה אַרום איז בנימין שוין געווען, מיט זיינע איינגעהאַנדלטע זאַכן, אין דער היים, לעבן זיין טאַטנס בעט. דער טאַטע האָט, קרענטיק, זיך געפילט אַ ביסל לייכטער, ער האָט ווייניקער געהוסט. בנימין האָט דעם טאַטן דערציילט וועגן זיין רייזע, אים איבערגעגעבן אַלע איינצלהייטן וועגן דעם קעלבעלע, וואָס ער האָט פאַרקויפט פּאַראַשקען. ער, בנימין, האָט געהאָפט, אַז דער טאַטע וועט אים איצט געבן דעם ריכטיקן ענטפער, אים זאָגן, ווי אַזוי ער, בנימין, האָט געדאַרפט זיך באַגיין אין אַזאַ שווערן פאַל.

אָבער דער טאַטע האָט בנימינ'ען קיין ריכטיקן ענטפער ניט געגעבן. וויזט אויס, דער פאָטער גופא האָט געפילט, אַז ניט אַלעמאָל איז לייכט אָנצואַווייזן דעם גראַדן אויסוועג, אַז ביי אַזעלכע אומשטענדן איז בעסער צו שווייגן...

— „ניין, טאַטע, — האָט בנימין דעם טאַטן זיינעם פּלוצים אַ זאָג געטאָן, — איך וועל בשום אופן ניט קענען מער זיך באַוויזן פאַר פּאַראַשקאַן אין דאָרף!"

— „נו, יאָ, מיין קינד, אַ טאָפּ, וואָס איז צעבראָכן, קען מען קיינמאָל שוין ניט גאַנץ מאַכן. ניט איין טאָפּ צעברעכט מען צוליב דער בידנער פּרנסה..."

ביידע זיינען שטיל געבליבן. צוויי דורות האָבן זיך געשלאָגן מיט דער דעה, וואָס איז רעכט און וואָס איז אומרעכט? נאָר ביים אינגל איז פאַרבליבן אַ היתר אין זיין מוח — ער האָט עס געטאָן, בכדי צו העלפן דעם טאַטן אין פּרנסה.

נאָר אַז די פּויערטע, פּאַראַשקע, האָט זיך אין עטלעכע טעג אַרום באַוויזן אין שטאָט מיטן קעלבל, און געמאָנט דאָס געלט צוריק איבער־דעם, וואָס דאָס קעלבל עסט ניט, איז דאָס אינגל געוואָרן אַזוי שטאַרק פאַרצווייפלט, אַז אַפילו דער קראַנקער טאַטע האָט פאַר אים קיין טרייסט ניט געקענט געפינען.

די דריי הייזער

ווען איר פארט אריין דורכן מזרח־זייט פון שטעטל, וואו עס ציען זיך צוויי ברייטע שליאכן, און לינקס אונטערן שאטן פון הויכע אויסגע־געדיכטע ביימער, וואס שפיגלען אפ די ווייסע, נידעריקע, קאלכטע גוי׳עשע כאטקעס ארומגעצאמט מיט הילצערנע פלויטן, וואס דרימלען שטיל און באשיידן, — ווערט אייך גוט אויפן הארצן, וואס דער גורל האט אייך אריינגעפירט אין אזא ישוב, איר ווערט ממש אויפגעהייטערט פון דער פרישקייט, וועלכע באגלייט אייך. אייערע אויגן הייבן דאן אן צו וואנדערן רעכטס און לינקס, וואו עס גיט פאר אייך א בליץ א ריזיקער קאטוילישער קלויסטער. אנטקעגן, רעכטס, ציען זיך דריי הייזער לאנג און ברייט מיט אפענע טויערן, וואס דערמאנען אייך אין היימישע, אידישע ארייגפאר־הייזער. איר פארשפארט שוין פרעגן, באלד וואקסן פאר אייך אויס א פאר אידן מיט בערד און פאות, וואס זאגן אייך אן, אז איר געפינט זיך איצט שוין באלד אינם שטעטל פעלשטין לעבן די דריי הייזער צווישן אחינו בני ישראל, וואו מען איז גרייט אייך מקבל פנים זיין ניט נאר מיט א שלום עליכם, נאר טאקע מיטן אמת׳ן גלעזל טיי, א מארינירטן הערינג מיט קארטאפליעס און אפילו האבער פאר אייערע פערד צו „פאפאסען״.

איר באקענט זיך באלד מיטן בעל־הבית פון הויז נומער איינס:

א הויכער, מיטליאריקער, אויסגעטריקנטער, ברייט־קנאכיקער, שווארץ־בארדיקער איד; ברייטע, געדיכטע ברעמען, וואס דעקן ממש צו זיינע קליינע טונקעלע, גוטמוטיקע אויגן. זיין הולד ווי שטענדיק, — א פאר ברייטע שטיוול, א וואטאווע לייבל, פון אונטער וועלכן עס שפארן ארויס די עקן פון זיין געלן טלית־קטן; אויף זיינע שווארצע גלאנציקע פלודערן ווארפן זיך אדורך א פאר צוגעפארריכטע „פרעמדע״ לאטקעלעך, וואס גיבן אים צו אידיש־באלעבאטישן חן.

קיין סך קענט איר אבער מיט אים ניט שמועסן. מען גיט אים פון אייך א רוף אוועק. איר בלייבט איבער אין זיין לאנגער, שמאלער שטוב מיט זיין חיה ריווען. זי איז אייך געווים מקרב מיט וואס זי

קען און זאָגט אייך, אַז איר קיווע, זאָל לעבן, איז אַרום איינשפּאַנען די פערד צו דער „סעטשקאַרנע".

איר דערהערט באַלד אַ טומל. עס גיט זיך אַ לאָז אַ מאַשינעריע. איר גייט אַרום און דערזעט, ווי עס לויפן אין קאַראַהאַד צוויי הויכע אויסגעדאַרטע קאַשטאַנעס, וואָס שלעפּן צוויי לאַנגע הילצערנע שטאַנגען פון דער „סעטשקאַרנע". אַרום און אַרום אויפן „טאָפּטאָק" אונטער דער שווערער משא, וואו עס ווערן אויפגעבונדן און אַריינגעשליידערט גאַנצע סנאָפּעס אין די שנייד־מאַשינען, וואָס וואַרפן אַרויס פאַרטיק צעשניטענע סעטשקע, — אַ מאכל, וואָס מען מישט מיט האָבער צו שפּייזן פערד.

אין דעם גרילצנדן גערויש פון די מאַשינען, איז שוין „קיווע סעטשקאַרניק" ערגעץ־וואו פאַרשטעקט. פון דאָרטן קאָמאַנדעוועט ער מיט די פּויערים: „פּאַדאַוואַי, וואַסיל, יאַנקאָ!" אַלע פליסן זיך וואָס גיכער אָנצושטאָפּן די סעטשקע אין די לאַנגע זעק, כדי צו געבן אַ צווייטן זיין „אַטשערעד". אין דרויסן דערזעט איר שוין אַ סך דראַנגאַווע וועגענער, אָנגעלאָדן מיט סנאָפּעס, גרייט צו שניידן די „האַדראַוואַניע" פאַר זייערע „כאַדאַבעס".

איר פאַרשפּאַרט דאָן צו פרעגן, ווי עס קומען עפּעס דריי אידישע הייזער ביים אָנהייב שטאָט אַזוי ענג צווישן די פּויערים פּונקט אַנטקעגן אַ קאַטוילישן קלויסטער, אַזוי ווייט פון אַ אידישער גאַס. גאָר פּשוט, — פּרנסה. און פּונקט ווי עס איז ניט שייך צו פרעגן, וואָרום עס שטייט גראַד אַ קרעטשמע אין מיטן פעלד, אַזוי פרעגט איר שוין אויך ניט די היסטאָריע פון אָט די דריי אידישע הייזער אין פעלשטין.

איר זייט אָבער אַ רייזנדער, מוזט איר זיך מיט דער „סעטשקאַרניע" געזעגענען. איר באַצאָלט חיה ריוועןן די פּופּצן קאָפּיקעס פאַרן צוביים און מיט אַ „פּאַרט געזונט" לאָזט איר זיך ווייטער אַרוים אויפן ברייטן שליאַך, אויפן שאָסיי גלייך אין שטעטל אַריין, איבערלאָזנדיק הינטער זיך דעם קאַטוילישן קלויסטער מיט די דריי אידישע הייזער.

ווייטער ווערט איר איינגעטונקען אין זומער, באַגלייט פון ביידע זייטן מיט פאַרשידענעביימער און שיינע דופּטיקע בלומען, וואָס בוּיערן אייך ממש דורך אייערע נאָזלעכער. איר פאָרט פאַרביי דעם „קסיאָנדזים" הויכן, דופּטיקן בלומענגאָרטן, וואָס ציט זיך לינקס כמעט צו די ערשטע אידישע הייזער פון גרויסן מאַרק, וואָס גיט שוין

א שלאג אויף אייך מיט אידישע פארשידנארטיקע שטיבער; גאנצע שרענגעס מיט „בודקעס”, געוועלבן, ארייגפאר־הייזער קומען אייך אנטקעגן און דערמאנען אייך אינם געווינלעכן אידישן ישוב פון אלע טעג פון א גאנץ יאר.

אידן, אידינעס לויפן ארום פארשמייעט, פארטאן. אויך פויערים און פויערטעס מיט זייער אוקראינישן הולד מישן זיך אוים מיטן עולם ארום די געוועלבן אויפן גאר שטילן מארק, ווי מען וואלט עפעס גע־זוכט און ניט געקענט געפינען.

דאס שטעטל דרימלט ממש. די היצן שושקען אייך איז געמיט אריין, אז ס׳איז „זשניווא”־צייט, די פויערים זיינען אויף די פעלדער פארטאן אין שניט, און די שטאט איז פארוואנדלט אין א „מדבר”.

ווען איר שניידט שוין דורך דעם שאסיי צו מעריב־זייט פון שטעטל, באגעגנט איר זיך מיט א שטילן טייך, וואס שטראמט פון מיילן ווייט דורך דעם שמאלן בריקל, וועלכן איר פארט פארביי. אויפסניי שפרייטן זיך פאר אייך אוים צוויי נייע ברייטע שליאכן רעכטס און לינקס, כדי אייך ארויסצובאגלייטן און זיך אפגעזעגענען מיט דעם אויסטערלישן טיפישן שטעטל, וואס שמ׳ט אין פאראליע מיט יארידים און האנדלס־אינדוסטריע.

א שטיק וועגס קענט איר זיך דערפון ניט באפרייען, ווייל אויך צו מעריב־זייט ציען זיך פיל פויערשע נידעריקע שטיבלעך, די דעכער מיט שטרוי באדעקט, איינגעטונקען אין די רחבות׳דיקע צעשפרייטעביימער, וואס היטן די היימען אזוי מוטערלעך טריי פון דער שרפה׳־דיקער זון.

אבער ווען אייך קומט אוים צו מאכן די נסיעה אין א פאר־פסח, ווען דער שניי לאזט אפ און די בלאטעס שפרייטן זיך אוים אין דער לענג און אין דער ברייט און איר פארט נאך מיט א פור סחורה צום צוויי־וואכיקן יאריד, דאן זייט איר איינגעשטעלט, ממש איינצוזינקען מיט אייער געשפאן נאך א שטיק וועג פאר די דריי הייזער.

עם העלפן דאן ניט אייערע תחנונים, מען זאל אייך ארויסרא־טעווען פון אן אומגליק. קיינער וועט זיך ניט אפשטעלן, ווייל יעדער פירט גרויסע משאות און זוכט וואס גיכער זיך אליין ארויסצוראטש־קעווען מיטן ארימען געשפאן צום גרויסן יאריד.

עם געפינען זיך אבער פארט גוטע מענטשן, וואס גיבן זיך ווי א ווינט א ריים אריין צו קיווע דעם סעטשקארניק מיט א געוואלד, אז

דאָרט און דאָרט, איז אַ איד „פּאַרגרעזניעט", און באַלד דערזעט איר זיך יאָגן אַ פּאָר הויכע „קאַשטאַנעס" ווי פון הימל אַרויס, און עס וואַקסט פאַר אייך אויס אַ איד מיט צוויי סוסים מוכן ומזומן אייך אַרויסצוהעלפן פונם איינזינקעניש.

איינס־צוויי ווערט זיין געשפּאַן צוגעטשעפּעט צו אייער וואָגן און מיט קיוועס אייז „וויאַ!" גיט איר אַ פּאָר אָוועק מיט האַק־און־פּאַק גלייך צו די דריי הייזער. איר ווילט דעם אידן פּאַרגיטיקן, אָבער קיווע לאָזט אייך גלייך וויסן, אַז ביי אים איז נאָר אַ סעטשקאַרנע און אַ דאַנק גאָט, ער ציט זיין חיונה פון שניידן סעטשקע. נאָר ביי זיין חייה ריוועז, זאָל לעבן, געפינט זיך תמיד אַ גוט שטיקל הערינג און אַ גלעזל טיי, און אַפילו האָבער פאַר די פערד קען מען ביי אים קויפן, אויב מ'וויל „פּאַפּאַסן".

איר דאַנקט דאַן גאָט, וואָס ער האָט אייך צוגעשיקט אַזאַ אידן און איר באַצאָלט אים די פּאָר גראָשן און האָפט, אַז דער יאַריד אייערער וועט, איה"ש, דורכגיין מיט חסד, פונקט ווי ביז איצט.

איר זייט אָבער ניט אָפּט דער ערשטער, וואָס שטעלט זיך אָפּ ביי די דריי הייזער און באַגעגנט זיך מיט קיווען אין זיין סעטשקאַרנע. דורכן טאָג שטראָמען פאַרביי דורך די דריי הייזער פערד און וועגעלעך אָנגעפּיקעוועטע מיט כל טוב. די קולות פון די געבונדענע חזירים זיינען ממש טויב צו ווערן, זיי פּילן, קענטיק, אַז מען פירט זיי צו דער שחיטה.

אָבער קיווע מיט זיין געזינדל הערן זיך ניט צו צום דרויסנדיקן טומל, זיי זיינען פאַרנומען מיטן אייגענעם יאַריד ביים „טאָפּטאַק", ביי די פערד, ביי דער מאַשינערי, יעדערער אויף זיין פּאָסטן.

עס שטייען די פּויערים מיט קיווען ביי דער שנייד־מאַשין, גע־טריבן פון די צוויי בלינדע קאַשטאַנעס. ווי פּאַרפּל אויף דער גלאַטער האַרטער ערד, שפּרייט זיך די סעטשקע, וואָס די מאַשינען האַקן אַרויס גרייט פאַר די פּויערים אָנצושטאָפּן אין די לאַנגע זעק.

אויף גיך כאַפּן עס די פּויערים אַרויס און קלייבן דאָס אויף ביז צו דער „שפּענטע". ווי פייל אויסן בויגן שלינגען די מאַשינען איין די גרעסטע „אקאָלאָטעס" און שפּייען זיי אַרויס צעשניטענע פאַר דער פערדישער שפּייז.

קיווע סעטשקאַרניק באַרייסט ניט די פּויערים. אים איז גענוג דריי קאָפּיקעס פאַר אַן „אקאָלאָט" אויסשניידן, ער וויל ניט רייך ווערן.

איז ער דאך ניט דער איינציקער אין שטעטל, עס זיינען דאך דא נאך צוויי סעטשקארנעס אויף יענער זייט שטאט. ער, קיווע, איז אבער זיכער, אז די פויערים זיינען זיינע געשוואוירענע, — פון שטאט פונקט ווי פון דארף.

שוין באלד פינף און צוואנציק יאר שטייט קיווע אין זיין לאנגגען פארהויז און „פאדאוועט" די סנאפעס אין דער שנייד־מאשין, אונטער דונערן און בליצן ממש טויב צו ווערן. דאס רעווען און הוזשען פון די בלינדע פערד, וואס דרייען זיך אין קארעהאד, דאס שטאלענע גע־קלאנג פון די גרויסע שארפע מעסערם, וואס ריטשען און קארבן זיך אריין אין די פרישע סנאפעס, פארהילכן די לופט.

די פויערים לאזן אבער ניט זייער „זשידאק" אוועקפאלן ביי דער מאשין, זיי נעמען אים איבער די הענט. זאל דער „בידניאק", קיווע, זיך אפרוען. ווייל באלד ווערן די מעסערם שטומפיק, מען דארף זיי בייטן אויף אנדערע, דאן מוז קיווע זיך אוועקזעצן ביי דער „טאַ־טשאלקע" זיי שארפן.

עס קומט דאן ארויס „נפתלי פעמפיק", אן אכצן־יאריקער בחור א גבור א יונג, טאקע קיוועס א שוועסטערקינד און א שטיקל שותף צום געשעפט. ער שטייט עס ביים שארפשטיין מיט זיינע ריזיקע ארעמס און דרייט דאס ראד אין גאלאפ אזוי געשווינט, און קיווע, ווי א געשיקטער מייסטער, פירט די טעמפע מעסערם אויפן שארפשטיין צום טאקט. דאס וואסער שפריצט פון דער „טאטשאלקע" און פאר־נעצט יעדן איינעם ארום.

אפט איז די סעטשקארנע א באהעלטעניש פאר „חברה" ניט צו גיין אין חדר. עס העלפט ניט קיין טרייבן, קיין אנשרעקן, קיווע האט שוין דעם קאמף מיט די קינדער כמעט ווי אויפגעגעבן און באשלאסן, אז אזוי דארף עס זיין, — די סעטשקארנע איז די וועלט פאר קינדער. האבן זיי דען אין שטעטל א בעסערן פארגעניגן?

א סברא, אז חיה ריווע פארגעסט ניט אפט ארייננצוואווארפן נאך עטלעכע קארטאפליעס אין אויוון אריין אפצובראטן פאר נאך אימיצנס א קינד: זי פילט, אז ניט פאר וואוילטאג שלייען זיך די קינדער ארום אין די דריי הייזער, און ניט נאר ארום איר, ביי דער סעטשקארנע, נאר אויך ביי די אנדערע צוויי הייזער, וואס טוליען זיך אזוי ענג צו איר צוויי־זייטיקער שטוב לינקס, וואס ווערט באוואוינט פון שמחה'ן מיט

זיין געזינדל, טאקע איר קיווּעם עלטערער ברודער, א שותף צו דער סעטשקארנע.

דאס הויז נומער צוויי דינט אלס ארייַנפאר פאר סוחרים; מען האנדלט, מען ווארפט אפ הויך אנגעפיקעוועטע וואגנס מיט תבואה. אלעמאל א נייער סוחר, א גיי פנים, וואס קומט ארונטער פון מרחקים מאכן א געשעפט אלס קאמיסיאנער מיט אידל לייזער לייבס, א קונה הכל, וואס איז שטענדיק א ווינט־מענטש און מאכט זיך אזוי זיין שטיקל פרנסה פון מעקלעריי און פון זיין גערונגענעם ארייַנפאר־הויז.

גאנץ אפט בייטן זיך דארטן די איינוואוינער, מען שמועסט, יאקבי, אז דאס הויז נומער צוויי איז עפעס ניט מזל׳דיק. טייל לייגן ארויף די שולד אויף דעם הויז נומער דריי, וואס האט הינטער זיך א שטיק טשיקאווע געשיכטע.

דאס הויז נומער דריי איז א ברייט פירעקיקע אויסגעקאלעכטע שטוב; ברייטע פענצטער מיט אויסגעזעצטע שויבן. שטייט הפקר׳־דיק, פארלאזן, טראגט א געזונטן טשערעפיצעדיקן דאך, וואס האט פאר קיין רעגן זיך ניט געשראקן. די זון האט זיך אהין שטענדיק אריינגעריסן דורך אלע פיר עקן. לײדער האבן די זון־שטראלן דארט קיינעם ניט אנגעוואַרעמט. א בלינדער שאטן פלעגט זיך אויסשפרייטן ארום די ליידיקע, פארלאזענע ווענט, וואס האט ווי אנגעוויזן, אז דער גורל האט דעם בנין פאר׳חתמ׳עט, אז קיין אידישער מענטש זאל דארטן ניט אריינטרעטן. האט זיך א לעגענדע פארשפרייט, אז ביי־נאכט, ווען שטאט שלאפט איין און דער חושך באפאלט איר, דאן ווען אלע ווינקעלעך ווערן אויסגעלאשן, כאפן זיך אריין שדים און כל המינים ניט־גוטע און מען מאכט די הויז טמא, פונקט ווי די גוי׳עשע צלמים, וואס שטייען ארום איר פון אלע דריי זייטן גרייט פארן שטיין־שלעגער, דעם ווארשעווער ארטיסט, כדי ער זאל זיי געבן זייער אמת׳ע צורה מיט זיין האמער און דלאטע, וואס באשאפט בוכ־שטאבן אזוי קונציק, אזוי פריי.

גאנץ אפט שטעלט זיך יונגווארג ארום אים, דעם ווארשעווער קינסטלער, מיט אנגעשארפטע בליקן, זיי באוואונדערן דעם יונגען, פריילעכן סקולפטאר, וואס האט אזוי קונציק אויס דאס תמימות׳דיקע

געשטאַלט פון דער „מאַטקאַ־באַסקאַ״ און זייער דערלייזער, ממש ווי ער בלאָזט אַריין אין די שטיינער אַ נייע נשמה. און ניט איין מאָל האָט זיך פאַר׳גנב׳עט אַ מורא׳דיקער געדאַנק ביי אַ אידיש קינד, ווען אין זיין האַרץ האָט זיך געשפּרייט אַ געפיל פון קנאה: פאַרוואָס זיינען די אומות העולם געבענטשט מיט אַזעלכע ריזיקע מאָנומענטן פאַר זייערע טויטע און מיר, אידן, להבדיל, האָבן בלויז אָרימע מצבות?

דער „שקץ ׳תשקצנו״ פּלעגט אין זיין מוח אָבער אַ שלאָג טאָן, אים דערמאָנען, אַז פּונקט דאָרטן אַנטקעגן שטייט פאַר זיינע אויגן דער ריזיקער קלויסטער, וואָס חבר׳ט זיך מיט אָט די שטיינערנע צלמים, וואָס זיי טרייבן אַריין די שדים ביינאַכט אין דער ליימענער חורבה, וואָס דער סקולפּטאָר, דער הוליאַק, האָט אַליין אויסגעבויט, ווער ווייסט פאַר וועמענס געלט, און זי אַליין אומריין געמאַכט מיט זיינע הוליאַנקעס, וואָס האָבן מער ניט געקענט אָנהאַלטן. ער איז אָבער אַ קינסטלער. די שטאָט מוז אים האָבן צו קריצן די צלמים פאַר די רייכע פּריצים, וואָס גרייטן זיך אַז מיט זיי נאָך ביים לעבן. איז דאָך ניט שייך צו זוכן חטאים אויף דעם, וואָס קריצט זייערע הייליקע מאָנומענטן.

אין די שטוב געבליבן פאַרן „שמש״ פון קלויסטער. ער נעכטיקט דאָרטן ביינאַכט אויף אַ זאַק שטרוי, וואָס ער כאַפּט אָפּט אין סעמעש־קאַרנע ביי קיוועז. ער איז דער שומר פון שטיינשניידערס ליידיקער דירה, ווען ער פאָרט אין אויסלאַנד הולטאַיעווען אין די ווינטער־חדשים.

זיינען די דריי הייזער ביים אַריינפאָרן אין שטעטל דער סימבאָל פון טהרה און טומאה. די ערשטע צוויי, רעכטס, — די אידישע נשמה, דער מכנים אורחים. די דריטע, לינקס, — די גע׳פּסל׳טע, אַרומגעשטעלט מיט צלמים.

און פאַרט רופט מען זיי אַז אונטערשייד: „די דריי הייזער״, פּונקט ווי זיי וואָלטן געווען אַ וועלט פאַר זיך, אַ וועלט מיט אַן אייגענער געשיכטע, און ס׳איז נאָך ביז היינט ניט קלאָר, ווי אַזוי די ערשטע צוויי הייזער, די אידישע, האָבן זיך דאָרטן אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן דעם גרויסן קאַטוילישן קלויסטער, אָפּגעזונדערט פונעם אידישן ישוב, פון אַ בית־המדרש, פון אַ חדר, פון אַ היימיש אידיש וואָרט. דאָך טראַכט קיינער ניט דערפון, אַזוי ווי די דריי הייזער וואָלטן

דאָרט געשטאַנען זייט דורות און גורם געווען, אַז קיווע און שמחה העלפאַנד, צוויי ברידער, זאָלן זיין די בעלי־בתּים פון אַ סעטשקאַרנע, אַז דאָרטן זאָלן זיך פרעמדע און שטאַט־מענטשן פילן היימיש, פּונקט ווי די פּויערים, וואָס יאָגן זיך אַהין אַז פון אַלע דערפער צו שניידן די סנאָפּעס און זיי פאַרגעסן אויך ניט אַמאָל צו ברענגען דער „קיוועכע” אַ מתנה אַ „געלעטקע” קאַרטאָפליעס, אַ ביסל קרויט, עט־לעכע אייער, אַ ביסל מעל. און חיה ריווע באַדאַנקט זיי, וואָס מען האָט זי אויך אַמאָל אין זינען.

דערפאַר פילן זיך דאָרט די פּויערים היימיש; אין רעש, אין געטומל, לויפן זיי אַריין אין שטוב כלומר׳שט זיך אָנוואַרימען. דאָרטן איז חיה ריווע די באַלעבאָסטע. דער אויוון ברענט שטענדיק; זי באַקט, קאָכט, וואַרפט אַז אַ שיעור קאַרטאָפליעס אין גליענדן אויוון פאַר אירע געסט. אירע סלאַיעס מיט מאַרינירטע הערינג בויערן ממש דורך די נאָזלעכער. די טשייניקעס מיט קאָכעדיקן וואַסער שלאָגן פון זיך אַ פּאַרע און זאָגן אַז, אַז באַלד וועלן חיה ריוועס צוויי יונגע טעכטערלעך דערלאַנגען טיי דעם עולם, וואָס כאַפּט זיך אַריין פון סעטשקאַרנע צו דערוואַרימען די קישקעס, ווייל די טויערן פון סעטש־קאַרנע מוזן שטענדיק זיין אָפן, סיי זומער, סיי ווינטער, כדי צו געבן די אָנגעהאָרעוועטע פערד אַ ביסל לופט אָפּצודעכען, און אויך דער שטויב פון דער מאַשינעריע זאָל זיך אַרויסציען אויף דרויסן, כדי, חלילה, ניט דערשטיקט צו ווערן.

אין די ווינטער־חדשים, ווען דער פראָסט ברענט, הערט זיך אָפּט דאָס קלאַפּן פון הענט צו הענט, אָרעם צו אָרעם, צו דערוואַרימען די גלידער. און חיה ריווע וואַרפט די שטיקער האָלץ אין גליענדן אויוון און מיט דער קאָטשערע שלעפּט זי אַרויס געבראָטענע קאַרטאָפליעס, וואָס צעגייען ממש אין מויל. זי רופט אירע היימישע געסט פאַר כיבוד איינע נאָך די אַנדערע: „מיכיילאָ! וואַטעל! טאַמקאָ! באַראַבאַלי ספּיקלאַ!” (בולבעס האָב איך אָפּגעבראָטן!).

זיי כאַפּן די הייסע בולבעס, ווי טייערע מתנות, ניט אַזוי ווייל זיי זיינען זשעדנע נאָך אַזאַ מאכל, נאָר ווייל חיה ריווע גרייט זיי צו. מען פאַרגעסט אַפילו, אַז די הענט בריען, אַז דער גומען ווערט ממש אָפּגעשרפ׳עט פון די פייערדיקע בולבעס. וואָס האָט עס פאַר אַ ווערט ביי אַ היימישן פּויער? עס ווערט בלויז ביי אים צערייצט דער אַפּע־טיט. מען פאַרגעסט אַפילו אַז דער סעטשקאַרנע און מען שרייט:

„חייקאַ, סילעדיטץ דאַווייטי!” (חייה'קע דערלאַנגט אַ הערינג!).

חייה ריווע ווייסט שוין, אַז אַ סלאַי הערינג וועט באַלד גיין קאַפּוט. די מיידלעך ציען אויף גיך אַרויף די פאַרטוכער, — דאָס איז זייער אַרבעט, — זאָלן די קינדער אויך וויסן פון אַ שטיקל עול, פונקט ווי זי, זייער מאַמע, וואָס איז געבענטשט מן השמים צו שפּייזן אַ סך, אַ סך נפשות, גרויס און קליין, אידן און קריסטן — כאָטש אין אָרימקייט און אין דחקות, אָבער מיט אַ ברייט האַרץ. און אַפילו ווען זי נעמט יאָ די בידנע גריוונע פאַר אַזאַ אָנבייסן, וואָס זי גיט זיי, זעט זי דאָך אויך ניט דערפון אַפילו אַ גראָשן, עס גייט אויפן חשבון מיט קיוועז, און ניט קיווע, און ניט זי קענען דערנאָך דערגיין אַ טאָלק אין זייער בוכהאַלטעריע, וויפיל פּראַצע זייערע דער ווינט האָט שוין פאַרטראָגן צווישן די דערפער.

ניט איין מאָל נעמט קיווע סעטשקאַרניק דעם שטעקן אין האַנט און לאָזט זיך אַרויס צו זיינע בעלי־חובות אַרום די דערפער חוקר ודורש זיין, וואו דער „עולם” איז מיטאַמאָל נעלם געוואָרן, צי האָבן זיי שוין קיין „כאַדאָבעס” ניט? צי האָבן זיי פאַרגעסן אָן זייער „בידניאַק” קיווע?

מיט גרויס פריינטשאַפט ווערט ער באַגעגנט פון זיינע בעלי־חובות. מען פאַרענטפערט זיך: שווער צו קומען אין שטאָט אַריין, דער פּראָסט איז גרויס, די בלאָטעס שפּרייטן זיך, איז וואָס איז די יאָגע־ניש אין שטאָט אַריין? ס'איז נאָך דאָ אַ ביסל היי דאָ און דאָרט, אַ ביסל מלויצעט מען, בלייבט די „טראַוואַ” און מען גיט עס די „כאַדאָבעס”.

אָט אַזוי טענה'ן זיי שטענדיק. ער איז שוין געוואוינט דערצו. אָבער לייִדיק קומט ער שוין ניט אַהיים: עס געפינט זיך תמיד אַ פּויער, וואָס פירט אַהיים די מתנות, וואָס ער, קיווע, קריגט. ער ווייסט קיינמאָל ניט צי ער זאָל עס צורעכענען אויפן חוב, צי סתם צו זייער גוטהאַרציקייט. דערפאַר שטימט ביי אים קיינמאָל ניט דער חשבון. און וואָס טויגן אים די חשבונות, אַז די סעטשקאַרנע שטייט לייִדיק? דעריבער דאַנקט ער גאָט, וואָס די חובות ווערן ווי פון זיך אַליין אויסגעמעקט און נייע צייכענען זיך אָן. זאָלן די מאַשינען רודערן, זאָלן די בלינדע „קאַשטאַנעס” שלעפּן, אויך זיי טאָרן ניט עסן אומזיסט.

נאָך קיוועס אַהיימקומען פון דאָרף הייבט זיך ווייטער אָן קאָכן

אין סעטשקאַרנע, ווי די פויערים וואַלטן זיך אַלע מיטאַמאָל צונויפ־געגרעדט. די וועגענער אָנגעפּיקעוועט מיט סנאָפּעס ביזן „ווערד" פאַרשטעלן די ליכט, דאָס הויז ווערט ווי אַן אמת'ע אכסניה, דער טיטון־רויך קריכט אַריין אין די גרגרת. מען שטאָפּט די מאַכאָרקע אין פאַרטשאַדעטע לולקעס, מען פּיפּקעט אַז אַ שיעור, מוז דאָך דע־מאָלט די טיר אודאי שוין זיין אָפן. די קולות פון סעטשקאַרנע מישן זיך דאָן אויס מיטן הויז־טומל, און גאַנץ אָפט „רייסט" זיך אַן אייגן קינד אין וויגל און ווערט ממש צעקייכט פון די גרויסע קולות. נאָר זעלטן ווען אימיצער דערהערט עס, די דרויסנדיקע קולות פאַר־דומפּן דעם עופה'לעס רייסן זיך ערגעץ אין אָפּגעצאַמטן חדר'ל. ביז עס געשעט אַ נס, אימיצער לויפט אַריין און לאָזט וויסן, אַז דאָס קינד, נעבעך, קוויטשעט.

חיה ריווע לויפט דאָן צו צום „עופה'לע" און כאַפּט עס אַריין אין אירע מוטערלעכע הענט, טוליעט עס צו זיך:

— שאַ, שאַ, קינד מיינס, אוצר מיינער, טרייסט מיינע, די מאַמע האָט דיך ניט געהערט, נשמה מיינע. דו ווילסט אודאי זייגן, וועלט מיינע, יאָ, יאָ, אָט גיב איך דיר די ברוסט, נאַ, זייג, זייג! . . .

זי פאַרדעקט דאָן מיט אַ האַנטוך אירע אָנגעפּילטע בריסטן און ווי צו אַ זייגער הערט זיך די מוטער צו צום טיק־טאַק, איר חנה'לע ציט און ציט איר נשמה אַרויס, ווייל חנה'לע איז שוין גאָט צו דאַנקען דאָס זעקסטע קינד, און ווען גאָט זאָל איר ניט געווען שטראָפן, וואָלט זי שוין היינט זוכה געווען צו האָבן אַכט אוצרות. ס'זאָל איר נאָר ניט פאַרשטערט ווערן.

אָבער די זעקס געשענקטע האָבן שוין ביי איר אַרויסגעצויגן דעם מאַרך פון די ביינער. יעדער „יעכץ", וואָס זי גיט בשעת דאָס קינד קאַרבט אַריין די פרישע ציינדעלעך אין דער מוטערס בריסט — עקט איר ממש אָפּ די יאָרן, זי איז דאָך שוין ניט קיין ערשטלינג.

באַלד, באַלד ווערט 25 יאָר ווי זי איז מיט איר קיווען אונטער דער חופה געשטאַנען. זי בעט ביי גאָט, זי זאָל זיך כאָטש עלטערן מיט איר קיווען. און ווען האָט זי דען צייט אַ טראַכט צו טאָן וועגן אָט יענער צייט, אַז גאָט האָט זי באַקרוינט מיט אַ סעטשקאַרנע, — אַזאַ „קעניגרייך" ערגעץ אין עק שטאָט, אָפּגעזונדערט פון פריינט, פון משפחה? סיידן אַמאָל אין אַ יום־טוב, אָדער אין אַ קינפּעט, קומען אַראָפּ אירע חבר'טעס ווי פון יענער וועלט. זיי טרייסטן זי:

— זינדיק ניט, חיה ריווע, גאָט הייסט אַזוי, וועסט, מירטשעם, אויסהאָדעווען לייטישע קינדער, פּיינע קינדער, אַז גאָט און לייט וועלן דיר מקנא זיין און פּאַרוואָס טאַקע ניט, אַ סך חיה ריוועס ווי דו האָבן מיר אין שטאָט?

זי שאָקלט צו מיטן קאָפּ:

— יאָ, יאָ, — רעדט זי ווי צו זיך אַליין, — איך טרייסט חיה ריווען, איך זאָל ניט זינדיקן מיט די רייד. פון וואַנען זאָל אַ קינד זיך עפּעס אויסלערנען, פון המון אין סעטשקאַרנע, אָדער פונם קלויס־טער אַנטקעגן? צי גאָר פונם וואַרשאַוויאַק, דעם שטיינשלעגער? איידער אַ קינד קומט אַהיים פון חדר גייען מיר דאַך, מיינע שונאים, די אויגן אַרויס, און דערפאַר זיינען זיי אויסגעדאַרט און אויסגע־קוואַרט, שטענדיק באַפאַלט זיי אַ פּחד, קוים וואָס די קינדער קומען לעבעדיקע אַהיים. און ווער שמועסט נאָך אין ווינטער, דאַן איז גאָר מיט נסים, אַז זיי קומען אַהיים ניט קיין דערפרוירענע. און אַפילו קיווע אַליין, וואָס פאַר אַ לעבן האָט ער? שטענדיק זע איך אים אין דער היים מיט טלית און תפילין כאור הבוקר, ער שלינגט אָפּ דאָס דאַווענען ביחידות, מען לאָזט אים קוים אָפּשטיין שמונה עשרה. אַז אַ לעפל וואַסער אין מויל לויפט ער אַרויס. דאָ דאַרף מען אָנטרינקען די פערד ביי דער קרעניצע, דאָ דאַרף מען אָנשמירן די רעדער און שלייפן די מעסערס, זיי זאָלן אַזוי גיך ניט לויז ווערן. היינט דעם „טאָפּטאַק" דאַרף מען דאָך אויך רייניקן, אַפילו בלינדע פערד דאַרף מען דאָך אויך זיך ניט לאָזן וואַלגערן אין שמוץ. און איז ער שוין ווי עס איז אויף אַ לאָך און איך לויף אים רופן: קיווע! קיווע! — שריי איך, — קום כאָטש אַריין טרינקען אַ טעפל ציקאָריע! — פאַלן ערשט מיינע רייד ווי אין וואַסער אַריין. זיי באַפאַלן אים ווי די בינען, יעדער וויל פריער שניידן.

זי וואָלט אַזוי אָוועקגערעדט ווער ווייסט ווי לאַנג פאַר אירע שטאָטישע קרובים און חבר'טעס, ווען די קינדער אירע לאָזן זיך ניט אַריין פון די פאַרשידענע חדרים. די מיידלעך, פונקט ווי די אינגלעך— צוויי און צוויי . . . די אינגלעך, זאָגט מען, האָבן שאַרפע קעפּעלעך, לערנען שוין אַ בלאַט גמרא, און די מיידלעך, די עלטערע, גייען שוין צו אַ פּריוואַט־לערער — אַ בחור, אַ משכיל, וואָס האָט שוין גע־ענדיקט זעקס קלאַסן גימנאַזיע. ער דאַרף עס קיווע העלפאַנדס באַ־רישנעס אַרויסברענגען אויף דער וועלט, ניט ווי תושבים פון די

„דריי הייזער". . . און אויף דעם ביטערן גורל פון אירע טעכטער האָט חיה ריווע געגוג צו ריידן — זיי זיינען דאָך ניט קיין אינגלעך.

זי לאָזט אָבער איבער דעם נומער „ערגער" אויף אַן אַנדערש מאָל און געזעגנט זיך מיט אירע חבר'טעס, די געסט. ווער ווייסט ווען גאָט קען איר העלפן, זי זאָל זיך קענען אַריבערכאַפּן אין שטאָט אַריין צו זיי, צו כאַפּן נאָך אַזא שמועס?

זי גיט דאָן די קינדער עסן. זי דאַנקט גאָט, וואָס זי האָט כאָטש געהאַט אַ שטיקל חיי שעה זיך אויסצורײדן ס'האַרץ. זי טיילט אויס די עסנס און דערמאָנט זיך אויך אין איר קיוועז. זי שיקט דאָן אַרויס אַ קינד נאָכן טאַטן צו גיין עסן, אָבער, ווי זיין שטייגער איז, בלייבט ער דאָרט שטעקן: אַט באַלד, אַט באַלד, אַזוי אַ גאַנצן טאָג. מען לאָזט אים ווען עסן ניט טראַכטן.

ווי אַ ווינט טראָגט עס אַן די פּויערים. זיי דערשפּירן שוין, אַז די טעכטערלעך אירע זיינען שוין אַהיימגעקומען; זיי זיינען דאָך שוין מער ניט קיין קינדער. אַט ערשט ניט לאַנג זיינען איטלעכע און עלקעלע קינדער געווען. אַט, דאַכט זיך, נעכטן פּלעגן זיי די זעלבע פּויערים־פּריינט פאַרוויגן, ווייל זיי האָבן ניט געקענט צוזען דעם צער פון דער יונגער חיה ריווען, וואָס האָט נאָך געקענט בליען ווי אַ בלום, און אַט האָבן זיך שוין אַריבערגעקייקלט איבער צוויי צענדליק יאָרן. באַלד, באַלד, דאַרף זי זיין גרייט די קינדער אַרויסצוברענגען פאַר מענטשן מיט נדן, מיט באַלעבאַטישקייט, און ווער ווייסט? די פּויערים, וועמען די יונגע טעכטערלעך דערלאַנגען טיי, קענען זיך ממש מיט די יונגע „באַרישנעס" ניט אָנזעטן.

אָבער אויך זיי, די פּויערים, לאָזט מען לאַנג אינווייניק ניט זיצן, מען רופט זיי אַרויס:

— וואַסיל! פּעדיאַ! מעכאַלקאַ! אין סעטשקאַרנע אַריין! די מאַשינעס קענען ניט וואַרטן.

אַלע לאָזן זיך ראַפּטום גרייט צו וואַרפן די סנאָפּעס, אָבער מען קען דאָך אַלעמענס סנאָפּעס מיט איין מאָל ניט שניידן. ווערט אַ כאַפּעניש, אַ מחלוקת צווישן זיי:

— איך בין געקומען פאַר דיר! — שרייט מיכאַלקאַ.

— ס'איז מיין „אָטשערעד"! — טומלט וואַסיל.

— איך האָב מיט קיוועז די מעסערס געשאַרפט פאַר אייך! — ליאַרמט פּעדיאַ.

די קולות רייסן זיך אַריין צו חיה ריוועז. זי מיט די טעכטער לויפן דאַן אַרויס איינצושטילן די מחלוקת. די פויערים פּאַרלאָזן זיך דאַן אויף איטקען, זי זאָל אַנטשיידן.

ווערט אַ נייער טומל:

— אדרבה, — שרייט וואַסיל, —זאָלן די טעכטער זיין די ריכטער, זיי גייען דאָך אין שקאָלע, זיי ווייסן דעם זאַקאָן . . .

חיה ריווע רייסט זיך דעם האַלדז:

— טשאַלאָוויטשי, — בעט זי זיך ביי זיי, — אין וואָס גייט אייך דאָ, אין אַ האַלבער שעה? וויפיל סנאָפּעם האַסטו, מיכאַלקאַ?

— צוואַנציק! — ענטפערט ער.

— און וויפיל האַסטו, וואַסיל?

— בלויז זעקס! . . . — ענטפערט וואַסיל.

— באַזשע מאַי, גאָט מיינער, אין וואָס־זשע גייט אייך דאָ, אין צוואַנציק מינוט? — מישט זיך שוין אַריין קיווע אַליין. — אָט נעם איך די זעקס סנאָפּעם מיט אייער הילף און גיב זיי אַ דריי דורך און אין איין אויגנבליק ווערן זיי ביי מיר פאַרטיק. דערנאָך נעם איך דיינע צוואַנציק און נעמסט איבער די גאַנצע סעטשקאַרנע, ביז זיי וועלן פאַרטיק ווערן. דו וועסט דאָך אַליין צוגעבן, מיכאַלקאַ טייערער, אַז זעקס נעמט ווייניקער ווי צוואַנציק, — בעט זיך קיווע.

— אַזאַ יאָר צו מיר, ווי מיין קיווע איז גערעכט, — מישט זיך שוין חיה ריווע אַריין. — די גאַנצע וועלט וועט עדות זאָגן, אַז מיין קיווע וועט קיינעם ניט קריוודען. גיט זיך בעסער אַ נעם אַלע צו דער אַרבעט און איכ׳ל באַלד פאַר אייך עפּעס צוגרייטן צום עסן, ביז איר וועט פאַרטיק ווערן.

די מיל מאָלט ווייטער. מיט גרוים פּליים וואַרפן די צוויי גע־קריוודעטע פּויערים די סנאָפּעם און רייסן געשווינט אַרויס די סעטשקע און שטאָפּן עס אין די לאַנגע זעק. און פעדיא, דער דריטער געקריוו־דעטער, כאַפּט זיך טאַקע צוריק אַריין אין שטוב. ער האַלט זיך שוין לאַנג פאַר אַ היימישן מענטשן, וואָס טרעט סיי־ווי שטענדיק אַפּ זיין „אַטשערעד“, ווען עס קומט צו אַ מחלוקה.

ווען פעדיא קומט, העלפט ער תמיד קיווען שאַרפן די מעסערס, דרייט דעם ראָד אין דער „טאַטשאַלקע“, האָט ליב צו הערן ווי די מעסערס קלינגען אָפּ אויף דעם שאַרפשטיין, ווי מוזיק, און זיינע

אויערן. ניט איין מאָל טראַכט פעדיא, ווען ער לאָזט זיך זומער־צייט ביינאַכט אַרויס אויף די פעלדער זיינע פערד צו „פּאַפּאַסן״, ווען ער צעלאָזט זיך אויספייפן אויף זיין „דודע״ די קלאַנגען פון פאַרשידענע פייגל, — אַז ס׳וואָלט געווען גוט, ווען ער קען אַרויסציען אויף זיין „דודקע״ אויך די קלאַנגען פון די טעמפּע מעסערס אויף דער „טאַ־טשאַלקאַ״, ווי אויך דעם גאַנצן הו־האַ אין דער סעטשקאַרנע, דאָס הירזשען פון די פערד, דעם ריטם פון „טאַפּטאַק״, דאָס רעווען פון די סנאָפּעס, בעת די מעסערס קאַרבן זיך אַריין אין זייער רוקן. פעדיא קען עס ניט פאַרשטיין, פאַרוואָס עס גיט זיך אים ניט איין דאָס אַלץ אויסצופייפן אויף זיין „דודע״.

ער ווערט דאַן אַ ווײַלע אוים „שפּילער״, די סעטשקאַרנע ווערט אים פרעמד. צו זיינע אויערן דערטראָגט זיך דאָס שטילע, זאַפּטיקע כראַמטשען פון די פערד אויפן גרויסן סטעפּ. די לבנה שפּרייט ליכט אויף זיין געמיט, אויף זיינע „כאַדאַבעס״. ער זעט ממש ווי די זאַפּטיקע גראָזן שפּריצן אַריין כוח און קראַפט אין זיינע „כאַדאַבעס״, וואָס ווערן אַזוי אויסגעמאַטערט אין די ווינטער־חדשים, ווען ער מוז זיי האַדעווען מיט סעטשקע קוים צוגעמישט מיט אַ ביסל האָבער.

און דערפאַר איז ער, פעדיא, היינט ביי קיווען אַפּצומאַלן אַ ביסל שפּייז פאַר זיינע „כאַדאַבעס״, נאָר איילן דאַרף ער זיך ניט, ס׳איז ביי אים אַ שטיקל יום־טוב, ווען ער קומט אין שטאָט אַריין אַנגרייטן סעטשקע. ער קויפט זיך דאַן איין זיינע ביסל „זאַכן״ פאַרן קליינעם געזינדל. ער איז אויך שטענדיק גרייט מיטצונעמען קיוועס צוויי בחורים׳לעך צו זיך אין דאָרף אַריין; זיי ווען ביי אים זיין גוטע געסט, ביי אים וועלן זיי גאָר האָבן אַן אַנדער אַפּעטיט.

חיה ריווע גיסט דאַן אויס איר ביטער האַרץ פאַרן פויער, וואָס די קינדער גייען אַרום שלינג־און־שלאַנג, עסן ניט אין צייט און טרינקען ניט אין צייט. און וואָס איז דער וואונדער? קיינמאָל האָבן ניט די קינדער די זכיה צו עסן אַן אָנבייסן, ווי ביי לייטן, מיט אַ טאַטן, וואָס גיט השגחה איבער זיי. שטענדיק עסן זיי באַזונדער, אָפּגעכאַפּט, און ניט זי, ניט די קינדער, ניט איר קיווע, האָבן הנאה פון אַ לעפל געקעכטס.

דער פויער, פעדיא, קען עס ניט פאַרשטיין. וואָס טויג אַ מענטשנס לעבן, אַז ער קען ניט אָפּעסן ווי אַ מענטש? און פאַרוואָס גייט „פאַנטולע״ ניט אַרויס אים „איבערנעמען די הענט״? — פרעגט

דער פויער נאַיוו, — ער איז דאָך אַ געזונטער יונג, און אַ שותּף דערצו.

דער פויער ווייסט ניט קיין חכמות. שמחה, קיוועס עלטערער ברודער, איז דאָך אַ שותּף צום געשעפט. אמת, די סעטשקאַרנע טראָגט ניט פאַר צוויי פאַמיליעס, כאַפּט זיך שמחה ארויס אין דאָרף אַריין און שטיקעוועט ווי עס איז אויס אַ האַלבע פּרנסה. איז צו שמחה'ן, וואָס איז שוואַכער אין געזונט, האָט מען קיין טענות ניט, אָבער „פאַנטולע", נפתלי הייסט עס, וואו איז ער? . . .

חיה ריווע בלייבט דאָן אָן לשון. זי קען דעם פויער מער ניט ענטפערן. ס'איז איר אַ ווייסטע חרפּה, וואָס פרעמדע זעען אפילו אַזוינס צו. ניט איין מאָל וויל זי אויסגיסן איר ביטער האַרץ אויף אַזאַ פירעכץ צווישן שותּפים. אָבער ס'איז דאָך אַ ברודער, מען וואוינט אונטער איין דאַך צווישען „דריי הייזער", קינדער ווערן אינאיינעם דערצויגן . . . גראַדע פיינע קינדער וואַקסן ביי שמחה'ן . . . און ניט איין מאָל, טראַכט זי, ווי גאָט פירט מאָדנע זיין וועלטל, שמחה איז אַ איד אַ שוואַכער, איינגעהויקערט, קוים וואָס ער רעדט, האָט די זכיה צו האָבן, קיין עין הרע, אַזעלכע טעכטער איינס אין איינס — אַלע אונטער דער חופּה צו פירן . . . און איר קיווע, אַ דאַנק גאָט, אַ מענטש אַ האָרעפּאַשניק, שטענדיק גרייט צו האָרעווען, קיין זאַך פאַלט אים ניט שווער, זיינען זייערע קינדער איינס ביי איינס אויסגעמאָרדעוועטע, אויסגעגרינטע. טראַכט זי ביי זיך, אפשר איז זי אין דעם שולדיק?

דער פויער פאַרשטייט דאָן פאַרוואָס חיה ריווע ענטפערט אים ניט. ער לויפט דאָן אַליין אַרויס רופן נפתלי'ן צו געבן הילף. חוץ דעם ווערט באַלד פינצטער און ער מוז דאָך זיינע סנאָפּעס אויך שניידן.

עס געלינגט דאָן פעדיאַן אָוועקצונעמען קיווען פון דער מאַ־שינעריע:

— גענוג, גענוג, חייקע דאַרף דיך! — שיקט אים דער פויער אין שטוב מעשה קאַלעגע. — איך מיט „פאַנטולען" וועלן שוין אונ־דזער שטעטל באַשטיין אָן דיר . . .

מיטן פויערס אַרויסלויפן בעט דאָן חיה ריווע ביי גאָט, די נאַכט זאָל צופאַלן. שוין גענוג געמוטשעט די פערד, געמוטשעט זיך מיט די קינדער. און ווען קיווע באַוויזט זיך אַ פאַרפּראַשעטער מיט סעטשקע אויפן האַלדז, אויערן און אויגן, נעמט זי אויס געוואוינהייט

אין קיך אויסטרעסן, אויסטשוכן אים. איצט ווייסט זי, אז אלץ ווערט באלד אפגעשטעלט, טיר און טויער ווערן פארמאכט, אוים טומל, אוים רעש, אוים סעטשקארנע.

קיווע נעמט זיך ארומוואשן. די מיידלעך גרייטן שנעל צום טיש. ביז קיווע דאוונט אפ מנחה און מעריב, האט חיה ריווע אלץ פארטיק געמאכט פאר איר אנגעהארעוועטן מאן, און ווען ער זעצט זיך עסן, דאן קען זי א ביסל אפאטעמען.

ווען זי רוט זיך אפ א ביסל, נעמט זי אויפסניי, אפשר שוין צום טויזנטסטן מאל, אויסגיסן איר ביטער הארץ. זי בעט זיך ביי אים:

— קיווע לעבן, ווי גאט איז דיר ליב, גענוג צו פאסטן. וויפיל איז דער שיעור? דו ביסט דאך שוין ניט קיין אינגעלע, דו ווערסט גרוי און אלט, דיינע באקן ווערן איינגעשרומפן, די קינדער זיינען איז דיר געראטן . . . איך באק און קאך פארן רוח.

קיווע ענטפערט שוין מער ניט. ער ווייסט שוין, אז דאס איז א טייל פון זיין „בענטשן" נאך וועטשערע. ער קען זיין חיה ריוועס קיין טרייסט ניט געבן. ער בענטשט אפ און לויט געוואוינהייט קלייבט ער זיך ארויסצופירן די פערד צו דער קרעניצע, זיי אנצוטרינקען, אבער פריער לייזיקט ער אוים די קעשענע מיט זיין גאנצער שפע פון טאג און גיט איבער זיין „פארמעגן" חיה ריווען, זאל זי האלטן דאס געלט, ווען ער לאזט זיך ארוים ביינאכט מיט זיינע פערד צום „פאיעזן", מען איז דאך פארט צווישן גויים און אזוי נאענט לעבן א קלויסטער . . .

חיה ריווע מיט די דריי מיידלעך בלייבן אליין אין שטוב. זיי נעמען ארונטער פון טיש. די מוטער גרייט צו דאס קליינע עופה'לע פון וויגל אויף ביינאכט. די פינצטערניש גיט איר א שלאג פון דרויסן, בעת זי הייבט אויף אירע אויגן פון וויגעלע. זי פארווינגט דאס קינד און בעת מעשה דערמאנט זי זיך אין אירע צוויי בחורים'לעך, וואס זיינען נאך אין חדר. אין אזא חושך מוזן זיי דורכשפרייזן דעם מארק, דעם קסיאנדז, דעם געפערלעכן הויף מיט זיינע גרויסע כלבים אויף דער וואך. אז ליכט און אז א שומר שפרייזן זיי אזוי דורך דעם קאטוילישן קלויסטער. בלויז א שטיק פינצטערניש הויערט איבער אירע קינדערס געמיט און ווארפט אויף זיי אז א גרויליקן פחד. זי בעט שטענדיק גאט, ער זאל אירע קינדער באשיצן פון אלעם שלעכטס און זיי דערפירן בשלום אהיים.

איר חנה'לע איז שוין איינגעשלאָפן. זי כאַפּט אַ לעצטן בליק צום פייער אין קאַך־אייוועלע, — זאָל כאַטש זיין וואַרעם אין שטוב.

די מיידלעך נעמען זיך מאַכן זייערע „אוראַקן". חיה ריווע וואַרט שוין, אַז קיווע מיט די קינדער זאָלן אָנקומען, וועט זי זיך אויך קענען אַפּרוען.

נאָר מיטאַמאָל דערהערט זיך אַ טומל. ניין, ס'איז ניט קיווע, ניט די קינדער. דאָס זיינען פאַרפאַרן פרעמדע מענטשן מיט אַ געשפּאַן.

מען קלאַפּט אין טויער.

ביידע מיידלעך לויפן עפענען דעם טויער. איינע לויפט באַלד צוריק, רוימט איין דער מאַמען אַ סוד:

— פרעמדע מענטשן, עפּעס מאָדנע פאַרשוינען, ווייזן אויס ווי קאַטאַרינשטשיקעס . . .

אַלע דריי עפענען דעם טויער האַלב וועגס. עס שטייט אַ גע־שפּאַן מיט אַרום אַכט פאַרשוינען, קענטיק אַ גאַנצע משפחה, יונג און אַלט, טראָגן מאָדנע מלבושים, האַלב אידישע, האַלב גוי'עשע . . .

חיה ריווען כאַפּט אָן עפּעס אַ מאָדנער שרעק, זי ווייסט אַליין ניט פאַרוואָס. זיי קוקן, דאַכט זיך, אויס ווי אידן . . . און דאָך . . . וואָלט קיווע געווען אין דער היים, וואָלט זי זיך אַנדערש געפילט. גיט זי זיי פונדעסטוועגן אַ פרעג:

— וואָס ווילט איר, אַן איינפאָר?

— יאָ, — ענטפערן אַלע.

— אַן אכסניה דאַרפן מיר פאַר אַלע אַכט פאַרשוין איבערצו־נעכטיקן און צובייסן, — דערקלערט איינער, וואָס ווייזט אויס, ווי דער פאָטער, אָדער ווי דער באַלעבאָס זייערער. — מיר זיינען מו־זיקאַנטן . . .

— ביי מיר אָבער איז ניט קיין איינפאָר־הויז! — ענטפערט חיה ריווע אַ ביסל דערשראָקן. — קלאַפּט אָן אין דער צווייטער שטוב, דאָרטן קענט איר פאַרפאָרן אויף נאַכטלעגער.

— אַ דאַנק, ספּאַסיבאָ! — ענטפערט דער אַלטער און גיט זיך אַ וויש די לאַנגע עקן פון די וואָנצעס.

זיי קלאַפּן אָן אין הויז נומער צוויי.

אַן פראַגעס עפנט זיך דער טויער, די פאַרשוינען ווערן באַלד ווי איינגעשלונגען און דער טויער פאַרמאַכט זיך.

דער באַלעבאָס פון הויז נומער צוויי איז אידל לייזער לייבס.

ער ווייסט שוין ווי מיט געסט זיך צו באַגיין. כאָטש ער איז צווישן די דריי הייזער בלויז אַ קאַמאַרניק אַ יאָר פינף, דאָך האָט ער, קיין עין הרע, אַ שיין געזינדל מיט זין און טעכטער, וואָס כאַפּן אַן אויג אין יעדן ווינקעלע.

דער סאַמאָוואַר ווערט באַלד פאַרזאָטן, גלעזער און טעלער ווערן געבעט, יונג און אַלט וואַקסן אויס מיט די לאָמטערנעס צו באַלייכטן דעם אַריינפאָר. בשתיקה איז מען חוקר ודורש, אויב די געסט זיינען כשר אָדער ניט. און ווען זיי דערזעען, אַז די פערד זיינען איבערגעדעקט און פּאַשן זיך געמיטלעך פון זייער „האָבעראַק", ווערט באַלד דער טיש געשפּרייט. דער עולם זעצט זיך אויס אויף די לאַנגע בענק, און זיי דערוויסן זיך באַלד דורך דער באַלעבאָסטע, דער „אידעליכע" — אַז אַ מאַרינירטער הערינג מיט בולבעס און טיי מיט נאַכטלעגער קאָסט בלויז אַ פּערטעלע — 25 קאָפּיקעס. די געסט וואַשן זיך דערווייל אָרום. די קאַרטאָפליעס זידן שוין, די הערינג דאַרף מען בלויז אַרויסנעמען פון די סלאָיעס, נאָר די „אידעליכע" כאַפּט זיך, אַז עפּעס פעלט איר אויס דאָס סאַמע וויכטיקסטע צום טיי — צוקער.

חיה ריווע אין הויז נומער איינס איז אַלץ אומרואיק. עס דאַכט זיך איר, אַז קיווע פּאָיעט עפּעס די פערד צו לאַנג.

אַז קיווע האָט אַריינגעפירט די פערד, האָט לאַנג ניט גענומען און די טעכטער האָבן אים אָנגעזאָגט, אַז צו אידלען זיינען פאַרפאָרן געסט. חיה ריווע איז נערוועז:

— מיר וואָלטן געדאַרפט זיך אַריינכאַפּן צו אידלען, כאַפּן אַ קוק וואָס פאַר אַ פּאַרשוינען דאָס זיינען! — שלאָגט זי פאַר אין דער שטיל.

קיווע ווערט בייז:

— וואָס־זשע, דו שרעקסט זיך? ביסט מיטאָמאָל געוואָרן אַ „בויעזליווע"? און אַז קאַטאַרינשטשיקעס איז וואָס? האָסט נאָך אַזוינס ניט געזען? פוי, צו מיינע שונאים'ס קעפּ! — גיט קיווע אַ שפּײַ אויס. — טאָמער ווילסטו, זיינען שוין דאָ ביי מיר עטלעכע גויים און אוים מורא!

— טאַ לאָמיר־זשע אַזוי זיך דורכגיין אויף דרויסן, סיי־ווי דאַרפן די קינדער באַלד אָנקומען פון די חדרים. ס'איז דאָך פינצטער, — וויל איס חיה ריווע איינרעדן.

זי וואַרפט אַרונטער דעם פאַרטוך, טוט אָן איר „פּלאַכטע", כאַפּט אויף גיך אַרויף דעם שוואַרצן שאַל, זאָגט אָן די מיידלעך

אכטונג צו געבן אויפן קינד און נעמט קיווען אן ביי דער האנט.

קיווע גייט מיט ווי א קאלב. ער ווייסט אליין ניט ווי אזוי ער האט זיך געלאזט אזוי איינריידן פון זיין פלונית׳טע איבער א נעכטיקן טאג.

דורכן חושך רייסן זיך זייערע פאר׳גנב׳עטע בליקן צו די אייזאנגעקאוועטע פענצטער פון הויז נומער צוויי. עס הערן זיך נאענטע טריט פון דרויסן, קינדער און עלטערן באגעגענען זיך ווארעם. די מאמע כאפט זיי ארום:

— אזוי שפעט פון חדר, זין מיינע?

— איך האב געמוזט ווארטן אויף שמואל׳ן, — פארענטפערט זיך דוד, דער קלענערער, וואס איז שוין געגאנגען צום גרעסטן מלמד, וואס האלט שפעט די תלמידים.

— איך וועל ארויסנעמען דאס קינד פון לייב רייזעס, זאג איך דיר, קיווע. ער האלט מיר צו שפעט דאס קינד, — רעדט הויך חיה ריווע.

איר קול דערהערט מען אזש פון גאס. אימיצער רופט פון איניוויניק און קלאפט אין די שויבן:

— חיה ריווע, חיה ריווע, ווארט א ווײלע!

אלע קוקן זיך אום. דאס רופט רחל, די שכנה פון אריינפאר־הויז. זי לויפט באלד ארויס, עפנט דאס קליינע טירל פון טויער און רעדט שטיל:

— וואס זאגסטו ניט דערצו? איך בין געבליבן אן א שטיקל צוקער! קיין עין הרע, אכט פארשוינענע פארפארן. אפשר קענסטו מיר אויסלייען א גלאז צוקער?

— וואס הייסט, צי איך קען? מיטן גרעסטן כבוד! אט גיי איך דיר שוין געבן!

חיה ריווע לויפט טאקע באלד אריין צו זיך אין הויז. אין איילעניש הייסט זי די טעכטער געבן די קינדער עסן. קיווע ווארט אין דרויסן, ביז חיה ריווע באווייזט זיך מיט דעם גלאז צוקער.

— א שיינעם דאנק דיר, חיה ריווע, האסט מיך פשוט דערהאלטן ביים לעבן, — איז די שכנה מלא שמחה. — אפשר וועסטו מיט קיווען אריינקומען צו מיר היינט טרינקען א גלעזל טיי?

חיה ריווע קווענקלט זיך:

— א דאנק, ווי קען איך? איך האב דאך א קליין קינד . . .

קיווע מאַכט אַ פּשרה:

— קום אַריין אויף אַ ווײַלע, זײַ ניט קיין אידענע!

ביידע גייען אַריין דורך דער הינטער־טיר.

— איך זאָל אַזוי ניט וויסן פון קיין שלעכטס, — זאָגט רחל אין דער שטיל, — ווי איך ווייס ניט וואָס פאַרא מענטשן דאָס זיינען: עפּעס מאָדנע פאַרשוינען, האַלב מוזיקאַנטן, האַלב קאַטערינשטשי־קעס... דוקא אידן, נאָר גיי וויים!...

— וועסט שוין זען, מירטשעם, מאָרגן, — טרייסט איר חיה ריווע. — נאָר היט זיך, כאַפּ אַ קוק...

מיט אידלס איין וואָרט: — טיי איז גרייט! — האָט זיך דער עולם אַ זעץ געטאָן אַרום דעם טיש, ווער מיט אַ האַרמאָניקע, ווער מיט אַ קלאַרנעט, ווער מיט אַ פליט. קענטיק, זיי האָבן מיט זיך שטענדיק געהאַלטן די אינסטרומענטן. בלויז די עלטערע צוויי, אפשר פאָטער און מוטער, האָבן געהייסן דער חברה זיך איינשטילן, און זיך גענומען צו די צוויי קלענסטע מיידלעך, וואָס האָבן געטראָגן מלבושים ווי ציגיינער, זיי געקאָרמעט, געריבן זייערע הענטלעך, צו מאַכן זיכער, אַז דער פראָסט האָט זיי ניט אָפּגעברענט.

אידל מיט זיינע טעכטער האָבן דערלאַנגט די הערינג מיט קאַר־טאָפליעס:

— עסט, עסט, קינדערלעך, איר האָט ניט צופיל, איך האָב זיך ניט גערעכנט, קיין עין הרע, אויף אַכט פאַרשוין מיטאָמאָל, — רעדט צו זיי אידל היימישלעך.

— פונדעסטוועגן וועט איר פאַר קיין הונגער ניט שטאַרבן, — פאַרזיכערט זיי די „אידעליכע".

פונם אַלקער האָט אויך חיה ריווע געכאַפּט אַ קוק ווי מען באַ־האַנדלט געסט ביי לייטן. זי האָט אויסגעטרונקען דאָס גלעזל טיי און זיך געוואָלט לאָזן גיין, אָבער זי איז מיטאָמאָל שטיין געבליבן. זי האָט דערהערט:

— אַנו, קינדער, גיט נאָר עפּעס אַ שפּיל אָפּ פאַר די באַלעבאַטים פון אַריינפאָר, — האָט דער אַלטער אַ קאָמאַנדעווע געטאָן, קענטיק צופרידן פון דער אַנגעזעטיקטקייט.

אַלע זיינען אַרויס אין פאָרהויז פון דער טונקעלער באַלייכטונג. אַ שפּילעריי האָט זיך דערהערט פון האַרמאָניעס, פליטן, קלאַרנעטן, טייל האָבן זיך גענומען טאַנצן רוסישע קאַזאַצקעס.

פויערים פון ארום זיינען זיך צוזאמענגעלאפן:

— „מוזיקאנטי!" — האט זיך דערהערט פון איין שכן צום אנדערן.

יונגע שקצים מיט שיקסעס האבן זיך אריינגעריסן צווישן עולם. אלץ ארום די דריי הייזער האט אויפגעלעבט. אלע האבן זיך אויסגע־מישט אין איין טאנץ. איין פויער, א שכן, האט א כאפ געטאן חיה ריווען טאנצן. חיה ריווע האט זיך פון אים געריסן:

— לאז מיך אפ!

— מיר מעגן! — האט דער פויער געשריגן. — מיר זיינען שכנים. דו ביסט נאך א שיינע באבע . . .

חיה ריווע האט זיך פון אים קוים ארויסגעריסן:

— דו שעמסט זיך גארניט, וואסיל? — האט זי אין אטעם צו אים גע'טענה'ט. — האסט גארניט קיין מורא פאר מיין „גאספאדער"?

אידל האט דאן די מוזיקאנטן אפגעשטעלט. דער עולם איז זיך צעגאנגען. די געלעגערס זיינען איינגעטיילט געווארן, און די ליכט זיינען אויסגעלאשן געווארן.

די „דריי הייזער" זיינען איינגעוויקלט געווארן אין טיפער, שווערער נאכט.

— — — — — — — — —

אויף מארגן, פרייטיק, האט זיך אין סעטשקארנע ניט אזוי גע־טומלט ווי אנדערע טעג. די פויערים ווייסן, אז פרייטיק איז א קורצער טאג, ביז וואס ווען, דארפן קיווע מיט די קינדער גיין אין מרחץ . . . בלויז א פאר שטאטישע פויערים שניידן צוביסלעך . . .

חיה ריווע איז פארנומען מיט באקן, קאכן, די מיידלעך רייבן אפ די לייכטער, קלעפן ארום די ערד און באשיטן מיט זאמד, ווייל קיין פאדלאגע איז ביי קיווען אין הויז ניטא.

די שבת'דיקע מאכלים פארשמעקן דאס הויז, דערגרייכן אזש מיטן געשמאקן ריח ביז צום טויער פון דער סעטשקארנע. דאס געבעק פון אויוון, די „מאמעליגע לאטקעלעך" מיט די זיסע קיכעלעך, וואס חיה ריווע גרייט צו פאר סוחרים, וואס קומען דורך דער וואך, רייסן ממש דורך די נאזלעכער פון די היימישע פויערים. זיי לויפן כלומר'שט אריין פאררויכערן די לולקעס, כאפן א הייסע קארטאפל, אבער חיה ריווע ווייסט שוין, אז זי דארף יעדן פון זיי מיט עפעס מכבד זיין,

זאָלן זיי וויסן וואָס ס׳מיינט ביי אידן שבת. זיי לויבן די אידישע מאכלים אין הימל אריין.

עס דערהערט זיך ווידער אַ שפּילעריי פון די מוזיקאַנטן. דאָס מאָל שוין פון שטיינשלעגערס הויז נומער דריי. די האַרמאָניעס ציען הויכע טענער, די קאַטערינקעס גיבן איבער צום טאָן זייערע לירישע אַקאָרדן. מען טאַנצט ווידער די הילכיקע קאַזאַצקעס אין דעם פריען, ליידיק־פאַרלאָזענעם הויז.

די פערד אין סעטשקאַרנע טאַפּטשען אַרום אומזיסט אויפן „טאַפּטאַק", די סעטשקאַרנע איז פאַרלאָזן, מען לויפט הערן די מוזיקאַנטן. אָבער וועד זיינען זיי? און ווי קומען זיי פּלוצלונג דאָ אין דעם ליידיקן הויז? — ווייסט קיינער ניט . . .

חייה ריווע איז זייער אומרואיק:

— דער „שמש" פון קלויסטער וועט דאָך באַלד אַנלויפן, ווען ער דערהערט וואָס דאָ טוט זיך, — וואָרנט זי איר שכנה פון אריינ־פאָר, — און דאָס מיינט זיך אָנהייבן מיט עשו׳ן.

דער קלויסטער־שמש האָט זיך טאַקע גלייך באַוויזן און פול מיט רציחה זיי געגומען פון דאָרט טרייבן, זיי געסטראַשעט מיט אַרעסט.

חייה ריווע בעט זיך ביים „שמש", ער זאָל זיי ניט טאָן קיין שלעכטס:

— דו ביסט דאָך אַ היימישער מענטש, יאַנקאָ לעבן, — זוכט זי אים איינצושטילן דעם כעס.

— זיי האָבן דאָך קיין שלעכטס ניט געמיינט, — בעט זיך ביי אים די „אידעליכע".

ביידע פרויען ווייסן שוין, אַז זיי וועלן מוזן מקריב זיין אַ הערינג פון זייער עטוועגן.

דער „שמש" באַרואיקט זיך אַביסל. עס ווערט שטילער. טייל גייען צוריק אַריין אין אַריינפאָר נומער צוויי, טייל כאַפּן זיך אריין אין סעטשקאַרנע, וואו די פערד לויפן נאָך אַלץ אַרום אין אַ קאַרעהאָד און הירזשען און סאָפּען. די מאַשינערניע גרילצט מורא׳דיק.

די פּויערים ווילן אָניאָגן די פאַרלוירענע צייט, שווייגט מען, נאָר ס׳הערט זיך דאָס געפּילדער פון גאַנצן אַרום, עס קלאַפּט, עס פּאַלט, עס יאָגט, הימל און ערד און סעטשקע. די פערד פאַלן שיר אונטער דעם שווערן יאָך פון דער ריזיקער משא, וואָס זיי ציען. גאַנץ אָפט לויפט אונטער אַ פּויער מיט אַ בייטש און דערלאַנגט די „קאַשטאַנער".

— אײדאַ! אײדאַ! — שרײט דער פּויער. — ס׳איז פּרײטיק!

מיט די לעצטע כּוחות שלעפּן די פערד אין גאַלאָפּ די שווערע משׂא. קיינער באַמערקט ניט אין טומל, אַז ס׳לויפן אויך אַרום צוויי פון די פּרעמדע מוזיקאַנטן־קינדער ווי צעטומלטע פון די קולות. מאַלע וואָס קינדער, אידישע און גוי׳עשע, לויפן אַרום אין סעטשקאַרנע. ס׳איז דאָך שוין ביי קיינעם קיין נייעס ניט. אַפילו די פּויערים ווייסן שוין, אַז קיווע לאָזט קיין קינדער ניט טרייבן. אחוץ דעם האַלט עס שוין סיי־ווי ביי די לעצטע פּאָר סנאָפּעס.

איינס נאָכן אַנדערן רוקט קיווע די בינטלעך צווישן די מעסערס. נאָך אַ ווייל, נאָך אַ ווייל ווערט ער אויס האָרעפּאַשניק. ער זעט שוין ממש ווי ער פּאַרעט זיך אין מרחץ אויף דער אויבערשטער באַנק . . . נאָר מיטאַמאָל דערהערט זיך אַ געוואַלד:

— ראַטעוועט! שטעלט אָפּ די פערד!

אַלץ ווערט אָפּגעשטעלט. מען שלעפּט דעם אינגלס האַנט פון אונטער די מעסערס. די פינגער הענגען נאָך, דאָס בלוט רינט . . .

— באָזשע מאָי, אַ דאָקטאָר רופט! נעמט אים אין אַפּטייק! — שרייט אַ פּויער.

דאָס אינגל וואַרפט זיך און קרעכצט:

— מאַמע! מאַמע!

מען זוכט דעם אינגל צו העלפן מיט גיסן קאַרבאָל אויף זיין האַנט. מען לייגט קאַלטע „פּילקעס״.

פון הויז נומער צוויי רייסט זיך אַריין די מוטער מיט אַ יללה:

— גאָט מיינער, מישינקאַ מיינער, טייער קינד מיינס, ניט אים מיר אָפּ! ראַטעוועט אים, ווייַ איז דער מאַמען! וואו איז דאָ אַ „באָלניצע״? — שרייט זי אין היסטעריקע. איר געיאָמער רייסט איין די וועלט.

מען שפּאַנט פערד, מען ציט ליילעכער פון די בעטן, מען שלעפּט קישנס, קאָלדרעס פון חיה ריוועס בעטן איינצואוויקלען דעם חולה.

חיה ריווע איז פּאַרביי . . . ווי האַלב משוגע שרייט זי:

— נעמט וואָס איר ווילט!

חיה ריוועס קינדער רעווען ווי געקוילעטע אָקסן, אָבער קיווע מוז אַנטלויפן מיטן געשפּאַן צו פירן דעם חולה אין אַפּטייק, ווייל קיין דאָקטאָר אָדער שפּיטאָל איז אין שטעטל ניטאָ.

עס האבן זיך באוויזן באלד דער פריסטאוו מיטן אוריאדניק. אפילו דער מרחץ האט זיך מיטאמאל אויסגעליידיקט.

דער פריסטאוו שטייט לעבן חיה ריוועז און די קינדער וויינענ־דיקע ארום איר:

— ווי האט זיך דאס געטראפן? — פרעגט ער אויס, דער פרי־סטאוו. — איך מוז אלץ וויסן, ווייל איך דארף די „דיעלא" באריכטן.

חיה ריווע ליגט אויפן בעט און רייסט זיך:

— גאט מיינער, וואס וויל מען פון מיר? וואס שרעקט מען מיר איבער די קינדער? גאט מיינער, ווען פירסטו מיך שוין ארויס פון אט דער ביטערער פרנסה? — רייסט זי זיך אין היסטעריקע.

דער פריסטאוו קען גוט חיה ריוועז. ער ווייסט, זי איז ניט שולדיק, אז אן אומגליק האט פאסירט. ער בעט די שכנים, מען זאל זי בארואיקן, ווייל ער קען זיך ניט העלפן, ער מוז קלאר ווערן איבער דער „דיעלא".

אין גאלאפ לויפט ער אין אפטייק מיט זיין ווייסן פערד. דער אידישער עולם צעלויפט זיך, ס'איז דאך שוין פאר ליכט־בענטשן. בלויז עטלעכע גאר נאענטע פרויען זיינען פארבליבן, כדי ווי ניט איז טרייסטן זייער גוטער חיה ריוועז.

— גיי כאטש ארונטער ליכט־בענטשן, — בעט זיך א נאענטע קרובה ביי חיה ריוועז. — מסתמא וויל גאט אזוי. זאל שוין דער שרעק זיין אן אפקומעניש פאר אלע אידן.

חיה ריווע בעט זיך ביי איר קרובה, דער זקנה:

— גייט איר, נחמה'שע לעבן, ליכט־בענטשן, בענטשט פאר אונדז אלעמען . . .

באלד נאך דער זקנה'ס ליכט־בענטשן האט זיך קיווע אין איין אטעם אריינגעריסן אין שטוב א פארסאפעטער, איבערגעלאזן דאס ארונטערנעמען דעם פארוואונדעטן צו אידלען און די אנדערע:

— איך האב מיינס געטאן, אהיימגעבראכט דעם חולה פון אפטייק, פארבאנדאזשירט. ס'איז נאך גאט צו דאנקען וואס מען האט געטראפן דעם אפטייקער אין דער היים. באשערט געווען אונדז אן אומגליק, חיה ריווע. כ'פיל זיך גארניט אזוי זינדיק . . . נאר גאט צו דאנקען, מארגן גאנץ פרי וועט מען דעם חולה אוועקפירן קיין פראסקוראוו אין שפיטאל. דער פריסטאוו האט געגעבן אן אוקאז . . .

דער „דיסאצקי", וועלכן דער פריסטאוו האט מיטגעשיקט אלס

שומר איז הויז נומער צוויי, האָט נאָך געקלאַפּאַטשעט, געסלעדעוועט, פון וואַנעט עס זיינען די פאַרשווינען און פאַרוואָס האָבן זיי ניט קיין פּאַספּאָרטן? איז מען אָבער צווישן היימישע אידן, איז ביים דיסאַצקי אויך געוואָרן שבת. קיין „שלום עליכם" האָט מען געוויס ניט געזאָגט אין די דריי אידישע הייזער.

מען איז פאַרמאַטערטע אַוועקגעפאַלן אויף די געלעגערס. די מורא'דיקע בילדער פון דעם טאָג האָבן זיי ביז אין דער טיפער נאַכט ניט געלאָזט איינרוען.

דורך דער שווערער נאַכט האָבן זיך קיווען און חיה ריווען 25 יאָר גלות אין סעטשקאַרנע אויפסניי ווי אַדורכגעריסן מיט אַ שטורם. זיי האָבן זיך אין חושך באַגעגנט מיט די ווינטן און די בורעס, וואָס האָבן זיי שטענדיק געיאָגט אַרום די דריי הייזער . . . און איבערהויפּט דאָס לעצטע בילד, ווי אַט באַלד וועט מען אין אַ שבת'דיקן פרימאָרגן אַרויספירן אויף אַ וואָגן אַ אידישע משפחה פון וואַנדרער, וואָס זוכן געוויס פרנסה אויף דער פרעמדער גאָס הפקר'דיק . . .

קיווע האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם געדאַנק, אַז שיר, שיר האָט ער געקענט פאַרלירן זיין בטחון. ער האָט אָבער אַ טראַכט געטאָן, אַז נאָכן גאַנצן אומגליק, נאָך די גאַנצע פאַרשוואַרצטע יאָרן אין זיין סעטשקאַרנע, איז ער פאָרט אַ מענטש מיט אַן אייגן שטיקל שטוב צוזאַמען מיט זיין חיה ריווען, מיט די קינדער זאָלן לעבן, מיט אַזוי פיל פריינט אידן און קריסטן; אַז ער טאָר נאָך אַלעמען ניט זינדיקן, און גאָט פירט אים דאָך אַרויס מיט חסד פון אַלע צרות.

און ער אַליין, אמת קיין למדן איז ער ניט, כאָטש אַ פּרק משניות לערנט ער ווען ער האָט יאָרצייט נאָך טאַטע־מאַמע . . . אָבער די קינדער זיינע, וואָס טוט ער פאַר זיי? גייט ער אפילו דאַווענען מיט זיינע קינדער, ווי אַלע אידן דאַווענען בציבור אין קלויז, צי אין בית־המדרש, אַחוץ שבת און יום־טוב? און אַז אפילו די קינדער, וואָס גייען יאָ אין די חדרים צוגלייך מיט אַלע קינדער און האָבן גוטע קעפּלעך, זיינען דאָך אַלץ ביי אַ טאַטן אַ סעטשקאַרניק צווישן פּויערים אַרום קלויסטער, וואָס שלינגט איין אין די טויזנטער נפשות אַזוי גיך ווי די טירן גיבן זיך אַן עפן.

די סעטשקאַרנע האָט זיך אָבער ניט אָפּגעשטעלט. קיווע פלעגט

אויפשטיין קאַיאָר, אָנגעפּאַיעט די פערד, געשטעלט די מאַשינעז אין אָרדענונג, אויפגעוועקט נפתלי'ן, דעם פּלימעניק זיינעם, ער זאָל סוף כל סוף איבערנעמען די קאָמאַנדע.

און שמחה, זיין עלטערער ברודער? ער האָט לאַנג מיט זיין בן־יחיד ניט געדאַרפט קנעלן, כדי אים צו איבערצייגן, אַז ער דאַרף איצט אונטערשטעלן אַ פּלייצע, אַז אויף אים ליגט דער חוב צו לאָזן קיווען גיין דאַוונען אין קלויז אַלע טאָג, און זאָל זיך קיווע אַ ביסל באַפרייען פון טומל.

און נפתלי איז געווען געבענטשט מיט ברייטע פּלייצעס, בלוט און מילך, ניש'קשה'דיק געלערנט אַ שטיקל גמרא, — פּאַרט אַ טאַטע אַ קענער. אָבער אויך די אייגענע מעשה: די דריי הייזער האָבן געשטערט, און אפשר האָט אים דורך זיין גבורה די סעטשקאַרנע אַריינגעצויגן פאַר דער צייט; ער איז געווען אַ „ספּאַסאָבנער" ביים שאַרפן די מעסערס, ביים וואַרפן די סנאָפּעס, און אַמאָל אויך זיך אַ באַרע געטאָן מיט אייניקע וואָוויליונגישע פּויערים. ער פלעגט זיי אָוועקשליידערן און זיי אויסמעסטן ווי די סנאָפּעס. זיי האָבן דערפאַר געהאַט פאַר אים דרך ארץ, און אין גוטן מוט האָבן זיי געוואָלט זיך מיט אים איבערבעטן. אָבער ער, פּאַרט אַ יונגער בחור, האָט זיך אָפט געזוכט אַרויסצודרייען און די אַרבעט אָנגעוואַרפן אויפן פעטער קיווען.

אָבער איצט שטייט ער אויף פאַר זון־אויפגיין. ער וואַרפט די סנאָפּעס ווי פּילקעס, ממש געוואָרן אַ „סאַמאָדערזשניק", ניט אַזוי צו די פּויערים, ווי צו דעם יונגוואַרג, וואָס שלייעט נאָך אַלץ אַרום דער סעטשקאַרנע, אַרום די צלמים לעבן דעם שטיינשלעגערס חורבה . . . אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט מען גאָר נאָענט צו דער קלויסטער־טיר, אָבער מען כאַפּט זיך צוריק און מען לויפט אין סעטשקאַרנע.

אָבער ניט מער! זייט דעם אומגליק מיט דעם וואַנדער־קינד טאָר זייער דעד זיך דאָרט ניט באַווייזן. ס'איז איצט דאָרט שטענדיק גראַם, ס'איז זיך דאָ וואו אַ ריר צו טאָן, כאָטש מן הצד שמועסט מען, אַז זייט נפתלי באַלעבאַטעוועט, שניידט מען אַ סך וויינעקער און די פּויערים זינקען ממש איין.

אָבער קיווען אַרט עס ניט. ער איז קיינמאָל ניט נתעשר געוואָרן און מסתמא וועט ער שוין אַזוי אָפּלעבן זיינע ביסל יאָרן, אַבי ער זעט זיך איצט מיט אַ מענטשן. מען שמועסט, אַז ס'האָט זיך גע־

עפנט אין פּראָסקוראָוו אַ ישיבה, וואָס נעמט אַריין אַ פּאָר הונדערט בחורים, אַז אמת'ע ישיבה דליטה, מיט אַ ליטווישן ראש הישיבה. איז טאַקע קיווע מיט זיינע צוויי אינגלעך געוועזן די ערשטע אַהין צו פאָרן. ער וועט זיך ממש מקריב זיין, אַבי אַרויסצושלעפּן זיינע קינדער פון די „דריי הייזער".

האָט מיטאַמאָל די שכינה אָנגעהויבן שוועבן אַרום די „דריי הייזער". עפּעס אַ קלייניקייט! שמואל מיט דוד'ן לערנען אין אַן אמת'ער ישיבה גמרא מיט תוספות . . . חיה ריווע האָט געבאַקן קיכעלעך און געשיקט מיט די בעלי־עגלות גאַנצע פּעקלעך צו אירע קינדער. און אַז די קינדער זיינען אַהיימגעקומען, ווער האָט געקענט פילן אַזאַ נחת־רוח ווי די טאַטע־מאַמע? זייערע „אוצרות" האָבן געשיינט אין דער היים, אין דער גאַס, אין די בתי־מדרשים. אפילו לאַנג נאָך זייער אָפּפאָרן אין דער ישיבה האָט נאָך אַלץ די שכינה גערוט אין די „דריי הייזער".

⁂

ס'האָט זיך מיטאַמאָל אָנגעהויבן הערן דאָס קלאַפּן פון טעלער ביי שמחה'ס געראָטענע טעכטער, איינס נאָך איינס תנאים געשריבן. מען האָט זיך משמח געווען ביי די אָפּטע חתונות, וואָס האָבן מיט ליכט זיך געשפּרייט אין די „דריי הייזער" ביי די העלפאַנדס, וואָס זיינען געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער און נחת'דיקער.

אויך ביי קיווען האָט זיך אָנגעהויבן זיין נחת האָבן פון קינדער מיט חתונה מאַכן זיין ערשטע טעכטערל, איטעלע. ס'איז אויך ניט געווען קיין סוד פאַר די פּויערים אַרום די דערפער, אַז קיווע מאַכט חתונה זיין טאָכטער. מען איז געקומען אומגעבעטענערהייט, מען האָט געצויגן לאַמטערנעס אין דער ברייט און אין דער לענג, עט, עט, אַזש ביז דער סעטשקאַרנע. מען האָט געטאַנצט, געשפּרונגען און זיך גע־וואונטשן מזל טוב.

מיט די נייע איידיקלעך איז אויך מיט דער צייט צוגעקומען אַ נייער העברייאישער שטאָט־לערער — שמואל העלפאַנד, דער אמת'ער קענער, דער בקי בש"ס, דער מאָדערנער לערער, — דער זון פון עקיבה העלפאַנד.

אַ ליכט האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן שטעטל. מען האָט פאַרגרעסערט די ביבליאָטעק, מען האָט געלערנט, געלייענט, אָבער

אָפּן און פריי. די האָבן געהאַפּט אויף דער וועלט־רעוואָלוציע, אַנ־דערע האָבן געהאַפּט אויף דער לייזונג פון ציון.

דאָס שטעטל האָט אויפגעלויכטן — די לויטערקייט פון דער שכינה . . . נאָר ווי איבערנאַכט האָט זיך מיטאַמאָל אָנגעצויגן אַ וואָלקן און אויסגעלאָשן דאָס ליכט פון שטעטל און עס חרוב ונחרב געמאַכט — אויסגעשאָכטן די קינדער און זקנים, טאַטעס און מאַמעס, און צווישן זיי ליגן אויך די הרוגים פון די „דריי הייזער״: קיווע, מיט חייה ריוועז, זייערע קינדער מיטן געראַטענעם זון דעם לערער, שמועל דעם ליכט־פאַרשפּרייטער, — אַלע אינאיינעם אין איין גרויסן משפּחה־קבר . . .

זאָל אַט די געשיכטע דינען ווי אַ זכר נאָך אַט די פּאָגראָם־קרבנות, אומגעבראַכטע פון מערדערישע הענט . . .

אין נייע געצעלטן

זיך אַליין פאַר׳משפּט

אין דער אַלטער היים האָט איציק משה געהאַט אַ סקלאַד פון געהילץ, געווען אַ פיינער בעל־הבית, געליען אַז אָרימאַן אַ גמילות־חסד, געהאַט אַ חזקה אויף אַ שיינער עליה, כאָטש קיין לומדן איז ער ניט געווען; דאָך איז זיין קערבל געווען אָנגעלייגט. ער האָט געהאָלפן פאַרזאָרגן אָרימע קינדער מיט אַ תלמוד־תורה, מיט מלבושים און טאָקע מיט לערנען אויך. ער האָט קיינמאָל ניט פאַרגעסן די צייט, ווען ער האָט געמוזט פאַרלאָזן זיין געבורטס־שטאָט נאָך פאַר בר־מצוה אַז אָרימער יתום און ער איז אַ דאַנק זיין מוטערס קרובים געוואָרן אַ פריקאַשטשיק אין אַ געהילץ־געשעפט אין דער פרעמד.

זיין אייגן געבורטס־שטעטל האָט אים אָבער צו זיך צוריקגעצויגן. ער האָט דאָרטן חתונה געהאַט מיט אַ היימישער טאָכטער מיט נדן און געעפנט זיין אייגן געשעפט ניט ווייט פון מאַרק.

ווי אַ מאַגנעט וואָלט געצויגן די פויערים צום גרויסן געהילץ־סקלאַד פונם יונגען, ענערגישן איציק משה׳ן. אַלץ האָט מען ביי אים געקענט קויפן : אַ ראָד, אַ אַקס, אַ „לישנע" און פאַרשידענע ברעטער פאַר סטאָליארעס. מען האָט באַלד איינגעזען, אַז איציק משה באַרייסט ניט, ער גיט אויך אַמאָל אויף באָרג.

נאָך איציק משה׳ס אַפּזיין אין שטעטל גאַנצע צען יאָר, איז ער איינער פון די הויפּט דעה־זאָגער אין שטאָטישע ענינים און זיין קערבל איז געווים צונויף געקומען. דורך דער צייט האָט אים זיין פייגישע געבוירן דריי גאָר וואוילע קינדערלעך איינס אין איינס מיט שוואַרצע קאָטשעראַווע קעפּלעך און בליאַסקנדיקע אויגעלעך.

כאָטש זיין בכור איז געווען ווי איין טראָפּן וואַסער אין דער מוטער, האָט ער אָבער גע׳ירשנ׳ט דעם טאַטנס געקרייזטן קאָפּ האָר. די שכנים האָבן זיך מיט די דריי קינדערלעך געצאַצקעט. און פייגע, איציק משה׳ס שטילע יפת תואר, האָט אויך ניט פאַרגעסן, אַז מען דאַרף אַמאָל אַריינשיקן אַ חלה צו אַן אָרימאַן אויף שבת און אַפט

האט זי אונטערגערוקט א פאר גראשן צו דער „פירזאגעריז" פון דער וױיבערשער שול, זי זאל זיי צעטיילן וואו מען דארף.

נאר פלוצים האט די שטילע פייגישע אנגעהויבן איינפאלן. דאס האבן די ווייבער מיטאמאל דערזען, בעת זי איז געווען אין שול אין א יום־טוב:

— וואס איז מיט דיר, פייגע לעבן? דו טריקנסט דאך אוים! האסט חלילה ניט וואס צו עסן? צי איז חלילה דיין איציק משה מיטאמאל א שלעכטער מאן געווארן?

פייגישע האט זיי קיין ענטפער ניט געקענט געבן. זי האט אליין ניט געוואוסט וואס מיט איר איז. זי ווייסט נאר, אז זייט איר בריינעלעס קינפעט קען זי צו זיך ניט קומען. איר לעבן אלס א פרוי האט זיך ביי איר געביטן. זי געדענקט ניט דעם טאג, וואס איך שטילער אומגליק האט זיך אויף איר אנגערוקט.

געווען איז דאן א שיינער זומער־טאג; די גליענדיקע זון האט זיך רחבות'דיק ארייננגעשפארט אין איר קינדס חדר'ל. בריינעלע האט ניט געקענט איינשלאפן אין איר בעטעלע — אפשר איבער די פליגן, וואס האבן געלאקערט אויפן קינד, אדער טאקע איבער דער שרעקלעכער היץ.

האט זי, פייגישע, געוואלט ארויסנעמען א דינעם דעקטוך פארן קינד פון א שופלאד, און ווי זי בייגט זיך אזוי איין, האט זי געטאן א פאל אויף דער ערד, ווי א דונער וואלט איר דערשלאגן. האבן די אנדערע צוויי קינדער זיך דערשראקן. די שכנים האבן דערהערט זייערע קולות און געוויינעריי און באלד די פייגישע אויפגעהויבן פון דער ערד א צעביילטע, דערמונטערט זי מיט א גלאז וואסער, צוגעפרעסט דיביילן מיט א מעסער. מען איז באלד געלאפן אין סקלאד צו איציק משה'ן, געבראכט דעם דאקטאר. הכלל, איין מאל, א צווייטן מאל, א דריטן מאל — אן אומגליק, א צרה!

— פייגע האט דאס פאליקע . . .

אזוי האבן די שול־ווייבער זיך דערוואוסט, פארוואס פייגע טריקנט אוים. זיי וויסן שוין פארוואס איציק משה גייט איצט אזוי ארום פארזארגט. ער טאר איר שוין אליין אין דער היים ניט לאזן, זי פארקרעכצט אים די יארן. זי טענה'ט, אז דער אומגליק איז איר געקומען מחמת דער קינפעט, נאך בריינעלעס געבוירן.

איציק משה פילט, ווי די ערד עפנט זיך פאר אים. ער איז דאך

א יונגער מענטש, בלויז פיר און דרייסיק יאר. זיינע געשעפטן גייען, ברוך השם, גוט, און איצט, וואס טוט מען? וואס הייבט מען אן צו טאן? צו קיין שמחה קען ער מיט איר ניט גיין, אוועקפארן פון דער היים סחורה איינקויפן קען ער אויך ניט, זי לאזט אים ניט אפי ער מוז זיין מיט איר אין דער היים, טענה'ט זי און בעט זיך ביי אים מיט רחמים.

אין שוין א יאר דריי, אז איציק משה'ן איז זיין לעבן ניט ניחא, זי פארוויינט אים די יארן, די קינדער זיינען דורך איר נערוועז גע־ווארן. עס העלפט אפילו ניט דעם רבי'ס עצה, ער זאל זי אוועקפירן ערגעץ אויף א דאטשע אונטער ווארשע און גאט וועט העלפן.

ער קען אבער, איציק משה, דעם רב אלץ ניט דערציילן, גייט ער אהיים זיך אן עצה האלטן מיט איר אליין, מיט פייגישען:

— וואס טוט מען, פייגישע, ס'קען דאך לענגער אזוי ניט אנגיין. כ'וועל דיך מוזן פירן קיין ווארשע דעם זומער, דארטן אויף א דאטשע. דו מוזט קומען צו זיך. ס'איז דאך שוין דריי יאר. כ'בין דאך ערשט א מענטש פון א יאר זיבן און דרייסיק . . .

ווייל זי אבער דערפון ניט הערן. זי וועט אים אליין מיט די קינדער ניט לאזן. זי וויל אין דער פרעמד ניט זיין.

ווייסט מען שוין אין שטאט, אז די געשעפטן ביי איציק משה'ן ווערן פארנאכלעסיקט, אז דער סקלאד זיינער איז אויסגעשפילט, א סברא, אז איציק משה צילט גאר קיין אמעריקע. און זיכער איז מען, אז ער וועט אין א שיינעם טאג איבערלאזן האק־און־פאק און אן א זיי־געזונט עוקר זיין.

איציק משה האט זיך מיטאמאל אפגעזאגט פון קהל'שע ענינים, האט מען אים בשתיקה א פרעג געטאן:

— איז עס אמת, איציק משה, וואס מענטשן זאגן, אז דו ווילסט אונדז איבערלאזן, אויב פייגישע נעמט ניט קיין גט? האסט דאך קינדער?

דאן האט ער געהאט אן אפענעם שמועס מיט קהל, אפנהארציק באוויזן, אז אנדערע אויף זיין ארט וואלטן שוין לאנג עוקר געווען: געוואַרט א יאר, צוויי, דריי, ער קען מער אזוי ניט לעבן. ער איז גרייט די קינדער צו פארזארגן מיט איר אינאיינעם, ביז ער וועט נאכן גט חתונה האבן און קענען האבן השגחה איבער זיי.

אין שטאט איז געווארן א ויצעקו מצד פייגעס משפחה:

— היתכן, וואס הייסט אפ'גט'ן א קראנק ווייב ?! און ער איז שוין באווארנט?

מען האט פרובירט אויפוויזן, אז איציק משה איז צו פייגען קיין גוטער מאן קיינמאל ניט געווען, אז נאך זייט איר ערשטער קינפעט האט ער זיך פון איר דערווייטערט, אז ער איז בעסער פאר דער וועלט ווי פארן ווייב. און ניט אנדערש, האט מען גע'חקירה'ט, אז ער האט זיך שוין מסתמא צוגעגרייט אז אנדערע פאר אמעריקע (ס'איז געווים בענצי נחום'ס טעכטערל, די גרושה פון א דערבייאיק שטעטל). מען ווייסט שוין אויך געווים, אז בעת זי איז געווען א מחותנת'טע אויף יענער און יענער חתונה האבן זיי זיך דארט באגעגנט און די גרושה'לע האט פארשפרייט א נעץ פארן יונגען בעל־הבית'ל און — אט איז עס!

נאך אזא סך הכל און חקירה ודרישה האט די קראנקע פייגישע לסוף באשלאסן צו באפרייען איר איציק משה'ן.

איז אליץ צוגעגאנגען מענטשלעך. ער האט איר איבערגעלאזט שיינע עטלעכע קערבלעך מיטן סקלאד, זיך אפגעזעגנט מיט די קינדער און אין א מיטן נאכט האט ער פארלאזן זיין געבורטס־שטעטל מיט זיינע פריינט און באלד טאקע א חופה געשטעלט מיט יענעם ווייבל. ביידע גרייט אפצופארן אין דעם גאלדענעם לאנד אמעריקע.

א לאנגע צייט האט שטאט ניט געקענט פארגעסן דעם צער פון דעם צעבראכן לעבן צווישן פייגען מיט איציק משה'ן, דעם טרוי־עריקן שיקזאל, וואס האט אים פון זיינע קינדער אוועקגערויבט. וואס וועט ווערן פון זיי? פון איר, פון פייגען?

⁂

אין גרוים ניו־יארק האט זיך פארשפרייט צווישן לאנדסלייט די נייעס, אז א גאסט קומט אן — איציק משה סקלאדטשיק. זיינע קרובים האבן זיך ווייניק וואס געזארגט וועגן זיין קומען קיין אמעריקע. זיי האבן געוואוסט, אז ער קומט אן מיט געלט און ער איז ניט קיין פארשלאפענער.

ביז גאר אבער האט זיי אינטערעסירט און מיט ממש דארשטיקן נייגיר האבן זיי געוואלט א קוק טאן, וואס פארא פלונית'טע ברענגט עס דער „גרינער", איציק משה? צי האט ער כאטש אויסגעביטן

אויף עפּעס רעכטס? צי איז כדאי געווען צו פּאַרוואַרפן זיין גוטע געטרייע פּייגישע, צו וועלכער זיי, די לאַנדסלייט, האָבן געפילט אַ ביטערן רחמנות?

די „גרינע" זיינען אָנגעקומען צו זייערן אַ פּעטער. אַט דער פּעטער וואוינט שוין אַ סך יאָרן אויף דער איסט סייד אין עלן סטריט און ער ציט די חיונה פון זיין פּושקאַרט, וואָס איז אָנגעפּיקעוועט מיט כל המינים סחורות שבעולם. פּונקט ווי אַ היימישער מאַגאַזין, איז סעמועל סאַדאָווסקים פּושקאַרט אָנגעפילט מיט אַנטיקן — אַלטע זייגערס, היימישע סאַמאָווארן, אַלטע שטיסלעך, אַלט-היימישע קופּערנע קוואַרטן און אַמאָל אַפילו היימישע מטבעות פון פּאַרשיידענע פּעריאָדן. אַלץ האָט געשמעקט מיט היימישקייט אויף שמואל'ס פּושקאַרט.

איז פאַרן גרינעם פּאָרל קיין באַקוועם אָרט ביים אָנקל זייערן ניט געווען. איבערהויפּט זיינען אין די ערשטע טעג די פיר ענגע צימערן געווען באַלאַגערט מיט נייגעריקע לאַנדסלייט, וואָס זיינען געקומען כאַפּן אַ קוק אויף דעם גרויסן „אוצר", וואָס איציק משה האָט מיט זיך געבראַכט קיין אַמעריקע און, צו דער זעלבער צייט, זיך אָנזאַפּן מיט די היימישע נייעס.

אָבער אַהיימגעקומען זיינען די לאַנדסלייט אַנטוישט. ביי זיך אין האַרצן האָט מען דעם „גרינעם" אי פאַר'משפט אי באַדויערט, וואָס ער איז, ניט געקוקט אויף גאָר זיין חכמה, אַריינגעפאַלן, און ער וועט עס ערשט דערפילן אין אַמעריקע.

אויף אַזאַ קאַלטער באַגעגעניש האָט זיך דער „גרינער" ניט גערעכנט. קיינער האָט אים קיין הילף ניט אָנגעבאָטן, פּונקט ווי ער וואָלט זיי געווען אַ ווילד-פרעמדער. ער האָט באַלד דערפילט און פאַרשטאַנען די סיבה, פאַרוואָס די לאַנדסלייט זיינע האָבן זיך פון אים אָפּגעקערט.

עס העלפט ניט זיין האַרציקע דערקלערונג, אַז אַנדערש האָט עס ניט געקענט זיין, אַז ער האָט זיין פּייגען נאָכן גט אויך באַהאַנדלט ווי אַן ערלעכער מענטש, ביז זיין פעטער, מר. סעמועל סאַדאָווסקי, האָט געעפנט זיין ביטער האַרץ און אָפן דעם גרינעם דערקלערט, אַז ס'עט גאָרניט העלפן, ער, איציק משה, מוז אין יעדן פאַרגעסן און טראַכטן וועגן פּרנסה, — ס'איז אַמעריקע.

איז דער „האַניק-חודש" גיך ביי די „גרינע" פאַרביי. מען האָט אָנגעהויבן איבערזיפן די קרובים פוןביידע צדדים, מען האָט געלייגט

גרוים געוויכט אויף דער ווייבלם אז אנקל, וואס האט די „גרינע" איינ־געלאדן אויף א מאלצייט. זיי האבן זיך דערמאנט אז זיינע ווערטער אין די ערשטע טעג פון זייער אנקומען, אז ער וועט ווארטן, ביז דער „גרינער" וועט זיך צו עפעס דערשלאגן דורך זיין אייגענער משפחה, נאר טאמער ניט, לעבט ער, ברוך השם, און וועט האדלען מיט איר מאן ניט לאזן פאלן.

אין א זונטיק בייטאג זיינען געזעסן די „גרינע" ביי א געדעקטן טיש אין דער היים פון זייער אנקל זאנוול, וואס איז באגליקט מיט אן אייגענער שטוב און מיט שוין א היפש געזינדל אויסגעגעבענע טעכטער און אייניקלעך, — אלע תושבים אין בראנזוויל.

אין דער אלטער היים איז דער אנקל זאנוול געווען א בעל־עגלה, האט זיך געמוטשעט, געשלעפט דאס געפעק, זיך געמאטערט אין די טיפע בלאטעס און זיין געזינדל האט אפט געהונגערט.

נאר מיטאמאל איז ער אויפגעריכט געווארן; עס איז אנגעקומען די רוסיש־יאפאנעזישע מלחמה, מענטשן זיינען געלאפן אין די טויזנ־טער קיין אמעריקע, מען האט געדארפט בעלי־עגלות, און דאס יאר האט זאנוול אפגעשפארט א פאר הונדערט רובל, פארקויפט דעם געשפאן — און היידא קיין אמעריקע, אוים בעל־עגלה!

גאנצע דריי יאר איז זאנוול ווי אין וואסער אריין, פארשוואונדן פון ווייב און קינדער, ביז פלוצים אין א שיינעם טאג האבן זיי דער־האלטן שיפסקארטעס. און די אנגעבידעוועטע משפחה האט זיך אריבערגעפעקלט קיין אמעריקע.

שטאט האט זאנוולס קינדער מקנא געווען:

— ס'ארא טייערע מדינה אמעריקע איז! זאנוול בעל־עגלה א בעקער געווארן, האט פרנסה בריוח און האט אפילו א דעה ביי די אנשי פאדאליע.

איצט הערט זיך די שטים פון דעם אנקל זאנוול ביים טיש. דער עולם איז שוין זאט. עס זיצט אויך אלס גאסט דער צווייטער אנקל סאדאווסקי מיט דער טאנטע ריווע ביי דער נייע משפחה און זיי הערן ר' זאנוולס פשוט'ע רייד צו די „גרינע". דער עיקר רעדט ער צו האדלען, איר מאן זאל הערן:

— דיין מאן דארף פארגעסן, אז ער הייסט איציק משה. דא אין אמעריקע קען ער קיין לאמבער יארד ניט עפענען, דאס געשעפט ליגט אין די הענט פון גרויסע טראסטס. אז ער וועט אפזיין דא

א שטיקל צייט, וועט ער אויסגעפינען וואס „טראסטס" מיינט. היינט־צוטאג מוז ער זיך אנטאן א פאר אוועראלס, נעמען א וועגעלע און ווערן א ברויט־פירער. פאר א „גרינעם" ווי אן אנהייב איז דאס א גאלדענע פרנסה, אויב מען ווייסט נאר ווי אנצוגיין מיטן ביזנעס. ער דארף בלויז גיין פון שטוב צו שטוב און פארקויפן דאס ברויט. די לאנדסלייט אייערע האבן טאקע פארדרייט מיט דער נאז, אבער ברויט וועט מען ביי אים קויפן. עס קען זיך אים איינגעבן ארויפצו־ארבעטן א „ראוד", וואס זאל די ווערט האבן געלט, דאן איז ער א „מעיד מען". איך וועל שויז, מסתמא, זען, אז דאס בעסטע ברויט זאל ער האבן. איך בין בעל־הבית אין דער בעקעריי, ניט מעסינגער.

פאר דעם גרינעם ווייבל זיינע זאנוולס רייד געווען ווי תורת משה. ער איז דאך איר מאמעס לייבלעכער ברודער. געוויס מיינט ער גוט מיט זיי, און וואס איז די נפקה מינא, אויב איר מאן האט פריער געטראגן ברעטער און איצט וועט ער טראגן ברויט? ביי פרנסה איז ניט שייך קיין יחוס.

שפאנט טאקע איציק משה ארום מיט זיין פושקארט אין די איסט סיידער גאסן אין רעגן און אין בלאטעס. אויף די הויכע טרעפ קלאפט ער אין די טירן ביי היימישע און פרעמדע אויסצוטיילן דעם סכום ברויט. ווען ניט ווען פארפירט מיט אים א שמועס א היימישע פרוי. זי וויל ביי אים אויסגעפינען, אויף וועמען ער האט אויסגע־ביטן? צי איז אים טאקע די „שוויטקע", האדעלע, א געטרייע פרוי אויך? און צי טוט אים ניט באנג, וואס ער האט געמאכט פון זיך א תל, איבערגעלאזן אין דער אלטער היים א גאלדן געשעפט מיט פיינע קינדערלעך, מיט אזא גוטער נשמה ווי פייגעלע, און דא אין אמעריקע איז ער גאר א ברויט־פירער געווארן משטיינס געזאגט, געלאזט זיך פארפירן פון זאנוועלע בעל־עגלה, וואס שמעלצט זיך פאר נחת בארימענדיק זיך, אז ער איז דיין בעל־הבית? אפילו אין דער היים דערלעבט מען דאך אין דיר א נקמה.

האסטו עס געדארפט? — פרעגט אים ערנסט די געטרייע לאנדספרוי.

גאנץ אפט ווידערהאלט זיך דאס אייגענע אין אנדערע שטיבער: אלע טענה'ן, אז זיי מיינען נאר זיין טובה, אז ער זאל, חלילה, זיך ניט לאזן פירן פון דער האדעלע, וואס האט נאך אין דער היים פארדרייט דעם קאפ א באלעבאטיש קינד און אים אפגע'גנט.

איציק משה בעט זיך ביי זיי:

— לאָזט מיך גיין, איך באַקלאָג זיך פאַר קיינעם ניט, איך אַרבעט שווער אויף מיין שטיקל ברויט, אַזוי איז מיר, מסתמא, באַשערט.

ער רייסט זיך ממש אַרויס פון זיי, ווייל זאָגן זיי דעם ריינעם אמת ווי ער פילט, וואָלט ער דאָך פאַרלאָרן זייער קונדשאַפט, און ווי קען ער עס, און ווי מעג ער עס? אָבער טיף אין האַרצן פילט ער, אַז זיי זיינען גערעכט, אַז ער איז געוועזן איבעראייַלט צו מאַכן אַזאַ שריט, אַז זיין האָדל האָט זיך צו גיך אויסגעלערנט דעם „ליידים פוירסט״ אין אַמעריקע.

ער פילט, אַז אַ סך לענגער אַז זיינע קינדער קען ער ניט אויס־האַלטן. ער מוז אַריבערברענגען כאָטש די צוויי עלטערע, זיי זיינען דאָך זיין אויג אין קאָפּ. וויפיל איז טאַקע דער שיעור, זיי זאָלן זיך דאַרטן פּלאָגן מיט דער קראַנקער מוטער?

דאָס טענה'ט ער אָפּט צו האָדלען:

— מיר מוזן דאָס טאָן, האָדל. מיר זיינען שוין פינף יאָר אין אַמעריקע. די קינדער וועלן דיר צו קיין לאַסט ניט פאַלן, זיי וועלן זיך זייער אויסקומעניש פאַרדינען.

ענטפערט האָדל ביין:

— איך וועל קיין מאַמע צו קיין פרעמדע קינדער ניט זיין. איך האָב ניט קיין כוח מיינע אייגענע צוויי קינדער צו האָדעווען.

איציק משה בלייבט דאַן ווי געפּלעפּט; ער קוקט אויף די צוויי יונגע טעכטערלעך זיינע, די הי־געבוירענע. איינע ליגט נאָך אין איר בעטל, די צווייטע דרייט זיך אַרום און ציט די הענטלעך אַרויף, דער פּאַפּאַ זאָל זי נעמען אויף זיין שויס. אַ מידער נעמט ער דאָס קינד אויף די הענט, טוליעט עס צו זיך:

— דו ווילסט שוין שלאָפן, מיין קינד? — פרעגט ער שטיל.

— ניין, — ענטפערט דאָס קינד, — איך וויל זיצן אויף דיין שויס.

עס דערהערט זיך האָדלס באַפעל, ער זאָל דאָס קינד שלאָפן לייגן, ווייל אַז דעם פאָטער שלאָפט זי ניט איין.

איציק משה זעט איצט איין, אַז האָדל איז גערעכט. האָט זי דאָך אַפילו פאַר אירע אייגענע קינדער ניט קיין געדולד. זי דאַנקט גאָט, וואָס ער קומט אַהיים, און באַלד ווי זי גיט אים אָפּ דאָס ביסל

עסן ווערט זי פארשוואונדן. זי דארף האבן א ביסל פרישע לופט, — טענה'ט זי. — אירע פריינדינעס האלטן אויך ניט די מענער ביי די פאלעס.

איציק משה בלייבט דאן אליין. דער קאפ קערט זיך אים איבער טראכטנדיק וועגן זיין שיקזאל. ער האט זיך אפילו ניט פאר וועמען אויסצורעדן דאס הארץ. די פריינט זיינע פון דער אלטער היים האבן אים שוין לאנג פאר'משפט. היינט ווי קען ער נעמען א שטעלונג צו האדלס באנעמען זיך?

ער וואלט אפשר פראטעסטירט, אבער ווי מעג ער זיך אזוי ווייט מיט איר צעקריגן? אים דוכט זיך, אפשר פארט מיט גוטן וועט זי צושטימען אריבערצונעמען אהער די קינדער זיינע. ער וועט לייען א פאר דאלאר אין דער „אקציע". מענטשן ווייסן, אז ער איז אן ארענטלעכער, אז ער וועט, אי"ה, אפגעבן, ווייל ניט אפט געלינגט אים איינצוקאסירן זיינע חובות. ס'איז דאך דא א סלעק-צייט איצט, מען מוז ווארטן. אבער אז גאט העלפט און דער סעזאן קומט אן, הייבן אן ווייטער אריינפאלן די עטלעכע דאלאר. אים ווערט דאן לייכטער און ער גיט יעדן אפ.

אזוי, האפט ער, וועט זיין מיט די שיפסקארטן.

זיצט ער אליין אין די ענגע דלד אמות פון זיין טונקעלער דירה, קוקט זיך ארום, ווי עפעס א שאטן וואלט געשטאנען הינטער זיינע פלייצעס און זיך צוגעהערט, ווי ער, איציק משה, מאכט דעם סך־הכל פון זיין לעבן.

ער וויל ארויסנעמען דעם בריוו פון זיינע קינדער, וואס ליגט שוין צוויי טעג פאררוקט אין זיין וואטאוון לייבל, ווייל ער היט זיך פאר האדלען. זי קען אים נאך באפאלן און אנמאכן א סקאנדאל, אז ער שיקט איר פארמעגן אהיים צו זיינע ממזרים, אז ער באהאלט זיך אויס פון איר.

און כאטש עס איז פאראן אין דעם א גרויסער טייל אמת, פילט ער אבער, אז קיין פארברעכן באגייט ער ניט דערמיט, ער איז פארט א טאטע. ער וויל אבער אויסמיידן קולות און קריגערייען. ס'איז דאך פאר פסח, די קינדער אין דער היים גייען ארום נאקעט און בארוועס און א טאטן האבן זיי אין אמעריקע, טא ווי שיקט מען ניט עטלעכע דאלאר אהיים אויף פסח?

אזוי פלעגט ער די ערשטע צייט טענה'ן צו איר, צו האדלען,

אמאל מיט גוטן, אמאל מיט בייזן, אבער ס'איז דאך קיצור ימים, וויפיל קען ער זיך לאזן שניידן דאס הארץ?

ער נעמט ארוים דעם צעקנייטשטן בריוו פון לייבל און וויל זיך נעמען לייענען, אבער זיינע בליקן פאלן אויף די צוויי בעטלעך, וואו די צוויי אמעריקאנער קינדער זיינע ליגן און שלאפן. צי שלאפן זיי רואיק? — טראכט ער. — צי האט ער כאטש פארטראטן זיין חלק מאמע?

און ווען ער איז זיכער, אז זיי זיינען גוט איינגעשלאפן, כאפט ער זיך לייענען דעם צעקנייטשטן בריוו. ער שלינגט ממש יעדן ווארט. ער וויל וואס גיכער ענדיקן לייענען, ווייל זי קען דאך באלד אנקומען.

ער בלייבט אבער שטיין, ווען ער קומט אן צו די לעצטע זאצן פון בריוו. דארט איז ערשט דער אמת'ער סדר־הכל: „מען שעמט זיך מיט אונדז, טאטע! — טענה'ן די קינדער, — מען וויל זיך מיט אונדז ניט צונויפקומען. דו האסט אונדז פארביטן אויף נייע קינדער, פונקט ווי מיר וואלטן דיר געווען ווילד־פרעמדע. מען ווארפט עס אונדז אויף אויף שריט און טריט".

די בלוטן קאכן אין אים דאן אויף. עפעס א זעלטענער כוח שטייגט אין אים; ער איז גרייט זיך אפצורעכענען מיט זיינע שונאים פון דער אלטער היים. ער לאזט זיך אבער צוריק אראפ אויף זיין שטול, ווי די כוחות וואלטן זיך פון אים אפגעשניטן — ר'איז דא עלנט, אן פריינט און אן קינדער. ער געהערט בלויז צו די פוסטע פיר ווענט, וואס שלאגן אפ מיט אומעט אזוי גרוי, אזוי מאט.

און וואלט ער כאטש אין אזא מאמענט געקענט ריידן צו די קינדער און עפענען פאר זיי זיין הארץ, זיי זאגן, אז ער טראכט פון זיי יעדע מינוט, יעדע רגע, אז ער פירט די טאטשקע ברויט מיט ביטערן שוויים, כדי זיי צו קענען העלפן, אז מער ווי זיי האט ער קיינעם ניט אין לעבן. זיי וואלטן אים זיכער פארשטאנען — לכל הפחות, אזוי דוכט זיך אים.

עס נעמט אבער ניט לאנג און ער מאכט שלום מיטן געוויינלעכן יאוש, וואס איז שוין אין אים ווי איינגעגעסן. ער קען מער זיך ניט פארשטעלן, אז אימיצער וועט אמאל מיטפילן זיין טיפן צער.

ער לייגט אריין דעם פארטרערטן בריוו אין וואטאוון לייבל. נאך ער בלייבט שטיין א ווײלע און קוקט זיך ארום, אזוי ווי עפעס איז

אים אין וועג. זיין האנט ציט דאן ארויס פון קעשענע די צעקנייטשטע פאפירלעך פון זיין טאג לייזונג, ער ציילט זיי איבער און לייגט אריין פינף דאלאר אינם בריוו, גרייט אויף מארגן דאס אוועקצושיקן אהיים אויף פסד צו די קינדער, זאל ער כאטש דאס אפשפארן.

א מידער מאכט ער זיין געלעגער און פארלעשט דאס ליכט. עס נעמט ניט לאנג און עס דערהערן זיך אין טונקעלן צימער עטלעכע טיפע קרעכצן, פונקט ווי די מידקייט זיפצט פון אים ארויס. ער פאלט דאן אוועק און שלאפט איין.

דאס כראפן און קרעכצן הערט ניט אויף, ביז האדל קומט פון איר ארומלויפן אין דער שפעטער נאכט, אוודאי פון א „געים". און נאך איידער איר בליק פאלט אויף די בעטלעך פון אירע צוויי קינדערלעך, ברומט זי פון זיך שטיל ארויס די אומצופרידנקייט מיט איר שלים-מזל'דיקן מאן:

— ס'ארא כראפן א מענטש פארגינט זיך עס!

אויף א ווײַלע צעשטערט זי זיין רו. נאר זיין מידקייט וויקלט אים באלד איין אין דער טיפער נאכט, ביז דער פרימארגן רייסט אים ווי מיט צוואנגען ארויס פון זיין טיפן שלאף.

***

ווידער טראגט ער די ברויטן אויף די הויכע טרעפ. ער שטעלט זיך שוין איצטער ניט אפ א שמועס צו טאן מיט זיינע קאסטאמערס. ער איז שוין מיד צו הערן די אפטע באמערקונגען, אז ער זעט שלעכט אויס. ער פארענטפערט זיך ניט מער, ער גיט עס באלד צו. ער וויל אפילו דערפון ניט טראכטן, ווייל ער ווייסט, אז זיין האדל וועט זיין ווענגלע מיט ברויט פאר אים דאך ניט פירן.

ער ווייסט שוין, אז ער איז שוין אזוי פאר'משפט צו שלעפן זיך מיט די ברויטן כל זמן ער וועט לעבן. ער איז דאך שוין אריבער פופציק און אויף זיינע פלייצעס ליגט נאך אלץ אזא הארב.

עס טרעפט אבער אמאל, ווען ער דערפילט א שטיקעלע דערלייכטערונג, בעת די ברויטן האבן זיך גיך אויסגעטיילט. עס איז נאך גאר פרי, זיין פושקארט גייט ממש ווי פון זיך אליין, ער קען אים קוים איינהאלטן אראפ בארג. דאן ארט אים שוין ניט, אז ער באגעגנט א לאנדסמאן אין גאס. ער שעמט זיך מער ניט, ס'איז אמעריקע. אי, די קנייטשן די איינגעקארבטע, מיט די פאר ציין אין מויל, וואס

זיינען אים בלויז פארבליבן, — דאס איז בלאטע! — טענה'ט ער מיט א געמאכטן שמייכל צום לאנדסמאן. ער טרייסט זיך:

— ניש'קשה, ניש'קשה, אט באלד קומט פסח, דאן קענסטו זיך צו מיר ניט גלייכן. דאן היים איך איציק משה, ווי אין דער היים. דער פושקארט מיט דער בעקעריי מעגן דאן ברענען, ס'איז מיין זמן חרותנו, דאן רו איך זיך אוים די ביינער.

ער דערמאנט זיך טאקע באלד, אז ער דארף צולויפן צו דער באנק אוועקצושיקן די פאר דאלאר אהיים. געזעגנט ער זיך מיט זיין לאנדסמאן אויף גיך, ער זאל די באנק ניט פארשפעטיקן.

ער קומט דאן אהיים א פרײלעכער. זיין האדל ווייסט שוין, אז ביי איציק משה'ן שמעקט שוין דער פסח, אז ער לעבט שוין מיטן חיות, ווייל באלד וועט ער פון זיך אויסטאן דעם עול און יום־טוב'ן. זי איז זיך אויך משער, אז ער האט געווים אפגעשטעקט א פאר דאלאר פאר דער פייגיבעם קינדער אויף פסח. ער לייקנט עס אפילו ניט: „איך בין א טאטע, — טענה'ט ער. — זיי זיינען אין מיין ביטערער פרנסה ניט שולדיק. איך האב געקענט פארלירן מיינע פריינט אין דער אלטער היים, מיינע פריינט דא, אבער די קינדער מיינע — דאס ניט!"

ווייסט שוין האדל, אז דאס מאל דארף זי אפשווייגן, ווייל איציק משה'ס כעס איז ניט איינצוצוימען. ווי א פייער צינדט ער זיך אן, בעת זי רעדט קעגן זיינע קינדער:

— דו האסט מיר מיין לעבן אפגעשניטן! — טענה'ט ער. — האסט נאר געוואלט אמעריקע. ס'האט דיר ניט געארט, אז איציק משה גייט פירן א טאטשקע ברויט! הענג זיך און טרענק זיך, אבי געלט אהיים ברענג! דו ווילסט שיינע רומס, שיינע מלבושים, דו ווייזט מיר בסדר אז ווי דיינע פריינדינעם לעבן, דו ביסט שענער און קליגער ווי זיי — טענה'סט דו, — עס קומט דיר — זאגסטו? אלץ איז ביי דיר מיטן „לײדים פוירסט", און איך דאר און קוואר יעדן טאג, די קינדער מוטשען זיך אין יוראפ, ביי דיר איז ניחא, איך זאל זיי אויסמעקן פון געדעכעניש, אבי דיר זאל זיין גוט ווי די וועלט.

עס וואלט צו זיינע ביטערע רייד קיין סוף ניט גענומען, ווען זי אנטלויפט ניט פון הויז. כאטש מיט איר אנטלויפן צינדט זי אין אים אן א פריש פייער. ער קען אבער זיין צער פאר די ווענט ניט אויס־

גיסן און ער מוז נאך איינשטילן די צוויי וויינענדיקע קינדער, וואס פילן, אז צווישן טאטע־מאמע איז ניט אזוי גלאטיק.

נאכן איינשטילן די קינדער, לאזט ער זיך אראפ אויף זיין שטול. זיין שווערער אטעם לאזט אים וויסן, אז אזעלכע סצענעס זיינען פאר אים ווי סם און אזעלכע אויפרעגונגען שניידן אים אפ די יארן.

אין א ווײַלע שפּעטער באווייזט זיך צוריק זיין האדל, זי עסט אים ממש אויף מיט די בליקן. ער ווייסט שוין, באלד וועט איר קול זיך לאזן הערן, אז ווען ניט די קינדער לאזט זי אים איבער כאטש באלד, נאך היינטיקן טאג. ער ענטפערט מער ניט, ווייל וואס וועט ער אויספירן — שונאים זאלן איז אים דערלעבן א צווייטע נקמה?

א שטיק צייט איז שוין ביי זיי שטיל. ער קומט אהיים, עסט אפ דאס ביסל געקעכטס, כאפט א קוק אין א צייטונג און גייט שלאפן, — זאל זי זיך גיין וואו זי וויל, זאל זי זיך באגעגענען מיט אירע חבר'טעס, ער וויל רוען און בלייבן מיט זיך אליין, מיט זיין חשבון הנפש, כאטש גאנץ אפט פארפאלגן אים מורא'דיקע געדאנקען. ער פארטרייבט זיי אבער.

ער מוז נאך האבן די קינדער מיט זיך כל זמן ער האט כוח צו ארבעטן. ער זעט איצט איין, אז זיין אנקל שמואל, וואס איז שוין א איד א זקן, האט געזען א סך ווייטער פון אים.

— כאטש דאס לעצטע העמד פארזעץ, איציק משה, אבער ברענג אריבער די קינדער וואס פריער! וואס לענגער דו וועסטווארטן, אלץ א גרעסערער ארימאן וועסטו ווערן. גיי אריין אין דער „אקציע", כאפ דארטן א הונדערטער, א פופציקער וועל איך דיר געבן און דו וועסט באלד האבן די קינדער מיט זיך.

ער האט אים, דעם פעטער זיינעם, ניט געפאלגט. עס איז איצט אויך ניט צו שפעט, ער מוז עס טאן און טאקע באלד.

נאך פלוצלונג האט זיך זיין הארץ ווי אפגעריסן; ער האט דער־הערט די שווארצע בשורה, אז פייגע, די מאמע פון זיינע קינדער, איז געשטארבן; פייגע, מיט וועלכער ער האט א גרויסן טייל פון זיין יוגנט אפגעלעבט און קינדער אויף דער וועלט געבראכט, — איצט זיינען זיי געבליבן קיילעכדיקע יתומים.

טרערן האבן זיך אים פון די אויגן א לאז געטאן. ער האט זיך דערזען אין דער היים, אין זיין געבורטס־שטאט, ווען ער האט זיך מיט פייגען באגעגנט, קיינמאל פון איר קיין הויך ווארט ניט געהערט.

גאט און לייט האבן אים מקנא געווען, ביי יעדן קינד א שמחה גע־מאכט. פריינט געהאט, א בעל־הבית געווען, ארימע־לייט געהאלפן, א תלמוד תורה געבויט פאר ארימע קינדער. און היינט? היינט זיינען זיינע אייגענע קינדער ווי אויפן וואסער...

גאטס שטראף איז אויף אים אויסגעפאלן. ער קען זיך אליין ניט אפגעבן קיין חשבון, פארוואס ער האט זיך אזוי באנארישט. אים דוכט זיך, אז ער האט געהאט א חלק אין פייגעס פריצייטיקן טויט. און ווי וועט ער איצט א היימישן לאנדסמאן קענען באגעגענען?

פארשידענע רעיונות האבן זיך אים אין קאפ א שפאר געטאן. א פארביטערטער האט ער אנגעטאן זיין ראק, זיך געלאזט גיין צום אלטן אנקל שמואל'ן. ער האט אפילו ניט געהערט ווי זיין האדל רופט אים:

— מארים, מארים, וואו גייסטו? לאמיך אויך וויסן!

זי האט אבער באלד פארשטאנען, אז דאס לויפט ער אהין, צו פאדאווסקין. אט דער אלטער מאן, וואס האט אמאל געקענט אויך לערנען, האט תמיד געפונען א טרייסט פאר זיין ברודערס קינד.

ביידע, דער פעטער מיטן פאר'צער'טן פלימעניק, האבן אויף גיך באשלאסן, אז א בריוו מוז געשיקט ווערן צום רב מיט א ביסל מזומן. און שרייבן דארף מען זיי, זיי זאלן אן ווייטערדיקע שהיות די שטוב פארקויפן און מ'זאל אריבערשיקן די קינדער צום טאטן קיין אמע־ריקע. תיכף ומיד זאלן ארויסגעשיקט ווערן די שיפסקארטעס און א סוף זאל עס נעמען.

ניט אזוי גרינג איז געווען פאר איציק משה'ן דורכצופירן אט דעם באשלוס. נאר ס'האט אים געשטארקט דאס געפיל, אז ער וועט ענדלעך האבן די קינדער ביי זיך — זיי זיינען דאך שוין דערוואק־סענע, ער וועט זיך מיט זיי ווי עס איז דורכמוטשען דאס ביסל יארן וויפיל עס איז נאך באשערט צו לעבן. אים ארט שוין ניט, וואס צוליב די שיפסקארטעס איז ער אריינגעקראכן אין חובות, גאט וועט אים געבן כוח אויף ווייטער....

מיטן אריבערברענגען די קינדער קיין אמעריקע האט זיך פאר איציק משה'ן אנגעהויבן א ניי קאפיטל. ווער האט זיך מיט אים געקענט פארגלייכן ביי דער ערשטער באגעגעניש מיט די דריי קינדער,

באטש געהאדעוועט האבן זיי זיך אין דחקות, אבער אויסגעוואקסן זיינען זיי ווי די בלומען?

— אט דאס בין איך, אייער טאטע, קינדערלעך, — האט ער מיט א רחמנות פנים צו זיי גערעדט. — איך האב אייך איבערגעלאזן נאך קליינינקע, אט אזוי די גרויס, — האט ער מיט זיין האנט א מעסט געטאן ביי זיין גארטל.

ער האט אבער מיט זיין פאטערלעכן אינסטינקט דערפילט, אז טיף אין זייערע הערצער טראגן זיי זיך ארום מיט א פאראיבל אויף אים, וואס ער האט זיי אליין אין דער אלטער היים געלאזט אויף הפקר. ער איז אבער גרייט, זיי זאלן אים דערפאר משפט'ן. ער איז זיכער, אז זיי וועלן אים אויך אויסהערן. ער וועט ריידן צו זיי ווי א טאטע מיט הארץ. ער וועט זיי זאגן, אז מער ווי זיי האט ער קיינעם ניט אין לעבן, באטש גאט האט אים געבענטשט מיט נאך קינדער און זיי זיינען ביי אים אויך טייער, און ביי א טאטן זיינען אלע קינדער גלייך, מען קען דעם כרחם אב דאך ניט אויסמעקן.

ער פארטרייבט אבער דעם ביטערן געפיל און איז ווייט ניט גרייט באלד זיך איבערצוגעבן אין זיינע קינדערס הענט אלס א חוטא. עס וועט אויף דעם אויך קומען א צייט. דערווייל האט ער זיך אויסגעבראכט, א בעל־חוב געווארן, זיין שטוב אין דער אלטער היים אוועקגעגעבן בחינם, ווי נאך א שרפה. מען האט געשניטן א „פאלע" ביי די קינדער, פשוט ווי מערדער זיי בארויבט. יעדערער האט אפגעלעקט א ביינדל פון איציק משה'ס הארעוואניע.

ער וויל דאס גאר פאר די קינדער פון מויל ניט ארויסברענגען. בעסער מער ניט טראכטן פונם נעכטן, נאר פונם היינט. איצט וויל ער נאר, אז די קינדער זיינע זאל זיין באקוועם ביי אים אין שטוב, דא אין אמעריקע, וואו ברוויט, ב"ה, האט ער נאך. ער האט, חס ושלום, די קינדער ניט אפגענארט, און באטש ער איז ניט מער ווי איציק משה דער ברויט־פירער, דאך עסט ער א וועטשערע פונקט ווי אלע ארבעטער און אפט איז ניט אזוי וויכטיק וואס מען עסט, נאר וואו און מיט ועמען מען עסט.

איציק משה באפט אמאל א באהאלטענעם שמועס מיט זיין האדלען. ער וויל ניט די קינדער זאלן עפעס באמערקן. ער בעט זיך רחמים ביי איר:

— האדל, ווי גאט איז דיר ליב, שנייד ניט קיין פאסעם פון

מיר, מאך די קינדער באקוועם, זיי האבן דאך דא קיינעם ניט אחוץ מיר.

האדל האלט זיך איין, זי שווייגט, ווארט אויף דער געלעגנהייט ווען זי וועט קענעןריידן צו די קינדער אליין אן אים. עס געלינגט איר אפט זיי צו דערוויזן, אז זי איז ווייט ניט קיין גליקלעכע ביי זייער טאטן, זינט דעם ערשטן טאג, וואס זי האט מיט אים די אמע־ריקאנער שוועל איבערגעטראטן. פון זינט דאן האבן זיך אירע יארן אפגעשניטן און זאלן זיי נאר ניט מיינען, אז זי האט דאס זייער טאטן פון זייער גאטזעליקער מוטער אוועקגענומען. פארקערט: ער האט ממש פארשפרייט א נעץ פאר איר פונם ערשטן טאג אן, וואס ער האט זיך מיט איר באגעגנט. און מער ווי א בידנע שטיקל ברויט האט זי ביי אים ניט.

און פון וואנען וועט ער איצט נעמען צו באצאלן פאר די שיפס־קארטעס? שוין ניט ריידנדיק פון דער פלוצלינגער ענגשאפט אין די פיר רומקעס ממש ניט צום אטעמען.

— איך קען זיך ניט העלפן, — רעדט זי צו זיי, — איך מוז בלייבן א שלעכטע שטיף־מאמע. ווי קען דאס אנדערש זיין? אייער טאטע טענה'ט אין מיר אריין, ווען איר הערט ניט, און ער דערגייט מיר די יארן, איך זאל אייך מאכן באקוועם. ער אבער פרעגט ניט ווי אזוי כ'זאל דאס מאכן און פון וואנען!

הערנדיק אט אזעלכע רייד, דערפילן בײדע שטיף־טעכטער, אי צביה, אי ברײנע, ווי די ערד וואלט זיך אונטער זייערע פיס געעפנט. אנשטאט צו טראכטן וועגן זייער אייגענעם שיקזאל אינם גאלדענעם לאנד, דערוועקט זיך אין זיי א טיפער רחמנות צו זייער אויסגעהארע־וועטן טאטן.

ווי פארשולדיקטע ענטפערן זיי דער שטיף־מוטער זייערער, אז זיי ווילן באמת איר ניט ענג מאכן, נאר פארקערט, זיי וועלן מיט אלע כוחות דאס לעבן לייכטער מאכן. און אז גאט וועט העלפן, זיי וועלן אנהייבן צו פארדינען אויף א שטיקל ברויט, וועלן זיי זיך טיילן מיט איר פון דעם לעצטן, מ'עט אין ענגשאפט מיט גאטס הילף ניט דארפן זיך אלעמאל מוטשען.

פאר האדלעס זיינען די ענטפערס פון די מיידלעך, וואס ריידן נאך מיט גאט, ניט אזוי אנגענעם; זי שרעקט זיך פאר זיי. זי האט

מורא פאר זייער נאאיוויטעט, וואס שניידט איר אפ די פליגל — די זעלבע בנעימות'ע מיידלעך, ווי זייער טאטע, איר איציק משה.

א באהאלטענע שרעק כאפט זי ארום, פונקט ווי זי וואלט מיט־אמאל איר מלוכה פארלארן. איר דוכט זיך, איר איציק משה באַלאנגט שוין איצט מער צו די קינדער ווי צו איר.

עס האט זיך אין יענעם מאמענט אין איר פלוצים דערוועקט א בענקשאפט צו אירע אייגענע קינדער, וואס זיינען דאן גראד אין סקול. זי ווייסט אליין ניט, פארוואס איר הארץ האט איר צו זיי א ציי געטאן.

זי הייבט זיך אויף אן אומרואיקע נאכן אינטימען שמועס מיט די שטיף־קינדער. מיט א געמאכטן קוראזש זאגט זי זיי:

— לאמיר זיך ניט חשבונ'ען, קינדער. ס'איז נאך צו פרי סיי־ווי־סיי. דערווייל זייט איר דאך געסט ביי אונדז. אט באלד וועלן אייערע שוועסטערלעך קומען פון סקול און דער טאטע וועט מסתמא אויך באלד אריינקומען, וועלן מיר בעסער גרייטן צום טיש. דער טאטע אייערער איילט זיך געווים אהיים צו קומען, באזונדערס זינט איר זייט אהערצו געקומען.

ביידע שוועסטער קוקן זיך איבער, זיי ווייסן וואס דער שטאך באדייט. נאר זיי העלפן איר גרייטן צום טיש און זיי טראכטן דערביי וועגן זייער איינציקן ברודערל, דעם „סטודענט", וואס האט מער ווי פינף קלאסן גימנאזיע אין דער היים ניט געקענט מאכן, און איצט ארבעט ער שוין אין א גראסערי, כדי צו פארדינען אויף ברויט. זיי ווייסן ניט, צי זיי זאלן אים מקנא זיין, אדער אפשר באדויערן, וואס ער ארבעט, נעבעך, לאנגע שעה'ן פאר פופצן דאלאר א חודש, און זיי זעען אים מער ניט ווי איין מאל א וואך.

זיי טראכטן איצט וועגן זייער אייגענעם שיקזאל: אט באלד קומט מאנטיק, וועט זיי דארפן אריינטרעטן אין יענער פאבריק צו מאכן דאמסקע היטעלעך, א מילינערי שאפ רופט מען עס דא. זיי האפן צו „מאכן א לעבן" דארט, ווייל רייזל בונעמס נעמט זיי אהין אריין.

⁂

זייער האפנונג איז טאקע מקוים געווארן.

אלע דריי קינדער איציק משה'ס ארבעטן און פארדינען צובים־לעך, אבער איציק משה זעט זיי וויניק, אדער עס דוכט זיך אים אזוי.

זיי קענען דאך אין שטוב ניט זיצן, ס'איז ווינטער־צייט, ווען די נאכט־שולן זיינען אפן, קינדער ווילן זיך „אויסגרינען". אמאל גייט מען צו א לאנדסמאן, אמאל צו א לעקציע, כאטש ער שרעקט זיך פאר די לעקציעס, ווער ווייסט וואס פאר א סארט קלובן דאס זיינען און מיט וועמען זיי באגעגענען זיך? — לאזט ער אמאל פאלן א פראגע צו האדלען.

זי נוצט דא אויס די געלעגנהייט און זי פארזיכערט אים, אז ער האט זיך וועגן זיי ניט וואס צו זארגן, אז זיי זיינען נאך אריבער־געקומען פון דער היים „גאנצע סאציאליסטקעלעך" און זארגן זיך פאר זיי איז ניטא וואס. עס שטייט זיי שוין ניט אן צו לעבן ביים טאטן, מען וויל זיך שוין ארויסציען און ווערן באלעבאסטעלעך פאר זיך, ווי פרייע פייגעלעך.

— וואס מיינסטו, האדל, וואס רעדסטו? וואס איז שוין עפעס געשען נייעס, האדל? — האט איציק משה'ס שטימע זיך ארויסגע־ריסן. — האסט שוין עפעס געהאט מיט זיי?

— קאך זיך ניט, איציק משה, גארניט געהאט מיט זיי, נאר זיי האבן געהאט מיט מיר.

— איך האב אבער געפילט, אז עפעס האט שוין צווישן אייך פאסירט, — האט איציק משה בא'צער'ט א זאג געטאן שאקלענדיק מיטן קאפ. — איך האב זיך ביי דיר געבעטן, האדל . . .

אבער האדל לאזט אים ווייטער ניט ריידן, זי קומט ארויס מיט איר מענה לשון:

— הער זיך אויך, מארים, דו זאלסט מיר נאר ניט דרייען קיין מוח. איך האב קיין גליקן ביי דיינע טעכטער ניט געמאכט, איך האב זיך בלויז פארדינט דעם נאמען שטיף־מאמע, נאכדעם ווי איך האב זיי מיינע אייגענע קינדערס געלעגערס אפגעגעבן, די קלארסטע לייל־עכער פאר זיי צוגעגרייט. מיטאמאל איז זיי, די בארישניעס דיינע, ביי מיר ענג געווארן, זיי האבן מער ניט וואו צו מאכן זייערע לעסאנס, די סטודענטקעס.

— אבער, האדל, ניט דאס איז דאך געשען צווישן אייך! צי מיר ניט די אדערן, האדל! רעד קלארע דבורים, ס'האט דאך איבער נאכט ניט געקענט געשען.

אויף דעם האט האדל געווארט. פון איר מויל זיינען ממש פונקען געשפרונגען:

— דו האסט זיך געוואלט איינשאפן נחת, האסטו זיך, אבער דו מעגסט וויסן זיין, אז געבראכט האסטו אהער צו זיך ניט קיין קינדער, נאר שונאים. זיי דערלעבן זיך אז דיר א נקמה, פונקט ווי דו וואלסט געווען שולדיק וואס זייער מאמע האט געהאט דאס פאליקע.

איציק משה איז געבליבן ווי פארשטיינערט. א נייע וואונד האט האדל אין אים געעפנט מיט אירע רייד. ער האט דערפילט בחוש, אז שווערע טעג הייבן זיך פאר אים אן. צי זאל ער טראכטן וועגן זיין געזונט, וואס איז אים ווי אונטערגעגראבן, אזש ער קען מער אויף די טרעפ ניט קלעטערן, אדער זיך זארגן וואס ער בלייבט ווייטער אליין א קראנקער, א געבריכטער, וואס דארף גאר היינט־מארגן גיין אין שפיטאל?

וועמען זאל ער דערציילן? מיט וועמען זאל ער זיך אן עצה האלטן? זאל ער עם דערציילן זיינע האי־סקול טעכטער? אדער זאל ער לויפן אויפן בית־העולם צו זיין ערשט פארשטארבענעם אנקל סאדאווסקי, וואס איז אים זעכצן יאר לאנג בייגעשטאנען אין נויט? אדער זאל ער גאר גיין צו זיינע אמאליקע גוטע פריינט, זיינע לאנדסלייט און פאר זיי אויסגיסן זיין ביטער הארץ, אונטערציען פאר זיי דעם יאמערלעכן סך־הכל פון זיין גאנץ לעבן, זיי אנווייזן, אז אפילו דאס אריבערברענגען די קינדער אהער איז פאר אים ניט מער ווי א גרויסע אנטוישונג?

און וואס קענען זיי פאר אים טאן? ער וועט זיי ערשט דאן עפענען די מיילער. וועלן זיי דען געפינען פאר אים א זכות? ער קען דאך זיין גאטזעליקע פייגע פון בית־הקברות ניט אויסגראבן, כאטש אים דוכט זיך, אז אט שטייט זי אים פאר די אויגן און טרייסט אים פונקט ווי אמאל מיט איר צארט קול:

— איציק משה, טייערער, פארליר זיך ניט, דו דארפסט נאך זיין געזונט, האסט נאך דיינע קינדער ניט געבראכט מיט לייטן גלייך, זיי דארפן דיך האבן, דו דארפסט נאך פארנעמען מיין פלאץ פאר זיי. איך האב דיר שוין לאנג מוחל געווען.

ווי א צוגעשמידטער זיצט ער אן באוועגונג. די געדאנקען פארפאלגן אים. ער וואלט אין דעם מאמענט אפשר צו איר, צו פייגען, גערעדט און זיך פאר איר אין אלץ פארטרויט, זיך אן עצה מיט איר געהאלטן, זיך פאר איר באקלאגט, וואס א בייזער שטן האט אים פון

איר אַפּגעשניטן, און איצט איז ער שוין זיבעצן יאָר נע־ונד און אַפילו די קינדער זיינע ווילן אים שוין פאַרלאָזן.

אָבער האָדל דרייט זיך אים אַנטקעגן ווי אַ בייזער גייסט און זי גיסט אין אים סם. עס ווילט זיך אים, די קינדער זאָלן וואָס גיכער אַהיימקומען. ער וועט היינט פאַר פרי שוין שלאָפן ניט גיין; ער מוז צו זיי ריידן קלאָרע דבורים. מילא זיין זונדל, דער „סטודענט", האָט זיך באַלד דערוויטערט פון טאַטן, — איז מילא, ווייט פון די אויגן, ווייט פונם הארצן. אָבער די טעכטער?

ער קען אָבער מער אין שטוב ניט איינזיצן. עס טרייבט אים אַרויס, ער ווייסט אַליין ניט וואוהין. עס דוכט זיך אים, אַז אַט וועט ער די קינדער באַגעגענען, ווען זיי וועלן אַהיימקומען, ער וועט זיי אַ פרעג טאָן:

— קינדערלעך, וואָס איז דאָ געשען? וואָס באַהאַלט איר זיך פאַרן טאַטן פאַר אייערן? צי ווייסט איר דען ניט, אַז דער טאַטע אייערער האָט מער קיין כוח ניט אַריבערצוטראָגן די צרות?

ציען זיך איציק משה'ס טריט צו איסט בראָדוויי, אַרום דער עדיוקיישאַנעל אַליִיענס. אים דוכט זיך, אַז דאָרטן וועט ער זיי אודאי באַגעגענען. ער וועט אימיצן אַ פרעג טאָן. ער ווערט אָבער אַנטוישט און קערט זיך אום צוריק אַהיים, וואו ער טרעפט אין הויז די קינדער, וואָס האַלטן אין איינפּאַקן זייערע זאַכן.

אַז ווערטער בלייבט ער שטיין ווי אַ פאַרגאַפטער, ער קען קוים אויפהענגען זיין מאַנטל.

— וואָס טוט זיך דאָ, קינדער? וואָס זע איך פאַר מיינע אויגן?

— זיי ניט בייז, טאַטע, — ענטפערט די עלטערע מיט פּיין, — מיר ווילן דיר ניט ווי טאָן. האָסט געגונג געליטן איבער אונדז. שוין איבער אַ יאָר, אַז דו פּלאָגסט זיך מיט אונדז, דו ווילסט אַלץ פאַר־דעקן, מיר ווייסן. אָבער ווייטער קען עס אַזוי ניט אַנגיין. מיר האָבן צו דיר, טאַטע, גאָרניט. זי האָט דאָך אירע אייגענע קינדער, ביי וועמען מיר האָבן זייערע געלעגערס צוגענומען.

מער האָט משה גאָרניט געזאָגט. ער איז אַריין אין זיין צימער ווי אַ שטומער, די מלבושים פון זיך אַרונטערגעוואָרפן, זיך אַריינגע־וואַלגערט אין בעט, מיטן פּנים טיף איינגעזונקען אין קישן.

פון געזעגענען זיך מיטן טאַטן איז שוין רייד קיין ניט געווען. זיי האָבן ערשט מאָרגן געדאַרפט נעמען די איבעריקע קליינִיקייטן און

געהאפט זיך דורכצורײדן מיט אים און אים דערקלערן, אז זײ מײנען, חלילה, ניט קײן שלעכטס, אז די ביטערע אומשטענדן האבן געבראכט דערצו, אבער זײער הארץ איז מיט אים.

זײ האבן אבער ניט באגריפן, אז זײער פאטער דארף זײ איצט האבן מיט זיך נאך מער װי אמאל, װײל אלע אינערלעכע כוחות זײנע זײנען אױסגערונען, אז ער קען שױן פשוט מער ניט אריבערטראגן די אלע גײסטיקע און קערפערלעכע יסורים, װאס האגלען אױף אים אומ'רחמנות'דיק.

מיט ביטערע אנגסטן ליגט איציק משה אױפן געלעגער װי א צוגעשמידטער צום בעטגעװאנט. ער באװעגט זיך ניט. בלױז זײן שװערער אפגעהאקטער אטעם זאגט אים אן: הײנט ענדיקט זיך איציק משה'ס ברױט־פירעכץ. זײנע פיס װעלן מער ניט קענען קלעטערן אױף הונדערטער טרעפ. ער זעט זיך הײנט און מארגן און איבערמארגן אין אן ארימען שפיטאל און נױרסעס און דאקטױרים ארום אים, װעמען מען פרובירט ראטעװען. האדל, זײנע הײמישע און אמעריקאנער קינדער קומען צולױפן, מען װײנט, מען ליארמט, מען װיל אים ראטעװען. אבער ער פילט, אז דאס איז אלץ לפנים.

זײן אומרואיקײט שטײגט. ער קען מען ניט אײנליגן אינם חושך אױפן געלעגער, װאו עס פארפאלגט אים דאס טיקן פונם װעק־זײגער צוזאמען מיט זײנע ביטערע רעיונות.

עס הײבט אים פון געלעגער, כאטש עס איז נאך װײט צו טאג. ער װיל זיך פון חושך באפרײען, שלײכט צו צום באד־צימער און צינדט אן א ליכט.

ער דערזעט זיך אין שפיגל װי האלב צעמישט. יא, דאס איז דאס בילד פונם שפיטאל, װאס ער האט ערשט אין חושך געזען.

— ביז איך עס איציק משה? ס'איז שרעקלעך! איך מוז מאכן מיט זיך אן ענדע, איך מוז! . . .

ער האט מיט זײן ראזיר־מעסער זיך דורכגעשניטן דעם האלדז.

צווישן צוויי פייערן

פון די פיר שוועסטער איז די אינגערע, עטעלע, די שענסטע געווען.

איז טאַקע געווען אַ גליק פאַר די גאָלדשטיינס, וואָס זייער מוזינקע איז נאָך אין שדוכים ניט געשטאַנען, און נאָך מער גליק, וואָס די ערשטע דריי טעכטער זייערע האָבן געהאַט אַ סך אַנדערע מעלות און זיי האָבן מיט מזל חתונה געהאַט . . .

איז ביי די גאָלדשטיינס געבליבן דער שפּיגל זייערער — די שיינע, לעבעדיקע עטל, גרייט אימיצן מיט דער צייט צו באַגליקן.

זיינען אויפגעשוואומען בעלנים גאָר אַ סך. די גאָלדשטיינס האָבן באמת ניט געוואוסט פאַר וועלכן גליק זיי זאָלן זיך פריער כאַפּן; זיי האָבן אויך ניט געוואוסט ווי צו געבן זייער מוזינקעלע די ריכטיקע עצה, וועלכן באַשערטן זי זאָל זיך אויסקלייבן.

פון אַט די אַלע „באַשערטע", וואָס האָבן זיך אונטערגענומען זייער מוזינקע צו באַגליקן און אפילו צו באַזאָרגן טאַטע־מאַמע — זיינען געווען צוויי, צוליב וועמען עטעלע האָט ניט געקענט רוען אין די שלאָפלאָזע נעכט: וואַסערמאַן, דער פוירניטשור פאַבריקאַנט, און רובינפעלד, מיט זיין דזשועלערי סטאָר און מיט דער גרויסער ירושה, וואָס זיין טאַטע האָט פאַר אים געלאָזן.

וואַסערמאַן — אַ הויכער שוואַרצער ברונעט, טונקל־ברוינע שאַר־פע אויגן, — זיינע מלבושים איינפאַך און נעט. זיין שוואַרצער קאָפּ האָר האָט שוין באַוויזן סימנים פון ווערן שיטערלעך, דאָך האָט עס זיין נאַטירלעכן חן ניט געשטערט.

ער האָט איר דערקלערט, ווי זיין האַרץ ציט אים צו איר און צו אירע פיינע, היימישע עלטערן, וואָס פאַר אים זיינען זיי אַ מוסטער פון אַנשטענדיקע מענטשן.

און רובינפעלד, וואָס האָט אויך פאַרמאָגט אַ סך מעלות, האָט פאַר איר כסדר געמאָלן, וואָס פאַר אַ גליקלעך לעבן זי וועט פאַר אים האָבן. עפּעס אַ קלייניקייט, אַזאַ עשירות! איז ער דאָך דערצו דאָס

איין-איינציק קינד, וואָס וועט באַקומען די גאַנצע ירושה פון די רובינפעלדס.

פונדעסטוועגן האָט איר האַרץ געצויגן צום איינפּאַכן וואַסער־מאַנען, וואָס האָט איר אין פּשוט׳ע ווערטער דערקלערט, אַז ער האָט זי ליב און זי מוז בלייבן זיינע אויף אייביק.

האָט עטעלע צו דער באַשטימטער שעה אויסדערוויילט איר באַ־שערטן.

די גאָלדשטיינס האָבן מיט מזל געפּראַוועט די חתונה פון זייער איינציקן אוצר, וואָס איז געבליבן אויף די עלטערע יאָרן, געטרייסט זיך, וואָס זיי גיבן אָפּ זייער קינד צו דעם, וואָס איז זיי ליב.

און וואַסערמאַן? ער האָט זיך דאָך אויף געוויס גליקלעך גע־שעצט, וואָס ער פאָרט איצט אַוועק אויף זיין „האָני־מון" מיט זיין עטעלען, מיט דער וואָס ער האָט ליב, מיט זיין שטאָלץ.

אין יענע רוישיקע טעג האָבן די געסט און פריינט ניט פאַר־געסן צו באַדויערן דעם אַנטוישטן רובינפעלדן, וואָס האָט קיין מזל ניט געהאַט. מסתמא איז עטל ניט זיין באַשערטע.

איז דער „האָניק־חודש" מיט מזל אַוועק און די וואַסערמאַנס זיינען אַהיימגעקומען אין אַ פּאַרטיק־אויסגעמעבלירטער היים, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פוירניטשור פאַבריקאַנט.

האָבן משפּחה און פריינט ענדלעך דערוואַרט זיך אַ בליק צו טאָן אין דער נייער היים פון די גליקלעכע וואַסערמאַנס. געוויס האָבן זיי גאָט און לייט מקנא געווען מיט זייער פּראַכטפולער היים.

און די עלטערן, ווער איז געווען צו זיי גלייך? אַלע פיר טעכטער פירן פיינע היימען מיט זייערע מענער. שוין היבשע עטלעכע איייניק־לעך, אַ דאַנק גאָט, אויך פאַראַנען. איז זיי בלויז געבליבן צו האָפן, אַז מיט גאָטס הילף וועט זייער מוזינקע זיי אויך ניט פאַרשעמען.

וואַסערמאַן האָט אין זיין „האָניק־חודש" די געשעפטן אַ ביסל פאַרנאַכלעסיקט, האָט ער געמוזט אַלץ צוריקברענגען אין אָרדנונג, צוריק באַקומען די „געקאַנסלטע" באַשטעלונגען, אַרויסשיקן צענדלי־קער בריוו צו זיינע קונדן און זיי צו וויסן געבן, אַז ער איז גרייט יעדן צו דינען מיט זיין אויסערגעוויינלעכן אויסוואַל פאַרן הערבסט. ער האָט אָבער אויך ניט פאַרגעסן אָפּצורופן טעלעפאָניש זיין עטעלען, זיך טיילן מיט איר מיט זיינע פּלענער.

זיינען אוועק די ערשטע פאר יאר גארניט שלעכט. מען האט געפראוועט א ברית, ווי עס פאסט פאר גבירים.

עטעלע איז נאך דער קינפעט רייפער געווארן, זיך פאנאנדער־געבליט ווי א שיינע בלום. זי האט איר קינד ניט געוואלט באַרויבן פון איר מוטערס מילך.

וואסערמאן איז געווען גליקלעך, וואס ער האט זיין עטעלען מיט זיין בן־יחיד׳ל, האט ער אויך ניט פארגעסן צו באזארגן די שווער און שוויגער מיט פרנסה.

ביי די גאלדשטיינס איז יעדן יאר צוגעקומען א ניי איינִיקל. אויב ניט ביי דער טאכטער, — איז ביי א צווייטער. די טעכטער האבן מיטאמאל א נייעם חן באקומען, אזוי ווי דער חן פון דער גליק־לעכער מרס. וואסערמאן וואלט זיך אויף אירע עלטערע שוועסטער אויסגעגאסן אויפסניי.

עס זיינען אויסגעוואקסן געראטענע קינדער, טאלאנטן. מען האט געשפילט פידל, פיאנא. וואו אן אונטערנעמונג איין שטאט, האט זיך באוויזן אן איינִיקל פון די גאלדשטיינס און אמוזירט די געסט, וועלכע פלעגן זיך אפט פארזאמלען אין אידישן „לייסעום“.

זיינען אונטערגעקומען די מלחמה־יארן. און פונקט ווען האלב אייראפע איז שיר ניט פארניכטעט געווארן פון דער בלוט־באד, האט זיך אין אמעריקע אנגעיאגט די „פראספעריטי“, וואס האט אויך פאר־גרעסערט דאס עשירות ביי די וואסערמאנס.

אין יענער צייט האבן זיך אין די קלענערע שטעט פון פענ־סילווייניע נייע שולן אויסגעבויט, נייע אידישע געמיינדעס זיינען איבערנאכט אויסגעוואקסן. מען איז געווארן נאציאנאליסטיש גע־שטימט אויפן חשבון פון די אידישע לעגיאנערן, וואס האבן געזאלט אויסקעמפן ארץ ישראל, אונדזער היימלאנד.

אויף דעם געביט האט וואסערמאן א גרויסן טייל פון זיין געלט און ענערגיע אוועקגעגעבן. עס האט זיך באמת געפילט, אז וואסער־מאן האט אריינגעבראכט א ליכט אויף דער אידישער גאס.

זיינען אבער די „פראספעריטי“־יארן פאריבער. פונקט ווי אנ־דערע געשעפטסלייט, האט אויך וואסערמאן דעם קריזיס דערפילט.

קרעדיטארן האבן גע׳טענה׳ט, אז וואסערמאן האט זיין געלט אויף קהל׳שע ענינים פארטאכלעוועט, געלעבט צו ברייט, זיינע גע־שעפטן געפירט ניט פארזיכטיק גענוג.

האט „שטאט" זיך געוואָלט אריינמישן, פּרובירט אויסגלייכן. איז ער דאָך ניט דער איינציקער אין דעם „קראַך", טאָ פאַרוואָס זאָלן די וואַסערמאַנס מיטאַמאָל בלייבן יורדים?

עס האָט אָבער ניט געהאָלפן. דאָס געזעץ האָט געפאָדערט, אַז עטעלע זאָל בלייבן אַליין אין איר היים גאַנצע זעקס חדשים.

מיט אַ ווייטיק אין האַרצן האָט זי זיך מיט איר מאַן געמוזט געזעגענען. מען האָט דעם גאַנצן אמת פאַר דער שטאָט געזוכט צו באַהאַלטן. פריינט האָבן זיי באַדויערט, כאָטש מען האָט זיך געטרייסט, אַז וואַסערמאַן איז אינם קריזיס ניט קיין בן־יחיד, און אַז די אָרימקייט האָט זיך שוין צעשפּרייט איבער גאַנץ אַמעריקע.

פאַר עטעלען איז איצט געבליבן צו פאַרנעמען איר מאַנס אָרט אַרום די חורבות פון זיינע געשעפטן — אַלטע און נייע נאָכווייעניש. פאַרשידענע קלאַנגען האָבן זיך צו איר דערטראָגן ביי דער אויספאָרשונג פון איר מאַנס אַנזעצן — קלאַנגען, וואָס זי וואָלט זיך קיינמאָל ניט געקענט פאָרשטעלן. זי האָט דעם ביטערן אמת געוואָלט פון זיך אָוועקשליידערן.

— איז דאָס מעגלעך, אַז מיין מאַן, וואָס האָט צען יאָר אונטער איין דאַך מיט מיר געלעבט, דריי טייערע קינדערלעך שוין דערצויגן, זאָל מיך האָבן פאַרביטן אויף איר, אויף זיין בוכהאַלטערין? איז עס מעגלעך, אַז אַ גרויסער טייל פון אונדזער פאַרמעגן איז אַוועק מיטן רויך אויף איר, אויף גלעדיסן, וואָס ער האָלט זי אין זיין אַפּיס שוין די לעצטע צען יאָר? ס'איז דאָך שוידערלעך ווען דעם גאָר צו טראַכטן! — האָט זי מיט זיך אַליין איינגעט'טענה'ט.

— און ווען האָט עס געקענט פּאַסירן? זאָל עס זיין, אַז אין די אָוונטן, ווען ער האָט זיין קהל'שע אַרבעט געטאָן? איך בין דאָך אים אַ געטרייע פרוי געווען, מיינע בעסטע אָוונטן מפקיר געווען, אים געלאָזן אַפּט גיין אין זיינע קלובן לטובת הכלל . . .

זי האָט אין יענע מאָמענטן ניט געוואוסט, צי זאָל זי זיך זאָרגן איבער איר מאַנס צושטאַנד, וואָס זיצט איצט הינטער אייזערנע גראַטעס, אָדער זאָל זי קלאָגן, וואָס זי האָט דורך אַט דעם צופאַל זיך דערוואוסט, אַז איר לעבן איז געווען אין אַ וואָלקן און זי האָט ערשט איצט דערזען דאָס ליכט, קעגן וועלכן זי מוז ערשט אירע אויגן צומאַכן, כדי ניט פאַר'שרפה'ט צו ווערן.

אָבער אינגאַנצן זיך אויסהיטן פון דעם פייער, וואָס האָט זיך

אַריינגעגנב'עט אין איר האַרץ, האָט זי ניט געקענט. דער ווייטיק איז געווען צו טיף, אַז זי זאָל כאַטש אויף אַ ווייל פאַרגעסן אַן אים.

זי האָט געטראַכט וועגן אירע קינדער, וועלכע האָבן אים, זייער פאָטער, אַזוי שטאַרק ליב. זיי הערן זי ניט אויף צו פרעגן:

— מאַמענקע, פאַרוואָס ביסטו אַזוי אומעטיק?

און זיי טרייסטן איר:

—זאָרג ניט, מוטערל, „פּאָפּ" וועט אינגיכן אַהיימקומען און ווייטער פירן זיינע ביזנעס און אַלץ וועט זיין ווי געווען.

זי ווייסט זיי ניט וואָס צו ענטפערן אויף זייער נאַאיווער טרייסט. זי שטאַרקט זיך און טיילט זיך מיט זייער טרייסט:

— איר זייט דאָך אַזוי בראַוו, קינדערלעך מיינע! געוויס וועט אונדזער „דעדי" אַהיימקומען אינגיכן, ער איז דאָך אומשולדיק. עס וועט דאָך באַלד פאַרקומען דער „אַפּיל" און זיין ערנטלעכקייט וועט באַוויזן ווערן. אונדזער אומגליק איז, וואָס פּאַפּאַ האָט דער גאַנצער וועלט געגלויבט אויפן וואָרט, איצט ליידט ער דערפאַר.

די קינדער זיינען שטאָלץ, וואָס זייער „דעדי" איז צו יעדן גוט געווען, און זיי האָפן, אַז ער וועט זיך וואָס גיכער צו זיי אומקערן אַהיים.

מיט אָט דער האָפנונג לייגט זיך די באַטריבטע מוטער שלאָפן. זי קען אָבער אַזוי גיך ניט איינשלאָפן. ווען זי בלייבט אַליין מיט זיך אויפן געלעגער, נעמט דער אומעט זי נאָך מער אַרום, עסט זי ווי אַ וואָרעם. אירע בליקן בלאָנקען אַרום איבער יעדן שטיקל מעבל אין הויז, און זי האָט דאָס געפיל, אַז אָט די טייערע געשניצטע פּוירניטשור איז ניט מער איר אייגנס, אַז די טעפּיכער האָט זי ניט געהאַט קיין רעכט צו קויפן, און אַז סעם האָט אַלץ געטאָן, כדי נאָר צו פאַרבלענדן איר די אויגן. אין דער אמת'ן איז דאָס זיין היים ניט געווען.

צופיל אַליין לאָזן אָבער די אַלטע טאַטע־מאַמע אירע איר ניט זיין. זיי קומען זי אָפט באַזוכן, פּרובירן זי צו טרייסטן. זיי האָבן אָבער ניט מיט וואָס זי צו טרייסטן. זיי זיינען גרייט צו באַווייזן, אַז ער האָט מער צעטיילט פאַר שטאָט־זאַכן ווי מען מאָנט ביי אים. אמת, ער האָט זיך אַביסל באַנאַרישט, האָט געהאַנדלט צו געוואַגט. איז ער דאָך ניט דער איינציקער. דערפאַר, אַז ער וועט צוריקקומען, וועט ער שוין זיין פאַרזיכטיקער, ער וועט נאָך פירן גרויסע געשעפטן, ווי אַמאָל.

אזוי טרייסט איר דער פאטער אירער, דער אלטער גאלדשטיין. איר מוטער אבער שווייגט, זיפצט אין דער שטיל. נאר ווען ניט ווען כאפט זיך ביי איר ארויס:

— הער שוין אויף, משה ליב, לאז דאס קינד אפדרעכעז, פאר־טומל איר ניט דעם קאפ מיט דיינע גליקן, וואס דו זעסט איצט אויף איר. דערווייל איז אונדזער קינד פינצטער און ביטער. די שטאט רעדט, מען טראכט אויס גאט ווייסט וואס אויף אונדזער קינד. טא לאז זי אפ, זי וועט אליין קומען צו זיך.

נאך אזעלכע רייד פון דער מאמען, דוכט זיך עטלעכן אויס, אז איר מאמע פילט עפעס. און אפשר איז אט דער ביטערער קלאנג דורך א שונא צו איר מאמען אנגעקומען? זי האט דאך געהאפט, אז דער ביטערער אמת וועט כאטש ביז א צייט בלייבן א סוד. זי האט דאך געבעטן ביי די קרעדיטארן און איר אייגענער לאיער האט איר פארזיכערט, אז איר מאנס פריוואט טאפלט־לעבן וועט קיינמאל ניט באקאנט ווערן אין דער עפנטלעכקייט.

זי שטרענגט זיך אן צו פארשטיקן אין זיך אירע געפילן און זי בעט טאטע־מאמע, זיי זאלן זיך וועגן איר ניט זארגן, זי האט נאך, גאט צו דאנקען, גענוג מעגלעכקייטן, זי זאל נאך איצט ניט דארפן זארגן פאר די קינדער.

דורך דער צייט קומען אן נאך משפחה, מען וויל, קאנטיק, עטלעכן ניט לאזן אליין.

נאך זייער אוועקגיין בלייבט ערשט עטלע מיט זיך אליין. עס לויפן איר פארביי פארשידענע בילדער וועגן איר צוקונפט און שלאגן זיך אן איינס אן צווייטן.

אט זעט זי זיך צוריק מיט איר מאן, ווען זי איז גרייט צו קומען צו הילף, — דעם זעלבן גוטן, ערלעכן סעמען. זיי וועלן אנ־הייבן אויפסניי. סעם וועט ווייזן דער וועלט, אז ער האט ביי קיינעם ניט צוגענומען. זי וועט אנהייבן פירן איר היים עקאנאמיש. זי וועט בעטן איר סעמען, ער זאל אנהייבן איר מער אנפארטרויען דעם אמת וועגן זיינע געשעפטן. עס דאכט איר, אז ווען זי וואלט פריער גע־וואוסט, אז ער איז אין א פלאנטער, וואלט זי אים אפשר אפגערא־טעוועט און פארשפארט אלע הארץ־קלעמענישן.

גלייכצייטיק אבער קלינגען אפ אין אירע אויערן די עזות'דיקע

קולות פון די קרעדיטארן אין דער אנוועזנהייט פון איר מאנס אדוואקאט:

— עס טוט אונדז לייד, וואס מיר מוזן עס אייך מיטטיילן, מאדאם וואסערמאן, אבער אט איז דער חשבון: גאנצע טויזנטער אוועקגעגעבן אין פלעצער, וואס האבן מיט זיינע געשעפטן קיין שייכות ניט געהאט. דאס איז אונדזער הארעוואניע, אונדזער קאפיטאל, דורך אזעלכע געשעפטן קענען מיר אלע רואינירט ווערן . . .

— אייער אדוואקאט בעט אונדז, מיר זאלן דעם „אינצידענט" ניט פארעפנטלעכן צוליב אייך און אייערע קינדער. ווען מיר דאס פאר דער וועלט פארשוויגן. אבער דאס איז דאך רויבעריי. מיר קענען אזוינס ניט פארשוויגן, — קאכט זיך אן אלטער פאבריקאנט.

זי האט דאן גלייך פארלאזן דעם אפיס. א דערשלאגענע, א צעוויטיקטע האט זי זיך קוים דערשלעפט אהיים. עס האט איר דעם גאנצן וועג ניט אויפגעהערט צו קלינגען אין די אויערן, ווי איר מאנס אדוואקאט האט אים געראטן צו דערקלערן זיך שולדיק, וועט ער אפקומען מיט א קלענערער שטראף.

אבער איר מאנס שטראף איז א קליינע אין פארגלייך מיט איר שטראף. ווי אזוי וועט זי זיך גאר קענען באגעגענען מיט אים, נאכדעם ווי ער האט איר אזוי פארראטן, ווי קען זי עס גאר דערציילן די קינדער?

אין איר געדאנק שווימט ארויף דאס געשטאלט פון רובינפעלדן, וואס לעבט היינט א גליקלעך לעבן מיט זיין פרוי און האט שוין אויך צוויי קינדער. אים האט זי פארווארפן און איר סעמען אייביקע ליבע געשווארן.

איצט טייטלען מענטשן אויף איר מיט די פינגער, מען ווארפט איר דעם טעות, וואס זי האט געמאכט, אין פנים אריין. אבער טיף אין איר הארץ פילט זי, אז ס'האט זי צו יענעם ניט געצויגן. זי איז אים אבער ביז היינט פארבליבן א גוטער פריינט. זי פלעגט זיך אפילו באגעגענען אפט מיט דער מאדאם רובינפעלד ביי די הדסה־מיטינגען, ביי די שטאטישע אונטערנעמונגען. זיי האבן זיך איינע דער צווייטער ניט געדארפט מקנא זיין, די געשעפטן זיינען דאך בייביידן געגאנגען גוט.

און איצט איז זי פארבליבן אליין, א פארשעמטע, א פארלאזענע,

א דערדריקטע, מיט א פלעק אויף איר מאַן, אויף איר מיט די קינדער, ווער ווייסט, אפשר אויפן גאַנצן לעבן?

זי האָט זיך אָבער ניט פאַרלאָרן אינגאַנצן. א פונק פון האָפנונג האָט נאָך אין איר געטליעט פאַר איר שולדיקן מאַן. אפשר, — האָט זי אים געזוכט צו פאַרענטפערן, איז ער גאַרניט שולדיק געווען? אפשר האָט אים „יענע” אַריינגעצויגן אין א פּאַסטקע, אויסנוצנדיק זיין גוט האַרץ? אפשר האָט ער דורך „יענערס” סטראַשונקעס צו מאַכן אַן עפנטלעכן סקאַנדאַל געמוזט איר נאָכגעבן?

זי האָט זיך ניט געקענט דערוואַרטן אויפן טאָג, ווען זי וועט זיך זען מיט איר מאַן אַן אָפּגעצוימטן פון הינטער די גראַטעס. דאָס וועט זיין ס׳ערשטע מאָל, וואָס זי וועט זיך מיט איר מאַן באַגעגענען זייט דריי חדשים. זי קען זיך גאָר ניט אויסמאָלן זייער באַגעגעניש פּנים אל פּנים, זייט־ביי־זייט מיט די געפערלעכסטע פאַרברעכער. צווישן אַט די פאַרברעכער — איר סעם, איר אַמאָליקער שטאָלץ.

ניט דאָס איז דער עיקר, וואָס מאַטערט זי. זי מוז איצט הויפּט־זעכלעך וויסן אויף קלאָר וועגן אַלץ. זי וועט צו אים ריידן, אים בעטן:

— זאָג מיר דעם אמת, סעם טייערער, איך וועל צו דיר קיין טענות ניט האָבן, דו ביסט דאָך א טאַטע פון קינדער. איך בין זיכער, אַז אויב אַפילו ס׳איז אמת, ביסטו אין דעם אומגליק אינגאַנצן ניט שולדיק. זאָג, סעם טייערער, איך בעט דיך, זאָג מיר דעם אמת.

⁂

ווען עטל האָט דערהערט פונם וועכטער, אַז „טיים איז אַפּ, מאַדאַם!” און מען האָט זי פון סעמען ווי אָפּגעריסן, האָט זי דער־פילט, אַז די שעה איז געקומען, ווען זי מוז זיך רעכענען מיט דערווירקלעכקייט, אַז איר סעמס שווייגן שרייט אַרום דעם ביטערן אמת וועגן גלעדיסן.

אויפן וועג אַהיים האָט איר פאַרפאָלגט דאָס בילד, ווי מען האָט איר פון איר שווייגנדיקן מאַן צוגענומען, ווי זי האָט זיך פון דעם תּפיסה־חושך קוים אַרויסגעריסן און דערזען דעם ליכטיקן דרויסן.

אויפן וועג אַהיים אין דער יאַגנדיקער באַן, האָט זיך איר גע־דאַכט, אַז זי איז אַרומגערינגלט מיט מענטשן, וואָס קוקן אויף איר און ווייסן ווער זי איז און פון וואַנען זי קומט. ס׳האָט זיך איר

געדאַכט, אַז די אַנטקעגן־זיצנדיקע שמייכלען שעלמיש איר אין פּנים אַריין.

און וואָס וועט זי איצט דערציילן איר טאַטע־מאַמע? — האָט איר ניט אויפגעהערט צו בויערן אַ געדאַנק. — זיי זיצן דאָך איצט געוויס אין איר היים און זיי וואַרטן אויף איר. און וואָס וועט זי דערציילן אירע קינדער, וועלכע גייען ניט שלאָפן אָן אַ גוט וואָרט פאַר זייער טאַטן?

אַזוי זיינען די זעקס חדשים אַריבער. אַלע אירע רייד צו די קינדער, צו משפחה, צו פריינט, זיינען געווען אַרויסגעריסענע, אַרויס־געצווינגענע פון איר אינגעוויייד, אַז אַ באַדן און אַן אַ זין.

און אַט קומט אָן אַ טעלעגראַמע!

מיט אַ פלאַטערדיק האַרץ לייענט די מאַמע פאַר די קינדער די בשורה, אַז דער טאַטע קומט היינט אַהיים. די קינדער זיינען אין זיבעטן הימל. עס לויפן שוין אַ פּאָר אויטאָמאָבילן, אָנגעלאָדענע מיט משפחה, צו באַגעגענען זייער שוואָגער.

האָט עטל צוגעגרייט די קינדער, זיי זאָלן מיט פרייד קענען באַ־געגענען זייער האַרציקן פאָטער נאָך דעם לאַנגען אָפּשייד. זי איז אַרומגעלאָפן אין אירע אַכט צימערן, זיך געדרייט אַהין, אַהער, אַליין ניט וויסנדיק פאַרוואָס.

מיט אימפעט האָט זי אָן עפּן געטאָן די שאַפע, וואו סעמס מלבושים זיינען געהאַנגען גרייט פאַר אים אין אָרדנונג. זי האָט אויך פאַרזאָרגט אַנדערע זאַכן, וואָס זיי וועלן סעמען ניצלעך זיין, ווען ער וועט צוריקקומען.

זי האָט שיר פאַרגעסן איר אייגענעם טואַלעט צו מאַכן. אַ גליק, וואָס די אַלטע מוטער האָט איר דערמאָנט:

— גענוג, מיין טאָכטער, צו זיין פאַרשמייעט, טו זיך אויך אָן ווי אַ מענטש, ס'איז דאָך דיין גאַסט פּונקט ווי אונדזערער. מיר וועלן שוין אַליין פאַרענדיקן צוצוגרייטן אַן דיר, טאָכטער מיינע.

עטל האָט דער מאַמען געפאָלגט, זיך גענומען אַרומוואַשן. בעת זי איז געשטאַנען אַנטקעגן שפּיגל און זיך אַרומגעוואַשן, האָט זי דערפילט ווי אַן אומרואיקייט האָט איר אַרומגענומען. זי האָט זיך דערזען אַ פאַר׳חושכ׳טע, ווי זי וואָלט דאָ, אין איר מאַנס אָפּוועזנהייט „אָפּגעשוואַרצט" ניט זעקס חדשים, נאָר יאָרן און יאָרן. עפּעס האָט זי געהאַט דאָס געפיל, ווי איר לעבן דאָ וואָלט זיך מיטאַמאָל אומגע־

ביטן, אז זי איז דאָ אין שטוב אַן אַנדערע, אַ פרעמדע. איר הויט — אַ צוזאַמענגעצויגענע. אירע אויגן, ווי זיי וואָלטן געווען תמיד פאַר־טרערט. ניט דאָס וואָס געווען.

לאַנג האָט זי אָבער קיין צייט ניט געהאַט צו טראַכטן. מיט אַ באַהאַלטענעם כוח האָט זי אויף גיך פאַנאַנדער־גענומען אירע בלאָנדע לאַנגע האָר, מיט אימפּעט זיי אויסגעקעמט און גענומען זיי פאַר־שלייערן אויף אַרויף, אויך איר פּנים צוגעפּודערט.

אין עטלעכע מינוטן אַרום האָט שוין איר מוטער איר מוזינקע ניט דערקענט. זי האָט איר טאַכטער ניט אויפגעהערט צו לויבן:

— זאָל שוין דיין מזל אַזוי שיינען ביי גאָט, טאָכטער, ווי דו שיינסט ביי מיר . . .

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אין פאָרהויז אַ טומל. דאָס הויז־גלעקל האָט זיך צעקלונגען און די טיר האָט זיך אַן עפן געטאָן.

עס האָבן זיך אַריינגעשאָטן אפשר אַ צען מענטשן, ווי זיי וואָלטן געקומען פון געיעג, האָבנדיק מיט זיך מיטגעבראַכט דעם גאַסט, וואַסערמאַנען.

— היר איז דעדי! פּאַפּ איז געקומען, מאַמאַ! — האָבן די קינדערשע קול'כעלעך זיך צעקלונגען פון פריידן און זיך געצויגן צו זייער פאָטער, צו אים אויסגעשטרעקט די אָפענע ליפּעלעך.

ווי אַ פּאַרטייעטע האָט זיך עטל אַ לאָז געטאָן צו באַגעגענען דעם גאַסט — איר מאַן. נאָר אין טומל צווישן עולם האָט זי זיך פּלוצים געפונען אַנטקעגן איר מאַן ווי אַ פאַרצאַמטע.

אַ געמיש פון פרייד, לייד, האָפנונג און יאוש האָט זי אַרומ־געכאַפּט, ווען זי האָט זיך באַגעגנט פּנים אל פּנים מיט איר מאַן. זי האָט זיך אָנגעשטרענגט, די באַגעגעניש מיט איר מאַן זאָל זיין אַ האַרציקע, אַ וואַרימע.

זי איז געווען באַרוישט פון דעם טומלדיקן קבלת פּנים, פון משפּחה פרייד און פון דער געוואָלטיקער שמחה פון די קינדערלעך, האָט זי אַ ווײַלע פאַרגעסן, אַז טיף אין האַרצן האָט זי געפּלאָנט זיך צו שיידן פון איר מאַן, נאָר ווי עפּעס אַ פּלוצלינגער אומבאַשטימטער כוח האָט איר נייעם קוראַזש געגעבן.

— נו, גענוג, קינדערלעך, לאָזט „דעדין" זיך גיין אַרומוואַשן, ער איז געווים מיד, מאַלצייט וועט באַלד זיין פאַרטיק.

זי האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס קוישל מיט איר גאַסטס חפצים, עס

א שטעל אווּעק געגעבן אין א שאפע, ווי עס וואלט געווען א טריפ׳ס און זי וויל פון דעם פטור ווערן.

איר מוטער האט דערוויל ארומגעפאדעט אין קיך און צוגע־גרייט היימישע מאכלים ווי אמאל, גאר אין די ערשטע צייטן, ווען דאס הויז איז נאך געווען פול מיט פרייד און גליק.

גלייכצייטיק האט די אלטע נאכגעפאלגט מיט פאר׳צער׳טע בליקן איר טאכטער, איר מוזינקע, און וועלכער זי האט באמערקט א גרויסע צערודערטקייט, און אירע געדאנקען האבן א וויל זיך אוועקגעטראגן ווייט פון דער קיך. דאס געבראטנס איז שיר ניט פארברענט געווארן. אירע אנדערע טעכטער האבן דאס באמערקט און זיי זיינען צו איר צוגעשטאנען, גרייט צו פארנעמען איר ארט אין קיך:

— גיי, מאמע, וואש זיך ארום, טו זיך איבער.

איז די שטוב ביי די וואסערמאנס מיטאמאל אנגעפילט געווארן מיט פרייד און האפנונג, מען האט געמאכט איין לחיים נאכן צווייטן. מען האט אנגעפילט די גלעזלעך עפטער און עפטער און מען האט בשעת מעשה ניט באמערקט, אז אונטער וואסערמאנס אויגן האבן זיך פארצויגן צוויי שווארצע פאסן, אז זיינע שווארץ־אפלען זיינען דורכגעוויקט מיט טרערן, און ס׳איז ניט געווען פון שיכרות . . . ווען זיינע מיטמענטשן וואלטן כאטש כאפן א שטומען בליק אויף זייער גאסט, וואלטן זיי דערזען ווי דורך די זעקס חדשים האט זיך אויף אים ארויפגעצויגן אן אנדער הויט, א פרעמדע, א פארגליווערטע. ער וויל זיך אויסטאן פון דער קייט, וואס האט אים געפענטעט דורך דעם חושך פון די אייזערנע ווענט. ער טראכט שוין ניט מער וועגן פרנסה, נאר פון דער אפענער וועלט, וואס ווערט אים זיכער באגע־גענען ניט ווי אמאל. זיין לעבן — אינערלעך און אויסערלעך — וואס האט זיך אזוי אפן פאנאנדערגעדעקט און אויסגעשפרייט, איז איצט מער קיין סוד ניט.

און וואלט ער באקומען כוח און יעדן באוויזן, אז ער איז נאך דער אמאליקער וואסערמאן, אז ער איז נאך אלץ פאראנטווארטלעך פאר זיין טאט! איז ער אבער זיכער, אז דאס לעבן נעמט איצט ביי אים חשבון ניט פאר זיך, נאר פאר עטלעך מיט זיינע דריי קינדער, פאר זיינע געליבטע גלעדים און ביטרים, פאר ווענען עס איז נאך א סוד.

ניט אומזיסט פילט ער זיך ארום זיין אייגענעם טיש ווי א

פרעמדער. דער גאַנצער טומל אַרום די געשמאַקע משקאות און מאכלים האָט בלויז אַריינגעטראָגן אין די מוחות אַ צעטומלטע פרייד, אַזוי ווי אַלע אַרום אים וואָלטן אים וועלן פאַרטויבן, ער זאָל פאַרגעסן אַז זיין ביטערן שיקזאַל.

און, באמת, קען ער דאָך צו זיי קיין טענות ניט האָבן. ער האָט זיך דאָך אַליין, אין אַ בייזער שעה, אַריינגעפּלאָנטערט אין אַ נעץ. ער איז זיכער, אַז זיינע געשעפטן וואָלט ער געקענט ראַטעווען, אַז ער וואָלט זיך מיט זיינע קרעדיטאָרן געווען געקענט פאַרגלייכן און ווייטער געקענט אָנפירן זיינע געשעפטן. אָבער ווען ער טראַכט וועגן יענער פּאַסירונג, באַפאַלט אים אַ שרעק פאַר די געדאַנקען, וואָס מאַטערן אים אַזוי אומדערבאַרמדיק.

ער דערמאָנט זיך אין יענעם פרימאָרגן, ווען גלעדים איז אַריין אין אָפּיס — אַ בלאַסע, אַ צעשראָקענע, געבראַכט אים אַ פּחד פאַר די אויגן, וואָס האָט אים פאַרפאָלגט אַ שטיק צייט, ביז ער האָט זיך געמוזט באַגעגענען מיט דער ווירקלעכקייט.

— מיר מוזן עפּעס טאָן, גלעדים טייערע, — האָט ער זיך ביי איר געבעטן. — פאַרליר זיך ניט, טייערע, איך האָב דאָך דעם צופאַל ניט דערוואָרט. אפשר איז אַ פּלאַן דו זאָלסט ערגעץ אַוועקפאָרן. איך וועל דיך ניט לאָזן אין פאַרצווייפלונג. דו ווייסט דאָך, אַז דער אומגליק האָט פּאַסירט דורך אונדזער ביידנס איינשטימונג.

— נו, יאָ, געוויס, געוויס, איך באַשולדיק דיך ניט, — האָט גלעדים געענטפערט ווי אַ רעזיגנירטע. — איך שרעק זיך ניט, וואָס אונדזער קינד דאַרף קומען, נאָר איך שרעק זיך מער פאַר דיר, דו האָסט עס געוויס ניט דערוואָרט.

האָט מען אין יענעם מאָמענט אין דער גיך פּלענער געמאַכט, ווי עס פּאַסט פאַר צוויי ערלעכע פאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן.

און דערנאָך? — אַ נייע בוכהאַלטערין האָט זיך באַוויזן ביי וואַסערמאַן און קאָמפּ. די געשעפטן זיינען אַ צייט לאַנג אָנגעגאַנגען ווי געוויינלעך. נאָר וואַסערמאַן האָט אָנגעוואוירן זיין קוראַזש בישלעכווייז — גלעדים האָט אים אויסגעפּעלט.

ער האָט זיך אַ שטיקל צייט געשראָקן, געשאָטן מיט געלט, כדי זי אָפּצוראַטעווען פון פאַרצווייפלונג. אָבער די ביטערע צייט האָט אַלץ אויפגעדעקט, בולט, קאַלט און שווידערלעך אַנטפּלעקט זיין טאָפּלט לעבן.

און סך הכל איז ער דאָך געווען אַ געטרייער פּאָטער צו זיינע קינדער, און געשעצט הויך זיין באַשיידענע עטל. און ווי האָט ער דען אַנדערש געקענט טאָן? צי האָט ער דען געקענט אויסזאָגן דער וועלט זיין סוד? גלעדים איז דאָך אויך אַ פיין קינד, זי האָט דאָך אַ גרויסן חלק אין זיינע אַמאָליקע געשעפטן, וואָס האָבן זיך אַ דאַנק איר געטרייער אַרבעט פאַנאַנדערגעוואַקסן.

איז אים איצט ביטער, וואָס גלעדים מיט זייער טעכטערל ביטרים וועלן אַ שטיק צייט איצט פינאַנציעל ליידן, ביטרים, וועמען ער פלעגט אָפט באַזוכן מיט איר מוטער אין צייט פון וואַקאַציע. זיי זיינען דאָך הונדערטער מיילן פון אים ווייט. און ווען אָפילו זיין פריינט, דער אַדוואָקאַט ראָזענבערג, האָט איר דורך דער צייט, וואָס ער, וואָסערמאַן, איז געווען הינטער גראַטעס, ווען אים אַלץ געשריבן, האָט עס דען געלינדערט איר צער?

און ווער ווייסט, ווען ער וועט זיך מיט זיין דערוויטערט קינד און מיט גלעדיסן ווידער קענען זען? — האָט ער מיט ווייטיק געטראַכט. — און דאָ זיצט ער אַ פאַרטומלטער צווישן מענטשן, וואָס פרייען זיך אויף זיין טרויעריקער שמחה. . . .

זיינע געדאַנקען האָבן איבערגעריסן זיינע דריי קינדערלעך, וועמען די מוטער האָט צוגעשיקט אים צו זאָגן „אַ גוטע נאַכט" פאַרן שלאָפן גיין. די קינדער האָבן זיך געטוליעט צו זייער „דעדי" מיט וואַרימע קושן. און איינס נאָך איינס האָבן זיך דערהערט זייערע האַרציקע שטימעלעך:

— אַ גוטע נאַכט דיר, דעדי!

— אַ גוטע נאַכט, קינדערלעך! — האָט זיי דער פּאָטער געענטפערט.

און די קינדערלעך האָבן זיך מיט זיסע חלומות געלייגט שלאָפן. זיי האָבן דאָך שוין לאַנג אַזוינס פון זייער דעדי ניט געהערט.

איז וואָסערמאַן איצט צווישן צוויי פייערן. ער שטייט אין מיטן אַזוי פאַרצווייפלט און מאַכטלאָז, ער ווייסט ניט, אין וועלכער ריכטונג ער זאָל לויפן די שרפה לעשן, אַרויסצוראַטעווען אַלע זיינע נאָענטע. און ווי קען ער עמיצן ראַטעווען, ווען ער אַליין שטייט אין געפאַר פאַרצערט צו ווערן פונם פייער?

און ווי וועט ער זיך היינט באַגעגענען מיט זיין עטלען אין איין צימער ליב צו ליב? ביידנס הערצער וועלן געווים קלאַפּן הויך מיט

שרעק און פּיין. ער איז זיכער, אַז אין דער ערשטער פינצטערער שעה אויפן געלעגער וועט זי מיט אַלע אירע חושים אים וועלן אויסהערן, אים אויספּרובירן מיט איר שטילקייט, וואָס וועט אים נאָך העכער ווי ווערטער אַריינשרייען אין אויער אַריין:

— אויב ס'איז אמת, וואָס מענטשן זאָגן . . .

שטומערהייט וועט זי אים פרעגן, פאַרוואָס האָט ער דאַרטן, צווישן די אייזערנע ווענט, וווּ ער האָט זי באַגעגנט, ניט געענטפערט, ווען זי האָט אים אַפילו דערקלערט, אַז זי וועט אים אַלץ מוחל זיין, אויב ער וועט איר נאָר אויסזאָגן דעם אמת.

ער האָט קיין טעות ניט געהאַט. אַזוי איז טאַקע פאָרגעקומען, ווען זיי זיינען געבליבן אַליין אין זייער שלאָף־צימער.

עטלעכע חדשים זיינען שוין זייט דאַן אַוועק. וואַסערמאַן איז נאָך אַלץ איינגעשלאָסן טיף אין זיך. זיין ווייב פרעגט אים ניט מער, פאַרשפּאַרט ער צו ענטפערן.

עפּעס אַן אויסטערלישע שטילקייט הערשט פון יענער נאַכט אָן ביי די וואַסערמאַנס אין הויז. מענטשן טייטשן אויס זיין דערשלאָגנ־קייט מיט זיינע פאַרלאָרענע געשעפטן. מען הייבט די אַקסלען, מען חקירה'ט, מען רעכנט אויס, אַז אַפילו נאָך היינט מאַכט וואַסערמאַן אַ שיין לעבן פון זיין „סיילסמענשיפּ", צו וועלכער ער האָט זיך פאַרלויפיק גענומען. מען גלויבט אַפילו, אַז ווען עס איז וועט ער פלוצים אַרויסשווימען מיט אַ נייעם גרויסן מעבל־געשעפט ווי אַמאָל. טאָ הלמאַי פאַרט איז ער אַזוי דערשלאָגן?

אין די קלובן און אין די שולן ביי יערלעכע אונטערנעמונגען זעט מען די וואַסערמאַנס ניט מער. און ווען די מאַדאַם וואַסערמאַן באַ־ווייזט זיך אַליין ביי אַן הדסה אונטערנעמונג, אָדער ביי אַ ליידיס אָוקזילערי מיטינג, כדי ניט אויסצופעלן אינגאַנצן פון מענטשן, דאַן ווערט ביי די פריינט אַ שמחה, אַזוי ווי אַ נייע ליכט וואָלט מיט־אַמאָל דעם זאַל באַלויכטן — אַ שמחה פון פרייד און לייד.

אירע פריינט טוען אַלץ וואָס נאָר מעגלעך צוריקצוברענגען מאַדאַם וואַסערמאַן צו איר אַמאָליקן שטאַנד. מען מאַכט איר פאַר־זיכטיק קאָמפּלימענטן, מען דערמאָנט איר, אַז איר אַרבעט איז תמיד אָפּגעשאַצט געוואָרן ווי געהעריק און זי מוז ווידער ווערן אַקטיוו.

זי באַדאַנקט זיי העפלעך מיט אַן איינגעצוימטן דאַנק, פּונקט ווי זי וואָלט וויסן וואָס זיי זיינען אויסן.

שפּעט אין אָוונט פאַרלאָזט זי דעם זאַל אין דער באַגלייטונג פון אַ פּאָר לֵיידים, וועלכע גאַרן, נעבעך, עפּעס צו הערן אינטימע איינצלהייטן פון דער אַמאַליקער פריינדין זייערער, פון עטלעך, מיט וועלכער די שטאָט האָט געקלונגען. נאָר עטל שווייגט. פאַרן צעגיין זיך זאָגט זי זיי שטיל : „גוט נאַכט!" מיט אַ העפלעכן דאַנק פאַרן צופירן זי אַהיים.

אין הויז טרעפט זי נאָך איר מאַן, ער זיצט און בלעטערט די צייטונגען, אַרום אים אַ היפּשע צאָל אויסגערויכערטע סיגאַרעטן, דאָס הויז איז ווי אין אַ וואָלקן.

עס קומט איר דערמאָלט אַרויף אויפן זינען, אַז גיין אַליין זיך טרעפן מיט מענטשן איז גאָרניט קיין רפואה פאַר איר געמיט. ווען זי קומט אַהיים, דערפילט זי, אַז זי איז ווידער אַליין.

זי הייבט אָן שטיל אַרומצושלייכן איבער די צימערן אין דער טונקעלער באַלייכטונג, כאַפּט אַ קוק צו די קינדער, אויב זיי שלאָפן שוין רואיק אויף זייערע געלעגערס. ווען זי דערהערט דאָס שטילע אָטעמען זייערס, ווערט איר לייכטער אויפן האַרצן.

איצט בלייבט איר צו מאַכן די געלעגערס פאַר זיך און פאַר אים. אָבער דער אונטערשייד פון אַמאָל און היינט איז זייער אַ גרויסער. זי האָט שוין ניט קיין כוח צו טראַכטן מער, אויב צווישן איר און איר מאַן וועט נאָך אַמאָל ווערן צוריק דאָס וואָס געווען.

⁂

אַזוי זיינען שוין פאַריבער גאַנצע פינף יאָר, זייט עטל מיט איר מאַן לעבן אָפּגעזונדערט, ווי דיקע ווענט וואָלטן צווישן זיי געשטאַנען — ממש דערדריקט צו ווערן. כאָטש טיף אין איר האַרצן האָט זי נאָך אַלץ אַ שטיקעלע האָפנונג, ווען עס איז אים צוריק צוצוציען צו זיך. זי דערמאָנט זיך אָבער, אַז איר מאַן געהערט ניט מער איר אַליין, אַז צווישן אים און איר שטייט ווי אַ שאָטן יענע, די פרוי, פון וועלכער ער הערט נאָך אַלץ ניט אויף צו טראַכטן. אַ שטאַרקער צווייפל, אויב עס קאָן אַמאָל שוין אַנדערש ווערן, נעמט זי אַרום.

איר האַרציקער רופן אים, ער זאָל זיך שוין גיין אָפּרוען, אַז ס'איז שוין אַ האַלבע נאַכט, הערט זיך מער ניט. איר גאַנצע טרייסט און האָפנונג ווערן דעמאָלט אירע קינדער, וועלכע זיינען אַזוי אומ־

שולדיק אין זייער עלטערנס טראגעדיע. זי פאלט צו זיי צו, ווי א מוטער, וואס איז גרייט אירע קינדער פון געפאר צו באשיצן. טור-ליענדיק זיך צו זיי, זוכט זי א רפואה צו היילן איר געפייניקט הארץ.

זי פארלעשט דאס ליכט ארום איר געלעגער און קנייטשט זיך איין אין איר קישן, ווי זי וואלט דארט וועלן דערשטיקן אירע טרערן.

⁂

און וואסערמאן זיצט נאך אלץ אין דער שפעטער נאכט אליין ארום זיין רויטן לאמפ. עס הערט זיך בלויז דער טיק-טאק פון דעם וואנט-זייגער, וואס איז פארטונקלט פון די וואלקנס רויך פון די אומציילּיקע סיגארעטלעך, וואס ער רויכערט איינס נאכן אנדערן. דורכן רויך קנוילן זיך פארביי עטלעכע פיגורן, וואס שטערן זיין רו.

ער זעט זיין גלעדיסן, וועלכע האט אים צען יאר צייט א שטיק פון איר לעבן אפגעגעבן, און איצט ווערט זי דארטן פארוועלקט און פארטריקנט אזוי אומשולדיק, די מאמע פון זיין קינד, פון זיין אומ-שולדיק ביטריסל, וועלכע שוועבט איצט פארביי מיט אירע גאלדענע געלאקטע הערלעך און זי ציט צו אים אויס אירע הענטלעך, אים, דעם „דעדי" אירן ארומצונעמען.

עס באפאלן אים א קאלטער אומעט און א בענקשאפט נאך יענעם אומשולדיקן קינד, וואס ער האט בלויז געזען עטלעכע געציילטע מאל אין איר לעבן, און מער איז ער ניט אימשטאנד צו זען זי, נאר בלויז שיקן איר זיינע פאטערלעכע טרייסט-ווערטער דורך א בריוועלע.

פארשידענע געדאנקען יאגן זיך אויף אים אז, באפאלן אים ווי די בינען און זשומען ארום זייער אורטייל איבער זיין שיקזאל.

וואסערמאן וואלט וועלן זיך געבן א הייב אויף און מיט אלע כוחות זיך ארויסרייסן פון אט די בילדער, וואס הערן אים ניט אויף צו פארפאלגן. ער בלייבט אבער זיצן מאכטלאז פארזונקען אין די זעלבע געדאנקען.

עס פאלט אים איין, אז ער וועט מוזן סוף-כל-סוף אנטלויפן אין דער ווייטער וועלט אריין — ווייט פון זיין היים, פון זיינע קינדער, פון עטלעכן, צו וועלכער זיין נשמה געהערט שוין ניט מער.

אין זיין געדאנק האבן זיך מיטאמאל פארשידענע ווענג געעפנט און אים געצויגן צו די קאנאדער גרעניצן, וואו עס לעבן זיין אנ-טוישטע גלעדיס מיט זיין קינד ביטריסל. די צוויי, וואס הערן ניט אויף וועגן אים צו טרוימען און נאך אים צו בענקען.

ער זוכט עפּעס אַן אָנהאַנג, אַ גלייכגעוויכט, וואָס זאָל אים העלפן אַרויסגיין אויף וועלכן ניט איז וועג, אָבער ער קען ניט געפינען, עפּעס ווי אַ בייזער שטן וואָלט מיט אַ שאַרפן חלף זיינע כוחות אָפּגעשניטן, אים אָנגעזאָגט, אַז דער סוף פון זיין רואיק לעבן איז געקומען, אַז ער מוז אָנהייבן צו נע־ונד'עווען ערגעץ ווייט אַוועק פון זיין היים, פון זיינע קינדער און פריינט.

⁂

אין יענער גרויער נאַכט האָט וואַסערמאַן מיט זיינע לעצטע מידע בליקן אויף זיין היים זיך שטומערהייט אָפּגעזעגנט מיט זיין געזינדל. די טיר האָט זיך צום לעצטן מאָל פאַרמאַכט הינטער אים.

האָט ער דעמאָלט געפילט, אַז ער פאַר'משפט זיין פרוי און קינדער צו אייביקער שאַנד און פּיין, און זיך אַליין צו אַ טיפער ירידה ?

ווי אַ בייזער שטורם, האָט עס אים אַרויסגעריסן פון זיין היים און אים אויסגעוואָרצלט פון דער שטאָט, וואָס האָט אים פון זיין יוגנט אָן געגעבן פרייד און לייד.

זיינע פריינט זיינען אָבער געווען זיכער, אַז וואַסערמאַן איז ניט אַוועק אויף די וועגן, וואו עס געפינען זיך זיין גלעדים און זיין ביטריסל, וואָס טרוימט נאָך אַלץ וועגן איר „דעדים" אָנקומען, און זי ווייסט ניט, אַז איר פאָטער האָט אַליין פאַר זיך באַשטימט צו זיין אַ יוצא מן הכלל. עס איז אָבער זיכער, אַז די פאַרלאָזענע דערוואַקסענע קינדער מיט זייער פאַרשעמטער מוטער ווייסן, אַז זייער פאָטער און מאַן געפינט זיך ערגעץ־וואו איינזאַם, נע־ונד און קיינער קען זייער צער און בענקשאַפט ניט לינדערן.

זיך פאַרפּלאָנטערט

אין שטאָט האָט זיך פלוצלינג דערהערט אַ קלאַנג, אַז שמואל הירש, דער וואַלד־סוחר, זוכט אַ קונה אויף זיין צוויי־שטאָקיקער מויער אין מיטן מאַרק, ווייל איז גיכן פאָרט ער אָפּ צו זיינע צוויי זין, קיין אַמעריקע.

פון דער העלער הויט האָבן זיך גענומען יאָוועז פאַרהוילענע שטאָט־גבירים גרייט אָפּצוקויפן די ווייסע שטיינערנע מויער, וואָס האָט אין זיך גאַנצע אַכט קלייטן, איינגעמויערטע אונטער דעם ריזיקן בנין, קלייטן, וועלכע ברענגען אַריין אַ שיינע מטבעה דירה־געלט דעם וואַלד־סוחר, שמואל הירשן.

די סיבה פון שמואל הירשס געאיילטער נסיעה קיין אַמעריקע איז געווען אַ סוד. כאָטש געשמועסט האָט מען, אַז ער האָט פאַרלאָרן זיין נייעם קאָנטראַקט ביים יונגן פריץ אויפן ברעזשענער וואַלד, ווייל אַ שונא ישראל האָט אים אונטערגעשטעלט אַ פיסל.

איז היות ווי ר׳ שמואל איז שוין באַלד אַ איד אין די זעכציקער און עטלעכע טויזנטער וואַלגערן זיך ביי אים אויף, זיין בת־יחידה איז שוין אויסגעגעבן, אויף אַלע אידישע טעכטער געזאָגט געוואָרן, און זיינע צוויי זין האָבן זיך אויך אַרויפגעאַרבעט אין אַמעריקע, איז דאָך קיין וואונדער ניט וואָס טאַטע־מאַמע פאָרן צו די קינדער.

האָבן גוטע פריינט צווישן זיך געשמועסט, אַז אויף דער עלטער גייט שמואל הירש דער חכם און למדן זיך באַנארישן, וואָרום אויב שוין יאָ פאָרן אין מרחקים און איבערלאָזן אַזאַ עשירות, איז דאָך ארץ ישראל, בלי ספק, חשוב׳ער, דאָרטן וואָלט ער דאָך ערשט גע־וואוסט, וואָס עשירות הייסט.

אַמעריקע ציט אָבער צו זיך ווי אַ מאַגנעט. ס׳האָט אפילו ניט געהאָלפן, וואָס קיין פאַרמעגלעכער קונה אויף דער געביידע האָט זיך ניט געמאַכט און שמואל הירש האָט אָנגענומען דעם רב׳ס עצה צו שליסן יערלעכע קאָנטראַקטן מיט זיינע קוואַרטיראַנטן און זיי האָבן

זיך אונטערגע׳חתמ׳עט, צו שיקן, מיט גאטס הילף, דאס דירה־געלט גלייך צום אייגנטימער קיין אמעריקע.

עס איז אפילו פארצייכנט געווארן אין אלטן פנקס. און שמואל הירש איז מיט א „גובערנאטארסקי" פאספארט אפגעפארן בשלום, א פארזארגטער מיט א געזיכערטער פרנסה אפילו אין דעם גאלדענעם לאנד אמעריקע, און מיט א פארבליבענעם מויער אין דער אלטער היים, און מיט א צעטל פון רב, אז ער וועט, איה"ש, אויפמאנען די חובות פון שטאט פאר דעם בר מזל, ר׳ שמואל הירשן.

אין א חודש ארום האבן זיך שוין שמואל הירש מיט חיה שרה׳ן, זיין „אויג אין קאפ", געפונען אין זיין זונס היים אין בראנזוויל, ניו־יארק, אין שיינע דריי פארטיק־אויסגעמעבלירטע צימערן.

— זאל דער טאטע פארגעסן וועגן זיין טרוים נאך צו זיין אין ארץ ישראל, — האט זיין עלטסטער זון שלמה, דער קאסטן־פאבריקאנט, אפן דערקלערט פאר די חשוב׳ע לאנדסלייט, וואס האבן אפגעגעבן דעם ערשטן קבלת פנים דעם „גרינעם", שמואל הירשן.

⁂

שוין א צייט, אז דאס גליקלעכע אלטע פאר־פאלק לעבט בשלום. שמואל הירשן פעלט דא אויך גארניט, ער האט, ב"הש, זיין חברה, לערנט א בלאט גמרא, ווי אין דערהיים. וואס פאר א טענות קען ער צו זיין זון האבן?

אבער, אז ער קומט צו ראש חודש בענטשן, דערמאנט זיך שמואל הירש, אז זיינע קווארטיראנטן אין דערהיים צאלן אים ניט די שטענדיקע דירה־געלט. זיי האבן אים אנגעהויבן האדעווען מיט קלאג־בריוו, אז דער ווינטער איז א מורא׳דיקער, מען גייט פשוט אויס פאר קעלט; אז זינט ער האט פארלארן דעם וואלד, איז הייצונג בראנד־טייער, מען רייסט פאסעס פון די ארימע־לייט, כאטש גילט זיי אפ, די האלץ־סוחרים, פאר א פור האלץ; אז איבער די גרויסע זאווערוכעס קומט קיין קונה ניט אין שטאט אריין אפילו פאר א רפואה.

„איז בכן, ווי גאט איז אייך ליב, ר׳ שמואל הירש, וועט איר מוזן צואווארטן ביז נאך פסח, ווען דער פראסט וועט נאכלאזן און דאס ביסל זון וועט זיך אנהייבן אריינשפארן און אויסווארימען די פארגליווערטע אברים. — מיר ווילן חלילה ניט אייערס א פרוטה".

איז דאס פאר שמואל הירש גרינבאלט א גרויס הארץ־ווייטיק. ער וואלט זיי שוין מוחל געווען זייער דירה־געלט, אבי זיי זאלן אים

ניט מאטערן מיט די קלאג־בריוו, וואס פארשאפן אים אזא עגמת נפש.
דאס האַרץ האָט אים אַנגעהויבן זאָגן, אַז ער מוז באַצייטנס טראַכטן וועגן עפּעס אַ פּרנסה. אמת, ער איז שוין איבער די זעכציקער און, אַ דאַנק גאָט, ער האָט גענוג אָוועקגעלייגט אין אַ באַנק פאַר זיך מיט זיין אַלטיטשקער אויף די עלטערע יאָרן און אַפילו גענוג, ניט צו פאַרגעסן זיינע אייניקלעך בײַ יעדן יום־טוב אַ מתנה צו ברענגען, — אָבער ס'איז דאָך אַ געציילטע פּעני . . .
אַזוי כאַפּט ער שטילע שמועסן מיט זיינע שול־אידן און פריינט וועגן זיך דערשלאָגן צו אַ שטיקל פּרנסה. נאָר אַלע עצות זייערע זיינען אים ניט צום האַרצן. ער זעט ניט אײַן, ווי ער וועט קענען שטיין בײַ אַ צייטונג־קלייטל אין היץ און אין קעלט בײַ די גראַשנדיקע ביזנעס.
איין פריינט האָט אים פאָרגעשלאָגן צו עפענען אַ מוכר־ספרים געשעפט:
— מיט אייערע דריי טויזנט דאָלאַר קענט איר דאָך אין אַזאַ געשעפט מאַכן פּרנסה בריוח . . .
ער באַווייזט אים, אַז אַ ספר תורה, וואָס קאָסט דאָ דריי הונדער־טער, קויפט מען אין אויסלאַנד פאַר אַ דריטל און מען מאַכט בוכ־שטעבלעך צוויי הונדערט פּראָצענט, אויב מען פירט דעם געשעפט ווי געהעריק.
איז אָבער שמואל הירש אַ בקי אין געשעפטן און ער ווייסט, אַז צו אַ גוט געשעפט דאַרף מען אים ניט מיט זיינע היימישע פאַר טויזנט דאָלאַר: אויף דעם זיינען פאַראַן גרעסערע קאַפּיטאַליסטן, און ער באַשליסט, אַז עס שאַדט ניט זיך דורכצוריידן מיט זיין זון סאַלאָמאָן, ער איז דאָך עפּעס אַ געשעפטסמאַן, אמת, פון געהילץ, אָבער דורך זיינע הענט גייען דאָך איבער גאַנצע וואַגאָנעס געהילץ, וואָס ער קויפט אין דער „סויטה", און זיי ווערן אין זיין פאַבריק צע־שניטן אין ברעטער אויף קאַסטנס.
יאָ, זיין זון ווייסט ווי אַזאַ געשעפט צו פירן. ניט איינמאָל האָט שמואל הירש געמוזט צוגעבן, אַז זיין זון שלמה שטייגט נאָך איבער דעם טאַטן אין הלכות געשעפט, צוקוקנדיק זיך, בעת ער פלעגט זיך אַריינכאַפּן אין זיין זונס פאַבריק, וואו עס שטייען גאַנצע מאַשינערים מיט זעגן און העק, וואָס שניידן אַליין, „רעוועזן" אַליין. ווי מיט אַ כישוף שניידן זיך די ברעטער דורך די עלעקטרישע מאַשינען.
ער זעט ערשט דאַן איין, אַז אין די היימישע וועלדער האָבן

אָרימע פּויערים אװעקגעגעבן די בעסטע כוחות, מיט ביטערער מאַטערניש די שװערסטע קלעצער מיט שטריק געצױגן.

עס באַפאַלט אים אַ טיפער פאַרדראָס, װאָס ער האָט נאָך אין זײַנע יונגע יאָרן אָפּגעשלאָפן אין די קלענערע שטעטלעך. ער האָט געדאַרפט יונגערהייט אַרויספאָרן אויף דער װעלט, זיך באַקענען מיט די מאָדערנע דערפינדונגען, װאָס זײַנען װאונדער איבער װאונדער. נאָר איצט איז שוין צו שפּעט.

דאָך ניכטערט ער זיך ביסלעכװײַז אויס פון זײַן טרוים. ער פאַרענטפערט זיך אַלײן דערמיט, װאָס אין צאַרנלאַנד װאָלט מען אַזעלכע מאַשינען סײַ־װי ניט צוגעלאָזט, איבערהויפּט נאָך צו אַזאַ אידן װי אים, שמואל הירש גרינבלאַט.

דערציילט ער פאַרט זײַן זון װעגן די עטלעכע געשעפטען, װאָס באַמבלען זיך אים אין קאָפּ, איבערהויפּט דאָס מוכר־ספרים געשעפט.

װערט דער זון, װי שטענדיק, בייז אויפן טאַטן, װאָס ער מאַטערט אים מיט אַזעלכע נאַרישקייטן װי געשעפטן. ער טענה'ט:

— דו האָסט זיך דײַן שול, דײַן היים, דיר פעלט, חלילה, גאָרניט, האָסט זיך גענוג אָנגעהאָנדלט אין דער אַלטער היים. האָסט צען יאָר געבויט דײַן מויער אין מיטן מאַרק, און זעסטו דאָך, ס'האָט זיך ניט געלוינט.

װײַל ער ענטפערן זײַן קלוגן זון, אַז מסתמא האָט גאָט אַזוי געװאָלט, אַז דורך שמואל הירש, דעם טאַטן זײַנעם, האָבן איצט אַכט מענטשן פּרנסה בריוח און עס טוט אים ניט באַנג, ער הייסט נאָך אַלץ שמואל דער װאַלד־סוחר.

אָבער ס'איז דאָך אַמעריקע, אַז אַפילו ריידן מיט אַן אייגן קינד דאַרף מען אויך אויף „האַרי אַפּ". אַט דאַכט זיך, רעדט מען מיט אַ מענטשן און אַט װערט ער נעלם, און — אויס זון, אויס פרײַנט, אויס טאַטע. און שמואל הירש מוז דערװײַל פאַרגעסן װעגן געשעפטן.

דאָס אײנציקע שטיקל פאַרגעניגן האָט שמואל הירש, בעת ער קומט זיך צונויף אַ זונטיק נאָכט צו זײַן חברה, װאו מען מיטעט. ביי די בית יעקב — דאָרטן איז ער אַן ערן־מיטגליד. באַלד נאָך זײַן אָנקומען, האָט ער זיי דערלאַנגט אַ טשעק פאַר גאַנצע צען יאָר דיוס, זינט די חברה האָט זיך געגרינדעט, זאָל די חברה װיסן, אַז שמואל הירש גרינבלאַט, דער װאַלד־סוחר, איז אַזאַ מיוחס אין שול פּונקט

ווי זיי, די ערשטע גרינדער. און פאַרוואָס טאַקע ניט, אַז גאָט האָט אים געהאָלפן? . . .

צו דעם האָט אַפילו זיין זון איינגעשטימט. געראָטן דעם פאָטער, אַז געבן אַ ספר אין שול הייסט בלויז אַ מתנה, אָבער אָפּצאָלן דיוס פאַר די גאַנצע צען יאָר און ווערן אַ ערן־מיטגליד, מיינט — קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט, פּונקט ווי פאַר אַלע שול־מיטגלידער. ווער שמועסט, אַז מען האָט אים באַוויליקט אַ שטאָט ניט ווייט פון מזרח, האָט זיך אודאי געלוינט דער עסק.

איז טאַקע קיין וואונדער ניט, וואָס צו ר׳ שמואל הירשם אַ וואָרט הערט מען זיך נאָך אַלץ צו ביי די בית יעקב, ער גיט זיי נאָך אַלץ עצות. אַמאָל זאָגט ער זיי:

— קינדערלעך, שלעפּט מיך ניט ביי דער צונג, אַזוי ראָט איך אייך. איך קען צו אייך קיין סך ניט ריידן, מסתמא, אַז איך זאָג, איז דאָ דערביי אַ שכל . . .

איז ביי איין מיטינג אַרויפגעשוואומען די פראַגע וועגן באַצאָלן דעם צוועלף הונדערט דאָלאַרדיקן שול מאָרגעדזש. איז געוואָרן אַ ויצעקו:

— אָוואו איז דאָס געלט? ס׳איז דאָך שוין נאָך ימים נוראים. דער דריטער מאָרגעדזשיר וויל מער אויפן „אינטערעסט" ניט וואַרטן. מען קען פאַר דער שול די נדרים ניט איינקאָלעקטן.

האָט זיך טאַקע ר׳ שמואל הירש אַריינגעמישט און אָנגעוויזן, אַז די זיבעציק דאָלאַר „אינטערעסט" וואָלטן שוין געקענט סטאַיען פאַר אַ בעל שחרית.

האָט מען איינגעזען, אַז ר׳ שמואל הירש האָט רעכט. אָבער, האָט זיך אַ חשוב׳ער ברודער געווענדט צו ר׳ שמואל הירשן:

— אדרבה, גיט אַ עצה, וואָס טוט מען? די מעמבערס ווילן פאָרט קיין דיוס ניט צאָלן און מען דאַרף וואַרטן ביז די קומענדיקע ימים נוראים . . .

איז דער וויס־פּרעזידענט געפאַלן אויף אַ שכל:

— שאַט, איך האָב אַ פּלאַן! אפשר רעד איך אויסן וועג, זאָלט איר מיר אַנטשולדיקן. נאָר, מיינע ברידער, איידער איך רעד, מוז איך זיך צוערשט ווענדן צו אונדזער ערן־מעמבער, ר׳ שמואל הירשן . . .

איז די פראַגע אויפגעשוואומען:

אַזוי ווי ר׳ שמואל הירש איז, בה"ש, אַ איד מיט אָפּגעשפּאָרטע

עטלעכע טויזנטער און באַקומען באַקומט ער בלויז צוויי פּראָצענט אין באַנק פאַר זיין געלט, לכן, דעריבער, שלאָגט די בית יעקב פאָר, אַז דעם מאָרגנדיקן זאָל איבערנעמען ר׳ שמואל הירש גרינבלאַט, און זאָל ער, מר. גרינבלאַט, מאַכן דעם הונדערטער דורכן יאָר אַנשטאָט אַ פרעמדער רוח . . .

האָבן די ברידער פון בית יעקב באַלד איינגעשטימט מיטן „וויים״:

— טאַקע, פאַרוואָס אַוועקגעבן אַ הונדערטער צו אַ „שאַרק״?...

איז אַוועק פאַר שמואל הירשן אַ צעטל מיט עצות. יעדער האָט געמיינט זיין כבוד, זיין טובה. מ׳האָט באַוויזן, אַז ס׳איז גאָרניט קיין שלעכטער פּלאַן, אַז מאַכן אַן עקסטראַ דאָלאַר ביי דער חברה איז גאָרניט קרום. אַפילו אַ יחיד, אויב ער וויל לייען אַ פּאָר דאָלאַר איז גוט פּראָצענט, איז אויך ניט אויסן וועג.

קיין באַלדיקן ענטפער האָט ר׳ שמואל הירש דערווייל דערויף ניט געגעבן. ער האָט בלויז קלאָר געמאַכט, אַז ביים קומענדיקן מיטינג וועט ער לאָזן וויסן . . .

שמואל הירש האָט פאַר זיין אַלטיטשקער ניט געדאַרפט קיין סך ברייען, אויפן וואונק האָט זי איר שמואל הירשן פאַרשטאַנען. זי האָט צוגעשטימט, אַז אין געלט-ענינים דאַרף מען זיך מיט די זין ניט באַראָטן, ס׳איז, בה״ש, זייערס און גאָטס . . .

⁂

שוין אַ פּאָר יאָר, וואָס דער „אינטערעסט״ ווערט געצאָלט רעגל־מעסיק דעם זייער חשוב׳ן שמואל הירשן. אמת, ער לאָזט זיך קאָסטן אַ שיינע מטבעה, ער וויל פון אַזאַ געלט ניט נהנה זיין, אָבער צו אַ שטיקל פּרנסה קומט עס אַלץ ניט, כאָטש טאָג ווי נאַכט שלאָגט מען אים אָפּ די טירן:

— ר׳ שמואל הירש אַהער, ר׳ שמואל הירש אַהין, נאָט אייך אַכט פּראָצענט, נאָט אייך צען . . . איך מוז האָבן אַ גמילות חסד אַ פופציקער, אַ הונדערטער, איך וועל אייך מיט גאָטס הילף אָפּ־געבן . . .

אָט אַזוי איז ר׳ שמואל הירש אַריינגעדרייט געוואָרן אין זיין נייער פּרנסה. זאָל דער זון זיך בייזערן, דער טאַטע זיינער פירט זיך זיין שטיל געשעפט פון נתתי און קבלתי. יעדע וואָך גייט ער זיך

דורך צו זיינע בעלי חובות און קאַסירט איין די וואָכערס. עס גיט אים אַ געלעגנהייט צו זען מענטשן ווי זיי לעבן, ווי מען פירט זיך.

ר׳ שמואל הירש קען אַמעריקע ניט באַגרייפן; די שטיבער אָנגעפילט מיט כל טוב, מיטן שענסטן מעבל, מיט די טייערסטע עלעקטרישע לאָמפּן . . . יעדער איז גרייט אים אָנצובאָטן כיבוד:

— איר׳ט טרינקען אַ גלעזל טיי, ר׳ שמואל? נעמט אַן עפּל, אַ באַר, אַן אָרענדזש . . .

ער באַדאַנקט יעדן, ווייל ניט דאָס איז ער דאָך אויסן.

אַזוי גייען זיך די יאָרן. די פּאָר טויזנטער, וואָס שמואל הירש האָט פאַנאַנדערגעבאַרגט, דרייען זיך אַלץ אַרום. מער ווי צוויי טויזנט וועט ער דאָך פון דער באַנק ניט טשעפּען. גאָט צו דאַנקען, ער מאַכט אַ האַלבע פּרנסה פאַר זיך און פאַר זיין חיה שרה׳ן.

אים איז נאָר שלעכט, וואָס ער מוז אָפּט אַרומפאָרן אויף די באַנען, אויף די „קאַרס״ פון בראַנזוויל קיין ברוקלין, פון ברוקלין קיין ניו־יאָרק, פון ניו־יאָרק אין די בראָנקס.

די בעלי־חובות ווייסן, אַז ער וועט קיין אומזיסטע הוצאות ניט אויסברענגען, דאָס שרייבט ער צו צום חשבון, דאָס מוז ער . . . אַזאַ פּונקט האָט ער אין זיין שטר הלואה, אַז אויסער בראַנזוויל מוזן די קאָלעקטירונגען געמאַכט ווערן על הוצאות שלכם.

אַמאָל טרעפט, אַז ער מוז זיך דורכפאָרן דירעקט צו די בעלי־חובות געשעפטן. ער מוז זיך דאָן טרעפן מיט פאַרשידענע מענטשן, וואָס וואַרפן אויף אים זייטיקע בליקן. אים דוכט זיך דאַן, אַז זיין ברייטע, געדיכט־גרויע באָרד, וועלכע ער האָט בשתיקה „אונטער־געפּינט״, וואַרפט זיך נאָך אַלץ אין די אויגן. ער איז פאַרט ניט אין דער היים אַרום זיינע מענטשן, אין זיין בית־המדרש . . .

פּונקט ווי אין דער אַלטער היים, גייט ער נאָכן דין געשווירן. זיינע פּאות מוזן נאָך אַלץ זיין געדרייט, דאָס איז זיין אוצר. די געדיכטע ברעמען העט אַריינגעוואַקסן אין אַ שטיק פון דער ברייטער נאָז. זיי קענען אָבער ניט צודעקן זיינע שאַרפע ברוינע אויגן, וואָס וואַרפן גאַנץ אָפּט אַ בליק אויף אַ שונא ישראל.

יאָ, מיט זיינע חושים האָט ר׳ שמואל הירש שטענדיק געקענט אָפּשאַצן פון אַ פריינט ביז אַ שונא. ער האָט זעלטן אַ טעות געהאַט צווישן ערלעכע און אומערלעכע. אַפילו דאָס יונגוואַרג, וואָס איז אַ בפירוש׳ע רעטעניש אין אַמעריקע, איז פאַר אים אויך ווי אַן אָפן

בלאט. ער איז שוין געוואוינט צו הערן אפילו אזא זידל־ווארט ווי: „שיילאק!" פון אט דער סארט חברה.

ער געדענקט נאך ווי היינט, ווען ער האט זיך מיט זיין נייעם צונאמען באקאנט: יא, דאס האט ער געהערט דאס ערשטע מאל ביי טשארלי שאכט, אין זיין בארבער שאפ אויף קלינטאן גאס אויף דער איסט סייד. אומשולדיקערהייט איז ער צו אים אריינגעקומען, ער איז דאך א היימישער מענטש געווען, געכאפט א גמילות חסד אויף א פאר וואכן. נו, איז מען דאך ניט מער ווי א מענטש, נאך וואס שפאנען גאנצע דריי פלאר אויף אטוירני סטריט, ווען מיט איין שפאן איז ער גלייך ביי טשארלין אין געשעפט?

און דא אזא ברוך הבא מיט א פולן בארבער שאפ מיט שקצים פון דער סאמע איסט סייד, און דוקא ביי גדליה'ן — דער זון פון חיים רופא! הגם ער האט ניט געוואוסט אויף זיכער מיט וואס פאר א נאמען זיי האבן אים באקרוינט. דאך האט אים זיין אויער ניט אפגענארט. אויגנבליקלעך האט ער זיך געווענדט צו טשארלין אין דער שטיל:

— הער נאר, טשארלי, זאג מיר, איך בעט דיך, וואס פאר א חברה איז עס? איך וועל קיין בזיון ניט אויסשטיין פון קיינעם!

זיין זייטיקער שמועס האט ביסלעכווייז געמאכט די חברה זאל זיך ארויסרוקן פון סטאר. קאנטיק, זיי האבן פארשטאנען, אז דער דאזיקער איד האט אויערן און אויגן.

טשארלי האט אים דערקלערט, אז דאס זיינען אידישע קינדער, נאר זייערע טאטעס האבן זיי קיין מלאכה ניט אויסגעלערנט, אז זייער מקום מנוחה איז אין די „פול רומס", אין די בארבער שעפער. אין די סאלונס; אז אז זיי איז היינט שווער צו עקזיסטירן אויף דער איסט סייד, וואו מען רעכנט בלויז פופצן סענט א „שייוו" און צוואנציק סענט א „העיר קאט", און זיי, אט די חברה, לאזן זיך קאסטן מער, ווייל זיי ארבעטן ניט אזוי שווער אויף פרנסה. און זיי זיינען א פריילעכע חברה. ער איז זיכער, אז קיין בייז האבן זיי ניט געמיינט, דער נאמען שיילאק איז פון א סוחר אין א שטאט וועניס אין איטאליע, וואס שעקספיר האט פארגעשטעלט אין א דראמע.

שמואל הירש האט מער ניט באדארפט וויסן, ער איז דאך ניט קיין קינד. עס האט אים אבער אנגעהויבן צו מאטערן, וואס זיין נייע פרנסה פארשאפט אים אזוי פיל עגמת נפש.

ער וואלט עס דערציילט זיין חיה שרה'ן, איז זי דאך ניט מער ווי א אידענע, וואס קען זי אים העלפן? זי איז דאך באמת געווען קעגן דער פרנסה.

—וואס דארפסטו עס, שמואל? וואס דארף מען זאגן אויף דיר, אז דו ביסט א פראצענטניק? דו ווייסט דאך, וואס מענטשן זיינען.

האט ער זיך דאך דאן ניט צוגעהערט צו איר, ווען זי איז בפירוש געקעגט געווען, זי האט ווייט געזען . . .

ער וואלט איז דעם מאמענט א סוף געמאכט צו זיין פרנסה, וואס איז פארבונדן מיט בזיון, אבער ווי קען ער עס, ער האט דאך אריינ־געבראקט אין געשעפט גאנצע צוויי טויזנטער? די חובות, וואס מען איז אים שולדיק, וועלן דאך צו אים אליין איז שטוב ניט קומען.

אין הארצן פילט ער זיך אין קיין זאך ניט שולדיק. ער האט זיך ביי קיינעם ניט געבעטן צו ווערן א מלוה. ער האט נאר טובות געטאן, און די פאר „פענים", וואס ער באקומט, איז עס דאך פאר זיין טרחה. ער פארט זיך געגוג אן, שפאנט אוים גענוג טרעפ, איז קיין ספר קוקט ער ניט אריין ווי געהעריק. אלץ פארוואס? פאר בזיון . . .

ניין, ער וועט עס ניט אויפגעבן, ער וועט מער ניט בלייבן קיין נאר. איין מאל אין לעבן האט ער געלאזט אויסדינגען זיין וואלד און פאר וויטיק געמוזט פארלאזן זיין היים, זיין עשירות. און דא, — ווייטער אנטלויפן, ווי א פייגלינג? איבערלאזן, אויף די עלטערע יארן, א שטיק פון זיין פארמעגן און ווערן, חס ושלום, א בטלן?

ניין, ער וועט קיין יורד ניט ווערן. ער הייסט נאך אלץ שמואל הירש, וואס האט א מויער מיט אכט קלייטן אין דער אלטער היים. ער קען אויך א נעם טאן זיין אלטיטשקע, סוף־כל־סוף אפפארן קיין ארץ ישראל און פטור ווערן פון אזעלכע „שקצים" ווי ביי טשארלין וכדומה. זאלן זיי ניט מיינען, אז זיי האבן דא צו טאן מיט א שרע־קעדיקן אידן.

ער האט זיך אנגעהויבן אפגעבן מער מיט זיין הילוך, אנגעטאן די שבת'דיקע קאפאטע אויך אינדערוואכן, געפוצט יעדן טאג זיינע שיך, אויסגעבערשט זיין בארד און זי צוריק אויסגעגלייכט, זי באַ־פרייט פון די „סייפטי פינס", געמאכט זי אויסזען חשוב'ער, ווי זי וואלט באקומען א תיקון.

„זאלן מענטשן וויסן, — האט ער געטראכט, — אז דאס בין

איך, דער אמת׳ער שמואל הירש, דער וואלד־סוחר, וואס איז גרייט דער וועלט צו באווייזן, אז התיר־עסקא האט נאך דער מהר״ם מתיר געווען. ער איז ניט קיין חלפן, ער האט, זייט ער לעבט, ביי קיינעם קיין חפץ ניט גענומען אין זיין רשות. פארקערט, זיין הארעוואניע ליגט ביי יענעם צעזייט און צעשפרייט, און ווער ווייסט צי ער וועט זיך אמאל זען מיטן קרן״.

ר׳ שמואל הירש וועט בשום אופן ניט לאזן פאלן זיינע פארהאר־רעווועטע מזומנ׳ע אלפים. ער הייבט אן צו מאנען די וואכערס אויף א שטרענגערן אופן ווי אמאל. זאל מען נאר ניט מיינען, אז ער ווערט פון עמיצן נתעשר. איבערהויפט ווערט ער שטרענג, ווען ער קומט אריין צו טשארליין, כאטש ער, טשארלי, איז באמת זיין בעסטער צאלער, פארט חיים רופא׳ס א זון, אן אמת׳ער פריינט פון דער אלטער היים.

דאך דוכט זיך אים, אז טשארלי גיט אפט א זייטיקן שמייכל, בעת ער פרעגט אים אויפן היימישן דייטשמעריש:

— ווי גייטס געשעפט?

אים דוכט זיך, אז ס׳איז פארט מעשה עזות אזא באציאונג צו ר׳ שמואל הירשן פון אזא שנעק ווי טשארלי. ער באשליסט אט איצט איין מאל פאר אלע מאל, ווייל קיין קאסטאמער זיינען איצט ניטא אין סטאר אחוץ די פאר היימישע „צירולניקעס״, גיט ער אים טאקע דרייסט א פרעג:

— הער זיך איין, טשארלי, דו פרעגסט מיך דאך „ווי גייטס געשעפט?״ און גיסט זיך א שמייכל אויף שמואל הירשס חשבון. וויל איך דיר זאגן צוויי ווערטער: ווילסט מאכן היינט א פינפערל?

טשארלי דערפילט, אז שמואל הירש איז עפעס צו ערנסט מיט זיין פראגע, ענטפערט ער אים ווי האלב דערשראקן:

— איך פארשטיי ניט אייער פלוצלינגע פראגע, ר׳ שמואל הירש?

— אויב דו פארשטייסט ניט, וועל איך דיר זאגן: האסט ביי זיך אכצן דאלאר?

— איך ווייס ניט: אפשר יא און אפשר ניט, — ענטפערט טשארלי אין א פארלעגנהייט.

— גיב־זשע זיי מוחל א קוק אין רעדזשיסטער! — גיט אים שוין שמואל הירש ווי א באפעל.

טשארלי האט מאמענטאל אויפגעכאפט שמואל הירשס כונה און מיט א צוריקגעהאלטענעם טאן א זאג געטאן:

— וואס איז מיט אייך, ר' שמואל הירש, עפעס זייט איר היינט מאדנע. איך האב דאך גארניט געמיינט קיין שלעכטס מיט מיין פראגע. די דריי און צוואנציק דאלאר, וואס איך בין אייך שולדיק, וועל איך מיט גאטס הילף אפגעבן. איך וויל ביי אייך קיין פינפערלעך ניט מאכן, ס'איז דאך אייערע פאר סענט...

— ניין! ס'איז ניט קיין פאר סענט, טשארלי! ס'איז הונדער־טערם מיינע צעזייט און צעשפרייט!... צו וואס האב איך דאס געדארפט? מיינע „נדרים" זיינען דאך גרעסער ווי אזוינע פינפערלעך ווי דיינע. יעדן דאלאר, וואס איך גיב, איז בפירוש א גמילות חסד. זאל מיר יעדער אפגעבן מיין קרן, בין איך מוכן ומזומן היינטיקן טאג א סוף צו מאכן צו מיינע גליקלעכע געשעפטן.

טשארלין איז באלד קלאר געווארן, אז אין שמואל הירשן זידט נאך דער כעס פון דעמאלט, ווען די „חברה" האבן אים אומגערן מבייש געווען מיט רופן אים: „שיילאק"... ער האט אבער קיין פאסיקן ענטפער צו שטילן זיין צארן ניט געהאט. האט ער אים גע־פרואווט בארואיקן, אים געבעטן זיצן און ווי א שולדיקער זיך גע־נומען פארענטפערן, אנווייזן אים, אז מיט זיין פראגע: „ווי גייטס געשעפט?" איז ער לחלוטין ניט אויסן געווען אים פוגע בכבוד צו זיין, אז פון די פארשידענע קאסטאמער אין זיין בארבער־שאפ שטייט ער, צוליב פרנסה, אליין אויך אויס געניג בזיונות אומזיסט און אומנישט.

— וואס קען מען טאן, אז מען איז, ניט פאר אייך געדאכט, אויף דער איסט סייד? און פון ארימען בעל־מלאכה, וואס איז נאך פארבליבן אויף עסעקס, סאפאלק און דילענסי סטריטס קען מען קיין „בארבער־שאפ" ניט אנהאלטן. מען מוז זיך רעכענען מיט יענעם סארט יונגוואַרג, באטש ער, טשארלי, ווייסט, אז זיי זיינען הפקר־יונגען. אבער וואס ס'איז שייך באצאלן פאר ארבעט, זיינען זיי א סך אנשטענדיקער ווי אנדערע קאסטאמער, וואס קומען זיך ארייון אפ־שערן אדער אפגאלן און קומען אפ מיט גארניט. זיי, די חברה, ווייסן, אז פאר ארבעט דארף מען באצאלן, ווייל זיי אליין זוכן שטענדיק נאר א לייכטן דאלאר, א טאג ארבעט הייסט ביי זיי א יאר. אבער זיי זיינען דאך אידישע קינדער, בלויז א פאר זיינען פון איטאליענישן

אַפּשטאַם. ס׳איז דאָך אַן אַנדער וועלט — אַמעריקע. אַפילו אין דער היים האָבן זיך דאָך אידן געֶחבר׳ט מיט גויים: געהאַנדלט, געקויפט, פאַרקויפט, אַלץ צוליב פּרנסה.

האָט זיך פאַר שמואל הירשן געעפנט אַ נייע וועלט. ער האָט ווי איינגעזאַפּט אין זיך יעדעס וואָרט וואָס חיים רופאַ׳ס זון, גדליה, האָט צו אים גערעדט.

„אָט — האָט ער געטראַכט — אַ מדינה אַמעריקע. אָפּגעלעבט אַ לעבן דאָרט אין דער אַלטער היים, גרויסע געשעפטן געפירט און איצט זיצט ער לעבן גדליה׳ן, זיין היימישן פריינטס אַ זון, און הערט פון אַ גאָר שפּאָגל נייעם לעבן דאָ. און ס׳איז דאָ שכל אין זיינע ווערטער, ווי דער טאַטע זיינער, וואָס האָט אָפּגעראַטעוועט אַ סך מענטשן פון אַלערליי חולאת׳ן, ניט אַזוי מיט זיין דאָקטאָריע, ווי מיט זיין קלוג גוט וואָרט, מיט זיין כוח הדיבור . . .״

⁂

נאָך שמואל הירשס אַוועקגיין פון טשאַרלים באַרבער־שאַפּ, האָט ער זיך דערפילט געפאַלן; געפילט, אַז ער איז היינט ווי במזיד עפּעס אַ זינד באַגאַנגען קעגן טשאַרליז, וואָס ער האָט אים חושד געווען אין ליצנות טרייבן פון אים.

ער האָט אָנגעהויבן רחמנות צו האָבן אויף יעדן פון זיינע בעלי־חובות:

— נו, האָט מען דעם דאָלאַר ניט געגעבן אין צייט, איז אויך ניט געפערלעך, וועט מען אָפּגעבן שפּעטער.

אַפילו דאָס דירה־געלט, וואָס האָט די לעצטע צייט אָנגעהויבן אָנקומען פון דער אַלטער היים, האָט ער אויך פאַררעכנט בבחינת געשענקטס.

ביסלעכוויז האָט ער זיך צוריק גענומען אַריינקוקן אין אַ ספר, אפשר וועט ער אויף די עלטערע יאָרן עפּעס תופס זיין. גאַנץ אָפט געקלערט וועגן דעם גלייכוואָרטל, אַז מען לעבט ביז זיבעציק יאָר און מען שטאַרבט אַ נאַר . . . מעגלעך, אַז זיין זון שלמה האָט רעכט געהאַט: — גענוג, טאַטע, געביזנעוועט . . .

און נאָך מער האָבן אפשר רעכט געהאַט זיינע היימישע **גוטע** פריינט, וואָס האָבן אים געראַטן צו פאָרן קיין ארץ ישראל. דאָרט איז פאָרט דאָס אמת׳ע מקום מנוחה איבער הונדערט מיט צוואַנציק יאָר . . .

נאר וואס העלפט אים איצט דאס טראכטן? וויפיל וועלטן און מקומות דארף עס א מענטש ארייגשלינגען? גאט ברוך הוא איז דאך אומעטום, וועט ער אים, ווי ביז איצט, ניט לאזן פאלן. ער, שמואל הירש, האט דאך, א דאנק דעם אויבערשטן, פארט א שטיקל מקום מנוחה מיט זיין אלטיטשקער. די קינדער מיט די אייניקלעך נייטיקן זיך אויך ניט, בה"ש, אין זיין ירושה.

נאכאלעמען, איבערלאזן אייגנס הייסט דאך גאט אליין אויך ניט.

פלעגט טאקע ר' שמואל הירש פארט ארויסלאזן זיך מיט זיין צעטל „נתתי און קבלתי". יעדער האט אים צוביסלעך אויסגעצאלט. מענטשן האבן פארט פאר אים דרך ארץ.

איז אבער די צרה וואס מען לאזט אים ניט אפ, ארימעלייט דארפן אים האבן. מען אפעלירט, מען בעט זיך ביי אים:

— ר' שמואל הירש, סטייטש, וואס רעדט איר, איך דארף אויף רענט. עס גייט צו יום־טוב, איך וויל אהיימשיקן א פאר דאלאר. דער סעזאן וועט קומען, וועל איך אייך אפגעבן פונקט ווי ביז איצט, — מיט כבוד . . .

קען טאקע שמואל הירש זיך ניט ארויסרייסן פון קלעם, מוז שטענדיק אויסליידיקן די אנגעזאמלטע לאחדים'דיקע דאלארן מיט דער האפנונג, אז, איה"ש, איבעראכטאג וועט ווייטער זיין ניי געלט.

ער איז שוין אפילו היימישער געווארן מיט טשארלים גוטע ברידער. זיי רופן אים שוין: „פא" שמואל, איך דארף עי פיו דאלארס.

ער פארשטייט זיי שוין אויפן וואונק. זיי צאלן ווי געהעריק. אמת, טשארלי איז פאראנטוואָרטלעך. ער קאלעקטירט זייערע וואָ־כערם ביי טשארלין. אבער ווען ניט ווען כאפט ער אויך א קורצן שמועס מיט זיי, פרעגט זיך נאך ביי זיי, אויב זיי זיינען אמאל גע־גאנגען אין א חדר, אין „היברו", הייסט עס.

זיי ענטפערן אים, אז יא. אייניקע דערציילן אים, אז זיי האבן אפילו געלערנט חומש. נאר זיי האבן ניט „געפראקטיסט", האבן זיי פארגעסן.

— יא, יא, — שאקלט צו שמואל הירש מיטן קאפ, — ס'איז אמעריקע . . .

די זיפצן העלפן אבער גארניט. זיי זיינען דאך אויך קינדער פון אידישע טאטע־מאמע, פון אידישער השגחה.

אבער ווען ער קומט קאלעקטירן און טרעפט ניט די „בחורים" ביי טשארליין, דאן דערפילט ער ווי עפעס וואלט אים געפעלט. ער פרעגט זיך נאך אויף זיי, פונקט ווי זיי וואלטן זיינע אייגענע קינדער געווען.

און ווען טשארלי דערקלערט אים, אז ער איז איצט ניט בכוח זייערע וואכערס צו צאלן ביז זיי וועלן ניט ארויס פון „קרימינאל", דערפילט שמואל הירש, אז אויך ער האט אפשר א חלק אין די אידישע אומגליקן: אפשר איז ער לעצטנס געווארן צו „גוט ברודער" מיט דער חברה?

ער פארבייסט די ליפן און מורמלט שטיל, ווי פארשעמט, ארויס:

— נו, מסתמא וויל גאט אזוי . . .

ביידע, שמואל הירש און טשארלי, לאזן ארונטער די בליקן, ווי זיי וואלטן זיך געשעמט איינער דעם אנדערן צו קוקן אין די אויגן אריין.

צעבראָכן דעם שפּיגל

אז א לאנדסמאן איז אריבערגעקומען פון דער אלטער היים קיין ניו־יארק, האבן קרובים און לאנדסלייט אים באלד געלאזט וויסן, אז ביי הירש וואלפן, דעם פיש־הענדלער, וועט ער זיך קענען טרעפן מיט אלע לאנדסלייט, ווייל דארטן איז דער „זבארנע פונקט", וואו אלע לאנדסלייט קומען זיך צונויף. ביי הירש וואלפן אין הויז ווייסט מען גענוי וויפיל יעדער לאנדסמאן פארדינט און ווי ווייט ער האט זיך ארויפגעארבעט אין אמעריקע. און אויב איינער פון די לאנדסלייט איז אויף צרות, ווערט א יורד, רוימט איינער דעם צווייטן אריין אט דעם סוד בשתיקה, און יענער האט באלד דערויף א פירוש, אז ער, דער שלימאזלדיקער, נעבעך, לאנדסמאן איז אין דער היים אויך געווען א לא־יוצלח, ניט מער, דא האט אים פאר א ווייל אפגעגליקט.

אבער דא מישט זיך שוין אריין פאטערלעד הירש וואלף. מען קען זען, עס פארדריסט אים פשוט, וואס מען רעדט אויף זיינס א קינד:

— הער זיך איין, איציקל, דו זאלסט מיר נאר ניט זיין אזא כוואט. מיר האבן שוין דא געזען גאר גרויסע „אלרייטניקעס", וואס פעכנען היינט גאנץ געשמאק אויפן פיסק . . . נעווער מיינד, וואס איינער איז געווען אין דערהיים. דא, אין אמעריקע, איז א שניידער, א שוסטער, א סופר, א בעל־עגלה, א רב — אלץ איינס. דא איז: „ארבעט, מיידעלע, וועסטו האבן א קליידעלע". דו בעסער גיב אן עצה, וואס צו טאן מיט אט דעם לאנדסמאן אונדזערן, וואס איז, נעבעך, געבראכן . . . ער איז, קיין עין הרע, א בעל מטופל מיט קינדער און מען דארף זיי געבן צו עסן! . . . — פארענדיקט הירש וואלף.

איז אזא מאמענט מערקן די לאנדסלייט, אז ביי הירש וואלפן האבן זיך באוויזן גרויע האר אין זיין שווארצער, לאנגער בארד. זיין ריזיק הויך און ברייט געבוי האט זיך עפעס ווי איינגעבויגן. עפעס ניט דער זעלביקער הירש וואלף, וואס איז דער אלטער היים האט ער

געקענט אויף די פּלייצעס זיינע טראָגן פון דאַרף געננג פּיש, וואָס האָט געסטייעט פאַרן גאַנצן שטעטל אויף שבת. ס׳איז אויך ניט דער זעל־ביקער הירש וואָלף, וואָס דער בית־המדרש פּלעגט אַזש אַ ציטער טאָן, ווען ער פּלעגט מיט זיין הויך, שאַרף קול אַ רעווע טאָן:

— שטיל זאָל זיין! איך וויל ניט קיין מחלוקת אין בית־המדרש! איר זאָלט וויסן, אַז הירש וואָלף לעבט נאָך! — וואָס דער טייטש דער־פון איז געווען, אַז ביי אים, ביי הירש וואָלפן, זיינען ניטאָ קיין נצחנים, וואָרום אויב זיין אַ שגץ, קען ער זיין אַ גרעסערער.

אַ סך, אַ סך פּאַסירונגען פון דער אַמאָליקער היים דערמאָנען זיך די לאַנדסלייט. זיי געדענקען נאָך, ווי קעפּ זיינען שיר ניט געפאַלן, ווען מען האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן דעם קרעפּטיקן הירש וואָלפן. מען דערציילט אַפילו, ווי איין מאָל אַ שבת האָט ער, הירש וואָלף, שיר ניט חרוב געמאַכט דעם בית־המדרש, אַבי אויסצופירן אַ נצחון.

היינט אָבער, דאָ, אין אַמעריקע, איז ער גאָר אַן אַנדער מענטש: זיינען עפּעס זיינע רייד אַזוי פאַטערלעך, אַזוי בנעימות׳דיק. וואו נאָר עפּעס אַ צרה, לויפט מען צו הירש וואָלפן: דאַרף מען אַרונטערנעמען אַן אלמנה מיט קינדער, וואָס דער מאַן האָט זיי פאַרלאָזן, איז — הירש וואָלף, ווייל ווער נאָר אַזוי ווי ער ווייסט, וואו עס עפנט זיך אַ טיר אין „האיאַס" אָדער ערגעץ אַנדערש? „מעות חטים"? — הירש וואָלף! גרינדן אַ סאָסייעטי — הירש וואָלף. און אַ לעבן מאַכן דאַרף ער דאָס אויך. ער שטייט אין אָרטשאַרד סטריט מיט אַ פּושקאַרט אייזנוואַרג, מכל המינים: אַ גוטע זעג, אַ פיינעם האַמער, אַנדערע אַרבעטס־געצייג, ווייסט מען שוין, אַז מען קען דאָס אַלץ געפינען ביי הירש וואָלפן אויפן פּושקאַרט.

און ווען ס׳קומט פרייטיק און מען דאַרף דעם פּושקאַרט אַריינ־נעמען אין „סטייבל" אַריין, גיט אים הירש וואָלף אַ נעם, אַ הייב און אַ שטופּ און סע גייט ביי אים ווי געשמירט. אָט איז ער שוין אין דערהיים ביי זיין שרה פיינען, פאַרטיק צו גיין צו קבלת שבת אין זיין שולכל, וואָס ער האָט כמעט מיט די אייגענע הענט אויסגעבויט פאַר דער לאַנדסמאַנשאַפט זיינער.

— אַ סאָסייעטי אָן אַ שול, איז ווי אַ שטוב אָן אַ אַלקער, — פּלעגט הירש וואָלף זאָגן. — אחוץ דעם, טאָמער קומט אַהער אַ לאַנדס־מאַן, אַ איד, וואָס קען זיך אָן אַ בית־המדרש ניט באַגיין, זאָל ער

וויסן, אַז דאָ איז דאָ אַ היימישע שול, זאָל ער זיך ניט פּילן, חלילה, ווי אַ גר.

הירש וואָלף איז באַליבט ביי די יונגע אַזוי גוט ווי ביי די על־טערע. אויב יונגוואַרג וויל זיך פאַרברענגען ביי אים איז שטוב מיט אַ שפּיל טאָן אין קאָרטן, איז מאַכטייסע! פאַרוואָס דען ניט? זיי זיינען דאָך קינדער פון דערהיים, ער געדענקט נאָך זייערע טאַטעס. אַמאָל טאָקע באַקומט ער פון דער אַלטער היים אַ בריוול פון דעם אַלטן ישראל הירשן, וואָס פרעגט זיך ביי אים אַז בסוד, אויב זיין שלמה׳לע גייט דאָרט, חלילה, ניט אין טרפה׳נעם לאַנד, אין קיין שלעכטע וועגן, צי היט ער אָפּ אידישקייט? הירש וואָלף, ווייסט ער, וועט אים געוויס שרייבן דעם פולן אמת.

— זאָרג זיך ניט, ידידי ישראל הירש, — ענטפערט אים דאָן גאָר פריינטלעך הירש וואָלף, — דיין זון איז אַזאַ גוט קינד, ווי אַלע קינדער פון אונדזערע לאַנדסלייט.

אַמאָל האָט אים אָנגעפרעגט חיים גרשונ׳ס:

— זאָג מיר, הירש וואָלף לעבן, בהן שלך, איז עס אמת, אַז מיינע קינדער אַרבעטן אום שבת?

האָט אים דערויף הירש וואָלף געענטפערט בזה הלשון:

— אַמעריקע, טייערער פריינט, איז גרויס, און איך קען מיך שבת ניט אַרונטערלאָזן אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן צו זוכן דיינע קינדער אין די פאַבריקן. און רכילות האָב איך בכלל פיינט . . . ער ווייסט נאָר, הירש וואָלף, אַז זיי, די קינדער, קומען צום אים, צו הירש וואָלפן, אין שטוב, און הלואי זיינען זיינע אייגענע קינדער ניט קיין ערגערע אידן . . .

אַט דערפאַר קומט מען אַזוי אָפט אין הירש וואָלפס שטוב. דער טשייניק זידט דאָרטן תמיד. ס׳איז „סעלף סוירוויס״, ווער עס וויל, גייט און נעמט, מען וואַרט ניט אויף קיין כבוד.

די גלעזלעך טיי, זעט מען, ווערן אָנגעגאָסן פון רחל׳ען און זעלדעלען, די צוויי באַשיידענע טעכטער פון לאַנדסלייט. מען האָט געשמועסט, אַז זיי זיינען געוועזן אין דער אַלטער היים די ערשטע אָנצוי־הויבן אַגיטירן פאַר ציון. ס׳איז אַ סברא, אַז זיי קענען נאָך היינט אַפילו אַ שטיקל חומש מיט רש״י . . . אַז יענקל מאיר׳ס, אָדער שמואל יאָזעפס זיינען דאָרשטיק, גיסן רחל׳ע אָדער זעלדעלע זיי אָן אַ גלעזל וואַרעמס, האָט עס גאָר אַן אַנדער טעם. אַזוי באַדינען זיי פריינטלעך

די לאַנדסלייט, מאכן, כלומר'שט, ניט קיין אויסנאַם, נאָר אַנדערע אויגן האָבן אַ ווייטן קוק: שמועסט מען, יאַקבי, אַז ס'שניידט זיך עפּעס אַ שידוך, אָדער טאַקע אַ פּאָר שידוכים... קיין נייעס איז דאָס ניט, ווייל ניט איין שידוך האָט זיך שוין ביי הירש וואָלפן געשלאָסן, אַפילו זיינע אייגענע קינדער זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פונם היימישן געזינדל.

הירש וואָלף האָט זיך, חלילה, פון דעם ניט באַהאַלטן. נאָר איין זאַך האָט אים פאַרשאַפט אַ ביסל עגמת נפש: די יאָרן לויפן, זיינע אויגן זיינען נאָך, גאָט צו דאַנק, שאַרף, און כאָטש ער איז שוין, ב"ה, קרוב שבעים, האָט ער אָבער נאָך איין בת־יחידה'לע, זיין מיזיניקל, פינף אַנדערע קינדער שוין מיט מזל חתונה געמאַכט. זיינע אייניק־לעך זיינען אים טייער ווי דאָס לעבן. נאָר זיין חוה'לע — אַ טייער קינד, אַ געראָטן קינד; אירע אויגן זיינען דאַך ווי צוויי קאַרשן, איר שוואַרץ־געקרייזטער קאָפּ האָר, מיט די חן־פינטלעך אויף איר רעכטער באַק איז דאָך ניט אַפּצומאָלן, זי איז דאָך זיין אסתר המלכה, האָט זי, נעבעך, קיין מזל ניט. ער, הירש וואָלף, איז ניט קיין געגאַרטער, ער ווייסט, אַז ס'האָט זיך געפונען אויף איר אַ בעלן איינער פון די באַמת־וואוילע יונגעלייט צווישן די לאַנדסלייט, נאָר ער האָט אים פאַרשפּילט.

— חוה'לע טייערע, — רעדט ער צו איר פּאָטערלעך, — ביסט שוין ניט קיין פּיצעלע קינד, קוק אַז דיין טאַטן! מיין באָרד, ב"ה, זילבערט זיך שוין און דעם פּושקאַרט דאַרף מען נאָך אַלץ פירן. די מאַמע דיינע טריקנט איין פון טאָג צו טאָג... זי וויל, נעבעך, ניט ריידן, אָבער קוק זיך צו צו איר, וועסטו עפּעס אַרויסלייענען פון אירע שטומע בליקן. אונדזער שטוב ווערט וואָס אַמאָל ליידיקער, אומעטיקער... עס וואַרפן זיך נאָך דורך אַ פּאָר לאַנדסלייט, מען געדענקט נאָך פּאַרט, אַז איך בין איך — הירש וואָלף, אָבער פּאַרט, תכלית?!... וואָס טויג מיר דיין דעזיינערײַ? ווער דאַרף האָבן דיינע פּאַרדינסטן, דיין געלט? דו וועסט מיט דיינע גרויסע שכירות ניט אָפּלעבן קיין וועלט. דיין טאַטע האָט אַז קיין מענטשן ניט גע־קענט לעבן און דו ביסט גאַרניט ווי דער טאַטע!...

מען האָט לעצטנס געקענט זען, אַז פון דעם מענטשן, הירש וואָלפן, ווערט אָפּגעטאָן די שכינה. זיינע באַקן ווערן עפּעס ווי איינ־געשרומפּן, זיין גאַנג איינגעבויגענער. ער רעדט שוין מער ניט וועגן

זיין גבורה, באַרימט זיך ניט מער, אַז ער איז נאָך זיין לעבן־לאַנג ביי קיין צײַן־דאָקטאָר ניט געווען, נאָר די לאַנגע באַווייסטע באָרד שטייט אים נאָך אַלץ ביי, די באָרד, וואָס איז זיין צירונג, געשאָנקען פון זיין ליבן נאָמען.

אַמאָל, אין אַ זונטיק, ווען לאַנדסלייט קומען זיך נאָך צונויף צו הירש וואָלפן צו אַ סאָסייעטי־מיטינג, טײַלט מען אים צו דעם כבוד צו זיין דער פאָרזיצער פון קאָמיטעט איבער לאַנדסמאַנשאַפט ענינים, ווערט ער ווייטער ווי אויפגעריכט. און ווען מען פאַרפירט אַ שמועס וועגן דער אַמאָליקער עמיגראַציע, דערמאָנט הירש וואָלף, ווי גוט אים איז דעמאָלט געווען, ווי ער האָט די „היימישע קינדער" געהאַלטן אַרום זיך, וואָס פאַר אַ גאָלדענע שידוכים עס זיינען ביי אים געשלאָסן געוואָרן. נאָר ווער זעט זיי היינט? זיי, די אַמאָליקע גרינע, האָבן זיך שוין אַרויפגעאַרבעט, גרויסע קינדער זיינען ביי זיי אונטערגע־וואַקסן, זיי האָבן זיך שוין לאַנג אַרויסגעקליבן פון דער „איסט סייד". מילא זאָלן זיי זיין געזונט, מען קען דעם סדר העולם ניט איבערמאַכן. נאָר, אַז גאָט וועט אים, הירש וואָלפן, העלפן און ער וועט חתונה מאַכן זיין הוה'לען, וועלן זיי, מסתמא, אויך קומען זיך משמח זיין מיט אים, מיט הירש וואָלפן.

ווען הירש וואָלף ענדיקט ריידן, באַמערקט מען ווי זיינע אויגן זיינען פייכט, אַ טרער קייקלט זיך אַראָפּ פון זיינע באַקן. מען מאַכט זיך אָבער ניט זעענדיק, מען איז אים צופיל גוטער פריינט. זאָל ער מיינען, אַז מען זעט ניט זיין צער.

ווילן לאַנדסלייט אים פאַרשלאָגן די אומעטיקע מחשבות, פאַר־פירט מען מיט אים אַ שמועס. מען טרייסט אים, אַז, אי"ה, ביי זיין הוה'לעס חתונה, וועט מען אים אָפּגעבן כפל כפלים פאַר זיין ברייט האַרץ, וואָס ער האָט תמיד געהאַט פאַר אַלעמען.

ס'לויפט דורך ביי די לאַנדסלייט אַ געדאַנק, אַז ס'איז דאָ אַ היי־מישער שידוך טאַקע פאַר זיין הוה'לען. נאָר ווי קען מען עס אים גאָר זאָגן, ווען מען ווייסט, אַז דורך אָט דעם מענטשנס שטוב זיינען מזווג זווגים געוואָרן אַזוי פיל פּאָרלעך, און דאָ גאָר זאָל ס'לעצטע קינד זיינס, דאָס ליבסטע, דאַרפן אָנקומען צו שדכנים?

גיט מען אים אַזוי אגב־אורחא'דיק אַ פרעג:

— זאָגט נאָר, ר' הירש, צי האָט איר אין אייער לעבן געמאַכט עפּעס געלט פון שדכנות?

— זאָל איך אַזוי באַהיט זיין פון שלעכטס! — גיט ער אַ צי מיטן אַקסל. — דאָס איז אַלע מיינע יאָרן געווען אַ זאַך, פון וועלכער איך האָב זיך אויסגעהיט.

און ער הייבט אָן דערציילן. זיינע אויגן ווערן פייערדיק. מען קען זען, אַז ער האָט גרויס הנאה צו דערציילן עפּעס פון זיינע יונגערע יאָרן:

— איך האָב אַמאָל יאָ געוואָלט מאַכן עפּעס שדכנות, — הייבט ער אָן, — נאָך אין דערהיים איז דאָס געווען. איר ווייסט דאָך, אַז דעמאָלט האָב איך אַחוץ מיט פיש אויך געהאַנדלט מיט בהמות. נו, האָב איך געקענט אַלערליי סוחרים. איינמאָל פאָר איך אויף אַ יאַריד און טרעף זיך מיט סוחרים אין אַן אכסניה. ווי דער שטייגער איז, שמועסט מען וועגן אַלערליי ענינים, ביז מען קומט אַרויף אויף שדוכים. דערווייל האָט איינער פון די סוחרים געהאַט אַ זון, פעלט מיר אייז, אַז איך זאָל אים צוזאַמענפירן מיט איטשע אברהם משה'ס אַ מיידל. הכלל, מען זעט זיך, מ'געפעלט זיך. מען זאָגט מיר צו אַ פּופּציקער שדכנות, און גלויבט מיר, אַז איך האָב אים, נעבעך, גע־דאַרפט דאָן האָבן, אָט דעם פופציקער. עס האַלט שוין ביים באַשטימען די חתונה. מיטאַמאָל לויפט אַריין דער איטשע אין בית־המדרש פונקט דעמאָלט, ווען איך שטיי שמונה עשרה... „ס'עט, — זאָגט ער, — אַ רוח אין דיין טאַטנס טאַטן אַריין! דו האָסט עס מיין טאָכטער גע־וואָלט אומגליקלעך מאַכן? דו אַזוינער און אַזוינער!" איך שטיי אַזוי אין די תפילין און ווייס ניט וואָס צו זאָגן. „סטייטש, ר' איטשע, וואָס רעדט איר, וואָס הייסט?..."— פרעג איך פאַר'חידוש'ט.

„אַזוי, מיט פערד גנבים ווילסטו מיין טאָכטער פאַר'קנס'ן! — שרייט ער. — איך וועל דיך נעמען צום רב, וועל איך דיך!" איך זאָל אַזוי ניט וויסן, הערט איר, פון קיין שלעכטס, ווי איך ווייס ניט ביז היינטיקן טאָג, וואָס ער האָט געשריגן. מען האָט געשמועסט, אַז דער חתן האָט אויפן יאַריד געקויפט אַ געלאַטכנט פערד, טאָ וואָס בין איך דעריין שולדיק געווען? האָב איך דערפאַר געדאַרפט קריגן אין טאַטנס טאַטן אַריין? נאָר גאַרניט, ס'איז געווען זיין גליק, וואָס איך בין געשטאַנען אין די תפילין, האָב איך אים מוחל געווען. אָט אַזעלכע זאַכן האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין אונדזער שטעטל מיט שדכנים, אַזאַ ברויט האָב איך קיינמאָל ניט געוואָלט עסן...

זאָגן אים וועגן זיין חוה'לען וואָגט מען ניט מער. מען קען נאָך,

טראַכט מען זיך, אַמאָל כאַפּן פֿאַר דעם אין טאַטנס טאַטן אַריין, ווי ער, הירש וואָלף, אַמאָל . . . ווער ווייסט, וואָס עס קען אַמאָל איינ־פֿאַלן אַ דערצאָרנטן טאַטן ? שווייגט מען און מען צעגייט זיך.

נאָר אָט קומט מען זיך צונויף צו אַ מיטינג פֿון דער לאַנדסמאַנ־שאַפֿט, און מען דערהערט, אַז שרה פֿייגע איז שוין אויף דער אמת׳ער וועלט. הירש וואָלף איז, ניט פֿאַר קיינעם געדאַכט, געבליבן אַן אַלמן. גיט זיי אַ ריס ביים הארצן: אַוואו וועט זיך אָט דער מענטש איצט אַהינטאָן ? אַלע פֿאַראיין־ברידער שטייען מיט געבויגענע קעפּ, דער פֿאַרלוסט פֿון דער גוטער שרה פֿייגען טוט אַלעמען וויי.

די צייט לויפֿט. הירש וואָלף קומט זעלטענער צו די מיטינגען. אימיצער אַנדערש פֿאַרנעמט שוין דעם שטול פֿון וויים־פּרעזידענט. די סאָסייעטי וועט באַלד פֿייערן איר יובילײ, איר דרייסיק־יאָריקע עקזיסטענץ. מען טיילט איין, ווי דער שטייגער איז, די כיבודים, מען באַשליסט, אַז הירש וואָלף זאָל זיין דער הויפּט־רעדנער ביי דער דאָ־זיקער שמחה. אים קומט דאָך, ער איז געווען דער אמת׳ער גרינדער פֿון דער סאָסייעטי. נאָר דאָס, וואָס שרה פֿייגע איז ניטאָ ביים זייט, איז געווים טרויעריק . . .

עס איז שווער איבערצוגעבן און ווערטער דעם טיפֿן איינדרוק פֿון דעם מאָמענט, ווען הירש וואָלף האָט ביי דער יובילײ־פֿייערונג גערעדט:

— איך האָב אייך, — האָט ער אָנגעהויבן, — אַלעמען אויס־געהאָדעוועט ווי אייגענע קינדער, אַליין בין איך געבליבן אַ יתום אויף דער עלטער ! . . .

ווען הירש וואָלף האָט גערעדט, האָבן די לאַנדסלייט זיינע געהאַט דאָס געפֿיל, ווי אויף דער פּלאַטפֿאָרם אַנטקעגן זיי שטייט אַ מין „משה רבינו”, וואָס זאָגט צום פֿאָלק:

— קינדערלעך מיינע, איך קען מיט אייך ניט אַריינגיין אין ארץ־ישראל, ניט ווייל איך וויל דאָס ניט, נאָר גאָט לאָזט ניט. איר וועט מוזן אַליין איצט ווערן די פֿירער פֿון פֿאַראיין, איר וועט מוזן, מיט גאָטס הילף, אויסקומען אָן הירש וואָלפֿן . . . .

יעדערער איז געווען גערירט ביז טרערן פֿון דעם גרייז־גרויען סאָסייעטי־גרינדער. און ווען אַן אַנדער רעדנער האָט באַמערקט: „מיר האָבן נאָך אַ וויכטיקן יובילעאום צו פֿייערן מיט דער צייט, און דאָס איז ביי אונדזער הירש וואָלפֿן, אויף זיין טאָכטער חוה׳לעס

חתונה!" האָט יעדערער פון טיפן האַרצן געוואונטשן, די צייט זאָל זיך שוין וואָס גיכער דערנענטערן.

⁂

די צייט טוט זיך אירס. דער פּאַראייִן גייט זיך אָן אָן הירש וואָלפן. ער האָט געמאַכט פאַר זיין היים די בראָנקס נעבן די קינדער. זיין שולכל איז שוין לאַנג אויפגעגעבן. זיינע קינדער גייט עס זייער גוט, ער, הירש וואָלף, פילט זיך ניש'קשה'דיק. מען האָט אַפילו גע־שמועסט, אַז חוה'לע וועט איינגיכן דעם פּאַראייִן „סורפּרייזן".

כך הוה: איין טאָג האָט מען לאַנדסלייט געלאָזט וויסן די פריי־לעכע בשורה, אַז חוה'לע איז, מיט מזל, כלה געוואָרן פאַר אַ לאָיער, עפּעס גאָר אַזוינעם ווי אַזעלכן, אַזש פון ריווערסייד־דרייוו . . . ניט אומזיסט האָט זי אַזוי לאַנג געוואַרט . . .

ס'האָט טאַקע לאַנג ניט גענומען און מען האָט דעם „פּאַראייִן" פאַרבעטן צו דער חתונה. ווען מען וואָלט אַפילו ניט איינגעלאַדן זיי, וואָלט מען אויך געקומען צו הירש וואָלפס טאָכטער אויף דער חתונה. ווער וועט זיך עס ניט גיין מיטפרייען מיט הירש וואָלפס אַזאַ גרויסער שמחה?

אָט איז מען אויפן וועג צו דער חתונה. מען איז נייגעריק צו זען, ווי אַזוי הירש וואָלף וועט באַשיינען די חתונה מיט זיין שיינער ווייסער באָרד און די מחותנ'ישע מלבושים. ער וועט, האָט מען גע־שמייכלט, לכבוד זיינע רייכע מחותנים, וואָס זיי זיינען פון די גאָר הויכע פענצטער, מן הסתם, טראָגן אַ צילינדער־הוט. זיין בכבוד'יק פּנים וועט באַלייכטן דעם זאַל, אַרויסרופן דרך ארץ ביי אַלעמען . . .

מען איז אַריינגעקומען אין העל־באַלויכטענעם זאַל. מענטשן ממש קעפּ אויף קעפּ. לאַנדסלייט פאַרשטעלן דעם וועג. לאַנדסלייט, וואָס מען האָט זיי שוין ניט געזען יאָרן. מען וויל זיך אָבער ניט אָפּשטעלן, מען וויל פריער ווי אַלץ אָפּגעבן מזל טוב דעם מחותן, הירש וואָלפן.

אָבער וואו איז ער, הירש וואָלף? עפּעס שטייט דאָרטן עמיצער מיט אַ צילינדער־הוט, אין אַ שוואַרצן פראַק, וואָס ער איז יאָ און ניט ענלעך צו הירש וואָלפן, אָבער איז דאָס הירש וואָלף?

הירש וואָלף אין צילינדער־הוט מיטן פראַק דערזעט זיי, ער גייט זיי אַנטקעגן. טאַקע דער איד, וואָס איז קוים ענלעך אויף הירש וואָלפן. די לאַנדסלייט בלייבן שטיין ווי געפּלעפּט, זיי גלויבן פּשוט ניט זייערע

אייגענע אויגן: ר׳ הירש וואָלף אָן אַ באָרד! ווי געשיקט זיך עס?...
קוים־קוים וואָס זיי מורמלען אַרויס:

— ר׳ הירש וואָלף, מזל טוב אייך!

לאַנדסלייט פאַרשעמען זיך פאַר זיך אַליין. יעדער פון זיי פילט ווי אויסצושרייען:

הירש וואָלף, וואָס האָט איר דאָ אָפּגעטאָן? וואו האָט איר אַהינגעטאָן אייער שיינע גרייז־גרויע באָרד? איר זייט דאָך שוין אַ איד, קיין עין הרע, אַ פינף־און־זיבעציקער, ווי טוט מען עס אָפּ אַזאַ זאַך? ר׳ הירש וואָלף, איר האָט אונדז פאַרשעמט, איר האָט פאַרשעמט אייערע לאַנדסלייט!

אָבער מען רעדט עס ניט אַרויס. מעכאַניש ווינטשט מען אים, ער זאָל פון זיין חוה׳לען האָבן נחת. מען שטרענגט זיך אָן ניט צו האַלטן אַרונטערגעלאָזן די אויגן.

און ווען מען גייט זוכן די כלה, בכדי איר אָפּצוגעבן מזל־טוב און מען טרעפט זיך מיט נאָך אַנדערע לאַנדסלייט, דערפילט מען, אַז איינער שעמט זיך פאַרן צווייטן, מען האַלט די קעפּ אַרונטערגעלאָזן, ווי עס וואָלט באמת פּאַסירט אַ גרויס אומגליק. די שמחה איז צע־שטערט געוואָרן.

— ווי געפעלט דיר עפּעס אונדזער הירש וואָלף, האַ? — וואַרפט זיך איבער שטיל מיט אַ וואָרט איין לאַנדסמאַן מיטן אַנדערן.

— דאָס האָט געזאָלט זיין אונדזער אייביקער דענקמאָל, אונדזער שפּיגל...

— נו, וואָס האָט מען דערלעבט צו זען!

— ס׳איז אַמעריקע!... — זיפצן זיי אין דער שטיל.

⁂

מוזיק שפּילט. עס ציען זיך יונגע פּאָרלעך צעהיצטע אין מאָ־דערנעם טאַנץ. עס טוליען זיך קערפּער צו קערפּער. נייע טענץ, פאַר־שייטע טענץ. נייע דורות וועלן געבוירן ווערן... ניט ווילנדיק טראַכט זיך נאָך אַלץ וועגן די אַלטע דורות, וואָס גייען אויף אייביק פאַרלאָרן און זיי האָבן אַפילו מיטגעצויגן מיט זיך דעם חשוב׳ן סאָסייעטי־גרינדער, דעם גרייז־גרויען הירש וואָלפן.

אויף דער עלטער

ווען מיר און טויער האָבן זיך פאַרמאַכט, גאַנץ אייראָפּע איז געווען איינגעוויקלט אין פלאַמען פון מלחמה, און דאָס קראַכן פון קאַנאָנען האָט אָפּגעהילכט איבער דער גאַנצער וועלט, — האָבן זיך אויך געהערט יאָמערלעכע קולות פון אלמנות און יתומים, וואָס זיינען דורך דער מחיצה, ווי מיט אַן אייזערנער וואַנט אָפּגעטיילט געוואָרן פון זייערע ליבסטע און טייערסטע מעבר לים, פון אַמעריקע, פון וואַנען זיי האָבן ביז דעמאָלט באַקומען שטיצע צו דערהאַלטן די נשמה.

אויך דער וויי-געשריי פון פערל סופר, מיט אירע פיר טעכטער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין אַ דאָרף אַרום די פוילישע גרעניצן, האָט ניט געקענט דערגרייכן צום געטרייען מאַן און האַרציקן פאָטער חיים סופר, וואָס איז אַוועק זוכן אַ תכלית פאַר זיך און זיינע איבער־געוואַקסענע טעכטער אין דעם גליקלעכן לאַנד.

אָט אין דער שרעקלעכער צייט האָט פערל סופר וואַכן און חדשים זיך אַפילו ניט אויסגעטאָן. אין שלאָפלאָזע נעכט האָט זי געהיט אירע פיר געראָטענע טעכטער . . .

צוואַנציק יאָר זיינען אַריבער זינט די סופר׳ס האָבן זיך באַזעצט אין יענעם דאָרף, וואו זיי האָבן די גאַנצע צייט געצויגן זייער חיונה פון די פויערשע קונים אין זייער קלייטל. די דאָרפישע פויערים האָבן ממש שטאָלצירט, וואָס זיי האָבן ביי זיך אין דאָרף אַזאַ ערלעכן אידן, חיים סופר, און זיין פאַמיליע.

חיים סופר האָט געשטאַמט פון די משכילים אין דער אַלטער היים, וואָס זיינען באַלד דורך זייער הייראַט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין סוחרים זיך באַנוצנדיק מיט די גרויסע נדנ׳ען, וואָס זיי האָבען באַקומען. בפרט האָט דאָס מזל נאָך חיימ׳ען צוגעשפּילט, וואָס זיין באַשערטע, פערל, האָט געשטאַמט פון די ריווקינס. איז אודאי קיין וואונדער ניט, וואָס מענטשן האָבן אים מקנא געווען מיט זיין יחוס׳דיק ווייבל . . .

און אָט האָט חיים סופר דערפילט, אַז עס קומען אַן מורא׳דיקע

ציטן: עס קומט אַן די רוסיש־יאַפּאַנעזישע קריג. און זיין איינציקע רעטונג איז אַמעריקע. האָט ער לאַנג ניט געטראַכט און דערווייל אַליין זיך אַרויסגעכאַפּט פונם אַנקומענדיקן שרעק.

שוין צען יאָר, אַז חיים סופר טאַפּטשעט אַרום מיט זיין גע־שעפטס־רענצל אין די הענט, זוכנדיק גליק אַרום די קוילן־גריבער פון פּענסילוויינע.

אַ מוטיקער קלאַפּט ער אין די טירן פון די קליינע, נידעריקע הייזקעס אַרום יענע מקומות, וואו עס וואוינען די קוילן־גרעבער. און כאָטש עס איז שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי חיים סופר קומט מיט זיין קאַסטימער פּעדלעריי צווישן אַזאַ אויסגעמישטער באַפעלקערונג, האָט ער זיך אָבער דורך די יאָרן דערוואָרבן אַ שטיקל פּרנסה. די איינוואוינער פון דעם געגנט ווייסן, אַז „מיסטער היימאַן", ווי זיי רופן אים, איז אַן ערלעכער מענטש, באַרויבט קיינעם ניט, נעמט דעם ריכ־טיקן פּרייז, און זיי שעצן אים דערפאַר.

זיי ווייסן אויך, אַז די לעצטע צייט איז ער אַ ביסל דערשלאָגן. ער באַקלאָגט זיך, אַז די פיס דינען אים שוין ניט. גאַנץ אָפט בלייבט ער זיצן אין די היימישע שטיבער אַ מידער . . . דערציילט זיי וועגן זיינע פּלענער אַריבערצוברענגען זיין פאַמיליע אַהערצו, ער קען שוין מען ניט זיין נע־ונד.

און דאָ האָט זיך אָנגעיאָגט אַ כמאַרע, אַ וועלט־אומגליק, אַ וועלט־מלחמה. זיין גאַנצע האָרעוואַניע האָט ער שוין אַריינגעבראַכט זיי אַריבערצוברענגען, אָבער זיין געלט ווערט איינגעזונקען ווי אין ים, די וועלט איז פאַרשלאָסן, פאַרמאַכט.

ער הערט, דאַכט זיך, אָפט דאָס געוויין פון זיין ווייב, דאָס געבעט פון זיינע קינדער:

— ראַטעווע אונדז! ראַטעווע אונדז אַרויס פון מלחמה־גיהנום!

אין שלאָפלאָזע נעכט הערט ער, דאַכט זיך, די געשרייען פון זיינע טעכטער, ווי מען פירט זיי אַוועק צום פייניקן.

דאָס האַרץ ווערט אים שיר ניט צעריסן פון ווייטיק און רחמנות אויף זיי. אָבער וואָס קען ער טאָן? ווי קען ער זיי העלפן? אַז די וועלט איז אַרומגעכאַפּט מיט אַ פייער!

ער דערמאָנט זיך, ווי עס וואָלט ערשט היינט געוועזן, ווי ער האָט אין אַ פינצטערער נאַכט גע׳גנב׳עט דעם גרעניץ, און זיך קוים גע־ראַטעוועט מיטן לעבן. עס האָט געפעלט אַ האָר, ער זאָל דאַן דער־

שאַסן ווערן, פּונקט ווי יענע צוויי אומגליקלעכע, וועלכע האָבן האַלבּ־נאַקעט, צוגלייך מיט אים, דורכן וואַסער געשוואומען.

יאָ, ער איז געווען דער גליקלעכער אַרויסצוקומען אַ לעבעדיקער. אָבער עס ווייזט אויס, אַז די קויל הענגט נאָך אַלץ איבער זיין קאָפּ. שוין יאָרן און יאָרן, אַז ער איז אין אַמעריקע, עס איז אָבער בלויז אין געדאַנק, אין אמת'ן פילט ער ווי ער וואָלט איצט געווען אינם זעלבן דאָרף פון אַמאָל, און ער זוכט מיטלען ווי זיך אַרויסצוראַטעווען מיט זיין ווייב און פיר טעכטער.

⁂

ווי נאָך יעדער פינצטערניש, האָט זיך אויך איצט אָנגעהויבן צו באַווייזן אַ ליכטיקייט, פּונקט ווי דער גרויסער וואָלקן וואָלט געפּלאַצט פון שווערקייט. די וועלט האָט מיטאַמאָל אויפגעלויכטן.

און כאַטש חיים סופר איז אַרומגעלאָפן פון פרייד ווי צעמישט, איז ער געווען זיכער, אַז ער איז אויך איינער פון די גליקלעכע, וואָס וועט זיך קענען באַהעפטן מיט זיין געזינדל אין דעם לאַנד פון פּרנסה. דאָ וועלן זיינע טעכטער דערזען פאַר זיך אַ נייע וועלט, אַ וועלט פון אַ סך מעגלעכקייטן, און אפשר וועלן זיי זיך דאָ אויך באַגעגענען מיט אַ שטיקעלע מזל.

ניט אַזוי גיך איז וואָר געוואָרן חיים'ס טרוים.

ווען די צייט איז געקומען, די שיף האָט זיך געשאָקלט מיט די פיר נפשות, וואָס האָבן געדאַרפט דערפרייען זיין האַרץ, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פרייד איז געווען צעשפּאָלטן.

די שפּורן פון די צרות און אכזריות האָבן זיך געלאָזט פילן ביי דער ערשטער באַגעגעניש פון זייער איבערטרעטן די שוועל פון אַמע־ריקע. אַ ים פון ליידן און ביטערע איבערלעבונגען איז געווען אויס־געקריצט אויף אַלעמענס געזיכטער.

איבערהויפּט האָט חיים'ען געוויייטיקט, וואָס פון זיין פּערלען איז געוואָרן אַ שאַרבן. איר פּנים איז געווען צעאַקערט. יעדער קנייטש, וואָס האָט זיך איינגעשניטן אין איר פּנים, האָט אים געשניטן ווי מיט אַ מעסער. זיינע צען יאָר גלות, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט זייענדיק דאָ אַליין, איז אין דער מינוט, וואָס ער האָט געקוקט אויף איר מיט די טעכטער, ביי אים פאַרטאָפּלט געוואָרן, און זיין גאַנצען וואונטש איז איצט געווען, ער זאָל כאָטש בכוח זיין צו שטעלן זיין אָנגעפּלאָגט געזינדל אויף די פיס.

נו, איז ער אָבער פאַראַרימט געוואָרן. דאָס אַריבערברענגען זיי דאָ אַהער האָט אים אָפּגעקאָסט אַלץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, כמעט זיין גאַנצע האַרעוואַניע פון יאָרן. דערצו איז ער אַליין אויך פאַר־עלטערט געוואָרן; די פיס האָבן זיך אים אונטערגעגעבן. ער איז ניט בכוח אַרויסצונעמען אַ גאַנצן הונדערטער צו באַקליידן די דריי טעכ־טער, וואָס זיינען פאַר אַן אַרימען טאַטן ניט אַזאַ לייכטער ענין. און כאָטש איינע פון זיינע טעכטער איז פאַרבליבן אין דער אַלטער היים און ער האָט בלויז די דריי צו באַשטאַטן, דאַך פילט ער, אַז נאָך אַ נס מוז געשען, אים צו העלפן אין זיין נייעם שווערן לעבנס־גאַנג, וואָס זיין ווייבס מיט די קינדערס קומען האָט מיטגעבראַכט.

דער עולם, וואָס האָט דורך די מלחמה־יאָרן אין אַמעריקע זיך דערוואָרבן גרויס עשירות, האָט אויך חיים'ען ניט געלאָזט פאַלן.

מען האָט דעמאָלט אויף די ניי־אַריבערגעקומענע מענטשן פון אייראָפּע — רוסלאַנד, פּוילן און אַנדערע לענדער — געקוקט ווי אויף געראַטעוועטע פון אַ גרויסן פייער, און יעדער איינער, וואָס איז לעבן געבליבן פון דער הוימישער מלחמה־שרפה, איז געווען ווי אַ מתנה פון גאָט. און מען האָט זיי דערפאַר אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס.

ער, חיים סופר, ווייסט אַליין ניט ווי אַזוי דאָס איז געשען, וואָס זיינע אַלע דריי טעכטער האָבן אַזוי נושא חן געווען דאָ . . . ער האָט זיי פשוט פאַרצוקערט. עס האָט אים שוין אָנגעהויבן פאַרדריסן, וואָס זיין עלטסטע טאָכטער איז פאַרבליבן אין פּוילן. ווער ווייסט מיט וועמען זי, חיים סופר'ס טאָכטער, האָט זיך דאָרטן פאַר'קנס'ט? זי איז איצט זיין איינציקע זאָרג. ער העלפט איר אָפט אַרויס מיט עט־לעכע דאָלאַר.

די דריי טעכטער, וואָס ער האָט אַריבערגעבראַכט, זיינען שוין איצט כמעט פאַרנומען מיט זיך, מיט זייערע היימען, מיט זייערע מענער און קינדער . . . אַז זיי האָבן גאָר ווייניק צייט זיך אָפּצוגעבן מיט זייערע עלטערן. אים, חיים'ען, וואָלט עס שוין אַזוי פיל ניט געאַרט, ער איז שוין ניט קיין גרינער, ער ווייסט, עס איז אַמעריקע, וואו יעדערער איז פאַרטאָן מיט זיך. אָבער איר, זיין פערלען גייט עס גאָר אין לעבן. קען זי עס גאָרנישט פאַרשטיין, ווי אַזוי טעכטער דער־ווייטערן זיך דאָס אַזוי פון אַ מאַמען. צי דען האָבן זיי שוין פאַרגעסן, ווי די מאַמע איז גאַנצע נעכט ניט געשלאָפן, זייער שומר געווען? צי דען געדענקען זיי ניט . . . ?

אַט אַזוי הערט זי ניט אויף צו טענה'ן צו אים און זיך באַקלאָגן אויף אירע טעכטער, וואָס זיינען דאָ איינגאַנצן אַנדערש געוואָרן.

— פּערל לעבן, — ענטפערט ער איר, — לאָז זיי אָפּ, האָסט זיך ניט אויף וואָס צו באַקלאָגן, דו האָסט, ברוך השם, גוטע קינדער, פיינע קינדער, נאָר אַזוי איז דאָס לעבן, עס איז דאָ אַן אַנדער מדינה מיט אַנדערע מנהגים. דאָ מוז יעדער דאגה'ן פאַר זיך און דו דאַרפסט זיך פילן גליקלעך, וואָס דו האָסט זיי, ברוך השם, חתונה געמאַכט, און מיר האָבן זיך אַ שטיקל סטאַרקע, פון וואָס מיר ציען חיונה, און מיר דאַרפן, גאָט צו דאַנקען, צו זיי ניט אָנקומען. אַחוץ דעם זיינען מיר דאָך שטענדיק צווישן מענטשן, אין אַ אידישער סביבה. אַלע אידן פון שטעטל קומען צו אונדז קויפן צייטונגען. און מיר דאַרפן דאַנקען און לויבן זיין ליבן נאָמען פאַר אונדזער סטיישאַנערי סטאַרקע, און דאַרפן צו קיינעם ניט אָנקומען . . .

פּערל הערט אים אויס. נאָך זיינע טענות נאָך איז ער, דאַכט זיך, גערעכט, אָבער צופרידן בלייבט זי עפּעס ניט, און גרינגער אויפן האַרצן ווערט איר אויך ניט. עפּעס איז עס ניט דאָס, אויף וואָס זי האָט געהאָפט.

ער אָבער, חיים סופר, האָט זיך ניט אויף וואָס צו באַקלאָגן; ער איז אַן אָנגענומענער מענטש אין שטעטל. יעדער ווייסט, אַז חיים סופר שטייט ניט אָפּ פון קיין שום חברה, אַז אַלע בתי־מדרשים, וואָס זיינען דורך דער צייט אויסגעבויט אין שטעטל, האָט ער צו דעם מיט־געהאָלפן. אפילו די פאָר רבנים, וואָס געפינען זיך אין זיין שטעטל, באַהאַנדלען אים מיט דרך ארץ, ווייל זיי האַלטן אים פאַר איינעם פון די אַמאָליקע משכילים. דערפאַר פאַרברענגט ער טאַקע אַ סך צייט ביי דער חברה „אנשי משכיל". ער כאַפּט זיך אָפּט אַרויס פון סטיישאַנערי סטאַרקע צו זאָגן פאַר זיי אַ שיעור. ער ווייסט, אַז זיין פּערל טויג זיך גוט אויס צום געשעפט, זי האָט עפּעס באַקומען אַ חשק צו געשעפט אויף די עלטערע יאָרן, אַ נייער כוח איז אין איר אַריין.

ער, חיים, קען ניט פאַרשטיין דעם סוד פון איר גבורה. ער ווייסט, אַז אין דערהיים האָט זי זיך שטענדיק געפּיעשטשעט, זי איז געווען ביי אים „מיין טייערס", ער האָט זי טאַקע קיינמאָל ניט געלאָזט אַרבעטן שווער אין זיין געוועלבל. און ווען ער טראַכט פון איר אָנ־קומען אין אַמעריקע, ווי פאַר'חושכ'ט זי איז געווען, וואונדערט עס אים באמת, וואָס אין די יאָרן, שוין אַריבער זעכציק, איז זי גאָר

געוואָרן אַז אַנדער מענטש. דאָס געשעפט האַלט זי כמעט אונטער איר השגחה, און אים הייסט זי זיך אָפּרוען:

— גיי אַ ביסל אין שול! — זאָגט זי צו אים. — איך וועל זיך אַליין, מיט גאָטס הילף, ספּראַוועז אַז דיר...

איז עס פאַר אים טאַקע אַ רעטעניש. ער קען ניט תופס זיין... פון איין זייט ווייזט אים אויס, אַז זי וויל אָפּהיטן זיין געזונט, און פון דער צווייטער האַלט זי אים שוין פאַר איינעם, וואָס איז עבר הזמן.

זי האָט זיך אין אַלגעמיין עפּעס געענדערט. זי האָט שוין אַפילו אויפגעהערט צו האָבן טענות צו די קינדער, פאַרוואָס זיי קומען ניט אַזוי אָפט... און ווען ער גיט איר אַמאָל אין גוטן מוט אַ פרעג:

— פּערל לעבן, ווי קומט עס וואָס דו ליאַרמסט מער ניט אַזוי פיל, וואָס די קינדער קומען ניט אַזוי אָפט?

ענטפערט זי אים דרייסט:

— ניטאָ וואָס צו ליאַרעמען, חיים לעב, איך מוז אין זינען האָבן מיין אייגן ווינקל, מיין סטאַרקע איז אונדזער מושב זקנים, מיין מאַן... נאָר דאַנקען גאָט, וואָס עס איז אונדזער אייגנס...

נאָך אַזעלכע רייד דערפילט ער, אַז זיין פּערל איז אַ סך שטאַרקער פון אים, כאָטש זי זעט שוין אויס ווי אַ זקנה און אירע האָר זיינען שוין אינגאַנצן ווייס. און ער איז נאָך כלומר'שט אין דער מעלה — נאָך ניט קיין זעכציקער, און האָפט נאָך לאַנג צו לעבן, און דערלעבן אַפילו אור־אייניקלעך...

ווען ניט די פיס, וואָס שלעפּן זיך קוים, און דער הוסט, וואָס מוטשעט אים, וואָלט ער זיך נאָך געפילט גאָר ניש'קשה'דיק... דערפאַר האָט ער אָבער איצט מער צייט צו פאַרברענגען ביי דער חברה, ער האָט שוין אָנגעהויבן נאָכאַמאָל פון אָנפאַנג אַן בבא קמא.

אָבער מער ווי „בבא מציעה" האָט שוין חיים סופר ניט זוכה געווען צו לערנען...

די גאַנצע אידישע געמיינדע פון שטעטל האָט אים צו זיין אייביקער רו באַגלייט.

***

פּערל איז געבליבן אַליין אין אירע דלד אמות, אַז איר ליבן חבר, איר מאַן, וואָס זי האָט געהאַפט מיט איר כוח אים צו שאַפן אריכות ימים. זי האָט איצט אויף אַן אמת דערפילט, אַז זי איז אויסגעשפּילט, אַז די קרוין אירע איז איר אַוועקגענומען געוואָרן.

די ערשטע צייט האָבן זיך נאָך מענטשן פאַראינטערעסירט מיט איר לאַנג, ווען ניט ווען האָט אַ סאָסייעטי חבר'טע נאָך געגעבן אַ זיפץ אויף איר חשבון. עס האָט אָבער ניט גענומען לאַנג און זיפצן זיינען געוואָרן וואָס ווייניקער. עס האָט אויסגעוויזן, ווי מען וואָלט איז איר איינגאַנצן פאַרגעסן. דאָס געפיל, אַז חיים סופר איז שוין אַ שוכן עפר, האָט גורם געווען, אַז די נאָענטסטע פריינט זאָלן זיך פון איר דער־ווייטערן.

פערלס סטיישאָנערי סטאָרקע האָט אָנגעהויבן פאַרנאַכלעסיקט ווערן, ניט אַזוי פיל דערפאַר ווייל זי האָט זיך אַליין ניט געקענט ספראַווען, נאָר אויך צוליב דעם, וואָס אירע קאָסטימער האָבן זי פאַר „רחמנות" אָנגעהויבן אויסצומיידן, איבערהויפּט די ערשטע חדשים, ווען זי איז געווען אין טרויער.

און ווען מרס. גרינשפּאַן האָט זיך פּלוצלינג באַוויזן אין אַ זונטיק צו קויפן אַ אידישע צייטונג, האָט פערל ביי איר אַ פרעג געטאָן:

— סטייטש, מרס. גרינשפּאַן, ווי קומט עס? איר לייענט דען ניט מער קיין אידיש, וואָס? אַמאָל פלעג איך פאַר אייך אָוועקלייגן דריי פּייפּערס אַ טאָג, היינט זעט מען אייך אין די אויגן ניט אַן . . .

און כאָטש זי האָט געפילט, אַז פון אַ געשעפט־שטאַנדפּונקט איז זי גאָרניט פּראַקטיש, און זי וואָלט זיך געדאַרפט איינהאַלטן מיט אויס־דריקן איר ווייטיק, האָט זי עס דאָך געטאָן, ווייל זי האָט געוואוסט ווי חשוב זי איז געווען ביי איר מאַנס לעבן. אָבער זינט ער איז ניטאָ, מיידט מען זי אויס, ווי די שכינה וואָלט זיך פון איר אָפּגעטאָן... אַפילו די צוויי צימערן, וואו זי וואוינט הינטער איר סטאָר, זיינען איר פינצטער געוואָרן.

אמת, די טעכטער קומען איר היינט מער זען ווי אַמאָל, זיי אינ־טערעסירן זיך אַפילו מיט אירע מאָלצייטן, וואָס זי דאַרף עסן, זיי נעמען איר „איבער די הענט", כדי זי זאָל זיך צולייגן אָפּרוען . . . איין טאָכטער האָט אַפילו באַמערקט:

— ס'איז, מאַמע, פאַר דיר גאָר קיין תכלית ניט אָפּצופינצטערן אין סטאָר איינע אַליין, דו דאַרפסט דיינע טעכטער קיין נדן ניט געבן . . .

אָבער זי פאַרשפּאַרט זיי אַפילו דערקלערן, די טעכטער, זיי ווייסן אַליין גאַנץ גוט, אַז זי וועט ניט זיין ביי קיינעם, אַז זי אַליין וועט

זאָרגן פאַר איר חיונה אַזוי לאַנג ווי איר איז נאָד אָנגעצייכנט געוואָרן צום לעבן . . .

אין אַלגעמיין פילן די טעכטער, אַז זייער מאַמע איז עפּעס ווי פאַרהאַרטעוועט געוואָרן. זי האָט שוין אַפילו אויפגעהערט צו דער־ציילן, וואָס פאַר אַ ליבער מענטש איר חיים איז געווען. אַפילו אירע איינגענע קינדער פלעגן ווערן ווי צוגעשמידט צו די שטולן, בעת זייער מאַמע פלעגט אָנהייבן צו דערציילן ווען דער ערשטער באַגעגעניש אירע מיט דעם טאַטן, עליו השלום: זיי האָבן איר אין אַזעלכע מאָ־מענטן מקנא געווען. אַלע זייערע חושים פלעגן זיך אָנצינדן פאַר פרייד . . .

היינט זיינען אירע אויגן שוין אויסגעלאָשן. זי לאָזט קיינעם ניט ריידן אַ וואָרט, און לאָזט אויך פאַר איר קיינעם ניט זאָרגן. זי זאָרגט גאָר פאַר אַנדערע, און דאָס איז פאַר דער טאָכטער, וואָס זי האָט איבערגעלאָזן אין פּוילן.

יאָ, די זאָרג פאַר איר טאָכטער אין דער אַלטער היים איז איצט איר איינציקע טרייסט, וואָס האַלט איר אויף. אַ נייער קוואַל פון נחמה זיינען אויך אירע גרעסטענע אייניקלעך אין פּוילן, וועלכע דאַרפן האָבן דער באַבעס שטיצע. זי איז זיכער, אַז עס איז אמת, וואָס מען שרייבט איר, אַז יעדער דאָלאַר, וואָס זי שיקט, איז אַ ברכה פאַר אירע אייניקלעך, אַז דאָס געלט ווערט פאַרנוצט פאַר בילדן איר נייעם דור, אַז אידיש און העברייאיש פאַרנעמט ביי אירע אייניקלעך אין פּוילן דעם ערשטן פּלאַץ.

ווען זי לייענט אָט די בריוולעך, דערפילט זי ווי זי ווערט אַ ווייל געשטאַרקט. עס דוכט זיך אויס, אַז איר חיים איז אויפגעשטאַנען תחית המתים, אַז די אייניקלעך וועלן פאַרנעמען זיין אָרט, — אויב ניט אין אַמעריקע, איז כאָטש אין פּוילן. און זי שיקט יעדן חודש מער וויפיל זי קען, צו ברענגען די קינדער צו ליכט. צייטנווייז דריקן די היגע טעכטער אויס זייער ביטערן געפיל קעגן דער מאַמעס האַנדלונג.

— דו ביסט געוואָרן אַ שקלאַף צו דיינע היימישע אייניקלעך. וואָס ציסטו פון זיך די אָדערן און שיקסט זיי אַוועק דעם לעצטן סענט, ווילסט זיי מאַכן פאַר רבנים מיט דיין שווערער האָרעוואַניע? אָט דאָס וועט זיין דיין תכלית אויף די עלטערע יאָרן? ביי דיר איז רעכט צו טראָגן גאַנצע פּעק מיט פּייפּערס פון סטיישאַן אַרויף אַ באַרג צו

„סייפן" צען סענט צו נעמען אַ באַיטשיק, און דאָ שיקסטו אוועק גאַנצענע הונדערטערס . . .

ענטפערט די אַלטע איינגעשפּאַרט:

— איך דאַרף אייך קיין ירושה ניט לאָזן, און פאַר מיר איז גוט אַזוי.

די יאָרן גייען פאַרביי. גאַנץ אָפט געפינט מען די סטאַרקע צו־געמאַכט. מען קען ניט קריגן קיין אידישע ציַיטונג פאַר אַ רפואה: דאָס רוט זיך פערל אָפּ אין די „בעק רומס". זי ווייסט, מען וועט קומען שפּעטער, ווייל זי איז די איינציקע, וואָס פאַרקויפט אידישע ציַיטונגען אין שטעטל. און דער עיקר, מען האָט מיט איר איינזעניש, זי איז דאָך עפּעס חיים סופר'ס אלמנה. עס איז אויך באַוואוסט, אַז איר צומאַכן די סטאַר ציַיטנוויַיז איז אויך ניט פאַר נחת.

די „אונטערוועלט", ווייסט מען אין שטעטל, האָבן שוין ניט איינמאָל געזוכט די אַלטע צו באַרויבן. מען ווייסט, אַז זי האָט שטענדיק ליגן אַ פּאָר דאָלאַר . . .

עס האָט איר שוין איינמאָל אפילו שיר דאָס לעבן געקאָסט. אָבער זי טרעט ניט אָפּ פון איר שטענדיקער פּרנסה. אָפטמאָל דוכט זיך איר אפילו, אַז ס'געפעלט איר . . . אין סטאַרקע ווערט אַ טומל, דעטעקטיווס לויפן אין דעם געגנט זוכן די „האָלדאַפּניקעס", עס קאָכט זיך אין דער אידישער סביבה . . .

זי דערציילט אַלעמען, ווי אַזוי זי האָט זיך געראַנגלט מיט די רויבער . . . ווי זי האָט צו זיי גע'טענה'ט און זיי דערקלערט, אַז פון דריי־סענטיקע פּייפּערס קען מען קיין סך געלט ניט האָבן, און זיי מאַכן זיך פּשוט נאַריש . . .

זי פילט אָבער אויך, אַז קיין געזונט איז איר פון די לעצטע צוויי „האָלדאַפּס" ניט צוגעקומען. איר האַרץ איז עפּעס ניט מיט אַלעמען. דער דאָקטאָר פאַרשרייבט איר רעצעפּטן און הייסט איר זיך ליגן אָפּרוען אַלע וויילע, און זי מוז אים פאָלגן. אָבער אַזוי שנעל ווי זי דערפילט זיך בעסער, קריכט זי ווידער אַרויס פון געלעגער און „אַטענדעט" צו איר סטאַרקע. יעדע פּעני מוז דורכגיין אירע אייגענע הענט, ווייל „מיט פרעמדע הענט איז גוט פייער צו שאַרן".

האָט זיך קהל אויפגעהערט מישן אין דעם סופר'ס אלמנה'ס געשעפטן. מען ווייסט, אַז זי איז געוואָרן אַ נערוועזע אידענע . . . אָבער צווישן זיך רעדט מען גאַנץ אָפט . . . מען וויל זי פאַרשטיין.

אירע אינטימסטע פריינט האָבן שוין אויסגענוצט אַ וועלט רייד איר איבערצוצייגן, אַז זי האָט, גאָט צו דאַנקען, פיינע קינדער און טעכטער דערצו . . . אייביק לעבט מען דאָך ניט, און קיין קעשענעס אויף די לעצטע מלבושים נייט מען דאָך ניט אַן . . .

אָבער זי האָט נאָר איין טענה:

— אָט דאָ איז מיין ווינקל, דאָס האָט מיר איבערגעלאָזט מיין מאַן, און דאָ איז מיין היים ביז צו מיין לעצטער שעה.

און דער עיקר, זי מוז אויסהאַלטן איר טאָכטער מיט אירע אייניקלעך אין פוילן, אַזוי לאַנג ווי גאָט וועט איר שענקען דאָס לעבן.

זיי האָבן אים פאַרגעבן

אין דער אַלטער היים איז שלמה זלמן געווען אַ איד אַ אָרימאַן, געגאַנגען איז דאָרף אַריין מיטן זאַק אויף די פּלייצעס און קוים אויסגעשטיקעוועט דאָס ביסל חיונה פאַר זיין גרויס געזינדל, — אַז ערך אַכט פּאַרשוין . . .

קיין ירושה־שטוב האָט אים זיין טאַטע ניט איבערגעלאָזן, האָט ער געוואוינט אין קאַמאָרינע. געצויגן פון זיך די קליי צו באַצאָלן גאַנצע פינף און צוואַנציק רובל אַ יאָר פאַר דער דירה. און פאַרט האָט אים די שטאָט מקנא געווען: אַפילו אַ אָרימאַן קען געבענטשט זיין ביי גאָט.

גאָט האָט געבענטשט שלמה זלמנ׳ען מיטן גרעסטן עשירות אין שטאָט — זיין איבערגעוואַקסן געזינדל . . .

אַ קלייניקייט, אַ מענטש ווי ער, ערשט אין די מיטעלע יאָרן, די אויגן נאָך פייערדיקע, די באָרד נאָך שוואַרץ ווי קויל, היינט זיין גבורה! — די גבורה, וואָס ער און זיינע ברידער האָבן גע׳ירשנ׳ט פון זייער טאַטן הירש בער, וואָס אַ נעם טאָן אַ זאַק תבואה אויף די פּלייצעס איז ביי אים געווען ווי נעמען אַ שמעק טאַבאַק, איז דאָך קיין וואונדער ניט, וואָס שלמה זלמנ׳ס קינדער — פינף זין ווי די דעמבעס, וועלן באַלד זיין גרייט צו פאַרנעמען זייער טאַטנס פּלאַץ אין די דערפער.

איינס נאָך איינס וועלן זיי שפּאַנען מיט די זעק אויף די פּלייצעס און פאַרכאַפּן דעם וועג פון אַנדערע דאָרפס־אידן, וואָס פאַרמאָגן ניט אַזאַ „לייב־גוואַרדיע" ווי שלמה זלמן. און אַזוי ווי ס׳איז ניט מעגלעך אָפּצושטעלן דאָס פאַנאַנדערוואַקסן זיך פון אַ בליענדן וואַלד, אַזוי האָט די שטאָט ניט געקענט אָפּהאַלטן דאָס פאַנאַנדערשפּרייטן זיך פון שלמה זלמנ׳ס בנים אין יעדן ווינקל פון אַ דאָרף, וואָס זיי נישטערן אוים ביז דער שפּענטע.

ווי איבער נאַכט איז ביי זיי געבוירן געוואָרן איין געשפּאַן

נאָכן צווייטן; היינט אַ ווייס פערד מיט אַ שפּאָגל־נײַ וועגעלע פאַר ראובנ׳ען, און באַלד, אין אַ חודש אַרום, פאַר שמעונ׳ען אַ „בולאַן״ מיט אַ געלן געשפּאַן.

די שטאָט האָט געשטוינט. אָט ערשט האָט ראוב׳עלע פּאַציאָפּעט אַ נײַ געשפּאַן, און אָט איצט איז שוין שימעלע אויך אַ קנאַקער גע־וואָרן. מען פּאָרט, מען יאָגט זיך, זיי טרייסלען ממש אויף דעם שאָסיי פון מאַרק, בעת זיי באַווייזן זיך מיט זייערע אַנגעטאָפּטשעטע וועגע־נער סחורה פון די דערפער.

שטאָטישע סוחרים פאַרגעסן אַפילו צו גיין דאַווענען מנחה און מעריב אין די בתי־מדרשים. מען וואַרט אויפן גרויסן מאַרק נאָך זון־זעצן ביים שטאָט־אַריינפאָר, כדי צו כאַפּן אַ קוק אויף די אוצרות מיט סחורה, וואָס שלמה זלמן מיט זיינע בנים ווען אַריינפירן.

דאָס בית־המדרש האָט דערהערט שלמה זלמנ׳ס קיילעכדיקע שטים:

— מען וועט זיך שטעלן דאַווענען שבת פונקט אַכט פרי, אַזוי וויל שלמה זלמן! פון איבעראַכטאָג אָן וועט דאַווענען מוסף ר׳ יענקעלע סופר! . . .

אַ רעש, אַ געפילדער, אַ ויצעקו:

— היתכן? סטייטש? ר׳ נחום מילנער דאַוונט דאָך שוין ביי אונדז דרייסיק יאָר מוספים! וואו איז דאָס געהערט געוואָרן אַזאַ סקאַנדאַל? קעפּ וועלן זיך שפּאַלטן! מען וועט פאָרן צום רבי׳ן, זאָל ער זאָגן, אויב שלמה זלמן מיט די בנים זיינע דאַרפן פירן דאָס בית־המדרש . . .

עס האָבן ניט געהאָלפן קיין טענות, מען זאָל זיך פאַרלאָזן אויף מענטשן. דער דין האָט דעם „גרויסן באַרג״ ניט געקענט ברעכן, דער נייער בעל־מוסף איז טאַקע געבליבן ר׳ יענקעלע סופר מיט זיין אמת׳ן קול נגינה. אַ גליק, וואָס בעלי־בתים האָבן גע׳פועל׳ט צו מאַכן אַ פשרה, אַז ר׳ נחום מילנער זאָל אָנהייבן דאַווענען שחריתים פאַרן זעלביקן פּופּציקער אַ יאָר.

איז דאָס בית־המדרש באַגליקט געוואָרן מיט אַזעלכע צוויי בעלי־תפילות, וואָס ניט איין שטאָט איז זיי מקנא געווען.

פון דאַן אָן איז אויך שלמה זלמן באַגליקט געוואָרן מיט דעם,

וואָס זיין דעה־זאָגן האָט אָנגעהויבן באַקומען מער וואָג. מען האָט זיך אָנגעהויבן גאָר אַנדערש צו אים צוצוהערן.

און טאַקע איז דער אמת'ן, ווער קען לייקענען, אַז דאָס שטיק מקום קדוש, וואָס מען האָט ערשט מיט שלמה זלמנ'ס כוח צוגעבויט צום בית־המדרש, איז געווען אַ גוטער איינפאַל? אידן זיינען דאָך ממש אויפגעריכט געוואָרן! אַט ערשט זיינען זייערע „שטעט" געווען ביי דער טיר, ווי פאַר אביונים, און היינט זיינען זיי שיר אַריינגעצויגן אין מזרח, מיט איין „שפּאַר" אויפגעריכט געוואָרן אין דער „מיט" פון בית־המדרש.

איז דאָך מער קיין צווייפל ניט געווען, אַז דער נייער, איבערגעבויטער מקום קדוש האָט אָנגעהויבן אַריינצוציען אַ נייעם עולם אויף די שפּאָגל־נייע „שטעט" מיט די נייע ווייסע דעמבאָווע בענק, וואָס עזריאל סטאָלער האָט אייגנס געמאַכט לויט שלמה זלמנ'ס „זאַקאַז". דאָס האָלץ האָט ממש פאַרשמעקט מיט דעם שאַרפן, פרישן וואַלדגערוך. און איבערהויפּט די נייע „פינפער באַנק", וואָס איז געווען „פאַרפּאַטשאַטעוועט" לכבוד די פינף גבורים, וואָס שלמה זלמן האָט געהאָפט, אַז, אי״ה, נאָך אַ יאָר, צי צוויי, וועט ער זיצן ווי אַ „קייסער" מיט זיין געזינדל אין דער מיט פון בית־המדרש פונקט אַנקעגן וועלוועלע חריף, דער בעל קריאה, וועט ער שטיין אַן אויסגעצויגענער און, האַלטנדיק דעם טלית מיטביידע הענט און וואַרפן זיינע שאַרפע צוויי אויגן צום ספר תורה, ווי ער וואָלט עס ממש איינגעשלונגען.

דאָס איז געווען שלמה זלמנ'ס חיות, בעת ער האָט זיך צוגעהערט צו ר' וועלוועלעס לייענען. ווער שמועסט, אַז ס'איז געקומען צו אַן ישיר? . . .

קיין וואונדער איז עס ניט געווען, וויל וועלוועלע חריף איז געווען דער איינציקער איד, וואָס האָט זיך אַריינגעגראָבן אין די הערצער פון די פשוט'ע אידן מיט זיין לייענען. אים הערן האָט מען קיין למדן ניט געדאַרפט זיין, און דערפאַר האָט ער אַזוי אויסגענומען ביי אַזעלכע אידן ווי שלמה זלמן, וואָס מעביר זיין די סדרה האָט ער נעווים געקענט. אינערלעך האָט ער געפילט דעם טראָפּ, פונקט ווי יעדעס פינטעלע וואָלט געערדט פאַר זיך אַליין. ער איז געווען זיכער, אַז מיט זיין מעביר זיין די סדרה ברומט ער אַרויס אין דער

שטום אלץ, וואס איז זיין הארצן טוט זיך, — א שטיק תורה, וואס ער באנעמט זי גאר טיף.

ער פלעגט דאן ווערן אויפגעהייטערט, ווי אלע חושים וואלטן זיך איין אים אן עפן געטאן, בעת ער ברומט אוים דעם טראפ פון א „דרגא" אדער א „שלשלת", אז מורא אימיצער זאל אים כאפן ביי א גרייז.

דערפאר דאנקט ער גאט, וואס ער קען כאטש א פרשה חומש אפלערנען. ער קען דאך צו זיין טאטן הירש בער, עה"ש, דעם „ניקא־לאיעווסקען סאלדאט" קיין טענות ניט האבן, די מיל מיט דער קרעטש־מע האבן אים קיין תורה ניט געקענט געבן.

ער דערמאנט זיך אן זיינע קינדער־יארן אינם דארף, וואו זיין טאטע האט געהאט א חזקה אויף דער מילביים גרויסן טייך, א „נאגראדע" פון „ניקאלאי פערווי".

א מיל געהאט, א קרעטשמע געהאט . . . די שטאט האט אויך צו זיין טאטן ניט דערלייגט. דער טאטע זיינער האט זיך אפט דער־מאנט אין א שטאטישן ארימאן מיט שיקן א זעקל קארטאפליעס. א ביסל מעל, א ביסל הייצונג. ווער שמועסט נאך ימים נוראים, ווען ער פלעגט איבערלאזן דעם דארף אויף הפקר מיט זיין האב־און־גוטס אויף פרעמדע הענט. אלץ, כדי ער זאל ניט פארגעסן, אז ער איז א איד. אמת, א געשטרויכלטער איד, אפגעדינט ביי ניקאלאיען גאנצע פופצן יאר . . . א „נאגראדע" איז אים געבליבן, ער האט „פראוואר־זשיטעלסטווא", אבער אין קרעטשמע מוז מען אלץ ליגן, די מיל מוז זיך דרייען, ער קען דאך קיין סאלדאט מער ניט זיין . . .

אמת, ער, הירש בער, האט געהאט ביי זיך אין דארף מאיר שמואל'ן דעם מלמד. ער, מאיר שמואל, האט מיט די קינדער געקנעלט, געווארנט: קינדער, לערנט, חזר'ט, איר זאלט כאטש א פסוק מיט רש"י קענען, מעביר זיין די סדרה, א קאפיטל תהילים . . .

„אט דאס טאקע איז מיר פארבליבן פון טאטנס שכר־לימוד, — דאס מעביר זיין די סדרה" — קלערט שלמה.

ער טראכט דאן וועגן זיינע אייגענע קינדער: ווי די געשיכטע האט זיך געביטן! אויך ער האט ניט געטאן פאר זיינע קינדער מער ווי זיין טאטע אין עניין לערנען.

אמת, געבענטשט איז ער מיט קינדער, קיין עין־הרע, גבורים, בערג וואלט ער מיט זיי געקענט איבערקערן. אך, ווען ער וואלט זיינע

זין געהאט אין יענעם דארף, ווען די „הראמאדע" איז באפאלן דעם טאטנס קרעטשמע און גערויבט די האב־און־גוטס, וואס זיין פאטער האט אין שווערער הארעוואניע אנגעזאמלט אין פופצן לאנגע יאר . . .

ווער האט זיך געקענט ריכטן, אז א מענטש מיט א „נאגראדע" פון קייסער וועט מוזן פארלאזן דעם דארף צוליב א געזעץ, אז קיין „זשיד" טאר זיך דארט מער ניט געפינען? עס האבן ניט געהאלפן די טענות דעם טאטנס: אז „מיר זיינען „בראטי", ברידער הייסט עס, מיר האבן תמיד צווישן זיך געלעבט בשלום, געלט געגעבן פאר אייערע קלויסטערס און אנדערע הצטרכות'ן, מיינע קינדער דא מיט אייערע צוזאמען דערצויגן, זיי פאשן די שאף מיט אייערע אינ־איינעם . . ."

ניין, און ניין, קיין טענות האבן ניט געהאלפן. דעם טאטנס גבורה האט דעם המון ניט געקענט בייקומען. און כאטש שלמה זלמן איז דאן א צען־יאריק אינגל געווען און ער האט זיין טאטן גארניט געקענט העלפן, דאך טרעפן מאמענטן, ווען ער טראכט: אז ווען די דעמאלטיקע געשיכטע טרעפט זיך ביי אים, חס ושלום, מיט זיינע בנים ווי זיי זיינען איצט, וואלטן קעפ געפלויגן, זיי וואלטן ערשט געוואוסט, די רוצחים, וואס ס'הייסט זאטשעפען זיך מיט שלמה זלמנ'ען, הירש בערם עלטסטן זון.

⁂

אויך שלמה זלמן מוז זיך דערמאנען, אז אין רוסלאנד איז ערגעץ פאראן א „צארסקי פאלק", וואס וועט איינשלינגען זיינע קינדער מחמת דער פלוצלינגער רוסיש־יאפאנעזישער מלחמה, וועלכע האט זיך צעפלאקערט מיט אזא ווילדן פייער.

ווען מען האבן שוין געקענט ליגן אין קאפ נצחונות אין בית־המדרש, אדער זכרונות וועגן דעם טאטנס פארלארענער קרעטשמע, וועגן די דערפער, וואס ווערן אנגעפילט מיט זקנים, מלמדים און סתם אידן, וואס האבן קיינמאל אויף קיין ברויט ניט פארדינט?

שלמה זלמן האט זיך דאן דערזען אין זיין טאטנס געשטאלט ביי דער מיל אין דעם פארמעליקטן כאלאט מיט זיין הויך געשריי:

— קינדער, ראטעוועט זיך, אנטלויפט אין שטאט! . . . איך וועל מיך דא „בראניען" מיט זיי, גאט וועט מיר געבן כוח . . .

בילדער פון ווייטן אמאל לעבן אויף אין זיין זכרון: אט לויפט ער איבער די פעלדער א בארוועסער אין שטאט אריין. ער לויפט

אָבער באַלד צוריק מיט זיין יונגען ברודערל שמואל: ער קען דעם טאַטן מיט דער מאַמען דאָרט אַליין ניט לאָזן. ווען זיי, ביידע זין, קומען צולויפן אין דאָרף מיט פּחד, שטייט שוין זייער פאָטער מיט „נאַטאַשלסטוואָ" אַרום זיך. ער איז שוין הייזעריק, זיין קול רייסט זיך נאָך:

— די „דיעלע" וועט גיין ביזן צאַר, — סטראַשעט דער טאַטע.

— איך בין אַ מענטש מיט אַ „נאַגראַדע" . . . איך האָב „פּראַוואָ־זשיטעלסטוואָ" אין גאַנץ ראַסיי . . .

אָבער עס העלפט ניט, מען פירט זיי אַוועק צוריק אין שטאָט צו אַ נייעם גלות.

און איצט — נאָך פיר צענדליק יאָר — געפינט זיך שלמה זלמן אין דער זעלבער לאַגע וואָס זיין פאָטער הירש בער: זיינע קינדער ווערן פון אים צוגענומען. כאַטש הענג זיך, טרענק זיך . . . ער לויפט, ווי געריירט פון זינען, און מאַרק זיך זען מיט מענטשן, ער שרייט:

— אידן, גיט אַ עצה, וואָס טוט מען? מיינע קינדער זיינען פאַרשפּילט!

אָבער אידן האָבן אים קיין עצה ניט געקענט געבן, ס'איז דאָך עניני דמלכות . . .

דורך דעם קראַכן פון קאַנאָנען האָט זיך אָבער, מיט גאָטס הילף, דורכגעבויערט אַ וועג — אמת, אַ געפערלעכער וועג, אַ ריזיקאַלישער וועג, אַ וועג מעבר לים, אין דעם גאָלדענעם לאַנד אַמעריקע, וואוהין די גליקלעכע קינדער פון דעם באַטריבטן שלמה זלמן שווימען זיך אין אַ גליקלעכער שעה . . . באַלד שטייגן זיי אָפּ אין עלים איילאַנד. קען זיך אַ פאָטער ווינטשן אַ בעסערע בשורה, ווען זיינע קינדער ווערן אַרויסגעראַטעוועט פון אַזאַ פייער? . . .

מענטשן האָבן דאַן פאַרגעסן, אַז שלמה זלמן האָט אַמאָל גע־שפּילט די ראָליע פון אַ „יאַ טעבע דאַם", געפירט נצחון אין בית־המדרש אָדער אין האַנדל. ס'איז זיכער געווען, אַז די השגחה האָט אים צוגעשפּילט, גאָט פירט מיט אים מיט חסד, מסתמא האָט ער די ווערט ביי גאָט . . .

איז אָבער שלמה זלמן מיטאַמאָל שטיל געוואָרן, אויפגעהערט זיך מישן אין שטאָטישע ענינים:

— איך בין דאָך שוין ביי אייך אַ דרויסנדיקער, — אין

געוועז דער ענטפער, — נאָך א וואָך, נאָך א חודש, איך קען אַז די קינדער ניט זיין! . . .

האָט זיך אין א שבת'דיקן פרימאָרגן דערהערט א קלאַפּ אין באַלעמער:

— שטיל זאָל זיין! — און ר' שמעון לייב שמש האָט מיט זיין הייזעריקן קול אָנגעזאָגט, אַז דער חשוב'ער בעל־הבית ר' שלמה זלמן לאָזט קהל וויסן, אַז ער פאָרט אוועק, איה"ש, צו די קינדער קיין אַמעריקע און ער זוכט א קונה פאַר דער „פינפער באַנק" . . .

האָבן אידן אָראָפּגעלאָזט די קעפּ. ניט געגוג, וואָס די מלחמה האָט אַזוי פיל יונגוואַרג פאַרשניטן און טאַטע־מאַמע זיינען ווי יתומים געבליבן, די בתי־מדרשים פּוסטעווען, איז גראָד איצט, ווען מען דאַרף האָבן נייטיק אַזעלכע מענטשן ווי ר' שלמה זלמן, לסוף פאַר־לאָזט ער אונדז . . . עס איז געווען א סברה, אַז קיינער האָט די „באַנק" ניט געוואָלט קויפן, כדי אָפּצוהאַלטן אַזאַ חשוב'ן אידן פון מאַכן די נסיעה, אָבער עס האָט ניט געהאָלפן.

פונקט פיר וואָכן פאַר פּסח האָט זיך אין א מיטנאַכט געזעגנט מיט זיין געבורטס־שטאָט דער אומפאַרשטענדלעכער איד, דער ערלע־כער שלמה זלמן, מיט זיין פרוי שיינדל און א בת־יחידה, וואָס איז שוין געשטאַנען אין שדוכים.

אין האַרצן האָט שלמה זלמן געפילט, אַז ער קלייבט זיך איצט אַריבער מעבר לים אין א פרעמד לאַנד, וואו זיינע קינדער האָבן נאָך קיין גליקן ניט באַגעגנט, און די יאָרן שטייען ניט, זיין באָרד איז שוין דורכגעשלאָגן מיט ווייסע פעדים . . . אָבער פאָרט דריי זין, ווי קען ער עס לעבן אַז זיין ראַוב'עלע, אַז זיין שימעלע, אַז שייקעלע?...

האָט זיך דערהערט א קלאַנג צווישן די אַמעריקאַנער לאַנדסלייט, אַז היינט־מאָרגן קומט אָן שלמה זלמן מיט דער פאַמיליע זיינער קיין עליס איילאַנד. גראָד איז דאָס געווען א צייט, וואָס די ניו־יאָרקער לאַנדסלייט האָבן געהאַלטן אין גרינדן אַן איינענעם פאַראיין, א סאָ־סייעטי פון לאַנדסלייט; מען מיטעט, מען אַרבעט אויס א קאָנסטי־טוציע, אָבער עס פעלן אויס די וויכטיקע מענטשן — טאַקע די זין פון דער פאַמיליע, וואָס דערוואַרטן דעם טאַטן זייערן פון שיף . . .

דער עולם טומלט זיך: מירן וואַרטן ביז שלמה זלמן וועט אַראָפּ פון שיף. מיר ווילן אים מאַכן פאַר א גרינדער, מיר דאַרפן אים האָבן צווישן די לאַנדסלייט.

אַט אַזוי ווערט שלמה זלמן איינער פון די גרינדער ביי די אנשי אמת, טאַקע ווי ער אַליין האָט דעם נאָמען פאַרגעשלאָגן.

אַ נייע וועלט האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר דעם גלות־אידן. ער האָט זיך אויף אַזאַ כבוד ניט געריכט: די לאַנדסלייט טראָגן אים ממש אַרום אויף די הענט. ער זעט אין זיי ווי דער רבונו של עולם האָט זיך פאַר אים געמיט צוזאַמען מיט די קינדער פון זיינע היימישע גוטע פריינט, וואָס זיצן נעבער אין דערהיים אָן אַ שטיקל ברויט. בעת אין גרויס ניו־יאָרק עסט מען פלייש פאַר ברויט.

און שלמה זלמן פאַרגעסט עס ניט צו דערמאָנען ביי די מיטינגען. ער באַדאַנקט זיי שטענדיק פאַרן כבוד, וואָס זיי גיבן אים אָפּ, אָבער — „ניט פאַרגעסט, קינדער, אַז אייערע שיינע אָנצוגן מיט די טייערע קראַוואַטן און געפּוצטע שיך טראָגט איר דאָ אינם זכות פון אייערע טאַטע־מאַמע, וואָס זיינען יראים ושלמים און זיי האָבן געענוג טרערן פאַרגאָסן, פאַר אייך גאָט געבעטן . . .״ גאַנץ אָפּט שפּאַרט זיך דורך אַ טרער פון דעם ריזיקן אידן, וואָס האָט מיטאַמאָל צוריק באַקומען זיין אַמאָליקן כוח. איז זיין נייע היים דערפאַר שטענדיק אָנגעפילט מיט לאַנדסלייט — די קינדער פון זיין טרוים . . .

ער קומט זיך צונויף מיט נייע פריינט, היימישע אידן, וואָס גייען דאַווענען אין אַ שול; מען רעדט פון קינדער, פון עלטערן אינם גאָלדענעם לאַנד, מען מאָלט שוואַרצע בילדער, מען שמועסט, אַז אין אַמעריקע איז גאָר קיין שיבה טובה ניט שייך, מען מוז זיך אויף דער עלטער אַליין צושלאָגן צו עפּעס אַ פּרנסה . . .

פאַר שלמה זלמנ׳ען זיינען דאָס ביטערע רייד. אים דאַכט זיך, אַז זיינע קינדער זיינען פאַרט אַנדערש, כאָטש היינט־מאָרגן וועלן זיי אָנהייבן בויען נייע היימען פאַר זיך אַליין און ער מיט דער אַל־טינקער זיינער וועלן בלייבן אַליין, כאָטש ער פילט זיך, בה״ש, גע־זונט און איז גרייט אויף אַלץ, ער האָט דאָך שוין געהאַט פאַרשידענע צייטן.

איז אָבער די צרה, וואָס זיין שיינדל טוט שוין אַמאָל אַ קרעכץ, זי איז שוין ניט בכוח צו קעכלען די קינדער ווי אַמאָל. איז אים טאַקע ביטער. ער פילט, אַז דאָס איז דער אָנהייב פון סוף.

האָט ער גע׳פּועל׳ט ביי די קינדער, מען זאָל אים קויפן אַ שטיקל פּרנסה, זאָל זיין אַ קלייטל פון צייטונגען, אַ פּייפּער סטענד. האָבן אים די קינדער געפאָלגט און ער פירט זיך זיין געשעפטל אויף עסעקס

גאַס. ער וויל ניט מער, אַז די קינדער זאָלן אים דערלאַנגען זייערע פאַרדינסטן, ער דאַרף איבער זיי מער קיין בעל־הבית ניט זיין.

אַזוי מאַכט זיך שלמה זלמן אַ לעבן. די שול־אידן זיינען אים מקנא, די שענסטע עליות גיבן זיי אים. די קינדער האָט ער שוין, בה"ש, חתונה געמאַכט, נייע מחותנים באַקומען, אייניקלעך שפּילן זיך מיט זיין ווייסער באָרד — זייער זיידנס אוצר.

די לאַנדסלייט פּייערן דעם צעניאַריקן יובילײ פון זייער פאַראיין. מען עסט, מען טרינקט, מען איז זיך משמח. מען אַנאָנסירט, אַז דורך די צען יאָר איז מען אויסגעוואַקסן גאָר הויך, מען פּראָגרעסירט, מען פּייערט אויך די באַנייאונג פון דער צווייטער סעמעטערי, וואָס מען האָט זי כמעט ווי געקויפט . . . קען נאָך זיין אַ גרעסערער פּראָגרעס ? . . .

און אָט גיט מען דאָס וואָרט דעם חשוב'ן מעמבער, שלמה זלמנ'ען. סאַראַ פריידִ עס הערשט אין זאַל: עס רעדט דאָך זייער עלטסטער גרינדער ! . . .

שלמה זלמנ'ס רייד זיינען אָבער מאָדנע, ער איז מיט אַזאַ פּראָגרעס ניט צופרידן. ווער דאַרף נאָך אַ סעמעטערי ? וואָס באַ־וואָרנט מען זיך דאָ ? ער איז נאָך ניט גרייט צו טראַכטן וועגן שטאַרבן. און ווען מען רעדט פון קויפן נייע קרקע, דאַכט זיך אים, אַז מען מיינט אים. חוץ דעם באַלאַנגט ער דאָך נאָך צו אַ שול, מיט אַ שיינער חברה קדישה, מיט תהילים־זאָגער . . . „ביז איך דערפאַר, מיינע ליבע לאַנדסלייט, קענט קויפן אַ נייע סעמעטערי . . ."

אַלע לאַכן, מען קלאַפּט בראַוואָ, מען וואונדערט זיך אויף דעם מאָדנעם טאָן, וואָס דער חשוב'ער גרינדער האָט אַריינגעטראָגן. אייניקע לאַנדסלייט קענען עס פּשוט ניט פאַרשטיין: היתכן ? שלמה זלמן זאָל מיט אַזעלכע דבורים אַרויסקומען ביי אַ צעניאַריקן יובילײ. גראָד דאַן, ווען מען האָט געהאָפּט, אַז עס וועלן פאַלן דאָנײשאָנס ווי בלאָטע, און דאָ קומט גאָר דער עלטסטער גרינדער פון דער סאָסייטי און צעשטערט אַלע פּלענער ?

האָט מען אָבער די סעמעטערי יאָ געקויפט, כאָטש שלמה זלמן האָט אַ ביסל פאַרלאָרן זיין אָנזען ביי די אנשי אמת, דאָך האָט מען אים פאַרגעבן: ער איז דאָך, נאָך אַלעמען, אַ „ברודער" און ער האָט זיין קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט . . .

דאָך איז ווי אויסגעוואַקסן אַ מחיצה צווישן די מעמבערס מיטן

חשוב'ן לאַנדסמאַן זייערן. זיי האָט זיך גערוכט, אַז די שול מיט זיין חברה קדישה האָט אים אינגאַנצן פאַרכאַפּט, די שול איז איצט זיין היים, זיין אויבנאָן, ער איז דאָך שוין פאַרט אַ מענטש ווייט אין די זיבעציקער . . .

האָט מען אים אַפילו מוחל געווען, וואָס ער קומט איצט זעלטן צו די מיטינגען: מילא, זאָל שלמה זלמן זיין אַקטיוו ביי די אנשי ספר, צווישן פרעמדע . . .

נאָר פּלוצלינג רופט מען אַ מיטינג — אַ „גענעראַל ספּעשעל" — טאַקע וועגן באַצאָלן פאַר דער סעמעטערי. מען וויל ניט צאָלן אַזוי פיל „אינטערעסט". עס פאַלט אַ פאָרשלאַג וועגן אַ „טעקס" פון צוויי דאָלאַר פאַר יעדן ברודער. דער פאָרשלאַג ווערט אָנגענומען. אָבער דער עלטסטער גרינדער, שלמה זלמן, דערקלערט קאַטעגאָריש, אַז ער נעמט ניט אָן דעם טעקס.

עס העלפן ניט קיין רייד פון די לאַנדסלייט, אַז יחיד ורבים, הלכה כרבים . . . ער האָט זיין עקשנות ניט געבראָכן. אַפילו פאַרגעסן, אַז אַ מעמבער דאַרף צאָלן דיוס לכל הדעות . . .

זיינע צוויי זין האָבן זיך אָנגענומען דעם טאַטנס קריוודע און זיי זיינען אַרויס פון פאַראיין. האָט עס נאָך מער אויפגערעגט די אנשי אמת, און אין אַ שיינעם שבת אוונט האָט מען, נאָך אַ הייסער דעבאַטע און נאָך אַ לענגערן ישוב־הדעת, אַ קלאַפּ געטאָן מיטן האַמער:

— ניט געצאָלט אַ יאָר דיוס איז אַפילו אַ גרינדער געשטראָכן!

האָט זיך אָבער מיט שלמה זלמן'ען דער רבונו של עולם אַ שפּיל געטאָן און איידער עס האָט זיך דערטראָגן דער קלאַנג צווישן אַלע לאַנדסלייט, אַז מען האָט אים געשטראָכן פון די ביכער, האָבן זיך די טעלעפאָנען צעקלונגען צו די באַאַמטע פון אנשי אמת:

— וואָס? אַ ספּעשל מיטינג פון דער סעמעטערי קאָמיטע? אַ שלעכטע בשורה! שיינדל שלמה זלמנ'ס איז געשטאָרבן, וואָס טוט מען דאָ? עס טומלט זיך . . .

איז באַשלאָסן געוואָרן: היות שלמה זלמן איז שוין דריי חדשים געזעצלעך געשטראָכן און די זין זיינע זיינען אַלע אַרויס פון דער לאַנדסמאַנשאַפט, לכן, אויב זיי ווילן, אַז שיינדל זאָל ליגן אויף אונדזער סעמעטערי, מוז ער דערפאַר באַצאָלן . . .

האָט זיך איין זון שלמה זלמנ'ס איינגעשטעלט און גע'טענה'ט,

אַז ס'איז ניט געזעצלעך. האָט מען אים געענטפערט, אַז ער ווייסט ניט די רולס און רעגולייִשאַנס, אַז ער מיט די אַנדערע ברידער האָבן זיך אויך געלאָזט שטרייכן צוליב אַ קאַפּריז. און ס'איז ניט די „פינפער באַנק" אין היימישן בית־המדרש, ס'אַמעריקע . . .

האָט דער באַ'צער'טער שלמה זלמן ווידער דערקלערט קאַטעגאָריש, אַז זיין שיינדל וועט ליגן אויף דער סעמעטערי פון די אנשי ספר.

האָט זיך אויסגעלאָזט מיט דעם, וואָס שיינדל שלמה זלמנ'ס איז געקומען צו איר אייביקער רו ניט אויף דער סעמעטערי פון די לאַנדסלייט, דעם פאַראיין, וואָס שלמה זלמן האָט געהאָלפן גרינדן, נאָר טאַקע ביי די אנשי ספר, צווישן פרעמדע.

מען האָט זיך אַפילו געבּיסן פון וויטיק די פינגער: סטייטש, וואו איז יושר? וואו איז פראַגרעס? ס'איז אָבער געווען פאַרפאַלן.

אַזוי זיינען זיך יאָרן געלאָפן. מען האָט שוין כמעט פאַרגעסן דעם גאַנצן סכסוך. מען האָט אָבער געוואוסט, אַז שלמה זלמן, כאָטש אַ טיפער זקן, איז אָבער זיין געבוי נאָך „דראַטיק", זיין גאַנג הויך און ניט געבויגן, זיין באָרד ווייס ווי פוך און —

— ער וויל אָבער מער ניט איינשטיין ביי זיינע קינדער — שמועסט מען, — ער וויל נאָך זיין אַ בעל־הבית פאַר זיך...

איז עס טאַקע געווען אמת. יעדער מיטינג ביי די אנשי אמת האָט געהאַט זיינע נייעס, און געווים איז ניט שווער געווען זיך צו דערוויסן, אַז שלמה זלמן האָט זיך „באַקרוינט" מיט אַ יונג ווייב, אַ גרושה, אפשר אַ צוואַנציק יאָר אינגער פאַר אים.

זיינען די אַמאָליקע געטרייע לאַנדסלייט, וואָס איז זיי שלאַנט נאָך אַ היימישער אָדער, אוים פריינטשאַפט אים נעגאַנגען באַזוכן, געוואונטשן אים מזל־טוב און אַ גליקלעכן עלטערן־זיך. אָבער אין האַרצן האָבן זיי געפּילט, אַז שלמה זלמן האָט צו שפּעט זיך אַנגעטאָן אַ סאַמעטענע קאַפּאָטע . . .

אַ סברה, אַז אויך די אנשי ספר, זיינע שלוש־סעודות־אידן, האָבן דאָס נעמלעכע אויך געטראַכט: ניטאָ מער דער שלוש־סעודות, וואָס שיינדל, זכרונה לברכה, פלעגט צוגרייטן, ס'איז ניט דער זעלבער שלמה זלמן . . .

דאַך קומט ער אַמאָל אויך צו אַ מיטינג ביי די אנשי ספר. ס'איז גראָד אַ „ספּעשל מיטינג": מען פאַרהאַנדלט וועגן סעמעטערי.

אַ בפירוש'ער רול, אַז פאַר אַ צווייטער ווייב, אויב זי שטאַרבט, דאַרף מען באַצאָלן, ווייל צוויי ווייבער קען זיך אַ מעמבער ניט דערלויבן צו באַגראָבן אויפן זעלבן חשבון . . .

פאַר שלמה זלמנ'ען קלינגען אָט־די פאַרהאַנדלונגען גאָר אויס־טערליש, ער קען זיי ניט פאַרשטיין. ער טענה'ט:

— סטייטש, און ווי איז למשל מיט מיר? איך האָב דאָך מיין שיינדלען, ז"ל, ניט געהייסן שטאַרבן, און אַז די שעה זאָל די שעה ניט זיין, בין איך דאָך ניט בכוח . . . ס'איז דאָך ניט קיין יושר . . .

ער אַרגומענטירט, ער רעגט זיך אויף, ער טענה'ט, אַז ביי זיין לאַנדסמאַנשאַפט איז ער זיכער, איז אַזאַ געזעץ ניטאָ אין דער קאָנ־סטיטוציע.

ענטפערט אים דער פּרעזידענט פון די אנשי ספר, אַז זיי, די אנשי ספר, האָבן מיט די אנשי אמת קיין שייכות ניט, זייער סאָסייעטי עקזיסטירט לענגער ווי יענע . . . אויסער דעם דאַרף זיך ר' שלמה זלמן ניט ערגערן שטאַרק מחמת אָט־דעם פּונקט, ווייל די ווייבל זיינע איז דאָך נאָך גאָר אַ יונגע, און ס'איז, אחוץ דעם, קיינעמס שולד ניט, אויב ער, שלמה זלמן, האָט זיך אויף דער עלטער פאַרזאָרגט מיט אַ צווייטער אידענע . . .

אַזאַ באַליידיקונג האָט שוין שלמה זלמן פון די אנשי ספר ניט געקענט פאַרטראָגן, ער האָט באַשלאָסן אין זייערע דלד אמות מער ניט צו שטיין.

דיום צו דער אנשי ספר סאָסייעטי האָט זיך שלמה זלמן ניט געאיילט צו צאָלן, צו קיין מיטינג זייערן איז ער געווען ניט געגאַנגען: עס זיינען פאַראַן גענוג שולן אין אַמעריקע, אויב אַ איד וויל נאָר דאַוונען . . . האָט עס די אנשי ספר שטאַרק פאַרדראָסן, מסתמא האָט דערביי געשפּילט אַ ראָליע זיין נייע פלונית'טע. הקיצור, די אנשי ספר האָבן אַ פייאיקן סעקרעטאַר, האָט ער פאַר די מעמבערס קלאָר אַרויסגעבראַכט, אַז ס'איז שוין דריי קוואַרטאַלן, וואָס שלמה זלמן האָט ניט באַצאָלט קיין דיום, און אַז ער, דער סעקרעטאַר, האָט אַ רעסיט פון פּאָסט אָפיס, אַז שלמה זלמן האָט זיין רעגיסטרירטן בריוו באַקומען, און אַזוי ווי ער ענטפערט ניט דערויף און קיין דיום צאָלט ער ניט, איז עס אַ סימן, אַז ער לאָזט זיך שטרייכן.

האָט מען ביים שטרייך־אָונט באַשלאָסן:

היות ווי דעם רעגיסטרירטן בריוו האָט שלמה זלמן יאָ דער־

האַלטן און ער לאָזט פון זיך ניט הערן, און היות ער האָט די אנשי ספר מיט זיין חתונה האָבן מיט דער גרושה קיין גרויסן כבוד ניט פאַרשאַפט, — איז ער דעריבער געזעצלעך געשטראָפן, און — דאָמיט פאַסירט . . .

⁂

נאָך אַ יאָר איז פאַרביי. מען האַלט אָפּ אַ „ספּעשל מיטינג״ ביי דער אנשי אמת סעמעטערי קאָמיטע, וואו זיי טרויערן אויפן טויט פון זייער לאַנדסמאַן, פון איינעם פון די עלטסטע גרינדער פון זייער פאַראיין — ר׳ שלמה זלמן איז שוין ניט מער צווישן די לעבעדיקע.

מען האַלט דעם זקנ׳ס אַ געשריבענע צוואה, וואו ער בעט, מען זאָל אים באַערדיקן אויף דער סעמעטערי פון זיינע לאַנדסלייט, אויף דער אַנשי אמת סעמעטערי.

אַי, ס׳איז דאָך באַקאַנט פאַר אַלעמען, אַז שלמה זלמן האָט זיך געלאָזט שטרייכן פון זייער סאָסייעטי שוין מכמה וכמה יאָרן ? זוכט מען אוים עפּעס אַ „פּינטעלע״ אין דער קאָנסטיטוציע, און מען געפינט, אַז אַלס גרינדער פון דער לאַנדסמאַנשאַפט און אַלס דער זון פון הירש בער דעם מילנער, וואָס האָט אַמאָל געשפּייזט די שטאָט מיט אַ קאָריץ קאַרטאָפליעס, איז ער באַרעכטיקט צו אַ פּריווילעגיע און זיי דאַרפן, אַלס אַ פּראָגרעסיווע סאָסייעטי, ניט דערלאָזן, אַז זייער שלמה זלמן זאָל באַערדיקט ווערן אויף אַ פרעמדער סעמעטערי. די סעמעטערי קאָמיטע נעמט אויף זיך די אחריות צו פאַרבייגן דאָס מאָל די קאָנסטיטוציע, און מען באַשליסט צו באַערדיקן דעם, וואָס איז געווען זיבער, אַז ער איז באַווארנט מיט סעמעטערי און האָט, ליידער, אַ טעות געהאַט, ווען די אנשי אמת מוזן דעם טעות פון זייער חשוב׳ן לאַנדסמאַן פאַרריכטן און — אים מוחל זיין.

איך ביטערער טעות

די לעצטע מינוטן זיינען געקומען, ווען ארטור גרינוואלד האָט ענדלעך אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם. ניטאָ מער צווישן די לעבע־דיקע דער העברייאישער לערער, דער זעלטענער מענטש, וואָס האָט פאַרמאָגט אַזוי פיל מעלות. זיין טויט איז, בלי ספק, געווען אַ געוואַל־טיקער פאַרלוסט פאַר דער שטאָט. און זיין אלמנה מיט זייער בת־יחידה׳קע, וואָס זיי האָט ער בלויז איבערגעלאָזן בירושה אַ „סטיישאַ־נערי סטאָרקע״, איז דאָך געווים ניט געווען וואָס מקנא צו זיין.

אַזוי האָבן זיך גוטע פריינט דורכגעשמועסט, ווען מען האָט דורך די שבעה־טעג געפּרובירט אונטערציען דעם סך־הכל פון דער פאַראומגליקטער משפחה, פון זיין פרוי, וואָס האָט נאָך אפילו צו די מיטעלע יאָרן ניט דערגרייכט, און אָט איז זי שוין אַן אלמנה.

און ניט אומזיסט האָט מען זי באַדויערט. צו פאַרלירן אַזאַ מאַן ווי גרינוואלדן איז פאַר רייזלען, אָן צווייפל, געווען אַ גרויסע טראַ־געדיע.

נאָך אין די ערשטע יאָרן פון זיין פאַרהייראַטן לעבן האָט גרינ־וואַלד געשטרעבט צו עפּעס העכערס, ווי דער געוויינלעכער מענטש. ער איז באמת געווען געבענטשט מיט גרויסע פעאיקייטן, האָט געשטו־דירט עטלעכע פּראָפעסיעס, נאָר מחמת געוויסע סיבות געמוזט אויפ־געבן איין לערע נאָך דער אַנדערער. דער עיקר׳שט, זיין געזונט. אַ סברה, אַז דאָס איז געווען אַ נאָכווייעניש פון די לאַנגע און שווערע נעכט, וואָס ער האָט אין זיין פריער יוגנט אין דער אַלטער היים ביים גמרא־לערנען פאַרבראַכט. עס האָבן זיך אָפּגערופן, ווייזט אויס, די וואָכן און מאָנאַטן פון נויט און הונגער.

און רייזל, זיין געטרייע פרוי, זי האָט זיך אונטערגענומען צו קעבלען איר גוטן געלערנטן מאַן, אָפּהיטן זיין געזונט, שאַפן פאַר אים אַ רואיק ווינקל, וואָס ווען אים האָט איר אַרטור געטרוימט גלייך ביי

זייער ערשטער באַקאַנטשאַפט, ווען ער איז נאָך געווען אַ העברייאישער לערער אין אַ שטעטל פון פענסילווייניע.

רייזל האָט עס געקענט באַווייזן. ניט אומזיסט האָט זי גע׳שמ׳ט ווי אַ היימישע בונדיסטקע, וואָס האָט אָפּגעגעבן אַ גרויסן טייל פון איר יוגנט פאַר דער באַוועגונג.

איז דאָך קיין וואונדער ניט, וואָס איז אַ שיינעם טאָג האָט זיך דערהערט אין שטאָט, אַז היינט איז אַ חתונה ביי מענדל צווייגס עלטסטער טאָכטער — רייזל די בונדיסטקע — מיט דעם לערער גרינוואַלדן.

האָט די ניי־צונעקומענע היים געצויגן צו זיך מיט וואַרימקייט און ליבלעכקייט אַ סך פריינט אין פּאַרלויף פון עטלעכע יאָר. די היים זייערע איז געווען אַ מין גייסטיקער צענטער. מען האָט רייזלען אָפּט מקנא געווען, וואָס גרינוואַלד איז איר לעבנס־באַגלייטער. ווייל ווער קען אַריינקוקן טיפער אין דעם מענטשנס נשמה? ווען מען האָט עס גאָר געקענט איינפאַלן, אַז רייזל ליידט אין דער שטיל, ווערט פאַר־פייניקט פון שווערע מחשבות און זאָרגן?

עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד האָט די ניי־צוגעקומענע היים געצויגן צו זיך אַ סך פריינט מיט וואַרימקייט און האַרציקייט. מען האָט זיי אָפּט מקנא געווען, וואָס די היים זייערע איז געוואָרן אַזאַ ליכטיק ווינקעלע, אַ גייסטיקער צענטער פאַרן אינטעליגענטערן אידישן עולם. מען איז זיכער געווען, אַז רייזל איז ביז גאָר גליקלעך, וואָס אַרטור גרינוואַלד האָט זי אויסדערוויילט ווי זיין געטרייע לעבנס־באַגלייטערין.

יאָ, מענטשן זיינען ניט זעלטן בלינד, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ צווייטנס נשמה. ווען מען האָט עס גאָר געקענט איינפאַלן, אַז רייזל ליידט שווערע יסורים, לעבט איבער מינוטן פון פיין, וואָס זי שטרענגט זיך אָן צו באַהאַלטן פון דער דרויסנדיקער וועלט? רייזל האָט זיך געכאַפּט, אַז די גרויסע מעלות גרינוואַלדס, וואָס די פריינט און פאַר־ערער זיינע לויבן זיי אין הימל אַריין, זיינען, אין דער אמת׳ן, חסרונות־שטרויכל־שטיינער אויף זייער געמיינזאַמען וועג. אָט, למשל, זיין כסדר׳דיק זיצן איבער ספרים, זיין פאַרוואַנדלען די סטיישאַנערי סטאָרקע זייערע אין אַ ביבליאָטעק, זיין בטלנות.

יאָר־איין, יאָר־אויס האָט אַרטור גרינוואַלד זיך געגרייט צו פאַר־שידענע עקזאַמענס. אָט די שטענדיקע פאַר־עקזאַמען־מאַטערנישן האָבן אים געקאָסט געזונט, רואינירט די נערוון. ער האָט זיך אויפגערעגט

איבער דער קלענסטער קלייניקייט. מען האָט ממש ניט געוואָגט צו־צוגיין צו זיין צימער, ווען ער איז אַריינגעטאָן געווען אין זיין לערנען.

רייזל האָט געפילט, ווי זיין און איר לעבן ווערן רואינירט, אַז זיין עקשנות צו ווערן דערגרייכן זאַכן איבער זיינע כוחות וועט צו קיין גוטס ניט דערפירן, אַז אַפילו אין דער דורשט צו תורה מוז אַ מענטש אויך האָבן אַ פּראַקטישן ציל:

— מיר זיינען דאָך שוין צען יאָר פאַרהייראַט, דיינע אויגן זיינען פון שטענדיקן גריבלען זיך אין ביכער שוין כמעט קאַליע . . . האָסט שוין באַלד פאַרגעסן, אַז דו האָסט אַ פרוי מיט אַ קינד . . . די ליבערערי איז דען דיר בילכער ווי מיר? — האָט זי צו אים גע'טענה'ט. ער פלעגט זי אויסהערן, אָבער ער פלעגט גלייך, ווייזט אויס, פאַרגעסן, אַז דאָס רעדט צו אים זיין פרוי רייזל, זיין לעבנס־באַגלייטערין, וואָס פילט, אַז איר מאַן, דער פאָטער פון איר קינד, האָט פאַרגעסן אין זיין אמת'ן לעבנס־ציל.

גרינוואַלד האָט שוין זיין לעצטן עקזאַמען אויפן קראַנקן־בעט ניט געקענט דורכמאַכן. ער האָט אויך זיין ביטערן טעות פאַר רייזלען ניט געקענט צוגעבן — און דער סוף איז געקומען.

געבליבן פון גרינוואַלדן איז בלויז זיין גרויסע ביבליאָטעק, אַ האַלב טוץ ברילן, וועלכע ער פלעגט אָפט מוזן בייטן צוליב זיינע קראַנקע אויגן, אַ פּאַר אָנגעשריבענע לעקציעס איבער פאַרשידענע ענינים און, דער עיקר, אַ גרויסער ווייטיק אין האַרצן פאַר דער אומגליקלעכער אלמנה.

⁂

שוין פיר יאָר ווי רייזל שטייט אין איר סטיישאָנערי סטאָרקע און ציט חיונה פאַר זיך מיט איר קינד, איר בת־יחידה שוירלי, וואָס האָט גע'ירשנ'ט אַ סך מעלות פון איר פאָטער און ווייניקער פון זיינע חסרונות.

די אַמאָליקע פריינט פון די גרינוואַלדס האָבן גרויס פאַרגעניגען, ווען זיי זעען צו, ווי די געראָטענע בת־יחידה'קעלע שוירלי העלפט אַרויס איר מוטער אין זייער פּאַפּיר־ און בוך־געשעפט, וואָס איז דורך דער צייט אויך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטיקל ליבערערי, וואו מען נעמט ביכער אויף פּראָקאַט צום לייענען. דאָס געשעפט האָט אויפגעלעבט צוליב דער פולשטענדיקער האַרמאָניע, וואָס הערשט צווישן מוטער און טאָכטערל.

נאָר מיטאַמאָל האָט זיך אויף זיי אָנגערוקט אַ וואָלקן:

שוירלי האָט מיט מזל געדאַרפט אַריינטרעטן אין אַן אוניווערזי־טעט, וואָס האָט זיך געפונען אין אַן אַנדער שטאַט. זי האָט איר מוטער געמוזט פאַרלאָזן. רייזל האָט געמוזט בלייבן איינע אַליין אין איר אַרויפגעאַרבעטער סטאָר, וואָס טראָגט גענוג אויף צו שיקן איר שוירלין שטודירן.

טרערן האָבן זיך ביי דער מוטער געקייקלט פון די אויגן, ווען זי האָט זיך מיט איר איינציק קינד געזעגנט, ווייל אַליין צו בלייבן איז פאַר דער מוטער געווען ווייטיקדיק, אַפילו ווען דאָס קינד פאָרט שטודירן.

***

היינט שטעלט זיך די מוטער צופרידן מיט די גוטע האַרציקע בריוו, וואָס שוירלי שיקט איר צו. שוירלי קומט אויך צוגאַסט אַזוי אָפט ווי זי קען. אַ ניי ליכט ווערט אין רייזלס נשמה אָנגעצונדן, ווען איר בת־יחידה באַווייזט זיך אויף איר שוועל. אָבער ווען שוירלי פאָרט צוריק, דאַן לעשט זיך אויס איר איינציק ליכט, וואָס איז איר אין לעבן געבליבן. עס פאַרנעמען דאַן איר אָרט די אַנדערע אָנגעשטעלטע, צוויי מיידלעך, וואָס העלפן איר, רייזלען, פירן דאָס געשעפט.

און ביינאַכט, ווען די מוטער ליגט אויף איר געלעגער איינע אַליין און פילט ניט דעם וואַרימען אָטעם פון איר קינד, דאַן לויפן, ווי אין אַ קאַלעידאַסקאָפּ, איר פאַרביי די זיבעצן יאָר, וואָס זי האָט אָפּגעלעבט מיטן פאָטער פון איר קינד. ער האָט געזאָלט איר לעבן גליקלעך מאַכן, אָבער אירע יאָרן לויפן פאַרביי אַזוי שוואַרץ, אַזוי מרה־שחורה׳דיק.

צי ווייסט דען עמיצער, אַז זי האָט ביי איר פאַרשטאָרבענעם „געניאַלן" מאַן קיין איין גוטן טאָג ניט געהאַט? צי קען זי דען דאָס עמיצן דערציילן, אַז זי איז געבליבן אייביק אַנטוישט? אַז ניט איין מאָל האָט זי זיך פאַרשאָלטן דאָס געביין, וואָס דער שיקזאַל האָט זי מיט גרינוואַלדן צונויפגעפירט?

איר וואָלט שוין מער ניחא געווען, ווען איר מאַן זאָל געווען זיין אַ פּראָסטער ערלעכער מענטש, ווי אַ גרויסער טייל פון אירע חברות האָבן און זיי לעבן מיט זיי ביז היינט נאָך אַ שטיל צופרידן לעבן אונטער די אומשטענדן פון דער צייט. און ווען עס טרעפט אַמאָל ביי אַן אינטימען שמועס מיט אירע פריינדינעס, קען זי זיך ניט העלפן.

און זי עפנט פאַר זיי אויף איר ביטער האַרץ, אַז זי קען מער אַליין ניט זיין, און וואָלט זיך איר געמאַכט אַז ערלעכער מענטש איז אירע יאָרן, וואָס „פּליט ניט אין די הימלען אַריין”, ווי איר גאַטזעליקער מאַן, וואָלט זי אַפילו היינט זיך פאַרבונדן אויפסניי. אפשר וואָלט זי ביי די מיטעלע יאָרן אַנגעהויבן צו פירן אַ מענטשלעך לעבן. ס'איז דאָך ניט קיין פּלאַן צו בלייבן אַליין ביזן טויט אַריין.

האָבן זיך מיטאַמאָל אייגענע מענטשן אַנגעהויבן אַריינטראַכטן אין רייזלס לעבן פון אַמאָל און היינט. מען האָט איינגעזען, אַז דער עיקר איז, וואָס רייזל נויטיקט זיך היינט ניט אין אַ מענטשן, וואָס זאָל איר געבן אויף ברויט, ווייל די סטיישאַנערי סטאָר קען אויך פאַר איר ריכטיקן באַשערטן געבן פּרנסה. אַ סך בעלנים האָבן זיך בשתיקה אַנגעהויבן פאַרצושלאָגן זיך צו באַגעגענען מיט רייזלען, וואָס האָט פאַר זיך געשאַפן אַ נאָמען פון זעלבסטשטענדיקייט און איז אויך גרייט געווען צו פירן אַ ניי לעבן, ווען ס'זאָל זיך נאָר מאַכן אַ פּאַסיקער מאַן.

עס לויפן טעג און וואָכן. מען האָט אַנגעהויבן מערקן די אַמאָ־ליקע רייזל אין די היימישע קרייזן, ווי אַ צאַנקנדיק ליכט וואָלט פּלוצים אויפסניי זיך צעפלאַקערט . . . אירע אויגן האָבן אויפגעלויכטן מיטן אַמאָליקן ברען. אַ נייער באַגלייטער האָט פאַרנומען דעם אַמאָליקן לערערס אָרט אין רייזלס געזעלשאַפט.

עס איז באַשיינפּערלעך קלאָר געווען, אַז רייזל האָט ענדלעך איר ציל דערגרייכט, זיך פאַרבונדן מיט אַ שיינעם, געזונטן יונגענמאַן, וואָס איז געווען אַ פּאָר יאָר יונגער ווי זי און דער היפּוך פון גרינוואַלדן.

אמת, ער האָט זיך פון זיין ערשטער פרוי געשידן, האָט אויך מיט איר צוויי קינדער, וואָס זיינען פאַרבליבן מיט דער מוטער. עס איז אָבער ניט קיין באַווייז, אַז אַ מענטש, וואָס גט זיך מיט זיין פרוי, קען קיין גוטער מאַן ניט זיין. צי ווייסט דען די וועלט וועלכע פּאַר־פאָלק פירט אַ גליקלעך צוזאַמענלעבן אָדער ניט?

— ניין, — האָט רייזל געטראַכט, — זי וועט זיך מער צו קיינעם ניט צוהערן. דער מענטש געפעלט איר, ער שיינט צו זיין אַ מענטש, וואָס זוכט די עדלקייט אין אַ פרוי. און דאָס, וואָס די ערשטע פרוי זיינע האָט אים פאַרראַטן, איז גענוג ער זאָל איר, רייזלען, אָפּשעצן.

און די טאָכטער, די קאָלעדזש סטודענטקע, האָט מיט דער מאַמען צוגעשטימט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז איר מוטער מוז מאַכן אַזאַ שריט.

זי האָט מיט אים חתונה געהאַט. געפּראַוועט זייער „האָניק־מאָנאַט" האָבן זיי אין זייערע ניי־אויסגעמעבלירטע צימערן. רייזל האָט מער פאַר אירע אויגן ניט געזען איר אַמאָליקן מאַן, דעם קורצ־זיכטיקן גרינוואַלדן, וואָס האָט כסדר קיינעם ניט געזען, חוץ זיך אַליין . . .

איצט לעבט זי מיט איר נייעם באַשערטן מאָריס גאָלדפּאַרב, אַ שיינעם, הויכן יונגערמאַן, בלוט־און־מילך, אַ מענטש, וואָס קוויקט זיך מיט אירע געשמאַקע מאכלים, האָט הנאה פון אַ גוטן ציגאַר און קוקט צו מיט פאַרגעניגן ווי דער רויך קייקלט זיך אַזוי פאַנטאַסטיש אַוועק.

אין האַרץ ביי זיך ווינטשט זיך רייזל, אַז איר לעבן זאָל שטענדיק אַזוי זיין ווי אָט אין די האָניק־חדשים. כאָטש אין געוויסע מאָמענטן פאַלט אַז אויף איר אַ שרעק, אַז דאָס לעבן האָט זיך מיט איר נאָר אַ שפּיל געטאָן, אַז ס'איז עפּעס צו גוט פאַר רייזלען דער אלמנה, אַז עפּעס גייט עס צו פּלוצימדיק, צו שטורמיש . . .

און ווען זי באַרואיקט זיך אַ ווײַלע פון די באַרוישנדיקע מינוטן, וואָס איר הייס־בלוטיקער מאַן שענקט איר, דערוועקן זיך אין איר ספקות: צי זיינען טאַקע אָט די הייסע קושן אויך האַרציקע און געטרייע?

⁂

ווי איר האַרץ וואָלט געוועזן אַ זייגער, וואָס שלאָגט פּינקטלעך אָפּ שעה נאָך שעה, און מיטן קלאַנג לאָזט ער וויסן פאַרלאָרענע יאָרן און טעג, אַזוי האָט רייזל באַלד דערפילט, אַז זי איז אַריינגעפאַלן, אַז אירע טעג זיינען פאַרלאָרן, אַז זי איז געווען צו געאײַלט צו מאַכן אַזאַ שריט. אָט פאָרט שוין מאָריס אַרום אין זיין נייעם אויטאָמאָביל — זיין חתונה־מתנה, גאַנץ אָפט אָן רייזלען, זיין פרוי . . .

און רייזל שטייט אין איר סטיישאָנערי סטאָר און קלערט פון איר צווייטער טראַגעדיע, וואָס זי מוז זיך פון איר וואָס גיכער באַפרייען. דאָס איז אַ טראַגעדיע, וואָס ווערט ניט אָפּגעווישט אַזוי גיך מיטן טויט. דאָ וועלן זיך פאָדערן פיל מוט און כוח צו אַנטפּלעקן פאַר דער וועלט איר ביטערן טעות.

זי וואָלט איצט אַוועקגעפלויגן צו איר קינד, וואָס וואוינט הונ־דערטער מיילן ווייט. אַ מאַמע מעג דאָך כאָטש פאַר איר קינד אויס־

גיסן איר ביטער האַרץ. צי וועט שוירלי זי כאַטש פאַרשטיין? און וואָס קען דאָס קינד העלפן?

אַזוי טראַכט זי, רייזל, אָפט, שטייענדיק אַ פאַרצווייפלטע אין איר סטאָר. וואָס זאָל זי ענטפערן אירע היימישע קונים, וועלכע קויפן ביי איר די לעצטע צען יאָר און זיי האָבן געהאָלפן איר מיט ראַט־און־טאַט, ווייסנדיק אַז זי איז, נעבעך, אַן אלמנה. היינט, ערשט זעקס חדשים נאָך דער חתונה מיט איר נייעם מאַן, מוז זי ריידן צו אירע פריינט מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ. זיי פרעגן ביי איר:

— מיסעס גאָלדפאַרב, וואָס איז מיט אייך אַזוינס געשען, איר קוקט דאָך אויס אַזוי פאַרזאָרגט, איר זייט דאָך ערשט נאָך אַ חתונה?...

זי בלייבט דאַן ווי שטום. דער נייער נאָמען מיסעס גאָלדפאַרב, אַנשטאָט מיסעס גרינוואַלד, גיט איר אַ שטאָך אין האַרצן . . . „מיט אַ נייעם נאָמען זיך באַקרוינט, אָבער קיין קעניגרייך ניט געוואָרנען . . .״ — טראַכט זי ביטער.

זעלטן ווען זי גיט יאָ עפּעס אַן ענטפער אויף איר פאַר׳חושב׳ט־קייט צו די גוטע קונים, ווייל שטענדיק שטום קען דאָך אַ מענטש ניט זיין.

באַלד ווייסט מען שוין, אַז די מיסעס גאָלדפאַרב ליגט איין וועלטן, בכדי זיך צו באַפרייען פון איר מאַן, וואָס האָט פאַר דער וועלט אַלע מעלות פון אַ גוטן מאַן, נאָר ניט פאַר רייזלען. אַ סברה, אַז די הילף, וואָס ער האָט איר געגעבן אין סטאָר די ערשטע צייט, האָט דאָס געשעפט שיר ניט רואינירט . . .

האָט זיך אַ שטיק צייט געקאָכט וועגן דעם אין שטעטל אין יעדן אידישן הויז, אויך אין די געריכט־הייזער. מען האָט צווישן זיך, אין די היימישע קרייזן, דיסקוטירט וועגן חתונה־לעבן, וועגן געטריישאַפט פון מענער און דאַמגלייכן. מען האָט בפירוש באַוויזן, אַז רייזל גרינוואַלד האָט דעם שריט ניט געטאָרט מאַכן, אַז אַ שיין־געבויטער מאַנספאַרשוין, וואָס רויכערט „קוואָרדערדיקע״ ציגאַרן, איז נאָך ניט אַלץ. און אַז אַזוי גרינג וועט איר אָט דער בחור קיין גט ניט געבן.

אירע אמת׳ע אינטימע פריינט האָבן זי פאַרטיידיקט. מען האָט דערמאָנט טרויעריקע בילדער פון אַמאָל, מיט איר גאָטזעליקן מאַן גרינוואַלדן. מען האָט גע׳טענה׳ט, אַז יעדע אין אירע אומשטענדן וואָלט אפשר געשטרויכלט געוואָרן אויף אַזאַ מין אופן. מען האָט

איינגעזען, אַז אויף רייזלען איז אַ גאַנץ רחמנות, זי טאָר מער אַזאַ „קעסט־קינד" ניט האַלטן.

האָט זיך קהל טאַקע אָנגעהויבן אַריינמישן. רייזלס רעפּוטאַציע, אַלס אַ פיינע אָנשטענדיקע פרוי, איז אין שטאָט געווען צו גוט באַ־קאַנט, מען זאָל איר ניט זוכן צו העלפן. עס האָט גענומען צייט און מאַטערניש, ביז זי האָט זיך ענדלעך באַפרייט פון דער שווערער קייט, וואָס איז אויף איר געהאַנגען.

⁂

פינף יאָר זיינען נאָך דעם פאַרביי. היינט שטייט נאָך אַלץ רייזל די אלמנה, רייזל די גרושה, אין איר אָפּגעראַטעוועטער סטאַרקע. איר איינציקע טרייסט, וואָס זי האָט אין לעבן, איז איר קינד, וועלכע איז שוין היינט אַ לערערין אין אַ פּאַבליק סקול, אָבער זי טוליעט זיך נאָך אַלץ צו איר געטרייער מוטער און זוכט איר צו פאַרשאַפן אַ ביסל פרייד.

אָבער דאָס ביסל פרייד וועט לאַנג, קענטיק, פאַר רייזלען ניט אָנ־האַלטן. פון צייט צו צייט דרייט זיך אַרויין אַ פרישער יונגערמאַן אין איר שטוב. כאָטש אַלע פון זיי זיינען פיינע באַלעבאַטישע קינדער, — פילט אָבער רייזל, אַז דאָ הויבט זיך אָן פאַרשפרייטן אַ נעץ, וואָס וועט פון איר צונעמען איר איינציק קינד. זי איז זיכער, אַז לאַנג וועט זיך ביי איר שוירלי ניט האַלטן, אַז מען וועט זי פון איר, דער מאַמען, צונעמען.

זי וואָלט איר אפשר געראַטן צו זיין פאַרזיכטיק, זי וואָלט גע־וואָלט אָנטפּלעקן פאַר איר טאָכטער איר אייגענעם אָנטוישטן לעבן, זאָל זי זיך נעמען אַ ביישפיל . . .

זי בלייבט אָבער מיט אירע רעיונות ווי געליימט. זי פרייט זיך, כאָטש לפנים, מיט איר קינדס פריינט.

ווייל . . . זי, רייזל, די מאַמע, האָט דאָך שוין ניט מער קיין אַנדער טרייסט, זי וועט דאָך שוין אָפּפינצטערן ס׳לעבן אַליין, ווער ווייסט ביז ווען, — אפשר שוין ביזן סוף פון אירע יאָרן . . .

אַרום די קוילן-גריבער

אונטער די רעדער

אין אַ פּענסילווייניער שטעטל, אין אַ זייטיק, שמאָל געסל, וואוינען די בערנאַדים. אַ אַכט־צימער הייזקע, אַ הילצערנע, געבויט אויפן שטייגער ווי עס פּאַסט פאַר אַן איטאַליענער, וואָס מוז דערנערן זיין פאַמיליע פון דער שווערער אַרבעט אין די קוילן־גריבער.

און כאָטש דאָס הויז איז אַלט, האָט עס אָבער געוויסע מעלות, מיט וועלכע עס צייכנט זיך אויס פון אַלע אַנדערע הייזקעס אַרום דעם געסל. עס וואַרפן זיך אין די אויגן די דריי עפּל־ביימער, אין דעם אונטערשטן גאָרטן, וואָס גיט אַחוץ דעם אַרויס אויך טייערע ווייַנטרויבן פון יאָר צו יאָר.

אינם מיטן גאָרטן שטייט אַ טישל. איבערן טישל הענגט אַן עלעקטריש לעמפּל, וואָס ציט צו זיך צו שטענדיקע געסט. אויפן טישל פעלט אויך ניט קיין ביסל וויין, אָנגעגרייט פאַר גוטע פריינט און באַקאַנטע.

אָט די מעלה, די בערנאַדים, וואָס האָבן זיך געשאַפן אַ גוטן נאָמען מיט זייער גאַסטפריינטלעכקייט אין זייער היים, האָט גורם געווען, אַז די שכנים זייערע זאָלן פאַרזאָרגט זיין איבער דעם פּלוצ־לונגען אומגליק מיט זייער שכנ׳ס זיבצניאָריקער בת־יחידה, דזשין בערנאַדי.

דזשין איז געווען דאָס זעקסטע קינד ביי די בערנאַדים. ניט איין גלעזל וויין האָט מען אויסגעטרונקען בעת זי איז אויף דער וועלט געקומען, און ס׳איז געווען כדאי די שמחה, ווייל דזשינס מוטער האָט שוין באַלד געהאַט אויסגעהאָדעוועט פינף גרויסע בחורים, וועלכע האָבן זייער מוטער ניט געלאָזט רוען.

אין די טעג, וואָס דזשינס מוטער האָט דערפילט, אַז דאָס נפש׳ל אין איר הייבט זיך אָן באַוועגן, האָט זי בחוש געזען, אַז דאָס מאָל באַקומט זי אַ נאָענטן פריינט, אַ קינד פון איר אייגן געשלעכט, — אַ טאָכטער. און זי האָט ניט געהאַט קיין טעות.

יאָרן און יאָרן איז מרס. בערנאַדי ניט אַרויסגעטראָטן פון איר היים אַן איר מוזיניקל. שעה'ן לאַנג האָט זי געפוצט און געדרייט איר בת־יחידה'ס שוואַרצינקע לאָקנדלעך, זי זאָל אויסקוקן שענער ווי אַנדערע קינדער. און ווען שכנים האָבן באַמערקט, אַז דזשין האָט דעם חן פון איר טאַטן, האָט זיך די מוטער ניט געפילט דערפון געטראָפן:

— איך בין גליקלעך, וואָס מיינע קינדער קוקן אויס ווי דער פאָטער זייערער, בפרט מיין מיידעלע, — פלעגט זי אָפט צוגעבן.

די בערנאַדים האָבן געפירט אַ גליקלעך לעבן.

איבערהויפּט האָט מען זיי מקנא געווען, וואָס ביי די מיטעלע יאָרן האָבן זיי שוין די זכיה צו האָבן דריי זין און די מיינס . . . זיי ברענגען דאָך אַהיים אַ פאַרמעגן! . . .

בערנאַדים אַלטע שטוב, האָט מען געזען, ווערט אָפּגעהיט. דאָס הויז באַקומט גאָר אַן אַנדער פּנים. יעדן יאָר בויט מען צו אַ פליגל. די בחורים ווילן שוין האָבן צימערן פאַר זיך. די מרס. בערנאַדי האָט איבעראַניים געמוזט זיך איינשפּאַנען אין יאָך, כדי צופרידנצושטעלן איר איבערגעוואַקסן געזינדל, די ניי־צוגעקומענע דעה־זאָגער אין שטוב.

פון דעם האָבן, פאַרשטייט זיך, שכנים ניט געוואוסט.

און אין ווינטער־טעג, ווען די מוטער האָט געוואָרפן קוילן אין דעם גליענדיקן אויוון, האָט זי פלוצלונג דערפילט, אַז עס לאָזן זיך איר אויס די כוחות, אַז די פינף און צוואַנציק יאָר שווערע פּראַצע האָבן אָפּגעשוואַכט איר געזונט, אַז עפּעס איז ניט גלאַט מיט איר.

דאָן האָט זי אַ טראַכט געטאָן פון איר איינציק טעכטערל דזשין. שוין פופצן יאָר, אַז זי האָדעוועט איר, דזשינען, אָבער זי האָט איר אין אירע יונגע שול־יאָרן ניט געוואָלט אַריינשלעפּן אין דער אַרבעט איר אַרויסצוהעלפן אין הויז. זאָל דאָס יונגע קינד ניט דערפילן דעם שווערן יאָך פון אָרעמער באַלעבאַטישקייט. זי האָט איר געוואָלט אויסהיטן פון וואַשן גאַנצע באַליעם וועש און פון טאָן אַנדערע שווערע אַרבעט אין הויז. עס האָט איר, דער מאַמען, שטאַרק וויי געטאָן, וואָס אירע איבערגעוואַקסענע בנים האָבן ניט קיין ברעקל געפיל פאַר זייער איינציק שוועסטערל דזשין, און זיי האַלטן איר, דער מאַמען, אין איין אויפוואַרפן, אַז זי איז מיט איר טעכטערל „טו איזי". זיי וואָלטן נאָר געוואָלט שווער מאַכן איר יונג לעבן.

אָבער שווערע טעג האָבן זיך פאַרט אָנגעהויבן פאַר דזשינען.

די אַכט צימערן ביי די בערנאַדיס זיינען געוואָרן ווי אָנגעפּילט מיט פּולווער.

די דערוואַקסענע זין האָבן מיטאַמאָל דערפילט אַז ענגשאַפט, אַזוי ווי די צימערן וואָלטן פּלוצלונג איינגעשרומפּן געוואָרן, יעדערער פון זיי האָט געזוכט אַ פּלאַץ פאַר זיך, פאַר זיינע פּריוואַטע אינטערעסן.

פאַר טאַטע־מאַמע זיינען די זין געוואָרן ממש אַ רעטעניש. זיי דערקענען ניט זייערע אייגענע קינדער. עס איז ניטאָ מער די דימ־ציפלין, וואָס דער פאָטער פלעגט אָנהאַלטן.

עס האָט אויך ניט געהאָלפן דעם פאָטערס נייער אופן פון ריידן צו די קינדער. די לעצטע צייט גיט זיך אים קוים איין צו פאַרפירן אַ שמועס מיט זיינע דריי עלטערע מיוחסים, די בנים, וואָס רעכענען זיך שוין פאַר די ברויטגעבער. ער רעדט צו זיי מיט הארץ:

— איר דאַרפט זיך, קינדער, ניט בייזערן אויף אייער מאַמען. איר האָט פון איר געמאַכט אַ דינסט. איר טשעפּעט זיך צו אייער איינציקער שוועסטערל, איר ווילט זי איינשפּאַנען אין עול, זי זאָל אייך באַדינען, יעדערער פון אייך וויל אויף איר אָרויפצווינגען זיין ווילן, זיין מאָראַל: דאָס קינד זאָל שטענדיק זיין אין דער היים מיט דער מאַמען, ניט גיין אין ערגעץ, ניט ריידן מיט קיינעם, ניט אָנקוקן די ליכטיקע שיין. אָבער איר אַלע? ווער זעט אייך אַז אין די אויגן? איר אַליין זיינט בלויז געוואָרן ווי פרעמדע ביי טאַטע־מאַמע. אמת, צו אייך קען איך אַזוי פיל טענות ניט האָבן. איר אַרבעט כאָטש און גיט דעם טאַטן וויפיל איר ווילט. אָבער וואָס טוט מען מיט ניקין, מיט טעדין? ניקי ליגט אין „פּול־רום" ביז האַלבער נאַכט, און טעדי ליגט איבער די „פּייטינג־אַרענעס", קומט אַלע מאָל אַהיים מיט אונ־טערגעהאַקטע אויגן, די נאָז איז ביי אים שוין אַ צעקאַליעטשעטע. און ווער ווייסט, צי מען האָט אים פאַר די צען דאָלאַר, וואָס ער קריגט פאַר אַ „פייט", שוין אַמאָל ניט אונטערגעקלאַפּט די לונגען?

נאָך אַזאַ אָפּנהאַרציקן שמועס מיט די עלטערע זין, ווערט אים, מר. בערנאַדין, אַ ביסל גרינגער. אים דאַכט זיך, אַז ער האָט פאַר זיי זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ. אפשר וועלן זיי דאָך ווירקן אויף די איינגערע ברידער, זיי זאָלן גיין אויפן גלייכן וועג. אָבער אָט־דער שמועס מאַכט נאָך ערגער די לאַגע. די איינגערע זין ווילן זיך ניט לאָזן באַלעבאַטעווען פון די גרויסע, ברעכן אוים געשלעגן צווישן די

עלטערע מיט די אינגערע זין — א שטענדיקער ברודער־קריג, מיט טאטע־מאמע אין מיטן.

אין אט אזא אטמאספערע וואקסט זייער שוועסטערל דזשין.

אבער דזשינס פויסטן זיינען ניט בכוח בייצוקומען די ריזיקע בחורים, וועלכע האבן געמאכט א מין יד־אחת קעגן איר.

אמת, אמאל האט זי פון די ברידער געהאט א סך גוטע זאכן, ס׳רוב געגעסן זייער שאקאלאד, זיי פלעגן זי אויך נעמען אין די מואוויס; יעדן מאל, ווען זי האט געבראכט פון שול א גוטע „רעפארט־קארד״, האבן זיי זי געהאלטן פאר דער „סמארטעסט״ אין דער פאמיליע, און זי האט זיך געפילט אלס זייער „פעט־סיסטער״, אבער דאס איז אלץ געווען אמאל, ווען זי איז נאך געווען א קליין מיידעלע. היינט אבער איז אנדערש, היינט פאראומערן זיי איר דאס לעבן, ווי זיי וואלטן זיך אפרעכענען מיט איר פאר די גוטע זאכן, וואס זיי האבן איר אמאל געגעבן. זיי ווילן גארניט פארשטיין, אז זי איז שוין א דערוואקסן מיידל, און האט אירע אייגענע אינטערעסן.

ווען עס גיט זי א צי אין גאס און זי טרעפט זיך מיט אירע אמאליקע שול־חברים, וואקסן זיי אויס, די ברידער, ווי פון אונטער דער ערד און זיי טרייבן זי אהיים. זי ווייסט, אז זי איז ניט באגאנגען מיט דעם קיין זינד, זי האט אפילו ניט גע׳חלומ׳ט זיך צו באגעגענען מיט קיין שטענדיקן „באי פרענד״, אין וואס די ברידער זיינען זי חושד. און דא פארשעמט מען זי אזוי. קיינער וועט זיך שוין מיט איר באלד ניט וועלן באגעגענען.

און דזשין האט מיטאמאל באשלאסן צו ווערן זעלבסטשטענדיק.

זי איז שוין אלט געווען זעכצן יאר, און אנשטאט צו ענדיקן סקול, האט זי אנגעהויבן טרוימען וועגן גיין ארבעטן אין פאבריק — טאקע ניט ווייט פון איר היים. מען מאכט דארטן פרויען־קליידער. די מיידלעך, הערט זי, פארדינען דארט ניט שלעכט, און זי זעט ניט איין פארוואס זי זאל דאס ניט קענען טאן.

ציען זיך פאר דזשינען די ביינאכטיקע שעה׳ן אזוי לאנג. אין דער פינצטער, אויפן געלעגער, טראכט זי וועגן דעם איבערגאנג פון דער סקול־וועלט צו דער ארבעט־וועלט.

עס איז איר אפילו שווער אויפצודעקן אירע געדאנקען פאר טאטע־מאמע.

דער קאפ איז איר סיי־ווי מער ניט ביים לערנען. דערצו שרעקט

זי זיך אויסצוזאָגן, אַז אַ פּאָר טעג איז זי שוין ניט געווען אין סקול. עס טראָגט זי יעדן פרימאָרגן צו דער פאַבריק, וואו עס רוישן די מאַשינעס און עס קלאַפּן די פּרעס־אייזנס. ווער ווייסט, צי מען וועט זי דאָרטן אַריינגעמען? עס פעלט איר אויס מוט אַריינצוגיין בעטן אַ דזשאָב אַלס אַן אַנפאַנגערין.

אַז די עלטערן האָבן באַקומען אַ קאַרטל פון סקול, אַז זייער טאָכטער, דזשין, איז שוין אַ פּאָר טעג אין סקול ניט געווען, האָט דער ביטערער סוד געפּלאַצט. דורך טרערן האָט זי קלאָר געמאַכט איר באַשלוס פאַר די עלטערן, אַז זי גרייט זיך צו גיין אַרבעטן. די בערנאַרדיס האָבן צו דעם געמוזט צושטימען.

ווען דזשין האָט פון טאַטע־מאַמע געקראָגן די דערלויבעניש צו גיין אַרבעטן, וואָס דאָס מיינט צו ווערן זעלבסטשטענדיק, האָט זי זיך געפילט גליקלעך. זי האָט באַקומען מער מוט צו גיין און זיך נאָכפרעגן וועגן אַ דזשאָב. נאָך אַ סך אָנשטרענגונג און באַמיאונגען האָט זי ענדלעך דערגרייכט איר ציל.

אין אַ זייטיק געסל, באַרג אַראָפּ, לינקס, שניידט זיך אַ וואַסער, וואָס יאָגט זיך מיט שטורם באַקעמפנדיק די אַנגעוואָרפענע פאַרזשאַווערטע אייזנוואַרג, בלעכענע פושקעס און די אַלטע גומענע רעדער, וואָס האָבן דאָרטן געפונען זייער מקום מנוחה.

פּונקט אַנטקעגן, צו מזרח, שטייט אַ גרויסע רויטע ציגל־געביידע, וואָס דער זשאַווער איז שוין פאַר יאָרן און יאָרן צוגעקאָוועט צו אַלע ווינקעלעך. אָט די געביידע האָט אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, געדינט ווי אַ פּאַבליק סקול, וואו ס'האָבן זיך געלערנט די קינדער פון די מיינערס. היינט איז די געביידע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שניידער־פאַבריק פון פרויען־קליידער.

דאָס האָבן די שטאָט־טאַטעס (די באָארד אָף טרעיד) באַזאָרגט די דערוואַקסענע מיינערס קינדער, זיי זאָלן זיך קענען אויסלערנען שניידעריי און אַזוי אַרום אַרויסהעלפן זייערע עלטערן, ווען די טאַטעס, נאָך לאַנג־יאָריקער אַרבעט אין די קוילן־גריבער, זיינען געוואָרן אַסטמאַטיש און צעבראָכן פון רעוומאַטיזם.

אָט אין דער דאָזיקער פאַבריק געפינען זיך שוין צענדליקער מיינער־טעכטער, וואָס זיינען מיטאַמאָל „אויפגעריכט געוואָרן" צו ווערן די שפּייזער פון זייערע אָרעמע טאַטע־מאַמע.

אהין האט עס געצויגן די זעכצן־יאריקע דזשין, וועמענס פאטער האט שוין געציילט דאס פינף און צוואנציקסטע יאר אלס קוילן־גרעבער.

אודאי, די בערנאַדים האבן גע׳חלום׳ט גאר אז אנדער חלום וועגן זייער איינציק טעכטערל, דזשיניעטא. ניט אומזיסט האבן די אנדערע קינדער געהאט טענות צו דער מאמען, אז זי האט זייער שוועסטערל צופיל געקעכלט און צעפיעשטשעט. און די מוטער האט געפילט, אז ס׳איז דא אין דעם א שיין ביסל אמת. זי האט אבער ניט געוואלט מאכן פון איר טעכטערל דאס, וואס זי, איר מאמע, איז געווען אין דער אלטער היים.

זי געדענקט נאך גוט, די מאמע, איר אייגן שווער לעבן, ווען זי איז אין דזשינס יארן געווען, ווי זי האט די עמער וואסער פון ברונעם געטראגן, די שווערסטע ארבעט געטאן אין זייער ארעמער היים אין איטאליע. אפילו אונטערשרייבן איר נאמען האט זי ניט געקענט. האט זי דערפאר געטרוימט, אז איר טעכטערל זאל כאטש זיין געבילדעט שוין אויך פאר איר, דער מאמען. אבער עס האט זיך איר ניט איינגעגעבן, ווי די השגחה וואלט זיך שטענדיק איר אנטקעגן געשטעלט. . . .

שוין א פאר שעה, אז דזשין שטייט ביים פרעס־אייזן, זי לערנט זיך די מלאכה פון פרעסן קליידלעך.

אין א ריי שטייען צוועלף מיידלעך, וועלכע זיינען אויסגעקליבן געווארן פאר אט דער זייער שווערער מלאכה. זיי מוזן אויספרעסן הונדערט קליידלעך א טאג אום צו קריגן א דזשאב אין יענער פאבריק.

אויך דזשין שטייט אין מיטן און פירט דעם אכטפונטיקן אייזן מיט אלע אירע כוחות. דאס פרעסט זי אונטער קעלנער, וואס דער פארמאן האט איר געגעבן.

דער מיטליאריקער מיסטער קאהן, וואס האט געפרעסט שוין דרייסיק יאר און זיך ענדלעך ארויפגעארבעט צו זיין א פארמאן אין אמעריקע, אזש אין פענסילווייניע, ביים סאמע הארץ פון די קוילן־גריבער, אט דער מר. קאהן האט שוין אויסגעלערנט הונדערטער „שיקסלעך" אט די שווערע מלאכה. ער קען נאך עד היום ניט פאר־שטיין, פון וואנעט עס נעמט זיך אזא גבורה ביי די אמעריקאנער

יונגע פרויען, וואָס זיינען געוואַקסן אין אָרעמקייט און אין דחקות, ביי די איטאַליענישע און פּוילישע עלטערן, פון וואַנעט נעמען זיך ביי זיי כוחות צו שטיין און פּרעסן אַזוי פעסט און געשווינט?

ער אַליין, מר. קאָהן, איז געווען אַמאָל אַ גבור אַ יונג. די אַמע־ריקאַניזירטע קרובים האָבן אים, ביי זיין אָנקומען פון דער אַלטער היים, אַריינגעפירט אין דעם ברויט. זיי האָבן אים באַוויזן, אַז פאַר אַזאַ יונג מיט ביינער ווי ער איז ווערן אַ קלאָוק־פּרעסער אַ גליק פון זיין ליבן נאָמען. ביז היינט האַלט ער זיך נאָך דערביי, כאָטש ער פּרעסט שוין ניט מער, אָבער זיינע פיס האָט ער שוין לאַנג פאַרלוירן.

און ווען ער זעט, ווי יונגע קינדער פאַרנעמען זיין אָרט ביים פּרעס־ברעטל, פאַרקווענקשט אים ביים האַרצן. ער זוכט זיינע „תלמידים" באַהילפיק צו זיין מיט וואָס ער קען נאָר.

ער באַמערקט די אָנפאַנגעריןזשינען, ווי זי שטייט אַז אָנגע־שטרענגטע ביי דער אַרבעט מיט אַז אויסדרוק פון שרעק אויף איר פנים, פירט שווער דעם פּרעס־אייזן איבער דעם קאָלנער און מאַטערט זיך אַרויסצוברענגען די אַרבעט ווי עס דאַרף צו זיין. פּרובט ער פאַרלייכטערן איר שווערן געמיט מיט עטלעכע גוטע ווערטער:

— נאָר ניט געשראָקן זיך, „גורל", — זאָגט ער צו איר ווייך, — פיר דאָס אייזן אין דער לענג . . . אָט אַזוי . . . עפּן די נאָטן מיטן שפּיץ פינגער פונם אייזן . . . דאָט'ס ראַיט . . . וועסט נאָך זיין אַ פוירסט קלאַס פּרעסער אין מיין סעט . . . דו ביסט נאָך יונג, קאָנסט זיך נאָך גוט אויסלערנען.

די אַנדערע מיידלעך פירן די אייזנס. די פאַרע זעצט אין פנים. די אַנדערע מיידלעך הערן ניט מחמת דעם אַרומיקן גערויש מיסטער קאָהנס פריינטלעכע רייד. אָבער זיי ווייסן שוין זיין שפּראַך און וואונדערן זיך ניט, ווייל אויך צו זיי האָט ער אַמאָל אַזוי גערעדט און זיי דערמוטיקט.

שוין פיר חדשים, אַז דזשין אַרבעט אין שאַפּ צוגלייך מיט אַלע אַנדערע אַרבעטער. און כאָטש די היץ איז גרויס, און זי פילט אַפּט ווי די כוחות גייען איר אויס שטייענדיק ביים הייסן אייזן, גיט זי זיך פאַרט ניט אונטער. זי וויל ניט, אַז מיסטער קאָהן זאָל זי חושד זיין אין פעלשן די שטונדן. זי וויל אויך ניט, אַז עס זאָל זיך

דערטראָגן צו אירע עלטערן וועגן איר האַרעוועז שווער אין שאַפּ.

אין שאַפּ האָט מען געמערקט, ווי דאָס שוואַרצ'חנ'עוודיק מיידל, דזשין, האָט זיך אין די פיר חדשים געענדערט. אונטער אירע אויגן — צוויי שוואַרצע פּאַסן. דער שוויים האָט זיך אין איר איינגעגעסן, ווי זי וואָלט פאַרגעסן אים אָפּצוואַווישן. אויך די אַרבעטס־קליידער זיינען ניט אַזוינע, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ בריה ווי איר מאַמע איז. אירע ברידער, די בערנאַדים, זיינען דאָך די גרעסטע ספּאָרטס אינם געגנט. זאָל עפּעס האָבן געשען מיט דזשינען? — האָט מען אין שאַפּ געטראַכט.

און ווען שאַפּ־מענטשן האָבן זיך צופעליק דערוואוסט, אַז דזשין מאַכט נייע ציפערן אין איר „פּעי־ענוועלאָפּ” און זי נעמט אַרונטער פאַר זיך קליינגעלט אָן די עלטערנס וויסן, דאַן האָט מען זיך משער געווען, אַז אַן אורזאַך פאַר דזשינס נאַכלעסיקייט איז געווים פאַראַן: ניט אומזיסט ווערט זי אויסגעטריקנט פון טאָג צו טאָג . . .

עס איז מער קיין סוד ניט געווען, אַז יעדער פּעני, וואָס די מיידל פאַרדינט, גיט זי אַוועק אירע עלטערן. דאָס האָט זי פאַרנומען דעם פּלאַץ פון איר עלטערן ברודער, טאָמי, וואָס האָט פּלוצלונג חתונה געהאַט. זי האָט געמוזט העלפן איר פאָטער צו שפּייזן די היים.

שוין עטלעכע חדשים זיצט דער טאַטע אירער אין דער היים, כדי זיך דערהאַלן פון זיין אַסטמע־אַנפאַל. עס וועט לאַנג ניט נעמען, ווייסט זי, און טאָני מיט סטענלין וועלן אויך איבערלאָזן טאַטע־מאַמעס היים. זי קען די „סוויטהאַרטס”, וואָס לאָקערן איבער זיי. וועלן אין דער היים בלייבן די צוויי וואַגאַבונדן — ניקי און טעדי — וואָס זיי פאַרשוואַרצן די עלטערן דאָס פּנים מיט זייער שלעכטן אויפפירן זיך. אָט די תכשיטים קוועטשן פון איר אַרוים די געציילטע סענטן, וואָס זי מוז פאַר זיי בשתיקה אַראָפּנעמען פון איר געהאַלט. און עס בלייבט איר אַפילו ניט איבער אַ סענט פאַר אַ פּאָר זאָקן, אָדער אויף גיין אַ מאָל אין אַ מואווי. זי טראָגט אויף זיך דריי קייטן, — שפּייזן דאָס הויזגעזינט, העלפן דער מוטער אין דער באַלעבאַטישקייט און זאָרגן ווי אַזוי, ניט־באַמערקטערהייט פאַרן טאַטן, אָפּצושטעקן אירע צוויי ברידער די פּאָר סענט, וואָס ווען זי גיט זיי דאָס ניט, שלאָגן זיי זי אָן רחמנות. זיי וואַרטן דאָך זי אָפּ אינם טאָג פון „פּעי־דעי”, ווען זי גייט פון שאַפּ, און זיי נעמען ביי איר צו דאָס קליינגעלט.

אַ גליק נאָך, וואָס איר יונגסטער ברודער, פרענק, העלפט אַביסל צו אין הויז און ער איז סתם פיינער פון זיי. אָבער אויך ער האָט שוין אין דער שטיל אַ „גוירל פרענד" און ער וועט שויז, מן הסתם, אויך אין גיכן פאַרלאָזן טאַטע־מאַמען.

אָבער ניט אייביק איז מעגלעך צו האַלטן אַ סוד. דער פאָטער איז געוואָר געוואָרן, אַז די זינדעלעך, ניקי און טעדי, נעמען צו אַ טייל פון זיין טאָכטערס שווער־פאַרהאָרעוועטע געלט, און ער איז געוואָרן זיין טאָכטערס באַשיצער אינם טאָג פון „פעי דעי".

ווי יעדער פאָטער, האָט ער געוואָלט אויסמיידן, אַז זייטיקע מענטשן זאָלן ניט האָבן עפּעס אַ חשד, וואָס פּלוצים איז ער געוואָרן אַ שומר איבער זיין איינציקער טאָכטער. האָט ער באַשלאָסן צו פאַר־טרויען דעם גוטמוטיקן פאָרמאַן פון דער פאַבריק, מיסטער קאָהן, אַלץ וועגן וואָס דאָס האַנדלט זיך דאָ.

— איך בין דזשינס פאָטער, — האָט בערנאַדי אָנגעהויבן און אין די אויגן האָבן זיך אים געשטעלט טרערן. — שוין עטלעכע וואָכן, אַז איר זעט מיך אַהער קומען אינם טאָג פון „פעי דעי". איר מוזט זיך געוויס וואונדערן, וואָס איך האָב פּלוצלונג אָנגעהויבן צו קומען אַהער אין דעם טאָג? אָבער שענקט מיר, איך בעט אייך, עטלעכע מינוטן, ס'איז דאָך שוין סיי־ווי נאָך דער אַרבעט, וועל איך אייך אַלץ דערציילן. איר האָט דאָך מיין קינד „געטריט" ווי אַן אייגענער פאָטער, און איך דאַנק אייך דערפאַר. איר האָט דאָך געוויס אויך קינדער, אפשר האָט איר בעסערע קינדער ווי איך, — זאָל אייך גאָט העלפן, איר האָט עס אודאי פאַרדינט. אָבער ביי מיר, מיין פריינט, איז זייער טרויעריק.

„דזשין איז מיין איינציקער טרייסט אין לעבן. זייט מיך ניט חושד, אַז איך קום אַהער זי אַהיימנעמען, חלילה, פאַר שלעכטס. זי איז אַ גוט קינד, אַ געטריי קינד, נאָר זי איז ביי מיר איינע צווישן פינף וועלף. גאָט האָט מיך געשטראָפט, אַז איך האָב ניט קיין מזל צו מיינע אַנדערע קינדער, זיי דערגייען מיר די יאָרן. טאָמער פאַרדינט דאָס קינד אַ פּאָר דאָלאַר, נעמען עס ביידע ברידער ביי איר צו. זי האָט געמוזט ווערן אַ ליגנערקע צוליב זיי. מיינע בעסטע קינדער, די וואָס האָבן אַרויסגעהאָלפן אין הויז, האָבן מיך אין איין יאָר איבער־געלאָזט, זיי האָבן חתונה געהאַט. זאָל זיי זיין מיט מזל, מען קען קיין קינדער ניט צוהאַלטן. געבליבן בין איך מיט די ערגסטע צ ו ו י י.

און דער יונגסטער, פרענק, דוקא א וואוילער באַי, האָט זיך איינגע־שפּאַרט, אַז ער וויל גיין אין סי סי קעמפּ. דאָס פיינסטע קינד איז ביי מיר, פרענקי, פון אַלע מיינע זעקס באַיעס. ער איז ניינצן יאָר אַלט.

„פינף און צוואַנציק יאָר, אַז איך אַרבעט אין די מיינס. כ׳האָב שטענדיק געמאַכט אַ לעבן פאַר מיינע קינדער, זיי געהאַלטן אין סקול ביז זעכצן, זיבעצן יאָר. מיין שטוב, אויף וועלכער איך האָב זיך אַזוי פיל פאַרשולדיקט, איז אויך ניט געצאַלט געוואָרן פון קיין פרעמדס. ס׳איז מיין האַרעוואַניע. אודאי, כ׳האָב געהאָפט, אַז ווען די קינדער וועלן אויפוואַקסן, וועלן זיי דערצאָלן דאָס איבעריקע, איך וועל דאָך אייביק ניט לעבן. נו, איז געקומען אויף זיי אַן אויסכאַ־פּעניש. און איך, ווי איר קוקט מיך אָן, בין שוין אויך ניט דער וואָס געווען. כ׳פּיל מיך ניט מיט אַלעמען, אַרויס פון די כוחות. איך מוז זיך אַביסל אָפּרוען, אום צו קומען צו זיך.

„די איינציקע, וואָס אַרבעט איצט איז דזשין. מיט אירע צוועלף דאָלאַר אַ וואָך קען מען דאָך ניט אויסקומען, מאַרגעדזשעס קען מען געווים ניט צאָלן, און דאָס קינד דאַרף דאָך אויך אַמאָל קומען צו לייט״.

ער האָט זיך אַביסל אָפּגערוט, אָפּגעווישט דעם שוויים פון שטערן, שווער אָפּגעאָטעמט און ווייטער אָנגעהויבן:

„איר פאַרשטייט, מיסטער קאָהן, איך קען ניט ריידן, מיין אָטעם איז קורץ. עס הייבן אין מיר אָן קאָכן די בלוטן, ווען איך דערצייל עמיצן מיין בראָד . . . פּשוט דערשטיקט צו ווערן . . . גאַנצע נעכט, אַז איך שלאָף ניט, עס פאַרדריסט מיר, וואָס איך האָב געלאָזט מיין פרענקן גיין אין קעמפּ. אויף אים האָב איך נאָך געלייגט אַ שטיקל האָפנונג . . . איך האָב קוים דערלעבט דאָס אינגל זאָל אַהיימקומען און מיר אָנזאָגן די בשורה, אַז ער וועט שוין מער אַהין ניט פאָרן.

„איך בין אַוועק צו דער קאָמפּאַניע, זיך געזען מיטן טשיף פון די מיינס, זיך געבעטן ביי אים: „פינף און צוואַנציק יאָר אַרבעט איך ביי אייך אָן אַ שום עקסידענט. איך קען איצט ניט פאַרדינען. זאָל מיין קינד פאַרנעמען מיין פּלאַץ. ער וועט זיין אַ גוטער אַרבעטער ווי זיין טאַטע און די אַנדערע ברידער״. די קאָמפּאַניע האָט עס מיר צוליב געטאָן.

„ווער ווייסט דען מיט וואָס פאַר אַ פרייד דאָס אינגל פּלעגט אַהיימקומען פון דער אַרבעט? די מאַמע זיינע האָט אויפגעלויכטן.

„איך האָב צונויפגערופן די דריי ניט־פאַרהייראַטע זין, אַפילו

די שלעכטע צוויי, ניקין און טעדין, פארט קינדער, און איך האב צו זיי אזוי געזאגט:

„קינדערלעך, איר זענט נאך „סינגל״, איר זענט יונג, גאט האט געהאלפן פרענקי ארבעט, דזשין ארבעט, איצט געפינט איר זיך ארבעט! די שטוב איז אייערע, צאלט זי אויס, איך מיט דער מאמען דארפן בלויז איין צימער . . .

„געוויס האב איך פון די צוויי, ניקין מיט טעדין, גארניט דער־ווארט. זיי זיינען געווען און זיי וועלן שוין בלייבן קאליע. נאר מיין פרענקי — ער האט מיך ארומגענומען און געזאגט:

— זארג ניט, פאפ, איך וועל דיר העלפן . . .

„מען האט געכאפט פאפיר, גע׳חשבונ׳ט, וויפיל מען איז נאך אויף דער שטוב שולדיק, ווי לאנג מען דארף נאך צאלן? אין זעקס יאר ארום זיינען מיר פריי פון צאלן.

„דאס מיידל, וואס איז געווען דערביי, איז געווען אין זיבעטן הימל פאר פרייד. די שטוב האט מיטאמאל אויפגעלעבט. דער מאמעס פנים האט געלויכטן. איך אליין האב זיך אויך דערפילט לייכטער. יעדע וואך, יעדן טאג איז געווען ביי מיר א שמחה. דאס געפיל, אז איך און מיין ווייב וועלן כאטש האבן אויף דער עלטער וואו דעם קאפ אוועקצולייגן האט מיך געמאכט גליקלעך.

„אבער, — האט בערנאדי געצויגן שווער דעם אטעם, — מיין גליק האט אנגעהאלטן בלויז פינף וואכן צייט. און אויך פרענק, מיין בעסטער זון, איז מיטאמאל פון דער היים פארשווואונדן.

„איך בין געלאפן צו שכנים, געקלאפט אין פרעמדע טירן — מיין פרענק איז ווי אין וואסער אריין.

„א פארטרויערטער זיץ איך מיט מיין אלטער און וויין. ס׳ערשטע מאל אין מיין לעבן, אז ס׳האט מיך געריירט ביז טרערן. איך שריי צו די אנדערע צוויי: ניקי, טעדי, לויפט! זוכט! וואו איז ער פארט? איך בין דאך א טאטע, כ׳מעג וויסן, אפשר שוין אויף אים אויך אן אויסכאפעניש? . . . איר ווייסט דאך אלץ, וואס ס׳טוט זיך אין „טאון״.

„מיין בעסטער זון, פרענק, מיין האלבער שפייזער אויף די קראנקע יארן, איז אוועק אז א „גוד־ביי״ צו טאטע־מאמע . . .

„ . . . בין איך איצט געבליבן מיט מיינע צוויי זין, די אויס־ווארפן, ניקי און טעדי. איז ניט גענוג וואס זיי העלפן מיר גארניט,

ווארטן זיי נאָך אַפּ דזשינעז יעדן „פּעי דעי" און נעמען נאָך אַראָפּ פון אירע שוווער־פאַרהאָרעוועטע פאַרדינסטן. אויב זי גיט זיי ניט, שלאָגן זיי איר. פאַרשטייט איר שוין, מיסטער קאָהן, פאַרוואָס איך קום איצט יעדן „פּעי דעי" און נעם זי אָפּ פון שאָפּ? . . . אַנטשולדיקט מיר, פאַר מיין צונעמען ביי אייך אַזוי פיל צייט . . . זייט דערפאַר געבענטשט . . ." — האָט ער דערענדיקט טרויעריק.

מיט אַ שווער געמיט האָט זיך בערנאַדי אַרויסגעלאָזט אויפצוזוכן זיין פרענקן, צו דער הויז וואו ער האָט זיך אַרויסגעצויגן פון טאַטע־מאַמע.

מיט אים איז מיטגעגאַנגען זיינער אַ שכן, אַ יונגנט־פריינט, מייק קוסאַנאַ, און מיט אים איינגע'טענה'ט:

— הער זיך איין, בערנאַדי, דו זאָלסט זיך ניט דערוועגן טאָן עפּעס שלעכטס פרענקן, אָדער די צוקונפטיקע מחותנים זיינע. זיי זיינען גאָר ניט שולדיק. ווען דו האָסט אַ טאַכטער חתונה צו מאַכן, און אַזאַ יונג ווי דיין פרענקי טשעפּעט זיך צו צו איר, וואָלסטו אים אויך מיט פאַרגעניגן געהאַלטן. דו מוזט זיך נעמען אין די הענט. דו ביסט טאַקע אַ טאַטע, דער ווייטאָק איז גרויס, אָבער מיט דיין כעס, ווי איך זע דיך איצט, קענסטו אָנטאָן אַ סך שאָדן זיך און יענעם.

קוסאַנאַס ווערטער האָבן בערנאַדין נאָך בייזער געמאַכט, און ער האָט געאיילט אַ זאָג געטאָן:

— רעד ניט קיין נאַרישקייטן, קוסאַנא, „דהאַט איז נאַנסענס", איך בין ניט פאַראינטערעסירט אין זיי, כ'קען זיי ניט, ווייס זיי ניט, און וויל זיי ניט קענען! אויב ביי זיי איז אַ קרן צו האַלטן ביי זיך אַ פרעמד קינד, ניט ווויסנדיק ווער זיינע עלטערן זיינען און פון וואַנען זיי שטאַמען, דאָן קען איך זיך מיט זיי ניט אָנקערן. איך בין אויסן מיט מיין גאַנג איין זאַך — אַהיימנעמען פרענקן. ניט פאַר מיר, נאָר פאַר דער מאַמען זיינער. שוין פיר נעכט, אַז זי האָט קיין אויג ניט צוגעמאַכט. איך מוז אים פרעגן: צי ווייסט ער, אַז ער שניידט פּאַסעס פון טאַטע־מאַמע? צי ווייסט ער אויף וועמען ער גייט אונדז פאַרבייטן? . . .

— אָבער אום גאָטעס ווילן, באַרואיק זיך, — בעט זיך ביי אים זיין פריינט. — דו ביסט גערעכט, אוודאי ביסטו גערעכט, דערפאַר גיי איך מיט דיר, אָבער זיי רואיק, מיר זיינען, דוכט מיר, שוין ניט

ווייט פונם הויז. מאַך זיך כאָטש ניט לעבערלעך פאַר פרעמדע מענטשן.

זיי זיינען צוגעקומען צום הויז. ווען זיי האָבן געעפנט די טיר, זיינען זיי געווען דערשטוינט צו זען, אַז אין הויז איז קיינער ניטאָ. ביידע חברים האָבן זיך איבערגעקוקט, ווי זיי וואָלטן ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס קיינער איז אין הויז ניטאָ.

בערנאַדין איז גלייך אַרויף אויף די געדאַנקען, אַז מען האַלט זיין קינד דאָ ערגעץ געפאַנגען אין אַ פאַסטקע . . . און אין אַ נערוועזער שטימע האָט זיך ביי אים ווי פון זיך אַליין אַרויסגעריסן:

— איז פרענק בערנאַדי דאָ ? !

עס האָבן זיך דערהערט לייכטע טריט פון „אפסטערז”. דאָס איז געווען די מוטער פון דער אַכצן־יאָריקער סטעלאַ, וואָס האָט שוין לאַנג געהאָלפן אַריינכאַפן דעם יונגען פרענק אין איר טאָכטערס נעץ, און האָט דערביי אַפילו ניט אַ טראַכט געטאָן, אַז זי באַגייט אַ זינד מיט דעם.

מיט איר איז מיטגעגאַנגען איר טאָכטער סטעלאַ. ביידע זיינען זיי שטיין געבליבן ווי דערשראָקן אין מיטן די טרעפ, ווען די צוויי מענער האָבן זיך באַוויזן.

— ווער זענט איר ? וועמען זוכט איר ? — האָט די פרוי געפרעגט.

— איך בין מיסטער בערנאַדי, פרענקס פאָטער. מיר האָבן געהערט, אַז פרענקי איז ביי אייך, שוין עטלעכע טאָג, אַז ער איז ניטאָ אין דער היים . . .

— יאָ, — האָט די פרוי געענטפערט צוריקגעהאַלטן, — ער איז ביי מיר, ער שרעקט זיך פאַר אייך, האָט מורא זיך מיט אייך צו באַגעגענען. אָבער ס'איז ניט מיין שולד. די קינדער האָבן זיך ליב שוין איבער אַ יאָר. אַז אים איז ליבער צו זיין דאָ ווי אין דער היים, קען איך אים פון מיין שטוב ניט טרייבן. איך בין טאַקע אַן אָרעמע אַלמנה, אָבער מיין סטעלאַ איז אַן ערלעך קינד, דאַנקען גאָט, די גאַנצע שטאָט ווייסט עס, און איך דאַרף זיך מיט מיין קינד ניט שעמען . . .

— איך האָב צו אייך גאָרניט, לידי, און איך האָב אויך קיין טענות ניט צו אייערע קינדער. אין קען אייך ניט, איך זע אייך היינט צום ערשטן מאָל. אָבער ווען אַ קינד באַהאַלט זיך אויס פון טאַטע־מאַמע אין אַ פרעמדער שטוב, און ער פילט ניט אַז זיין מאַמע זיצט

אין דער היים און באַקלאָגט אים, דאָן האָט ער די ווערט די תליה . . . ער האָט די ווערט, מען זאָל אים קאַטעווען ווי אַ הונט, האָט ער די ווערט . . .

פרענק, דערהערנדיק זיין פאָטערס קול, האָט זיך באַוויזן מיט זיין שוואַרצ׳חנ׳עוודיקער „סוויטהאַרט״, זיך אַרויסשאַרנדיק פון זיין באַהעלטעניש.

— אַט בין איך, פּאַפּ, — האָט זיך דערהערט זיין שטימע. — דו קענסט מיט מיר טאָן וואָס דו ווילסט. קענסט מיך קאַטעווען. איך האָט קיין שלעכטס ניט געמיינט, פּאַ, איך האָב סטעלאַן ליב . . . איך האָב דיר ניט געקענט זאָגן. זאָג אים דו, סטעלאַ, — האָט ער זיך געווענדט צו זיין געליבטער מיט אַ געבויגענעם קאָפּ.

אַז סטעלאַ האָט אַ ווײנענדיקע דערקלערט פרענקס פאָטער, אַז זיי זיינען קיין שלעכטס ניט אויסן געווען און זי האָט געבעטן פאָטער־לעכע פאַרצייאונג, איז שוין מר. בערנאַדים האַרץ ווייך געוואָרן און ער האָט געענטפערט:

— נו, געווים, אַ ברירה האָב איך? איך בין דאָך אַ טאַטע . . . דו ביסט געווען אַ פיין קינד . . . דו מיינסט טאַקע קיינעם קיין שלעכטס ניט צו טאָן. דו האָסט אים ליב, זאָגסטו, אָבער גלויב מיר, „גוירלי״, אַז קיין גוטס טוסטו זיך ניט ווען דו באַהאַלטסט אים אויס פון טאַ־טע־מאַמע. ער האָט, אַ דאַנק גאָט, אָנשטענדיקע עלטערן, ניט קיין גזלנים . . . און דווקא ווען עס האַלט אַזוי ווייט, מעג מען אַרויסקומען מיט אָפענע רייד, ניט ווי קיין פייגלינגע . . . אַזאַ האַנדלונג קען גלאַ־טיק ניט אָפּגיין . . . — האָט זיך בערנאַדי געהיצט.

— אָבער, פּאַפּ, איך בעט דיך, לאָז אָפּ די מענטשן! — האָט זיך פרענק געבעטן. — פליז, באַשולדיק ניט סטעלאַן און איר מוטער, זיי זיינען גוטע מענטשן. קיינער פון זיי האַלט מיך ניט אַז מיין ווילן. איך ליב סטעלאַן, זייט איך בין געווען אין קעמפּ. צוליב איר בין איך אַהיימגעקומען . . .

— זאָל שוין זיין געננוג! — באַפעלט דער פאָטער. — וועסט מיר אַלץ דערציילן אין דער היים, ביי מיר אין דער היים, דאָרטן איז דער פּלאַץ. דאָרטן וועלן מיר זיך אויסרעכענען. אַהיימגיין זאָלסטו, דאָס אַלץ וואָס איך וויל! . . .

עס האָט ניט געהאָלפן פרענקס צוזאָג, אַז ער וועט קומען שפּעטער.

— ניין, ניין, ניט שפּעטער! שווין די מינוט, גלייך מיט מיר! זאָל כאַטש די מאַמע דיינע זען, אַז איך האָב אַהיימגעבראַכט איר זונעלע, איר אוצר, איר טרייסט, איר ברויטגעבער...

דאָ האָט זיך שווין אַריינגעמישט דער מיידלס מוטער. מיט אַ געבראָכענער שטים האָט זי אַרויסגערעדט:

— כ'בעט דיך, פרענק, גיי מיט מיטן טאַטן דיינעם אַהיים. זאָל ער ניט מיינען, אַז מיר רויבן דיך אַוועק פון אים. מיין קינד איז אויך ניט פון קיין שטיין געבוירן... נאָר איך בין געשטראָפט, וואָס איך האָב ניט ווער עס זאָל זיך פאַר מיין קינד אָננעמען. איך קען איר טאַטן פון גרוב ניט אַרויסגראָבן.

אַ דריקנדע שטילקייט האָט געהערשט אַ ווייל. קיינער האָט אַט אין דעם טראַגישן מאָמענט קיין וואָרט ניט געקענט געפינען.

נאָר מיסטער בערנאַדי איז געקומען צו זיך און אַ זאָג געטאָן אין דער שטיל צו זיין פריינט קוסאַנאַ:

— ווער, מיר גייען אַהיים, אפשר דאַרף עס אַזוי צו זיין...

אַז בערנאַדי מיט זיין שכן האָבן דאָס הויז פאַרלאָזן, און פרענק איז דאָרט פאַרבליבן מיט זיין געליבטער, האָט ער שווין געוואוסט, מר. בערנאַדי, אַז זיין מי איז געווען אומזיסט. עס האָט אים שווין אָנגעהויבן צו פאַרדריסן, פאַרוואָס ער האָט זיך אַזוי מצער געווען און דערנידעריקט.

עס האָט ניט געהאָלפן די רייד פון זיין פריינט קוסאַנאַ, אַז עס קען נאָך אַמאָל אַלץ זיך אויסלאָזן צום גוטן, אַז די מענטשן קוקן אויס אַנשטענדיקע, און זיי האַלטן ניט פרענקן מיט געוואַלט. עס ליגט זיך אויפן שכל, ס'איז ניטאָ קיין פאָטער אין הויז, די פרויען נייטיקן זיך אין אַ באַלעבאָס... און אַמאָל איז עס גאָר אַ גליק פאַרן אינגל...

אַט אויף די אַלע טענות און באַרואיקונגען פון זיין פריינט האָט בערנאַדי בלויז אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט:

— אַלץ איז פאַרלאָרן!...

אַז די מיסעס בערנאַדי האָט דערזען ווי איר מאַן איז אַריינגעקומען אין שטוב אָן אַ וואָרט, האָט זי באַלד אָן זיין אויסטאָן דעם מאַנטל דערקענט, אַז איר וואָרטן איז געווען אומזיסט.

זי האָט ערשט איינגעזען, אַז איר דזשין האָט איר קיין ליגן ניט געזאָגט. באַלד נאָכן פאָטערס אַוועקגיין זוכן איר פרענקן, האָט איר די בת־יחידה אַריינגערוימט אַ סוד, אַז דעם טאַטנס גיין איז געווען

אומזיסט, אז די נעכט וואָס פרענק האָט גענעכטיקט אין דער היים זיינען געווען די לעצטע. זי זעט ערשט, אַז זי איז געווען בלינד צו אַלע אירע קינדער. און זי פאַרשטייט ניט פאַרוואָס איר שטראָף איז אַזוי גרויס, וואָס די קינדער פאַרלאָזן איר היים פאַר דער צייט, אַקוראַט ווי אַ קללה וואָלט אויף זיי געהאַנגען. איצט בלייבט זי בלויז ביי אירע צוויי שלעכטע זין, ניקי און טעדי, און איר איינציק טעכטערל, דזשין, וועלכע איז מיט די ברידער ווי פייער מיט וואַסער. קיין פּרנסה איז ניטאָ, און די צימערן האָט מען איר איבערגעלאָזט מיט די ליידיקע בעטן ווי קברים.

און בעת זי האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום די געלעגערס און געריייניקט דעם שטויב פון די פאַראומערטע בעטן און חדרים, זיינען איר געקומען אַנטקעגן די שווער־פאַרהאַרעוועטע יאָרן. זי האָט זיך דערמאָנט אין דער צייט, ווען זי און איר מאַן טאָני האָבן מיטן בלוטיקן שווייס געהאָלפן בויען די צוויי לעצטע צימערן, — דאָס וועט זיין פאַר די קינדער, זאָל יעדער קינד פאַר זיך האָבן אַן אייגן ווינקל. היינט, ווער ווייסט וועמענס ווינקל עס וועט זיין?

פאַלן זודיקע טרערן פון אירע אויסגעלאָשענע אויגן. . . .

מיט אַ געבויגענעם קאָפּ פּלעגט בערנאַדי באַגעגענען זיינע שכנים, פונקט ווי ער וואָלט אין עפּעס זיך געהאַט פאַרזינדיקט, וואָס ער האָט ניט די זכיה חתונה צו מאַכן זיינע קינדער ווי ביי לייטן.

ער האָט שוין געוואָלט פאַרגעסן זיינע טענות צו גאָט וועגן די זין, וואָס האָבן אים פאַרלאָזן. אים האָט געבויערט דער קאָפּ וועגן זיין בת־יחידה. וואָס וועט זיין דער תכלית מיט זיין דזשינען?

בערנאַדי דערפילט, אַז קיין טראַכטן און איבערטראַכטן וועלן דאָ ניט העלפן. ער מוז זיך צוריק אומקערן צו די מיינס. מיט זיין קורצן אָטעם וועט ער מוזן וואַרפן די שווערע שאַוולס קוילן אין די „טראַקס”. זאָל מען נאָר וועלן אים צוריקנעמען.

זיין גוטער רעקאָרד האָט אים געהאָלפן צוריק זיין פּלאַץ באַקומען אין קוילן־גרוב.

בערנאַדי האָט ווידער געצויגן זיין חיונה פון אייגענעם שווייס. „ער וועט ניט דערלאָזן, מען זאָל זיין היים ביי אים צונעמען . . . און ער מוז נאָך פון זיין דזשינען מאַכן אַ לייט”, — האָט ער געטראַכט.

אבער דא איז געשען אן אומגליק.

שוין דאס דריטע מאל, אז מען ברענגט דזשינען אהיים פון שאפ א פאר׳חלש׳טע. דאס טרעפט מיט איר אין מיטן דער ארבעט. עס ווערט איר פלוצלונג שלעכט. צי אירע נערוועז זיינען צו שוואך אויס־צושטיין די אייזערנע קלאנגען פון די פרעס־אייזנס, דאס רווישיקע קלאפן פון די מאשינעס, אדער די מורא׳דיקע היץ פאר׳חלש׳ט זי ?

עטלעכע וואכן צייט האט דזשין זיך געריסן צוריק אין פאבריק אריין :

— ס׳איז מיר גארניט ! — האט זי גע׳טענה׳ט. — איך וויל אין דער היים ניט זיין, איך בין ניט קראנק !

אבער די דאקטוירים האבן איר פארבאטן אפילו ארויסצוגיין אויף דער גאס :

— דו דארפסט קומען צו זיך, דזשין, דו מוזט זיך אפרוען, — האבן זיי געזאגט.

און ווען דזשין האט א שליידער געטאן דאס ערשטע פלעשל מעדיצין אויף דער פאדלאגע אין דעם דאקטארס אנוועזנהייט, און געטריבן די מענטשן פון זיך, האט מען ערשט דערזען, אז זי איז גייסטיק קראנק.

און די בערנאדים האבן דערפילט די נייע טראגעדיע, וואס דער שיקזאל האט אויף זיי אנגעשיקט. דאס האט אריבערגעשטיגן אלע פריערדיקע טראגעדיעס. זיי האבן געקענט איבערלעבן צו פארלירן זייערע זין פאר דער צייט. זיי האבן געקענט באוויינען זייערע שכנים, אז זיי זיינען ניט די איינציקע, וואס קינדער פארלאזן טאטע־מאמען, אבער דעם אומגליק מיט דזשינען, זייער איינציקע טאכטער, זייער איינציקע טרייסט און האפנונג אויף דער עלטער, דאס איז זיי שווער געווען אריבערצוטראגן.

ווען וועלן זיי קענען דערציילן, אז זיי האבן אויסגעהאדעוועט אן אכצן־יאריק מיידל פאר אן אנשטאלט פאר גייסטיק־קראנקע ? ווי וועלן זיי קענען באהאלטן דעם טרויעריקן אמת ?

ניט איין טרער האט דזשינס מוטער פארגאסן, ווען איר קראנקע בת־יחידה האט זי פאר די האר געריסן :

— קינד מיינס, — האט זי זיך ביי איר געבעטן, — האב רחמנות אויף דער מאמען, לאז איר כאטש לעבן פון דיינעטוועגן ! ברענג ניט

דערצו, מען זאָל דיך אָוועקנעמען, חלילה, אין פרעמדע הענט . . . ווי אין דער מאַמען . . .

אָבער דזשין האָט ניט געוואוסט, אַז דאָס רעדט צו איר דער איינציקער געטרייער פריינט אין איר לעבן, — איר מאַמע. . . .

שוין די פינפטע וואָך, אַז דזשין געפינט זיך אין אַ „אינסעין עסיילום".

אַפילו קינדער פון יענער גאַס, וואו דזשינס עלטערן וואוינען, קענען אויף זיכער דערציילן, אַז ווען מען האָט דזשינען אַוועקגענומען מיט צוואַנג אין האָספּיטאַל אין אַן אַמבולאַנס, איז אין איר ווי אַ דיבוק אַריין: פון איר מויל האָט געשלאָגן אַ שוים, דער פּנים אירער איז געווען פאַרלאָפן מיט בלוט . . . זי האָט געשלאָגן איר מאַמען, זיך געוועַרט קעגן די דאָקטוירים. זי האָט אַלעמען אַטאַקירט מיט אַ בייזער גבורה.

— איך בין ניט משוגע, איך בין ניט משוגע! — האָבן זיך געהערט אירע קולות.

דאָס הויז פון די בערנאַדים איז פאַרבליבן פּוסט און וויסט, און מיט אַן אייביקן פלעק פון האָבן אַ קראַנקע טאָכטער אין משוגעים־הויז, אַ פלעק, וואָס אַפילו די ביטערע טרערן פון די אומגליקלעכע טאַטע־מאַמע קענען ניט אָפּוואַשן.

דזשאָן קוסאַנאַ

דער זייגער האָט געשלאָגן פינף. דער סיגנאַל אַרום די קוילן־גרובן האָט זיך דערהערט. די מיינערס האָבן פאַרענדיקט זייער טאָג אַרבעט און זיך געאײַלט דורכצושניידן די פינצטערע אַלייען פון אונטערגרונט, כּדי אַהיימצוקומען וואָס גיכער און אַרומוואַשן די פאַרברודיקטע לײַבער.

אַז פראַנק קוסאַנאַ איז אַרויסגעקומען פון דער מײַן צום גאַס און דערזען פאַר זיך די ליכטיקע שײַן, האָט ער מיטאַמאָל דערפילט, אַז ס'איז צײַט אַרונטערצואוואַרפן פון זיך די שווערע ווינטערדיקע מלבושים, ווײַל דער פרילינג איז שוין דאָ און אַ נײַ לעבן פאַרשפּרייט זיך אויף דער מוטער־ערד.

אַ פרייל‏עכער האָט ער אויסגעגלייכט זײַנע אַקסלען פונעם שווערן טאָג אַרבעט און אויף גיך אַוועקגעשפּרייזט אַהיים מיט שווערע טריט.

שוין פופצן יאָר, אַז דער מיטליאַריקער איטאַליענער אַרבעט אין די קוילן־גריבער פון פּענסילווייניע. די צוויי מייל, וואָס ער דאַרף גיין יעדן טאָג פון זײַן היים צו די „מיינס" און צוריק, האָבן בײַ אים קיין באַטרעף נישט.

הײַנט מער ווי אַלע טאָג אײַלט ער זיך צו באַגעגענען זײַן ליבע קאַרמעלאַ, די דרײַ טעכטערלעך און זײַן בן־יחיד דזשאָני. ווי שטענדיק, זײַנען די קינדער גרייט צו דערלאַנגען אים אַ ריינעם האַנטוך, מיט די הויז־שיך, ער זאָל זיך אַרומוואַשן און איבערטאָן.

דאָס ריינע העמד מוז אים אָבער ברענגען זײַן ליבע קאַרמעלאַ. זי ווייזט אים, אַז דאָס העמד האָט זי ניט לאַנג פאַרריכט און קיין בעסערס האָט זי דערווײַל ניט געהאַט צוצוגרייטן — דערענדיקט זי ווי פאַרשולדיקט.

— ס'איז אַלרייט, קאַרמעל, פאַר אַ קבצן ווי איך איז דאָס העמד גוט גענוג. דער זומער קומט סײַ־ווי אַז, איז גוט אַן אַ העמד אויך, — ענטפערט ער איר, בעת ער האַלט זיך אין פּליוסקען אין ברייטן, פּירעקיקן סינק.

קאַרמעלאַ לאָזט אים איבער אין באַד־צימער און לויפט אַרונטער אין קיך.

אַלע אין הויז פילן, אַז „פּאָפּ" איז היינט אין אַ גוטער שטימונג, און מיט פאַרגעניגן העלפן די דריי היבשע טעכטערלעך זייער מאַמען צוגרייטן דעם מאָלצייט פאַרן אָנגעהאָרעוועטן טאַטן.

נאָר די שטימונג האָט זיך ביים פאָטער געביטן, ווען ער איז אַריינגעקומען אין קיך גרייט פאַר זיין מאָלצייט, איבער אַ מאָדנער סיבה, צוליב זיין דזשאָני.

פרענק, דזשאָנים פאָטער, האָט געהאַט דאָס גליק געבוירן צו ווערן אין איטאַליע, וואו ער האָט זיך דערצויגן אויף די הויכע בערג. ביי דעם אַקער־אייזן האָט ער זיין מוסקולירטן גֶעבוי באַקומען. ביז צוואַנציק יאָר האָט ער זיך אָנגעזאַפּט מיט דעם פרישן טוי פון דער מוטער־ערד. און פונקט ווי מען נעמט צו אַ קינד פון דער מוטערס ברוסט, אַזוי האָט מען פרענקן אָפּגעריסן פון זיינע ליבסטע: אַ שיף איז מיט דעם ריז קוסאַנאָן אַוועקגעשוואומען מעבר לים צו דעם רייכן לאַנד אַמעריקע.

ער האָט דאַן געטרוימט צו בויען פאַר זיך אַ נייע היים, אַ נייע וועלט. ער האָט אודאי זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז ער וועט דאָ דאַרפן פאַרשוואַרצט ווערן אין די קוילן־גריבער פון פענסילווייניע.

שוין פופצן יאָר איז קוסאַנאָ אַ מיינער. ס'איז שוין גאָרניט קיין קלייניקייט! ס'הייסט, קיין פּראָסטער „לייבאָרער" איז ער ניט. שוין לאַנג אַז ער שאַרט ניט די קוילן פאַר דריי אָדער פיר דאָלאַר אַ טאָג. מיט זיינע גוטע פעאיקייטן האָט ער זיך דערשלאָגן צו אַ גרע־סערן געהאַלט. ער האָט דאָך עפּעס צו טאָן מיט דינאַמיט. ער איז אַ ספּעציאַליסט אויף פּולווער. וואָס מער ער באָמבאַרדירט די קוילן־מינעס, אַלץ מער קוילן ווערן אָנגעלאָדן אין די „ברייקערס" אויף קו־סאַנאָס חשבון. עס מאַכט זיך אַ טאָג, ווען פרענקן גליקט אָפּ, קען ער פאַרדינען זיבן און אַכט און צען דאָלער אַ טאָג. ווער איז פרענקן ניט מקנא?

אָבער היינט, ווען פרענק איז אַהיימגעקומען אַ פריילעכער און זיך געגנומען אַרומוואַשן, האָט ער דערזען, אַז זיינע הענט האָבן שוין אויף זיך באַלד קיין הויט ניט, אַז זיי זיינען כמעט פאַר'שרפה'ט גע־וואָרן פון דעם פּולווער, וואָס ער מוז ברענען זיבן אָדער אַכט שעה אַ טאָג. דערצו איז ער דאָך כסדר אין געפאַר.

און כאָטש ערשט מיט אַ שעה צוריק האָט ער דערזען פאַר זיך אַ ליכטיקע פרילינג־שיין, ווי אַ טרייסט פון דער נאַטור, דאָך האָט זיך אויף אים פּלוצלונג אַנגערוקט אַ שווערער וואָלקן. אַזוי ווי אַ שאָטן וואָלט הויערן הינטער זיינע פּלייצעס און אים וואָרענען, אַז עס רוקט זיך אָן אויף אים אַ בייזע שעה.

ער זעט פאַר זיך זיינע דריי טעכטערלעך, וואָס זיינען ווי איין טראָפּן וואַסער געראָטן אין אים, דעם פאָטער. היינט דזשאָני, דער בן־יחיד זיינער? . . .

דזשאָני, מערקט ער פּלוצים, איז ניטאָ ביים טיש.

— וואו איז דזשאָני, דער זון מיינער?

פּונקט היינט, ווען ער וויל האָבן אַלע זיינע קינדער לעבן זיך, איז זיין בן־יחיד ניטאָ.

— צי דען ווייס ער נאָך אַלץ ניט, אַז דער טאַטע קומט אַהיים?

— בייזערט זיך פרענק. — ס'איז שוין צייט ער זאָל וויסן, ווען זיין פאָטער קומט אַהיים, און ניט אַוועקלויפן ערגעץ צו אַלדי שוואַרץ יאָר.

די מיידלעך ווייסן שוין, אַז זיי דאַרפן זיך אַוועקלאָזן צו די שכנים אויסזוכן זייער איינציקן ברודערל.

אָבער דזשאָני, דער בן־יחיד, איז איצט פאַרטאָן אין זיין אייגן וועלטל. ער האָט אפילו ניט אין זינען אַהיימצוקומען. אויך ער האָט דערפילט, אַז די זומערדיקע וועלט קומט אים אַנטקעגן, באַלד וועט ער זיך באַפרייען פון טראָגן די קוילן פון קעלער „אַפּסטערז”, באַלד וועט ער אויך באַפרייט ווערן פון סקול. ער ווערט ממש אויפגעלעבט, ווען ער טראַכט וועגן דעם, ער זעט פאַר זיך איין פּלאַן נאָכן אַנדערן. גאַנצע וועלטן וואָלט ער געבויט אין יענע פרייע טעג.

נאָר ער דערמאָנט זיך, אַז זיין „פּאָפּ” איז גאָרניט קיין מילדער. ער טענה'ט שטענדיק, אַז דער מאָרגעדזש קומט צוערשט, אַז אויף מואוויס האָט ער קיין געלט ניט, אַז איין מאָל אין צוויי וואָכן איז גענוג צו גיין אין אַ מואווי, ווייל זיינע שוועסטערלעך גייען אויך אין מואוויס ניט עפטער. אָבער ער איז דאָך פאַרט אַ מאַן, באַלד ווערט ער עלף יאָר. זיין חבר „ניקי” איז אויך ניט עלטער פאַר אים, ניקיס פאָטער אַרבעט אויך אין די מיינס. אָבער ניקי איז שוין אַוועק אַ סך ווייטער פון אים. ער קען זיך מיט ניקין ניט פאַרגלייכן. צי ווייסט, אַ שטייגער, עמיצער, אַז זיין חבר, ניקי, רויכערט שוין גאַנצע פּעקלעך סיגאַרעטן אין קעלער, טאַקע אויף דער גאַס אויך, ניט חלילה זיין

שטיף־מאַמע זאָל דאָס דערזען, נאָר דווקא אויפֿן סקווער אין ווילקעס־באַרע, בעת ער לאָזט זיך אַרום מיט זיין שיך־פּוצעריי סטענדל ?

דאָרטן אויפֿן סקווער זעט ער אַ וועלט: טויזנטער מענטשן לויפֿן פֿאַרביי, עס רעש'ט זיך, עס טומלט זיך, עס קאָכט ווי אין אַ קעסל. מענטשן דאַרט זוכן זיי, די באַיעס, זיי זאָלן זיי די שיך אָפּפּוצן, ווייל זיי האָבן איצט ניט קיין צייט צו זוכן די שיך־סטאָרס, וואו זיי דאַרפֿן, אגב, באַצאָלן צען סענט פֿאַר אַ „שיין".

דעמאָלט לויפֿט טאַקע אָן זיין פֿריינט ניקי מיט זיין „בוט־בלעק־סטענדל" און פּוצט די שיך פֿון אַלערליי מענטשן. עס טרעפֿן זיך אפֿילו אַמאָל אַזעלכע רייכע, וואָס רוקן אים, ניקין, אַריין אַ גרעסערע מטבעה.

נו, איז אַ וואונדער, וואָס ניקין איז בעסער ווי אים ? היינט דאָס געלט, וואָס ער גיט אָפּ מיט שטאָלץ זיין פֿאָטער! איז דזשאַני טאַקע ניקין שטאַרק מקנא.

היינט איז דער טאָג, ווען ניקי לערנט דזשאַנין די קונסט פֿון שיך־פּוצעריי, טאַקע אין קעלער פֿון ניקיס שטוב. ער וועט אים אַרויס־פֿירן אויפֿן סקווער, אין דער שטיל, אין אַ וואַך אַרום, ער זאָל ווערן אַ גרויסער פֿאַרדינער, אַ באַלעבאָס פֿאַר זיך אַליין. דעמאָלט וועט ער קענען גיין אין די מואוויס וויפֿיל ער וועט אַליין וועלן און ניט דאַרפֿן אָנקומען צום טאַטן. מעגלעך, אַז ס'איז שוין אפֿשר צייט פֿאַר אים אָנצוהייבן צו רויכערן אויך.

די גאַנצע שוועריקייט דערוויל באַשטייט אין מאַכן דאָס באַקסל מיטן צוגעפּאַסטן אייזערנעם פֿוס. שו־וואַקס מיט אַנדערע קליייניקייטן וועט אים שוין ניקי געבן. אָבער אויסמייסטרעווען דאָס „סטענדל" מיט אַלע פּיטשעווקעס איז דערוויל שווער, כאָטש אַז אָנהייב איז שוין געמאַכט געוואָרן, ער מעג זיך אויף ניקין פֿאַרלאָזן.

שלעכט איז אים נאָר, וואָס ער דאַרף אַרויסקומען מיט דעם פּלאַן פֿאַר זיין טאַטן, ווייסט ער ניט ווי אַזוי ער זאָל דאָס טאָן. ער איז זיכער, אַז זיין „פּאָפּ" וועט אים ניט לאָזן זיך אַרומשלייען אויפֿן סקווער, זיין „פּאָפּ" האָט ליב, ער, דזשאַני, זאָל זיך האַלטן ריין.

— דו ביסט ניט קיין מיינער, — שרייט ער שטענדיק.

די מאַמע אויך דאָס זעלבע. זי לאָזט אים גאָרניט אָפּ פֿון זיך. און ווען די שוועסטערלעך געפֿינען אים ביי ניקין אין קעלער, בעת ער קניט פֿאַר ניקין און פּוצט אים די שיך, כדי צו באַקומען אַביסל

פּראַקטיק, דעמאָלט ווייסט שוין דזשאָני, אַז ער וועט שוין געווים קריגן אַ חלק פון „פּאַ".

אַ דערשראָקענער לויפט דזשאָני אַהיים. די ליכט אין קעלער האָט אים אָפּגענאַרט, ער האָט געמיינט, אַז ס'איז נאָך פרי . . . און ווען ער באַגעגנט אַ דערשראָקענער דעם פאָטער, האָט ער אַפילו פאַר אים קיין תירוץ ניט, ווייל ער קען דאָך זיין שטרענגען פאָטער ניט דערציילן איצט פון זיינע פּלענער מיט ניקין, מוז ער שוין טאַקע אויס־הערן דעם טאַטנס מוסר.

— זעץ זיך, — בייזערט זיך אויף אים דער פאָטער, — איך האָב נאָר איין זון און איך וויל אים טרעפן אין שטוב ווען איך קום אַהיים, ריין און ציכטיק. דו דאַרפסט ניט זיין אַזוי שוואַרץ, ווי דער טאַטע דיינער, וואָס ליגט אין די מיינס. איך אַרבעט אויף דעם, אַז מיין זון זאָל ניט זיין קיין מיינער.

די מוטער, קאַרמעלאַ קוסאַנאַ, וועלכע רעספּעקטירט איר מאַן, בעט זיך ביי דעם בן־יחיד, ער זאָל צוזאָגן דעם פאָטער, אַז ער וועט מער ניט אַרומלויפן וואו מען דאַרף ניט. פאַר מורא שטאַמלט דזשאָני אַרויס, אַז ער מייסטרעוועט זיך אַ שיף־פון־סטענדל ביי ניקין אין קעלער.

מער האָט דער פאָטער ניט געדאַרפט הערן. עס האָט זיך אים געשטעלט דער ביסן אין מויל, זיינע בלוטן האָבן זיך אַ שפּאַר געטאָן צו זיין רונדן פּנים. אַלע ביים טיש האָבן מיט שרעק צוגעקוקט, ווי זייער פאָטער האַלט קוים איין זיין כעס.

נאָר מיטאַמאָל האָט זיך פון פאָטער אַרויסגעריסן אַ טיף הייזע־ריק קול:

— אַרויס פון דאַנעט! די מינוט זאָלסטו מיר אַרויסגיין!

אַ דערשראָקענער האָט דאָס אינגל אָפּגעטראָטן פון טיש און זיך געלאָזט גיין „אַפּסטערז" אין אַן אַנדער צימער. שוין אויף דער ער־שטער טרעפּ האָט זיך דערהערט דעם אינגלס היסטעריש געוויין.

פון ווייטער אָנגייען מיטן עסן איז שוין קיין רייד ניט געווען.

— קאַרמעל, גיי זאָג אים, ער זאָל אויפהערן צו וויינען, אויב ער ווייסט וואָס ס'איז גוט פאַר אים! — האָט דער פאָטער בייז אַ זאָג געטאָן צו זיין ווייב.

מרס. קוסאַנאַ ווייסט, אַז ווען איר פרענק איז בייז, טאָר זי אים ניט איבערשפּאַרן. פאַרקערט, זי איילט זיך דעמאָלסט אויסצופירן זיין

באַפעל. זי ווייסט, אַז זיין בייז ווערן קומט ניט פון קיין שלעכטס־קייט. קיין בעסערער מאַן און פאָטער פאַר אים איז, ווייסט זי, גאָר ניטאָ.

שוין פערצן יאָר אַז זי איז זיין ווייב. ער האָט שטענדיק געהאָ־רעוועט פאַר זיין פאַמיליע. ער איז אַ פּיאַיקער באַלעבאָס, ער האָט אַריינגעלייגט אַ ים מיט אַרבעט אין זייער טויזנט־דאָלאַרדיקע היים. אַ פּאַלאַץ האָט ער דאָך געמאַכט פון דער חורבה. ווער ווייסט עס דען ניט? זי איז אויך זיכער, אַז דאָס ביסל ווייַן, וואָס זי דערלאַנגט ביים עסן, איז די איינציקע משקה, וואָס איר מאַן פאַרגינט זיך, אַז ער שמעקט אַפילו ניט אַריין אין קיין ביר־סאַלון, אַז זיין גאַנץ לעבן זיינען ביי אים די קינדער, בפרט זיין בן־יחיד, דזשאָני.

ווי יעדע מוטער, האָט אויך די שטילע קאַרמעלאַ אַלץ געדאַרפט פאַרגלעטן. אָבער צו ענדיקן דאָס עסן האָט זי איר מאַן ניט געקענט איינריידן:

— איך בין שוין זאַט מיט מיין נחת פון מיין זון, — האָט ער געעפנט פאַר איר זיין האַרץ. — ער מאַכט מיך גרוי און אַלט פאַר דער צייט, מאַכט ער מיך. איך האָב שוין היינט דעם ריכטיקן טאָג . . . ס'איז שוין ניט דאָס ערשטע מאָל, אַז איך ראַטעווע זיך אַרויס פון אַן עקסידענט, אָבער היינט? . . . היינט איז געווען ניט מער ווי איין שפּאַן . . . ווען איך גיב נאָר איין שפּאַן ווייטער, האָסטו היינט אַ בר־מינן אין הויז, ניט קיין לעבעדיקן מאַן. און פאַר וועמען טו איך עס? פאַר וועמען שטעל איך איין מיין לעבן? פאַר זיי, ניט פאַר מיר. איך האָב זיך געפרייט, ווען דער זייגער האָט געשלאָגן פינף און איך האָב דערזען פאַר זיך די ליכטיקע זון, זיך דערפילט ווי ניי געבוירן, אויף גיך אַהיימגעגאַנגען. דעם גאַנצן וועג האָט איך געלויבט גאָט, וואָס ער האָט מיך געלאָזן צווישן די לעבעדיקע . . . עס קומט זומער, האָב איך געטראַכט, דאָס פעלד איז גרויס, מיר וועלן דאָך אַביסל אויפלעבן, מיר וועלן פאַרזייען אונדזער שטיקל גאָרטן, די וויינטרויבן אין אונ־דזער יאַרד וועלן אויסוואַקסן געראָטענע . . . אַט די זעלבע ווערטער האָב איך דיר געוואָלט זאָגן, דערציילן אין פריידן, אַז דו האָסט אַ גע־פונענעם מאַן, און די קינדער האָבן אַ געפונענעם מאַטען . . . אָבער, אַז מען קומט אַהיים און דאָס קינד, צו וועלכן דו ווילסט עפּעס ריידן, ליגט ערגעץ ביי ניקין אין קעלער, פוצט שיך און וויל ווערן מיין ברויט־געבער — קען נאָך זיין עפּעס ערגער ווי דאָס? ווייסט ער דען, וואָס

דאָס מיינט פאַר זיין טאַטן? אַלע שכנים אונדזערע ווייסן, אַז ביי פּרענק קוסאַנאַ גייט מען פון שטוב ניט אַרויס ליידיק. מען ווייסט אויך, אַז מיין מאַרטגעדזש האָב איך שוין באַלד אָפּגעצאָלט, און דאָ נאָ דיר — מיין באַי ווערט אַ שיך־פּוצער, און ער פרעגט אַפילו ניט דעם טאַטן, פּונקט ווי איך וואָלט געווען אַ סיציליאַנער . . .

ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף דער רעכטער האַנט, וואָס איז געווען אָנגעלענט אויפן טיש מיטן עלנבויגן. איין זייט פּנים איז אים אינגאַנצן פאַרשטעלט געוואָרן, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין.

אַ באַטריבטע זיצט מרס. קוסאַנאַ לעבן איר גוטן מאַן און הערט זיך צו. די דריי טעכטערלעך באַלעבאַטעווען אין קיך אַרום דעם געשיר. שווייגנדיקערהייט כאַפּן זיי זייטיקע בליקן און שטעלן אַן אַן אויער צו טאַטע־מאַמעס רייד. זייער טאַטע, פילן זיי, איז אַ גאָלדענער מענטש, קיינמאָל האָבן זיי פון אים אַזעלכע אָפּנהאַרציקע רייד ניט געהערט. די מאַמע זייערע רעדט אין דער שטיל, בעט זיך ביי אים:

— פּרענק, טייערער, זאָל זיין געזונט, איך בעט דיך, אפשר ביסטו זיך אומזיסט מצער, ער איז דאָך נאָך אַ קינד . . . היינט האָב איך עס געהערט פון אים דאָס ערשטע מאָל, ער איז געווים ניט אויסן קיין שלעכטס. דו ווייסט דאָך, חברים . . . זיי קענען ברענגען אויפן פייער. יענער פּוצט שיך, קלייבט קוילן, פעלט אויס פון סקול, ווער זאָגט אים אַ דעה? די שטיף־מאַמע איז זיך דאָך מחיה, וואָס זי ווערט פון אים פּטור אויף אַ פּאָר שעה . . . נו, קינדער ווילן נאָכטאָן איינער דעם צווייטן, דאַרפסט אים מוחל זיין.

אַז דזשאַני איז געקומען צו זיך, האָט ער באַשלאָסן זיך דורכצורריידן מיטן פאָטער אויג אויף אויג. און כאָטש ער האָט אים אַ סך צו זאָגן, וואָלט ער שוין מוחל געווען די רייד, אַבי עס זאָל בלייבן ווי געווען. ער ווייסט סיי־ווי, אַז זיין „פּאָפּ” קען ער גאָרניט זאָגן, ער צינדט זיך אָן ווי אַ פייער. עס העלפט ניט אַפילו, וואָס ער קריגט די בעסטע „מאַרקס” אין סקול. שטענדיק האָט ער, „פּאָפּ”, די זעלבע טענה:

— דיין טאַטע, זונעלע, איז אַ קבצן.

כאָטש ווייַן טרינקט ער. גוטע ברידער ליגן ביי זיי אין שטוב, מען שפּילט אויך ביי זיי אין קאָרטן ווען ניט ווען . . . אָבער פאַר אים, דזשאַניין, איז אַלץ פאַרשטעלט, ווי מיט אַן אייזערנער וואַנט.

אַט האָט מען ערשט אויסגעבויט דעם נייעם מאָווי טעאַטער לעבן זייער הויז, טויזנטער מענטשן גייען דאָרט אפשר צו צוויי מאָל אַ וואָך, מען אַמוזירט זיך, און ער בלייבט אַלץ אין דער היים, און קען בלויז דורכן פענצטער אַרויסקוקן צו די פּראָגראַמען, וואָס הענגען אויף די ווענט און רעכענען אויס אַלע גוטע זאַכן, וואָס מען ווייזט דאָרטן אינעווייניק.

אַבער טעג פאַרשווינדן, נייע טעג קומען אָן, און דזשאָני איז, ווי געוויינט, דער ליבער בן־יחיד ביים טאַטן.

דער זומער איז שוין אין פולן בלי, נאָר דעם טאַטנס געוויינלעכע פרייד איז ווי אויסגערונען. די דאָקטוירים הייסן מר. קוסאַנאָ, ער זאָל פאַרלאָזן די מיינס. ער האָט הויכן בלוט־דרוק, זאָגן זיי אים, ער מוז זיך אָפּהיטן.

⁂

שוין צוויי חדשים, אַז דער טאַטע איז ניט מיט אַלעמען. ער לאַכט זיך אָפּילו אויס פון אַלע דאָקטאָרשע „מעשיות”, לויפט באַגינען מיט זיין בלעכענעם לאַנטש־קעסטל די צוויי מייל צו די מיינס, כאָטש אין אמת'ן פילט ער, אַז ער איז שוין ניט מער דער זעלבער פרענק.

ער פילט, אַז ער קען מער די זעלבע באַמבאַדירונג אין די מיינס ניט אַריבערטראָגן. עס קומען אים אויף די געדאַנקען אומצייליקע הרוגים, וואָס זיינען פאַרשאָטן געוואָרן אין קוילן־גריבער . . . יאָ, ער געדענקט זיי אַלע ביי די נעמען, ער קען זייערע אַלמנות מיט די קליינע קינדערלעך, וואָס זיינען געבליבן יתומים . . . די לעבנס־פאַרזיכערונג איז ווייט ניט גענוג, די יתומים'לעך זאָלן דערצויגן ווערן ווי מענטשן.

ער שטעלט זיך פאָר אין די געדאַנקען, ווי ער וואָלט פאַר זיך געזען זיין אייגן אָרים געזינדל. ער זעט אויך די ניקים, די טאָמים, וואָס דרייען זיך אַרום איבער די גאַסן מיט זייערע שיך־פּוצעריי־קעסטעלעך אויף די פּלייצעס. ער האָט אָפּילו מורא צו טראַכטן וועגן דעם, זיין דזשאָני זאָל חלילה ווען קומען צו אַזאַ מעמד.

זיינע פריינט רעדן אים איין:

— שרעק זיך ניט, פרענק, ביסט נאָך אַ יונגער מענטש, נאָך ווייט פון די פופציק . . . דאַרפסט זיך נאָר אַ ביסל אויסרוען. אַ שטיקל היים האָסטו, דריי טעכטערלעך, וואָס יעדערער איז דיך מקנא, האָסטו! אין אַ נויט, אַז מען מוז, חלילה, זיינען פאַראַנען גענוג באַלעבאָסטעס,

וואָס וואָלטן זיכער אַריינגענומען אַזעלכע קינדער פאַר דריי דאָלאַר אַ וואָך. קיין שאַנדע איז עס ניט. און אַפילו דזשאַני מעג אויך עפּעס גיין פאַרדינען, אַז דער טאַטע איז קראַנק.

ביי אָט די ווערטער וועגן דזשאַנין קאָכן אים ערשט אויף די בלוטן. ער איז זיכער, אַז דאָס מיינען זיינע גוטע פריינט, ער זאָל שיקן זיין בן־יחיד אויפן סקווער מיטן קעסטל אויף זיין שוואַכן דינעם קערפּער. עס וואָלט אים שוין אַזוי פיל ניט פאַרדראָסן, ווען ער ווייסט, אַז דזשאַני זיינער האָט ברייטע פּלייצעס, אַ יונג, וואָס קען זיין שטעטל באַשטיין. אָבער דעם אינגל קומט אַפילו אָן שווער אַרויפצושלעפּן אַ קערבל קוילן פון קעלער . . . און ווידער דאַרף ער דאָך גיין אין סקול. די סקול איז אים נויטיק ווי דאָס לעבן . . . ער קען זיך גאָרניט פאָרשטעלן זיין דזשאַנין אַלס „בוטבלעק" . . .

פרענק וויל פאַרטרייבן זיינע ביטערע געדאַנקען, ער קען דאָס אָבער ניט. די לעצטע פּאָר חדשים, וואָס ער זיצט אָפּט אין דער היים, קען ער זיך קיין אָרט ניט געפינען. ער האָט שוין לאַנג צעגראָבן דאָס שטיקל גאָרטן, פאַרריכט די צעפּוילטע טרעפּ פון דעם פאָרנט־אַריינגאַנג, און וואָס ווייטער? אַ היים־זיצער איז פון אים געוואָרן . . .

זיין קאַרמעלאַ ציטערט איבער אים. זי זאָגט אים, וועלכע מאכלים ער מעג עסן, וועלכע ניט. זי היט אָפּ דעם דאָקטאָרס צעטל. אויך די קינדער, זעט ער, פילן, אַז מיט זייער טאַטן איז עפּעס ניט פריילעך, פאַרלויפן זיי אים דעם וועג און לאָזן אים גאָרניט טאָן.

איבערהויפּט באַמערקט ער, ווי זיין דזשאַני האָט זיך געביטן . . . ווען ער פאַרריכט דאָס הויז כאַפּט ער זיך אים העלפן:

— ס'איז דאָך מיין וואַקאַציע־צייט, פּאַפּ! — בעט ער זיך ביי אים, — איך וויל דיר העלפן . . . אַפילו ווען איך האָב געוואָלט ווערן אַ „בוטבלעק", האָב איך אויך ניט געמיינט קיין שלעכטס . . . יו סי, פּאַפּ, — דערקלערט אים דזשאַני, — שוין צוויי וואָכן, אַז איך האָב מיין וואַקאַציע און זיץ אין דער היים. קיין געלט אין הויז קומט ניט אַריין. יעדערער זוכט עפּעס צו פאַרדינען וואַקאַציע־צייט . . . וועסטו מיר לאָזן גיין, פּאַפּ? זאָג יאָ, דו וועסט קיין חרטה ניט האָבן.

דער „פּאַפּ" האָט ניט געענטפערט, ער האָט בלויז טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ, וואָס מען האָט געקענט אויסטייטשן:

— טו שוין, מיין קינד, וואָס דו ווילסט, איך בין אַלץ איינס אַ פאַרפאַלענער . . .

ניט אַזוי גרינג איז אָבער דזשאַניען אָנגעקומען זיך אַרויסצולאָזן אויפן סקווער מיט די בוטבלעק־מכשירים. זיין חבר ניקי, וואָס האָט אים געוואָלט אַרויספירן אין דער געשעפטס־וועלט פון שיך־פוצעריי, האָט זיך אין דער לעצטער מינוט, ווי עפּעס אָפּגעוואָרפן פון דזשאַניען:

— דיינע עלטערן האָבן מיך גענוג באַליידיקט, — האָט ער גע־טענה'ט, — איך וויל מער איבער דיר קיין טראָבל ניט האָבן . . . חוץ דעם וועט די גאַנצע גענג זיין קעגן מיר . . .

דאָס זיינען געווען מאָדנע דבורים, כמעט אומפאַרשטענדלעך פאַר דזשאַניען. ער האָט איבערגערעדט זיין חבר ניקין, אים דאָס האַרץ ווייכער געמאַכט. ער האָט אים דערמאָנט די צייטן, ווען ער, ניקי, איז געווען אין אַ נויט, האָט ער אים אַרויסגעהאָלפן מיט געלט פאַר מאַווים, אויף שיך־וואַקס . . . און וויפיל האָט ער אים אַרויסגעראַטעוועט אין סקול פון טראָבל מיט זיינע לעסאַנס ? . . .

און די שעה איז געקומען.

אין אַ שבת אינדערפרי האָבן זיך די צוויי חברים אַרויסגעלאָזט אויפן ווילקעסבאַרער סקווער מיט זייערע בוטבלעק־קעסטלעך אויף די אַקסלען.

דזשאַני האָט זיך געפילט ווי פאַרלוירן. אים האָט שוין אַפילו ניט געאַרט דער מאַמעס רייד, ער זאָל זיך האַלטן ריין און קומען אַהיים פרי, ווי עס האָט אים געפייניקט די שרעק פון אַן אַנהייבער. ער האָט געפילט ווי די בלוטן שפּאַרן זיך אים אין פּנים אַריין ניט ווייסנדיק ווי אַזוי ער וועט זיך נוהג זיין מיטן ערשטן קאַסטאָמער.

אַ פאַרטראַכטער שפּאַנט ער נאָך זיין חבר ניקין. ער וויל עפענען זיין מויל און פרעגן ביי די פאַרביייגייער, פונקט ווי ניקי טוט עס, אויב זיי ווילן אַ שיין ? נאָר עס עפנט זיך אים ניט דאָס מויל.

— פאַרוואָס פרעגסטו ניט די מענטשן, צי זיי ווילן אַ שיין ? — פרעגט אים ניקי. — עפן ס'מויל ! זיי ניט קיין פּחדן, איך בין היינט אַרויס מיט דיר פאַר דיינעטוועגן, ניט פאַר מיין טובה וועגן, — גיט ער אים אָנצוהערן. — האָסט אַ טשענס צו פאַרדינען אַ פּאָר ניקלס, איידער די גענג קומט אָן.

נאָר אָט גיט עמיצער אַ רוף די קינדער מיט אַ פייף. געשווינט גיבן זיך אַ לאָז ביידע חברים צום קאַסטאָמער.

דער יונגער דזשאַני האָט זיך געפלייסט. כאָטש ער האָט געפילט, אַז זיינע קני בייגן זיך אים אונטער, האָט ער פונדעסטוועגן מיט אַלע

כוחות געפירט דאָס שמאַטקעלע איבערן פּרעמדנס שיך. ער גייט איבער איין מאָל, צוויי מאָל מיט זיין שמירעכץ. דעם קאַסטאַמערס שיך, דוכט אים, גלאַנצן, נאָר ער איז ניט זיכער. ער גיט זיך די גרעסטע מי — ביז ער הערט דעם קאַסטאַמערס שטים:

— זאָל שוין זיין גענוג, יאַטל, די האָסט מיר פיין אָפּגעפּוצט די שיך. נאַ דיר אַ דאַים! . . .

אָבער איידער דער אויסגעמאַטערטער דזשאַני האָט געקענט צו־זאַמענלייגן זיינע זאַכן אין קעסטל, האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַ חברה שיך־פּוצערס צו זיין פריינט ניקין, וואָס האָט אים בשעת מעשה גע־האָלפן צוריק אַריינלייגן אין קעסטל די געצייג.

— ווער איז אָט דער „גאַי", ניק? — האָט אַ רויטער חברה־מאַן אַ פרעג געטאָן מיט אַ שפּיי דורך די ציין.

— ער איז מיין פריינט, — האָט ניקי געענטפערט.

— וואָס מיינסטו, ער איז דיין פריינט? — פרעגט יענער איבער ערנסט. — ווייסטו ניט, אַז מיר האָבן שוין פּלענטי שלעפּער אויפן סקווער? . . .

— ער איז ניט קיין שלעפּער, — ענטפערט ניקי דרייסט. — זיין נאָמען איז דזשאַני קוסאַנאַ, ער איז אַזוי גוט ווי מיר . . .

ביי דזשאַנין האָט דאָס האַרץ אָנגעהויבן צו קלאַפּן. ער האָט זיך דערמאָנט ניקיס ווערטער אין קעלער, „אַז ער וויל ניט האָבן קיין טראָבל מיט דער גענג . . ." איצט איז עס אים קלאָר געוואָרן. ער וויל אויך עפּעס זאָגן, נאָר זיין חבר ניקי דערלאָזט ניט:

— אָלראַיט, אויב ר'ווילט זיך פאַרמעסטן מיט מיר, פּועל'ט איר דאָס ביי מיר. האַלט צו אַ ווילע מיין באָקס, דזשאַני!

אָבער דזשאַני האָט שוין אָפילו ניט זיין אייגענע באָקס . . . ער קען זיין חבר ניט לאָזן זיך שלאָגן איינער אַליין מיט אַזאַ גענג. און ביידע חברים האָבן זיך געשלאָגן פאַר זייער רעכט אויף אַרבעט.

פּאָליציי איז אָנגעלאָפן. מען האָט די חברה־לייט פאַרשפּאַרט ווי פאַרברעכער אין תפיסה. צווישן זיי אויך דזשאַנין, וואָס איז געווען גוט צע'ממית'ט . . . ער האָט אָבער מער געטראַכט פון טאַטע־מאַמען, ווי פון די קלעפּ.

אונטער פאַרשאָטענע בערג

דזשאָן דעמטשאַק, אַ געזונטער 20־יאָריקער פויער, האָט זיך אַרויסגעריסן פון אייראָפּע נאָך דער וועלט־מלחמה און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קוילן־גרעבער אין די מיינס פון פענסילווייניע.

דריי יאָר זיינען שוין דורכגעלאָפן און דזשאָן שאָוולט די קוילן טאָג נאָך טאָג. ער איז ביי דער קאָמפּאַניע פאַררעכנט אַלס איינער צווישן די פּלייסיקסטע „לייבאָרערס״, שפּאָרט אַ סענט צו אַ סענט, ניט ווי פיל אַנדערע, וואָס פאַר׳שכור׳ן זייער שווערע האָרעוואַניע.

אמת, מען ווייסט, אַז דזשאַן קען ניט דערוואַרטן דעם טאָג, ווען ער וועט קענען זיין טרוים פאַרווירקלעכן און באַווייזן זיין פעגין, זיין שיינער, שלאַנקער „סוויטהאַרט״, אַז ער האָט ענדלעך אָפּגעשפּאָרט דעם קיילעכדיקן טויזנטער, וועלכן ער האָט איר צוגעזאָגט, אַז ר׳וועט האָבן פאַר זייער חתונה, ווייל פעגי איז ניט אַבי ווער, ניט נאָר מיט איר שיינקייט, נאָר אויך מיט אַ סך אַנדערע מעלות; זי האָט זיך, אַ דאַנק אירע פעאיקייטן אין דער דרעס־פאַבריק, געשאַפן אַ נאָמען און זי פאַרדינט אַ סך מער ווי אירע פריינדינעס, וואָס האָבן באַגלייך אין דער זעלבער פאַבריק אַריינגעטראָטן נאָך זייער גראַדואירן פון הייי־סקול.

און איר טאַטע איז דאָך אויך ניט אַבי ווער! יעדער ווייסט, אַז פרענק זשעבלינסקי איז שוין אַ ספּעציאַליסט אַ מיינער אַרום 15 יאָר. קיינער קען זיך אַזוי געשיקט ניט באַגיין מיט דינאַמיט מיט אַזוי פיל דערפאָלג ווי פעגיס פאָטער. און ווער שמועסט נאָך, אַז איר „סוויטהאַרט״ דזשאַני אַרבעט אונטער איר פאָטערס האַנט און איז ביז היינט ניט מער ווי אַ שכיר יום, — איז איר נאָך אַלץ שווער צו באַ־שליסן אַוועקצוגעבן איר האַרץ צו אַ פּראָסטן לייבאָרער, וואָס שאָוולט די צעשאָטענע קוילן פאַר 4 אָדער 5 דאָלאַר אַ טאָג.

דזשאַן ווייסט, אַז ניט איין בחור האָט פאַרשפּרייט אַ נעץ פאַר זיין געליבטער פעגין, מען וויל זי פון אים, דזשאַנען, אַרויסרייסן. ער ווייסט אין זיין טיפן האַרצן, אַז ער איז נאָך כמעט אַ גרינער אין

פארגלייך מיט יענע און מער ווי מיט זיין גבורה קען ער פאר פעגין ניט איבערנעמען זיך, כאטש ער פילט, אז זי האט אים אויך ליב, זי וויל ער זאל זיך גיכער אויסגרינען, ניט ריידן קיין ענגליש ווי א קאליקע און ער זאל וואס גיכער ווערן אוים ארויסהעלפער ביי איר טאטן, נאר טאקע אליין ווערן א מיינער, ווי איר טאטע.

האט דזשאן אבער געהאט א סך אנדערע מעלות און פעגי האט פארט באשטימט איינגיכן זיך צו פארבינדן מיט אים.

נאר מיטאמאל איז אין פעגים היים אן אומגליק געשען: מען האט אין א מיטן טאג געבראכט איר טאטן א צעקריפלטן פון א „מיין עקסידענט", און א דאנק איר דזשאני, וועלכער האט מיט זיין ריזיקן כוח איר טאטן פון אונטער די חורבות ארויסגעצויגן, — איז די פאר־בינדונג געווארן נענטער, דזשאנס טרוים צו באקומען פעגין איז פארווירקלעכט געווארן.

זיינען פארביי א שיינע פאר יאר. מען האט שוין לאנג פארגעסן וועגן דער פלייסיקער פעגין אין דער דרעס־פאבריק, אחוץ דאן, ווען מען דערוויסט זיך, אז פעגי האט שוין נאך א קינד און די בייבי איז „סוירטענלי ביוטיפול" . . . זיי זיינען איר שטארק מקנא, וואס זי האט דזשאנען פאר א מאן. ער איז שוין ניט יענער דזשאן, דער גרויסער, דער שטארקער, נאר „דזשאני", דער מאן, וואס וואלט פאר זיין פעגין געטאן אלץ אין דער וועלט. און פארוואס טאקע ניט? זי האט דאך אים, ניט קיין אנדערן, אויסגעקליבן פאר איר באשערטן.

און אט הייבט ער זיך אן בויען אן אייגענע היים, פאר וועלכער ער האט אויך צו פארדאנקען זיין פעגין; זי איז ניט קיין אויסברענ־גערין, כאטש ער, דזשאני, וויל, אז זי זאל שטענדיק זיין אנגעטאן שיין, ווען זי גייט מיט אים ארוים. אויף דעם וויל ער ניט שפארן, ער וועט גיכער שפארן פון זיך אליין.

איז שוין צווישן פריינט באוואוסט, אז דזשאן דעמטשאק איז פעגין געטריי, אז ער אליין גייט ארום אין אלטע מלבושים, אבער פעגי גייט אנגעטאן אין זיידן און אטלאס.

שוין באלד א יאר, אז דזשאני בויט זיין הויז ניט ווייט פון סוסקוואנא ריווער. דעם „לאט" האט ער אפגעקויפט ביליק. מיט דזשאנס אייגענע ארבעטס־כוחות וואקסט דאס 4־צימערדיקע הויז. נאך וואס טויגן אים מלבושים, אז ער איז שטענדיק פארהארעוועט און פארטראגן ארום דער נייער געביידע? זאל זיך פעגי פארגינען

אַרויסכאַפּן מיט די קינדער צו אַ פּיקניק, אָדער צו פריינט, ביז ער וועט פאַרענדיקן דעם בנין . . .

ער טרוימט, וואָס פאַר אַ חנוכת הבית ער וועט דאַן ערשט מאַכן און פאַררופן זיינע פריינט. היינט וואָס פאַר אַ פּוירניטשור, חלומ׳ט ער, אין די נייע צימערן אַריינשטעלן! כאָטש אויף דעם האָט ער ניט קיין פּרוטה, נאָר ער וועט זיך געבן אַן עצה. ער איז דאָך אומעטום אַ בטוח און וועט אַלץ נעמען אויף אויסצאָלן.

איינס נאָך איינס זעט ער די קאַרפּעטס, דעם נייעם בעדרום סעט, דעם גרויסן נייעם אייז־באָקס, די שפּאָגל נייע הייליקן־בילדער, וואָס וועלן הענגען ביי אים אויף דער וואַנט — אַלץ מיט אַ קליינעם איינצאָלעכץ ביי די פאַרשידענע קאַסטימער־פּעדלער, וואָס קלאַפּן אים אָפּ די טירן, ער זאָל ביי זיי עפּעס קויפן. יעדער גיט אויף באָרג, אַבי קויף, פון אַ קנעפּל ביז אַן אויטאָמאָביל: „מען ווייסט, אַז דו ביסט דזשאָן דעמטשאַק, דער מיינער, און האָסט אַ דזשאָב״ . . .

דערווייל האָבן די דעמטשאַקס באַקומען אַ ליבן גאַסט, — אַ דריט קינד, אַ מיידעלע ווי אַ בריליאַנט, בלוט און מילך, צוויי טראָפּן וואַסער ווי די מאַמע . . . די אינגלעך זיינען ווי ער . . . .

די קינדער וואַקסן ווי אויף הייוון, שלייכן אַרום באַרוועסע אַרום דעם טאַטנס געביידע, וואו ער מייסטערעוועט נאָך. יעדן יאָר באַפּעסטיקט ער אַ פליגל, וואָס דער שטורם קען נאָך אָוועקטראָגן . . . און ווען דער זומער קומט און דאָס וואַסער שפּרייט זיך אַזוי ברייטלעך אויס און שפּיגלט זיך אין דער גליענדער זון פונקט אַרום זיין „באַנגעלאָ״, אַרום דעם גאָרטן, וואָס ער האָט אַליין אַזוי שיין פאַרפלאַנצט און דאָס גרינס שפּראָצט אַרויס אַזוי לעבעדיק פון דורך די שטיינער און דערנער — דאַן טראַכט דזשאָני, אַז אים ווילט זיך אין ערגעץ ניט גיין, דאָ איז זיין היים, און עס איז אים גוט . . .

עס אַרט אים אפילו ניט, וואָס זיינע קינדער שלייכן זיך אַרום דעם טייך באָרוועסע, פאַרקריכן אַזש העט אַרויף צו די דאַמפּינגדראַפּס און ווערן שוואַרץ ווי קויל . . . פאַרקערט, ער האָט שטאַרק הנאה, ווען די צוויי בלאָנדע בחורים׳לעך זיינע קומען פון די בערג פאַרברודיקטע, וואָס דאָס מאַכט שענער זייערע לויטערע פּנימ׳לעך . . . ער זעט אין זיי דאָן זיך אַליין, ווי ער אַרבעט פלייסיק ביי די מינען, בעת דער קוילן־שטויב גראָבט זיך אַריין אין זיין געזיכט און קערפּער. אַזוי אַז ער קען זיך קוים דערוואַשן.

זיין פּעגי פּילט אויך דעם טעם פון וואַשן גאַנצע „ליינס״ מיט וועש יעדע ווילע. זי מוז דאָס טאָן, ווייל ניט אָפט אַרבעט שוין דזשאָן: די צייטן האָבן זיך געענדערט, די „ברעיקערס״ שטייען אָפט ליידיק. מען געברויכט מער ניט אַזוי פיל קוילן ווי אַמאָל, — דער־ציילט מען זיי, — ווייל מען נוצט שוין אין גאַנץ אַמעריקע „אויל סטאָוום״, אָט די נייעסטע אויל־ברענערס וועלן ממש רואינירן די פּענסילווייניער מיינער מיט זייערע באַלעבאַטים אינאיינעם . . .

ספּעציעל פּאַסירט עס פאַר די וואַלן. דעמאָלט בויערט מען אין אַרבעטער אַריין די ביטערע אורזאַך פון „בעד פּאָליטיקס״, און אויב זיי וועלן ניט שטימען „סטרעיט רעפּאָבליקענס״, וועט מען די מיינס אינגאַנצן צומאַכן . . .

איז דזשאַני דעמטשאַק אין טויט־שרעק: מען האָט זיך דער־וואוסט, אַז ער האָט איינמאָל געשטימט פאַר די דעמאָקראַטן. פאַר דעם האָט ער זיין פּעגין צו פאַרדאַנקען . . .

אָבער ווען עס קומט אָן די אַרבעט, פאַרלירט דזשאַני די שרעק. ער איז דאָך שוין פאַרט פערצן יאָר אַ מיינער, קיינמאָל האָט זיך ניט געטראָפן מיט אים קיין עקסידענט, פאַר דער קאָמפּאַניע איז עס אַ גוטער רעקאָרד . . . כאָטש בסוד ווייסט ער און זיין פּעגי בלויז, אַז ער איז שוין אינשורט אַ היבשע עטלעכע יאָר און ער צאָלט זיין אינ־שורענס אין צייט. אפילו די קינדער זיינע האָט מען אים איינגערעדט צו פאַרזיכערן און ווייל זיי זיינען יונג וועט עס קאָסטן אַ קלייניקייט. זיי לעבן דאָך פאָרט אַרום די מיינס, אַרום דעם טייך, וואו זיי שלייען זיך אַרום . . .

איז אינשורענס גאַרניט קיין שלעכטע זאַך. פּעגי זאָגט אַזוי, דער „דיל״ גייט דורך . . . איז אָבער פאַר דזשאַנין איצט שווער צו צאָלן. אמת, טשאַרלי ווײַנשטײַן, זיין קאָסטימער־פּעדלער, לאָזט אים צורו: „וועסט מיר אָפּצאָלן נעקסטע וואָך, דזשאַני, איך האָב פאַר דיר קיין מורא ניט, דיין געלט איז ווי ביי מיר אין קעשענע״. אָבער אַז עס קומען אָן די טעקסעס און די אינשורענס, דאַן זיינען ניטאָ קיין תירוצים, דאַן מוז מען צאָלן, וואָרום די טעקסעס איז פּענסיל־ווייניע זיינען ממש אַנשיקעניש פאַר דעם הויז; אַ טעקס פאַר זיך, אַ טעקס פאַרן סקול, אַ טעקס אפילו פאַר זיין פּעגין מוז ער צאָלן . . . כאָטש די לעצטע צייט האָט ער אין פּעגיס טעקסעס שוין פאַרגעסן, גענוג אַז ער קען צאָלן פאַר זיך . . .

אָט אַזוי פאַרשווינדן די עטלעכע אָנגעקליבענע דאָלאַרן, וואָס דזשאַן האָט געשפּאָרט, כדי זיך סוף־כל־סוף צו קויפן וואָסערע ניט איז מלבושים. אָבער די חובות עסן זיי אויף. דזשאַן בלייבט ווייטער מיט זיין אָרימען הולד און קען זיך קיין שטיקל בגד ניט קויפן. ער מוז דאַן אויסזוכן אין שטאָט די שטענדיקע „ראָמעידזש סעילס", וואו ער קויפט ווי אַ מציאה אַ ביסל אָפּגעטראָגענע מלבושים.

כאָטש קיינער ווייסט ניט, אַז ס'איז פרעמד געטראָגענע . . . אויב אַפילו מען ווייסט יאָ, איז אויך קיין אומגליק ניט, ער האָט פאַר דעם כשר באַצאָלט . . . אַבי זיין פּעגי גייט אָנגעטאָן „אַפּ־טו־דייט" . . .

אָט אַזוי צאָלט ער צוביסלעך זיינע חובות. עס אַרט אים אַפילו ניט, וואָס אַ סך פריינט זיינע האָבן אים געקרוינט מיטן צונאָמען: „סלאָפּי דזשאַן". דאָס זיינען בלויז זיינע אַמאָליקע שונאים, די חברה, וואָס פאַרגינען אים ניט זיין פּעגין מיט זיין שטיקל היים, מיט זיין דזשאָב אַלס מיינער. דאָס זיינען יענע, וואָס האָבן אַמאָל געוואָלט זיין פּעגין פון אים צונעמען. זיי ווייסן אָבער אויך, אַז ער, דזשאַן, קען זיך נאָך אַלץ מיט זיי אָפּרעכענען איינס ביי איינס, אַז מיט איין זעץ מאַכט ער פון זיי אַ תל . . .

— קיינער קען מיך ניט באַליידיקן! — טענה'ט דזשאַן צו זיינע נאָענטע פריינט.

⁂

האָט אָבער דער שיקזאַל דערפירט, אַז אויך דזשאַן זאָל ניט זיין אייביק גליקלעך. אויך אים האָט שיר אַ קוילן־מינע דערפלעטשט . . . ער ווייסט אַליין ניט ווי אַזוי דאָס אומגליק איז געשען, ער געדענקט בלויז, אַז ער האָט פּלוצלינג דערפילט אַ שרעקלעכן קלאַפּ אין קאָפּ און ס'האָט אים באַלד, אַ פּריטשמעליעטן, פאַרשאָטן . . .

פאַר פּעגין איז עס געווען אַ שרעקלעכער קלאַפּ. זי האָט אין איר דזשאָנס פאַרקריפּלטן קערפּער דערזען איר אייגענעם פאָטער, וואָס האָט מיט זיינע וואונדן אָפּגעפינצטערט גאַנצע צען יאָר, ביזן טויט . . . און דאָ, איר דזשאַן, דער גבור, דער טאַטע פון אירע דריי קינדער . . .

עס העלפט ניט דאָס געשריי און געוויין אויף איר אומגליק . . . זעקס חדשים איז דזשאַן אַרומגעגאַנגען פאַרבאַנדאַזשירט. „ער האָט זיך צעבראָכן צוויי ריפּן", — האָבן דאָקטוירים דערקלערט.

דערווייל דערנערט זיך די פאַמיליע פון די קליינע אינשורענס פון דער קאָמפּאַניע ביז ער וועט געזונט ווערן.

דזשאָן האָט אָבער זיין מיינער־שטעלע מער ניט געקענט אָננעמען אַפילו ווען ער האָט דעם בעסטן רעקאָרד, סיידן ער זאָל צוריק ווערן אַ „לייבאָרער" און „גריזן" פון שטיק. דאָס איז שוין ניט פאַר זיינע כוחות. און שוואַכערע שאָוולערס, וואָס מאַכן ווייניקער „טאָנעידזש", וויל די קאָמפּאַניע ניט האַלטן.

האָט זיך דזשאָן געמוזט ווענדן צו׳דער „דאַבליו פּי עי", ער אַרבעט צוביסלעך . . . דאָס הויז איז שוין כמעט ניט זיינס, נאָר מען לאָזט אים וואוינען פאַר אַ קליינעם רענט, זאָל ער זי כאָטש באַהייצן אין ווינטער, ווייל אין קוילן איז דזשאָן נאָך אַלץ רייך, דאָס באַזאָרגן שוין זיינע צוויי בחורים׳לעך, וועלכע זיינען ספּעציאַליסטן צו קלעטערן אויף די הויכע בערג, וואו די „געדראָמפּטע בראַטשנע" קוילן ליגן אויסגעשאָטן ווי אַנגעזאַמלטע הויכע סקאַלעס.

זיי שטייען אויף גאָר באַגינענע און מיט העק און רידלס זאַמלט מען אַן גאַנצע זעק פול אָנגעפּאַקעוועטע און מען פירט עס אַהיים אויף די היימישע טאַטשקעס. דערנאָך אַנטלויפן זיי געאיילט אין סקול.

אַ סך שכנים לויפן אָפט צו דזשאָנען מיט פּעגים געפעליקייט און לייען אַן עמער קוילן, אָדער בייטן אויס פאַר עטלעכע אייער, אָדער אַ פּעקל עפּל פון קעלער, מיט וואָס זיי האָבן זיך זומער־צייט פאַרזאָרגט, און פאַרגעסן אים ניט צו דערמאָנען, ווי גליקלעך ער דאַרף זיך שעצן מיט זיינע צוויי פלייסיקע קינדער.

זיינען טאַקע די קינדער די איינציקע האָפנונג פאַר טאַטע־מאַמע. ער האָפט, זיי זאָלן וואָס גיכער ענדיקן סקול. דאַן וועט ער ערשט האָבן די אמת׳ע הילף. ער וועט קענען אָפּצאָלן זיין „מאָרטגעידזש" און צוריק ווערן דער זעלבער באַלעבאָס. ער מוז אָבער נאָך וואַרטן, דאָס געזעץ דערלויבט ניט יונגע קינדער זיך איינצושפּאַנען אין דער אַרבעט פאַר אַכצן יאָר, סיידן ביי אַן אומגליק.

און אפשר איז בעסער, וואָס פרענק מיט פּעטין קענען זיך פון סקול ניט אַרויסרייסן. ער וואָלט דאָך זיין רעליף ניט באַקומען כסדר, כאָטש בסוד ווייסט ניט קיינער, אַז פּעגים אַן אַלטע באָבע שטופּט זיי אונטער יעדע וואָך עטלעכע דאָלאַר, און אַ סברא, אַז זי צאָלט פאַר די קינדער אויך די אינשורענס.

ניט איינמאָל פאַרטרויט זיך פּעגי צו דזשאָנין:

— ענטי מעימי האָט זיי זיכער אין זינען געהאַט אין איר צוואה . . .

איז דזשאַן געווים צופרידן כאָטש פון אַ שטיקל חלום.

ער קען אָבער מיט דער האָפנונג אויף שפּעטער ניט לעבן, ער איז דאָך אַזאַ גרויסער בעל־חוב צו די פעדלערס און פון אַ לייטישן אַנצוג אויף זיך מעג ער שוין פאַרגעסן.

איז ער כאָטש צופרידן, וואָס זיין פעני לעבט מיט האָפנונג אויף עפּעס. ער טראַכט אויך, אַז זיין „דאַבליו פּי עי" דזשאָב איז ווייט ניט געזיכערט. דער „פּראָדזשעקט" האָט זיך באַלד געענדיקט און מען וועט אים זיכער אָפּליינען.

עס גיט אים צוריק אַ צי צו די מיינס, ער וויל זיך דורכריידן מיט זיין אַמאָליקן באַלעבאָס, אפשר וועט ער אים פּאַרט אָנשטעלן צוריק אַלס מיינער?

—העלאָו, דזשאַני, — באַגעגנט אים דער באַלעבאָס מיט פרייד,

— ווי פילסטו זיך? ווי גייט עס?

דזשאַני בעט זיך:

— איך דאַרף אַרבעט, באָס. איך וועל אַפילו נעמען אַ דזשאָב אַלס לייבאָרער, איך מוז פאַרדינען, איך בין אַ בעל־חוב, איך קען זיך צו קיין „ד.פּ.א."־דזשאָב ניט צופּאַסן, איך וויל פאַרדינען מיין ברויט ערלעך . . .

מיט נייעם פלייס נעמט זיך ווייטער דזשאַן צו שאַוולען די קוילן פּונקט ווי אַ מאָל אין זיינע יונגע יאָרן. ער דערפילט אָבער זיין בראָד, די רעכטע ריפּ איז פּאַרט „צעלאָמיעט", בייגן זיך אַזוי אָפט מיט אַן אָנגעפילטן שאַוול קוילן קען ער מער ניט און ער „קוויטעט" אַליין:

—איט איז נאָו יוז, באָס, — פאַרענטפערט ער זיך, — אַי עם ליקד! . . .

האָבן זיך שוין די קרעדיטאָרן און פעדלערס געמוזט מייאש זיין פון צו קריגן אַ פּרוטה מער פון די דעמטשאַקס. זיי קלאַפּן אומ־זיסט די טירן. פאַרקערט, איצט מיידן זיי אים אויס, ער זאָל חלילה ניט בעטן נאָך אויף אויסצוצאָלן, אַזעלכע קלייניקייטן ווי העמדער, אונטערוועש, אַ ליילעך, אַ קאָלדרע. מען ווייסט, אַז ס'איז אַ ריזיקע איינצושטעלן אַפילו נאָך אַ פעני.

לעבן זיך די דעמטשאַקס אין אָרימקייט, כאָטש פעני האָט שוין אַ שטיקל זייטיקע פּרנסה און מאַכט אַ פּאָר דאָלאַר פון וועש וואַשן. זי האָט דעם „יאַרד", די וועש־ליינס, אַלץ איינגעשטעלט ווי ביי אמת'ע באַלעבאַטים . . .

צום וואַשעריי פּאַדערט זיך אָבער אַ סך קוילן, גייען טאָקע די געטרייע בחורים׳לעך, פּרענקי און פּיט, וואָס אַפּטער קלייבן די קוילן אויף די הויכע סקאַלעס אין רעגן און אין שטורם. און וואָס ערגער דער וועטער, אַלץ פרייער קענען זיי קלייבן די קוילן, די וואַכלייט וועלן דאָך אין רעגן ניט שטיין . . .

⁂

ס׳איז אַ רעגנדיקער טאָג נאָך גאַנץ כאָור אין אַ שבת. אין סקול דאַרף מען ניט גיין, דער טאָג איז פאַר די קינדער אַ פרייער צו קלייבן קוילן. אָן מורא לאָזן זיך די קינדער מיט זעק אין דער טאַטשקע. עס העלפט ניט דער מאַמעס שרייען, אַז ס׳איז אַ „דריר״ וועטער, און זיי זאָלן כאָטש אָנטאָן וואַרימע לייבלעך.

דזשאָן מישט זיך ניט, ווען פּעגי האָט מיט די קינדער צו טאָן. ער ווייסט, אַז עס איז „נאָנסענס״, וואָס זי שרעקט זיך פאַר די קינדער, זי ווייסט גאַרניט וואָס אמת׳ער געפאַר מיינט. זי וואָלט עס אפשר געוואוסט, ווען זי אַרבעט אַליין אין די מיינס אין נעץ און אין בלאָטע און זי אָטעמט איין די אונטערערדישע לופט.

איז ער זיך רואיק. ווען די צוויי חברה׳לייט זיינע, וואָס זיינען באַלד אַזוי הויך ווי ער, דער פאָטער, לאָזן זיך אַרויס אין געיעג אויף קוילן, איז ער זיכער, אַז זיי וועלן שוין לײַדיק אַהיים ניט קומען.

אַזוי פאַרזיכערט ער זיין פּעגין, ווען זיי, די קינדער, זיינען שוין אוועק. ער דערווייזט איר, אַז זיינע יאַטן זיינען פּונקט ווי ער — ניט קיין שרעקנדיקע, און אַפּילו אַזוי גוט ווי ער, דער טאַטע, און זייער זיידע אין דער אַלד־קאַנטרי איז אויך אַזוי געווען . . .

פּעגי ווייסט עס צוגלייך מיט אים, אָבער זי איז פאָרט אַ מוטער. פון וואַשן אין אַזאַ טאָג איז דאָך אָפּגערעדט, גרייט זי דערווייל צו עסן פאַרן געזינדל, לערנט איר נענסין, איר בת־יחידה, ווי צו פירן באַלעבאַטישקייט, ציט איבער די בעטן, ווייל ניט געקוקט אויף פּעגיס אָרימקייט איז זי אַ ציכטיקע באַלעבאָסטע, זי וויל איר טעכטערל אַרויפפירן אויפן ריכטיקן וועג.

דער רעגן גייט אַלץ, עסט זיך איין אין די ביינער, די קינדער זיינען נאָך ניטאָ.

— מען דאַרף דאָך עסן מיטאָג, דזשאָן, וואו זאָלן עס די קינדער נאָך אָנשפּאַרן?

דזשאָן טרייסט איר:

— זיי וועלן מסתמא באַלד אָנקומען.

די הערצער ביי טאַטע־מאַמען קלאַפּן דורך די לאַנגע שעה'ן, וואָס ציען זיך אַזוי שווער.

די קינדער אין גוס־רעגן שפּרייזן נאָך אַלץ אַרום אויף די הויכע בערג אונטער די ריזיקאַלישע גען־פּלעמלער, וואָס דער רעגן ציט פון די קוילן אַרויס. וואָס נאָכער די קוילן ווערן, אַלץ מער שלאָגן זיך די גאַז־פלאַמען דורך . . . די קינדער פילן דאָס ניט. זיי פילן שוין אַז דעם פערטן זאַק, עס האָט זיי אָפּגעגליקט היינט — קיינער וועט זיי ניט זען און זיי וועלן אַהיימקומען טאַקע מיט די אמת טייערע קוילן, וואָס אפילו די קאָמפּאַניע ריזיקירט ניט אַהין צו שיקן אימיצן זיך אויס־צוקלייבן.

אין יענער פּלאַץ, אַרום וועלכן עס ברענט זיך געלאָסן אַ פאַר־דומפּטער פייער זייט יאָרן און יאָרן און איז פאַרבונדן מיט סכנה, שוין לאַנג הפקר און נאָר ריזיקאַנטן שפּאַרן דאָרט אַן.

די קינדער האָבן שוין דעם פערטן זאַק קוילן פאַרבונדן, דער רעגן ליאַפּעט אַלץ. אַהיימפירן די זעק איז אוממעגלעך. זיי ווילן ניט דורכגיין דער קאָמפּאַניעס ברעיקער מיט די געלאָדענע זעק. די פיס ווערן זיי שווער, די אָנטועכץ צום קערפּער צוגעקלעפּט. זייערע אויגן רייסן זיך אַרום און אַרום ביז זיי דערזעען פון ווייטן אַביידל, וואָס איז ניט ווייט אָוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר אַ „פּראָדזשעקט סטאָ־רעדזש". ס'איז היינט ליידיק. יאָ, דאָרט איז אַ פּלאַן די קוילן אָפּצור־שטעקן און זיך פון רעגן באַשיצן.

מיט אימפּעט שלעפּן זיי אויף זיך די פולע זעק מיט קוילן צו דער בודקע. קוים וואָס זיי טראָגן צו דעם לעצטן זאַק.

— אַ דאַנק דעם הימל, מיר זיינען „סעיף", — רייסט זיך קוים אַרויס אַ שטימע פונם עלטערן, — איצט וועלן מיר זיך אָפּרוען, אפשר וועט פאַרבייפאָרן אַ באַקאַנטער און אונדז געבן אַ „ליפט".

— פאַטהער ענד מאַטהער מאַסט בי וואָרריד עבאַוט אַס . . . — אָטעמט קוים דער יונגערער אָפּ.

אויף די זעק פאַלן די יונגע בחורים'לעך אַרויף, זיי רוען זיך אָפּ.

— אַי עם אָלל אין, — באַקלאָגט זיך דער עלטערער.

— ענד אַי עם אָ־קעי יעט, — זיפצט קוים אַרויס דער יונגערער.

נאָר וואָס אַמאָל ווערט דער דרימל ביי די קינדער חשוב'ער, פונקט ווי זיי וואָלטן זיך אין אַ שטילער, רואיקער וועלט געפונען.

די גאַז פון די קוילן אונטער די זעק בויערן זיך אַריין אין זייערע לונגען.

ניט די מאַמע, ניט דער טאַטע ווייסן, אַז אָט דאָ אויפן באַרג, אין דעם פינצטערןביידל אונטער דעם קלאַפּן פון דעם שטורמדיקן רעגן ליגן שוין זייערע העלדישע קינדער דערשטיקטע אונטער די זעק קוילן און זיי הויכן אויס זייער לעצטן אָטעם.

עס העלפט ניט טאַטע־מאַמעס אַרומלויפן ווי משוגע'נע מיט ביטערע קולות און ליאַרמען אויף די בערג זוכנדיק זייערע קינדער. ניט פרענקי און ניט פּיטי הערן זיי מער.

עס העלפט אויך ניט די הילף פון די שכנים, וואָס לויפן אַרום זוכן די פאַרפאַלן־געוואָרענע קינדער.

אין דעם זעלבן טאָג האָט זיך דער אָפענער קבר אַן עפן געטאָן פאַר די אומגליקלעכע טאַטע־מאַמע און זיי האָבן אין דעם ביידל דערזען זייערע צוויי פאַרגליווערטע קינדער אָפּגעשניטן פון זיי אויף אייביק.

ביידע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן מיט אַ געיאָמער צו די טויטע קינדער:

— פרענקי, פּיטי! פרענקי, פּיטי!

אָבער קיין ענטפער איז ניט געקומען . . .

***

פריינט פילן ביז היינט דעם ביטערן צער פון די עלטערן און זיי טרויערן מיט אויף דער שרעקלעכער טראַגעדיע.

שונאים אָבער מורמלען אונטער:

דזשאָן איז אויפגעריכט געוואָרן, ער האָט זיך געקויפט נייע מלבושים פאַר די קינדערס אינשורענס.

מרס. דזשאַנסאָן

אין האַרץ פון פענסילוויינע, וואו עס ליגן פאַרגראָבן די קוילן־מינען פון אַמעריקע, געפינט זיך אויך דאָס באַקאַנטע שטעטל „האַנאָ־ווער טאַונשיפּ", דאָס רייכסטע שטעטל אין פּענסילוויינע. דאָרט, אַרום די קוילן־גריבער, באַהאַלטן אין אַ טאָל, האָט דזשימי געהאַט דאָס גליק געבוירן צו ווערן. ער איז „געבענטשט" געוואָרן צו זיין דאָס זעקסטע קינד ביי די דזשאָנסאָנס.

אין קיך ביים אויוון שטייט זיין אָנגעהאַרעוועטע מאַמע, די מיסעס דזשאָנסאָן, און וואַרפט קוילן אין דעם גרויסן אויוון, כדי דאָס פייער זאָל זיך וואָס גיכער צעגליען.

אין אַ זייט פון קיך, רעכטס, אויף אַ הילצערנעם ווענטל, ליגן רויע ברויטן, אָנגעגרייט אַריינצושטופּן אין אויוון אַריין, זיי זאָלן זיך באַקן. זי איז אומרואיק, אָט־באַלד אין אַ שעה אַרום וועלן קומען אירע דריי זין פון די קוילן־מינען, און זיי ווילן ניט וואַרטן אפילו אַ מינוט:

— דאָס עסן דאַרף זיין גרייט, מאַם, אַזוי גיך ווי מיר קומען!

עס העלפט ניט איר טענה'ן, אַז אַרומוואַשן די שוואַרצקייט פון די קוילן איז זייער נויטיק. און כאָטש זי ווייסט, אַז ס'העלפן ניט קיין רייד, דאָך אויס געוואוינהייט חזר'ט זי יעדן טאָג איבער:

— גיי, וואַש זיך, טאָני. דו האָסט זיך גענוג אָנגעגעסן מיט די שוואַרצע שטיינער אין די מינען. זאָל כאָטש דאָס עסן זיך ניט אויס־מישן מיט די קוילן.

זי וויל דערוויל געווינען צייט צוצוגרייטן דאָס עסן פאַרן געזינדל, וועלכע פאַלן אַריין ווי די הייזשעריקן.

פון זעקס באַגינען האָט זיך נאָך די מיסעס דזשאָנסאָן ניט אָפּ־גערוט; זי איז די ערשטע, וואָס קריכט אַראָפּ אין קעלער ביי דער טונקעלער באַלייכטונג און שלעפּט די שווערע „פּעילס" מיט קוילן צו מאַכן פייער אין שטוב.

שוין אַ גאַנצע שעה גרייט זי צו די סענדוויטשעס מיט דער הייסער קאַפּע פאַר דעם געזינדל, וועלכע זיינען „מאַינער" און העלפן טאַטע־מאַמע אין פּרנסה.

און ווען זיי עסן אָפּ און פאַרלאָזן דאָס הויז, ווייסט זי, אַז באַלד קומט איר אויסגעדאַרטער מאַן פון זיין נאַכט־אַרבעט אַלס פייערמאַן ביי דער פּענסילוויניע רעילראָוד. אויך פאַר אים מוז זי דאָך צו־גרייטן הייס וואַסער, ער זאָל זיך פריער אָרומוואַשן, איידער ער נעמט עפּעס אין מויל אַריין.

„אויבן" שלאָפט נאָך איר ניין־יאָריקער מוזיניקל דזשימי. עס איז שוין באַלד אַכט אַזייגער, און זי מוז אים אויפוועקן צו גיין אין סקול. לויפט זי טאַקע אַרויף, איבערלאָזנדיק דעם גליענדן אויוון.

— שטיי אויף, דזשימי דאַרלינג, — וועקט זי דעם אינגל, — איך קען זיך מיט דיר היינט ניט אָפּגעבן. דאָס ברויט ליגט אין די בעקנס; איך דאַרף עס אַריינרוקן אין אויוון; פּאַפּאַ דאַרף אויך באַלד קומען, און איך דאַרף פאַר אים אָנגרייטן דאָס עסן.

נאָר דזשימי ווייסט, אַז היינט איז דער טאָג, וואָס ער קען דווקא בלייבן אין דער היים. זיין מוטער וועט אים גאָרנישט קענען טאָן, ווייל זי איז פאַרנומען מיטן ברויט באַקן און וועש וואַשן; קען ער דערווייל טאָן וואָס ער וויל, און טאַקע האָבן אַ פרייען טאָג אויך.

אין געוויינלעכע צייטן בייזערט זיך דזשאָן אויף זיין מוזיניקל פאַרן בלייבן אין דער היים און אויסשפּעלן אין סקול. נאָר דער פאָטער איז שוין היינט ווידער פאַרטרונקען און ער וועט סיי־ווי גאָרנישט טאָן.

דזשאָן, דער פאָטער, קומט־אָן אַ פאַרשוואַרצטער. דזשימי לויפט אים אַנטקעגן, וואָס דאָס מיינט, אַז די מאַמע איז היינט פאַרנומען, דערפאַר איז ער, דזשימי, היינט אין דער היים.

מרס. דזשאָנסאָן, כאָטש זי האָט שוין באַמערקט איר מאַנס שיכור'ן צושטאַנד, איז פונדעסטוועגן צו אים צערטלעך. זי דערלאַנגט אים אויף גיך אַ האַנטוך, ער זאָל זיך אָרומוואַשן.

— דזשאָן, — זאָגט זי צו אים, ווי זי וואָלט זיך ביי אים גע־בעטן, — דיין עסן שטייט שוין גרייט אויפן טיש.

דזשאָן זעצט זיך אין קיך ביים טיש נאָענט צום גליענדן פייער. אַזוי טוט ער שטענדיק, סיי זומער, סיי ווינטער — מיט דער נאַקעטער ברוסט ביים פייער. ער לעבט־אויף, ווען ער דערזעט דעם אויוון פלאַ־קערן, עס ליגט שוין אין זיינע בלוטן . . .

באַלד ווערט שוין דרייסיק יאָר, אַז ער, דזשאָנסאָן, איז אַ פּייער־מאַן אויף דער רעילראָוד ביי די לאָקאָמאָטיוון. עס גייט שוין אַזוי בירושה. יעדערער ווייסט, אַז דזשאָני דזשאָנסאָן איז דער בעסטער פּייערמאַן אין טרעיד; ער ווייסט אַפילו פּינקטלעך וויפיל שאָוול קוילן דער אויוון שלינגט אַריין ווינטער און וויפיל זומער.

וועז ער עסט, מוז ער שטענדיק איבער׳חזר׳ן און אויסדערציילן פאַר זיין ווייב די נאַכט־געשעענישן אַרום די לויפנדע באַנען, און ווי אַזוי ער איז אַמאָל אַליין געוואָרן פּלוצים אַן אינזשעניר. דאָס האָט פּאַסירט ביי אַ געווויסן צוזאַמענשטויס.

— יאָ, — הערט ער זיך ניט אויף צו באַרימען, — יעדערער ווייסט, אַז דזשאָני דזשאָנסאָן האָט דעם בעסטן רעקאָרד אַלס פּייער־מאַן ביי דער רעילראָוד . . .

מרס. דזשאָנסאָן מוז דאָס אַלץ אויסהערן. זי ווייסט אַפילו, אַז וואָס איר מאַן דערציילט, איז אַלץ אמת; פונדעסטוועגן מוז זי שטענדיק לויפן צום „קאָמפּאַני־טשיף״, אַז זיין ווייסן, בעטן, קניען און אַפּעלירן צו אים, מען זאָל איר מאַן צוריק אָנשטעלן.

זי, מרס. דזשאָנסאָן, דערציילט ניט קיינעם פון איר שווער לעבן ביי אים, אַז ער גייט זיין האַרעוואַניע אַוועק אין די ביר־סאַלונען, אַז צוליב דעם, וואָס עס פעלט שטענדיק אויס אין הויז, האָט זי אירע צוויי ערלעכע מיידלעך אַוועקגעגעבן פאַר דינסט־מיידלעך צו פּערצן יאָר, זיי זאָלן העלפן אין דער פּרנסה.

— איר מוזט מיין מאַן פאַרגעבן, — בעט זי זיך ביים סופּער־אינטענדענט, — ער קומט שטענדיק אַהיים אין צייט, נאָר היינט האָבן אים די „גוטע ברידער״ זיינע פאַרשלעפּט אין סאַלון . . .

אַזוי כסדר, שוין יאָרן. מען באַשטראָפט אים מיט אַ פּאָר וואָכן זיצן אין דער היים אָן אַרבעט. און ווען ער איז ניכטער, וואַרפט ער די קוילן אין אויוון מיט נייעם פליים און ענערגיע. די אינזשענירן זיינען זיך פּשוט מחיה מיט אים. זיי ווייסן אָבער זיין שוואַכקייט.

די ירושה־שטוב איז שוין לאַנג צוגענומען פון דעם „מאָרטגעג־דזשי״, און די גאַנצע אָרימע באַלעבאַטישקייט ליגט אויף איר, מרס. דזשאָנסאָנס, קאָפּ. זי מוז צאָלן די פינף־און־צוואַנציק דאָלאַר דירה־געלט; זי מוז צאָלן דעם קאַסטאַמער־פּעדלער פאַר די געבאָרגטע זאַכן, אין וועלכע די שטוב נויטיקט זיך. די צייטן האָבן זיך געביטן, די קינדער זיינען אונטערגעוואַקסן און זיי ווילן שוין איצטער מער־

ניט וואוינען אין דער חורבה, מוז מען די שטוב כאטש האלטן ווי־עס־איז אין ארדענונג. און עס זיינען דאך שוין דא אין הויז דער־וואקסענע מיידלעך.

וואלט זי, מרס. דזשאנסאן, אויך אלץ מוחל געווען, און די הארעוואניע וואלט איר געווען ליב, ווען איר דזשאן זאל אויפהערן טרינקען; דאס וואלט געווען איר גליק, איר פרייד; א שטאלצע וואלט זי געקענט באווייזן, אז זי האט דערצויגן גוטע קינדערלעך; אירע דריי זין ארבעטן שוין אין די מינעס און לויפן ניט ארום אין די גאסן פוסט־און־פאס, ווי אנדערע. זי וואלט אויך געקענט אנ־ווייזן, אז איר דזשאן איז נאכאלעמען דער בעסטער מאן. און זי וואלט קיין ליגן ניט געזאגט.

זי געדענקט נאך גוט דעם טאג, ווען ער האט איר איינגערוימט א סוד, אז ער שטארבט נאך אירע טריט. זי איז דאמאלט געווען א „וועיטערקע" אין מעק'קינס רעסטאראן. ניט איינער האט זיך צו איר גע'שדכנ'ט, מען האט זי געהאלטן פאר א שיינער און א גרויסער ווירטין דערצו. ווי גליקלעך איז זי דעמאלט געווען, ווען זי האט אים אויסגעקליבן; זי האט אים אמת ליב געהאט. און היינט? . . .

אט איז ער אריינגעקומען. זיינע האר זיינען שוין ווייס און זיין לאנגער קערפער נידערט ארונטער, אבער זיין לויטער פנים שיינט נאך אלץ פון אונטער די שווארצע קוילן. און זיינע אויגן האבן נאך אלץ א גלאנץ פונם אמאליקן פייער. אבער ער איז טויט־שיכור, און פאלט פון די פיס.

דער קליינער דזשימי איז שוין געוואוינט צו זען דעם טאטן אין אנגעטרונקענעם, באגעגנט ער דעם טאטן מיט א קינדערש שמייכל:

— פא האט שוין געהאט א ביר! — שריט ער אריין אין קיך צו דער מאמען, וועלכע שטייט און רוקט די ברויטן אין אויוון אריין.

און ווען ער קומט אריין אין קיך, זעצט זי אים מיט אלע כוחות אוועק ביים טיש און דערלאנגט אים באלד א טעפל קאפע מיט א גע־שמאקען „העמבוירגער"; זי ווייסט, אז דאס האט ער ליב.

און כאטש עס טריפט פון איר דאס בלוט, וואס עס ווידערהאלט זיך אזוי אפט דאס אייגענע, און זיינע פארדינסטן גייען צום טיוול, לאזט זי פונדעסטוועגן איבער איר ארבעט און זעצט זיך לעבן אים און הערט זיך צו, ווי ער דערציילט וואס מיט אים איז געשען און מיט וועלכן „גוטן ברודער" ער האט היינט געטרונקען.

זי וויל אים זאגן: דזשאן, טייערער, דו ריזיקירסט מיט דיין דזשאב. אט ערשט מיט א חודש צוריק ביסטו סוספענדירט געווארן, אין דער היים געזעסן. זי וויל אים אויך זאגן, אז די קינדער זיינען זייער ניט צופרידן מיט זיין פירעכץ; זי כאפט זיך אבער צוריק און שלינגט ארונטער די ביטערע ווערטער, וואס האבן זיך שיר ארויס־געריסן פון איר מויל. זי ווייסט, אז דאס וואלט אים ערשט אריינגע־בראכט אין כעס, און ער קען נאך אין זיין שיכור'ן צושטאנד מאכן א תל פון דער שטוב.

זיצט זי לעבן אים און שאקלט־צו טרויעריק מיטן קאפ.

אמאל אבער גיט זיך איר פארט איין מיט אים זיך צונויפריידן, פרובירט זי מיט אים איינ'טענה'ן:

— אמת, דזשאן, דו ביסט גערעכט, ביסט א שווערער ארבעטער, א מענטש מוז אמאל טרינקען א גלעזל ביר. אבער קוק זיך נאר אן, דו ביסט דאך שוין הויט־און־ביינער, דיינע אויגן זיינען דיר איינגע־שרומפען, דיין אפעטיט איז שוין אויך ניט אזוי גוט. דו בעסער לאז זיך ניט פארפירן פון דיינע „גוטע ברידער" און הער אויף . . .

דער קליינער דזשימי שטייט דעמאלט און קוקט זיך צו צום שיכור'ן טאטן און פארשטייט ניט, וואס די מאמע וויל פון אים האבן. ער ווייסט בלויז, אז ער איז שטאלץ מיט אים, וואס ער איז דער בעסטער פייערמאן.

ניט איינמאל איז שוין דזשימי אהיימגעקומען מיט „בלויע אויגן" פאר בארימען זיך, אז זיין טאטע איז דער בעסטער פייערמאן אין דער וועלט.

— דו מיינסט, אז ער איז דער בעסטער שיכור אין דער וועלט, — ענטפערן אים די אינגלעך, און ס'ווערט א געשלעג.

דזשימי קומט נאכדעם אהיים א צעשלאגענער, אבער א שטאלצער. ער דערציילט, ווי ער האט ניט געוואלט דערלאזן, אז מען זאל זאגן, אז זיין פאפא איז א „דראנקארד", און ער האט זיי געגעבן א „פאיט".

דערפאר האט אים דער פאטער ליב. און ווען ער ניכטערט זיך א ביסל אויס, נעמט ער זיין דזשימין אויף די קני, פרעגט אים אפילו ניט פארוואס ער איז ניט געגאנגען אין סקול. מער פון אלץ האט ער ליב צו הערן, ווי זיין דזשימי זאגט צו אים:

— טאטע, כ'וועל אמאל זיין אזא גוטער פייערמאן, ווי דו.

מאַמאַ דזשאַנסאַן פּועל'ט קוים ביי איר שיכור'ן מאַן, ער זאָל גיין „אַפּסטערז” שלאָפן, זאָל שוין זיין אַ ניט־געוואַשענער.

דאָס אינגל לויפט אַרויס אין דרויסן. עס נעמט ניט לאַנג און ס'הערט זיך שוין דזשאָנס כראָפּען פון „אַפּסטערז”.

מרס. דזשאַנסאַן בלייבט אַליין און נעמט זיך ווידער צו דער אַרבעט; זי כאַפּט אַ קוק צו די ברויטן און צעשמייכלט זיך פון הנאה — די ברויטן שיינען אַרויס פון די בעקנס. ניט אומזיסט האָט זי אַזאַ נאָמען פאַרן באַקן היימיש ברויט.

די שעה'ן רוקן זיך. מרס. דזשאַנסאַן דערמאָנט זיך, אַז איר דזשימי האָט נאָך הײַנט קיין מיטאָג ניט געגעסן. אַחוץ דעם, האָט זי אים הייַנט געוואָלט שיקן אין סקול כאָטש נאָר אויף אַ האַלבן טאָג.

אָבער דזשימי האָט פאַרגעסן, אַז זיין מאַמע טראַכט וועגן אים; ער האָט אָוועקגעשפּאַנט מיט דעם פּערצן־יאָריקן שכן טאָמי בערנאַרדי צום גרויסן באַרג, ניט ווייט פון די רעילראָודס, וואו עס ליגן אויס־געשאָטן די אויסגעבראַקירטע קוילן, וואָס די קאָמפּאַני וואַרפט־אָפּ, און וואָס מען רופט „דאַמפּינג דראָפּ”, דאָס הייסט: האַלב־קוילן און האַלב־שטיינער, געמישט מיט ערד, וואָס מען קען ניט און מען טאָר ניט פאַרקויפן. אָבער פאַר די אָרימע מאַינער איז עס אַ סחורה, ווייל כאָטש „האַנאַווער טאַונשיפּ” איז דאָס רייכסטע שטעטל אין פּענסילווייניע, הערשט דאָרטן אַ שרעקלעכע אָרימקייט אין די טונ־קעלע הילצערנע הייזקעס פון די קוילן־גרעבער, וואָס די מאַין־מאַגנאַטן האָבן אויסגעבויט פאַר זייערע אַרבעטער אַרום די קוילן־גריבער און פאַר וועלכע זיי, די מאַינער, צאָלן שוין יאָרן און יאָרן דירה־געלט און זיי קענען זיך קיינמאָל ניט אויסצאָלן.

אַ סך פון זיי האָבן די הילצערנע הייזקעס, וואָס האָבן דעם זעלבן אויסזען און ציען זיך אין לאַנגע שורות, ווי מצבות, אינגאַנצן איבערגעלאָזט אויף הפקר און מער קיין רענט פאַר די חורבות ניט געוואָלט צאָלן. זיי האָבן זיך געוואָלט אַרויסרייסן פון דער מאַינער־געטאָ, וואו עס האָט שטענדיק געהערשט אָרימקייט און נויט: אויב שוין יאָ צאָלן רענט, זאָל עס זיין אין אַ וואוינונג, וואו מען זאָל קענען אויסרוען די מידע ביינער. נו, גיט מען אָבער ניט קיין קוילן אין די אַנדערע דירות, מען מוז עס אַליין גיין אָנקלייבן גאַנץ פריי, ווען קיינער זעט ניט, ווייל עס ליגט אויף דער „פּראָפּערטי” פון די קוילן־מאַגנאַטן און עס איז אומגעזעצלעך עס אויפצוהייבן.

אָבער נויט ברעכט אייזן — מען קען דאָך אָן הייצונג ניט לעבן; לאָזן זיך אין פריען מאָרגן אַרוים די עלטערע מענטשן, וועלכע וואוינען ביי די קינדער, און ווילן כאָטש מיט וואָס עס איז העלפן זייערע קינדער און ברענגען צו פירן הייצונג אין שטוב אַריין.

מיט היימיש־געמאַכטע וועגעלעך ציען זיי זיך איבער בערג און טאָלן; אַ סך קינדער לויפן זיי נאָך און העלפן זיי שלעפן די קוילן. און כאָטש די סקול־באַאַמטע ווייסן, אַז די קינדער שפּרייזן ערגעץ אַרום די „דאָמפּס", און די שטולן אין סקול שטייען ליידיק, דאָך מאַכן זיי זיך ניט וויסנדיק.

אָט דאָרטן, וואו עס ליגט דער „דראָפּ", האָט איצטער אָנגעשפּאַרט דער קליינער דזשימי מיטן פערצן־יאָריקן בערנאַרדין; ביידע קלייבן זיי קוילן, און דזשימי איז אין זיבעטן הימל: ער וועט היינט קענען ווייזן זיין מאַמען, אַז דערפאַר וואָס ער איז היינט ניט געגאַנגען אין סקול, איז ער אָבער געוועזן אַ קוילן־גרעבער. ער האָט אַליין געהערט פון דער מאַמען, אַז עס פעלן שוין אוים קוילן. איז ער טאַקע זייער צופרידן, וואָס זיין קאַזין, טאָמי, האָט אים אַהער גענומען. איצטער ווייסט ער שוין אויך דעם אָרט. ביז איצט האָבן עס בלויז געוואוסט זיינע ברידערלעך דזשאָני, טאָני און פריצי.

און דאָ לויפט דערווייל מרס. דזשאָנסאָן אַרום אַ נערוועזע צווישן די שכנים און האַלט אין איין פרעגן:

— האָט איר ניט געזען מיין דזשימי? וואו האָט ער געקענט אַהינקומען?

זי דערוויסט זיך דורך אַ שכנ'טע, אַז ער איז אַוועק צו די „דאָמפּס" אָנצוקלייבן קוילן „דראָפּ". די מוטער איז פאַרצווייפלט, ברעכט אַזש מיט די הענט:

— ווי קומט ער צו גיין אַהין, ווער האָט עס אים געהייסן? ער איז דאָך נאָך גאָר אַ קינד.

די שכנ'טע באַרואיקט זי:

— ער איז ניט געגאַנגען אַליין; ער איז געגאַנגען מיט טאָמין, און זיי וועלן מסתמא באַלד אַהיים קומען.

אַ צווייטע שכנ'טע טרייסט זי:

— ס'איז אַלראַיט, ער מעג זיך שוין „איינטרייען" באַצייטנס אַהיימצוברענגען אַ ביסל קוילן פאַר דער מאַמען.

מיט אַ שווער האַרץ גייט מרס. דזשאָנסאָן צוריק אין שטוב

אריין. זי וואָלט עס דערציילט איר מאַן, נאָר ער ליגט דאָך און כראָפּעט ווי אַ שיכור'ער.

מיטאָמאָל באַווייזט זיך דער קליינער דזשימי דורך דער הינטער־טיר.

— מאָם, מאָם, — רופט ער זי אַ שטאָלצערי, — קום העלף מיר, איך האָב אַ זעקל קוילן אויף מיין חלק, וואָס טאָמי און איך האָבן אַנגעקליבן.

די מוטער ווייסט דאָן ניט וואָס צו טאָן, צי זאָל זי זיך אויף אים צעשרייען, צי זאָל זי אים אַרומכאַפּן פון פרייד:

— ווער האָט עס דיך געשיקט? און ווי טוט מען עס אַן דער מאַמעס וויסן? — צעשרייט זי זיך כלומר'שט אויף אים. — קוק זיך נאָר אָן, האָסטו דאָך געמאַכט אַ תל פון דיינע מלבושים, כ'האָב דאָך פאַר דיר ניט קיין אַנדערע . . .

דער קליינער דזשימי איז „דיסאַפּאָינטעט". „באָט, דזשי, מאָם! — בעט ער זיך כמעט ביי איר, — „איך האָב דאָך דיר געוואָלט העלפן, דו דאַרפסט דאָך הייצונג".

ביידע נעמען אַריין דאָס זעקל קוילן אין שטוב אַריין. זי וואַשט אַרום דזשימין.

— דו האָסט דאָך נאָך הײנט ניט געגעסן, מיין קינד. דו עקספּט־אַפּ דער מאַמעס לעבן מיט דיין פירעכץ. מענטשן וועלן נאָך דענקען, אַז איך שיק דיך ניט אין סקול, כדי דו זאָלסט מיר ברענגען קוילן. גאָט ווייסט, אַז ס'איז ניט אַזוי.

— זאָרג זיך ניט, מאָם, — טרייסט איר דזשימי, — נעקסטן מאָל וועל איך דיר שוין קענען העלפן „פּיקן קוילן אַן סאַטורדעי", דעמאָלט גיי איך דאָך ניט אין סקול.

דזשימי קוויקט זיך מיטן „העמבוירגער סענדוויטש"; עס עסט זיך אים איצטער נאָך בעסער. ער וויל אַרויפלויפן צום פאָטער און אים דערציילן פון זיין גרויסן אויפטו, נאָר די מוטער האַלט אים אָפּ:

— פּאָפּאַ וועט זיין בייז, ווען ער וועט זיך דערוויסן פון דיין אויפטו אָן דער מאַמעס וויסן.

דזשימי ווערט ערנסט, ער קען ניט באַגרייפן די זינד, וואָס ער האָט דאָ אָפּגעטאָן.

— יו סי, מאָם, — דערקלערט איר דזשימי, — פּאָפּאַ האָט מיר

אליין געזאגט, אז ווען ער איז געווען ניין יאר אלט, האט ער שוין אויך קוילן געקליבן. זיין פאפא האט אים אליין געשיקט. פארוואס קען איך ניט זיין ווי פאפא? איך וויל אפילו זיין א פייערמאן ביי די רעילראודס, ווען איך וועל אויפוואקסן, ווי דער פאפא. — פליסט זיך פאר איר דזשימי.

און כאטש די מוטער ווייסט און פילט, אז אים, דזשימין, איז דאס אפשר טאקע באשערט צו זיין, רעדט זי פונדעסטוועגן צו איר קינד אנדערש:

— דו ביסט נאך יונג, מיין קינד, דו ווייסט ניט וואס דו קענסט נאך אויסוואקסן, דו קענסט נאך זיין א „ביג לאיער" אדער אן אמת'ער אינזשעניר. קיין פייערמאן, ווי דיין „דעד", וואס שלאפט ניט די גאנצע נעכט און וואלגערט זיך ארום אין די טרעינס ארום דעם קאכיקן אויוון, — דאס דארפסטו געווים ניט זיין. דו גיי בעסער אין סקול און לערן זיך, וועסטו א סך בעסער מאכן. גענוג, אז דיינע ברידער קלייבן קוילן.

דזשימין ווערט באלד קאלעמוטנע אויפן הארצן, די מאמע האט זיינע בעסטע פלענער צעשטערט. איבערהויפט קען ער ניט פארטראגן, וואס זי דערמאנט אים סקול. ער גלייכט סיי־ווי ניט צו „מאכן" זיין אריפמעטיק.

ער גייט פלוצים צו צום פייער און הייבט אן ווארפן די ערשט־געבראכטע קוילן אין אויוון אריין מיט דעם געפיל, אז דאס איז דאך שוין פון זיין אייגענער הארעוואניע.

די מאמע לויפט דורך אין קיך און ווען זי דערזעט דאס, הייבט זי אויף אים אן צו שרייען:

— סטאפ, דזשימי, סטאפ, כ'דארף מער ניט קיין פייער! כ'וועל דיך שלאגן! — סטראשעט זי אים.

עס ווערט פינצטערלעך. אירע דריי זין, וועלכע זיינען נאך כמעט אויך קינדער, דארפן אהיים קומען, פארשווארצטע, ווי דער טאטע, און וויפיל זי וועט מיט זיי ניט איינ'טענה'ן, אז זיי מעגן זיך פריער אפבאדן אין דער קאמפאניס באד איידער זיי קומען אהיים, וועט עס ניט העלפן:

— מאם, — טענה'ן זיי צו איר, — דאס וואסער איז גאלע קוילן אין דער „מאינער שאוער" און עס ווילט זיך ניט אהיים גיין

אַ נאַסער אויפֿן גאַס. און עס ווילט זיך אויך ניט אָנטאָן די זעלבע ברודיקע וועש נאָכן באָד.

אַט אַזוי יעדן טאָג. באָדט מען זיך אינדערהיים, און מען לאָזט איבער די שוואַרצע האַנטוכער אין באָד־טאָפּ. אָבער זי איז שוין געוואוינט. דערפֿאַר מוז דער אויוון שטענדיק גליען, ס׳זאָל כאָטש זיין היים וואַסער.

און ווען די זון פֿאַרגייט און זי האַלט שוין ביים אָנצינדן אַ ליכט, ווייסט זי, אַז זי האָט נאָך איין מענטשן צו באַדינען — איר מאַן, וואָס איז שוין געווים אויפֿגעשטאַנען אַז אויסגערוטער, אַן אויסגעניכ־טערטער. און ווען זי דערזעט אים, דערקענט זי אים קוים; זי דער־זעט פֿאַר זיך גאָר אַן אַנדער מענטש, דעם זעלבן גוטן, אַמאָליקן מאַן אירן. זי דערפֿילט, אַז גאָט האָט דאָך זי אינגאַנצן ניט געשטראָפֿט, אַז ער גיט איר פֿאָרט אַמאָל אַ פֿריילעכע מינוט אויך, — דזשאָן איז פֿאָרט איר באַשערטער . . .

דזשאַן פֿאַרלאָזט די שטוב צו גיין אויף זיין פּאָסטן וואַרפֿן קוילן און זי בלייבט אַליין. אַפֿילו פּעגגי און מאַרדזשי דערמאָנען זיך ניט אַהיים צו קומען, מסתמא לאָזן זיי די באַלעבאַסטעס ניט אָפּ. און אפשר, ווער ווייסט, מיידלעך אָן דער מאַמעס השגחה . . . — טראַכט זי איבער.

זי לייגט איר קליינעם דזשימין שלאָפֿן. מאָרגן וועט ער זיך שוין פֿון סקול ניט אַרויסדרייען, טראַכט זי — ניט יעדן טאָג באַקט זי דאָך ברויט און וואַשט וועש. דערנאָך זיצט זי אַ מידע ביים קליינעם פֿענצטערל, אירע אויגן שלינגען די דרויסנדיקע מענטשן. זי וואָלט אויך אַמאָל געוואָלט אַרויסגיין אין גאַס און איינזאַפּן די פֿרישע לופֿט פֿון אַרום די בערג, פֿאַרטרייבן פֿון זיך די גליענדע היץ פֿונם קאָכיקן אויוון. אָבער זי קען זיך עס ניט פֿאַרגינען, זי איז אַ מאַמע פֿון קינדער, זי קען דאָך איר נײַן־יאָריקן דזשימין ניט איבערלאָזן אַליין. זי האָפֿט, אַז די צייט זאָל שוין קומען, ווען דאָס קינד וועט אונטער־וואַקסן, דעמאָלט וועט זי שוין זיין מיט מענטשן גלייך; זי וועט גיין מיט איר דזשאַנין אַמאָל אין אַ סאַלון, אַ מאָל צו אַ פּיקניק, אַמאָל אין אַ „מואווי" און אפשר וועט זי זיך גאָר קענען דורכפֿאָרן צו איר פֿאַמיליע קיין באָסטאָן! אַך, ווי זי וואָלט זיך שוין געוואָלט זען מיט אירע שוועסטער און ברידער . . .

זי גייט שלאָפן מיט דער האָפנונג, אַז איר וואונטש וועט אפשר אַמאָל פאַרט דערפילט ווערן. און איידער זי פאַרלעשט דאָס ליכטל, כאַפּט זי פריער אַ קוק צו דזשימים געלעגער. זי דעקט אים צו. עס דוכט זיך איר, אַז ביים קינד איז נאָך פאַרבליבן אַ שוואַרץ פלעקעלע פון זיין קוילן-געיעג. באַנעצט זי דאָס פלעקעלע מיט איר אייגענער סלינע און זי ווישט צערטלעך אָפּ דעם קינדס פּנים'ל.